STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00765

B. VLADEK IN LEBEN UN SHAFN

B. Vladeck

Permanent preservation of this book was made possible
by Oscar S. Gray
in memory of
Samuel Zavl Gray & Esther Malke Grynberg Gray

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. וולאַדעק

אין לעבען און שאַפען

•

רעדאַקטירט פון

יעפים ישורין

•

רעדאַקציאָנס קאָלעגיום:

א. העלד   י. וויינבערג

מ. דאַניש   ד. מייער

ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן
1936

Copyright, 1935
New York, N. Y.

געזעצט און געדרוקט אין אָריאָם פרעס, אינק., ניו יאָרק.

234

אינהאַלט

הקדמה 7
קיסין י., ב. וולאַדעק'ס ביאָגראַפיע 13

לידער

די שטים, וואָס האָט געדעדט 55
איך וויל ניט קיין אייזערנע קייטען 56
היינט איז מיר אומעטיג, היינט איז מיר שווער 57
מאָדערן 58
צו א. ליעסין 58
קענט איהר צוויי שוועסטער — באצויבערענד — שעהן 59
געדאַנקען אין גאָרנישט פאַרזונקענע 59
איך וויים, מיין פריינט, עס איז די שעה נאָך ניט געקומען 60
דיין הארץ איז א גאָרטען, א זוניגער גאָרטען 61
צו דער ערד 62
ים לידער 63
לידער פון פיבי קראָסבי אָלנאַט (איבערזעצונג) 69
יזכור 71
„דהי בעד לענדס" 74
סאן יאקים 77
יעלאָוסטאָון 79
מיט'ן וואסער און לופט 81
אָסיען 86
דו ביזט געבאָרען צו געבאָרען 88

קינדער פון פאָלק

א פאַרזאמלונג אויפ'ן בית־עולם 91
פויגעלע 98
מאָטקע און זיין ברודער 102
משה'קע 107
אסתר ריסקינד 111

סאלאמאן דינצעס ... 114
יענקיל דער סטאָליאר ... 116
חנה'לע ... 120
„קעציל" ... 128
דער גרויסער טאָג ... 133
חיים שמעון ... 136
שלום פּאָדנאָס ... 141
מאשע ... 143
שוליע ... 147
„די שוויצערקע" ... 150
„קאַפּוסטניאָק" ... 152
צוויי אינגלאך ... 156
פון „רויטען קרייץ" ... 158
שרה מלכה ... 160
הינטער סערעברינקע ... 164
אין דער גרויסער שול ... 168
די אַלטע ניעבע ... 170
פון עסביערג נאָך הארוויטש ... 174
א העלד פון דער מעקסיקאנער רעוואָלוציע ... 177

ד ר אָ מ אַ

משה רבינו ... 183

פון נאָטיץ בוך

מאַרקס'עס צימער ... 219
געבאַקטע בולבעס ... 221
דער „היפּאָקריט" ... 223
אן אמעריקאנער אידעאַליסט ... 225
„צום טייוועל!" ... 227
אויפ'ן עלעווייטער ... 230
„אַלד ביללי" ... 232
פון מיין טאָגבוך אויף דער רייזע (32 טעג אין אייראָפּע) ... 235
בריוולאך צו א פריינד ... 254

נאָטור וואונדער פון אמעריקע

בארג ווילסאָן ... 266
קאַליפאָרניע ... 270

די סיעררא נעוואדא 273
יעלאָוסטאָון פּאַרק 279
דער „גרענד־קעניאָן" 288

קורצע עסייען

געדאַנקען איבער דער פּאַריזער קאָמונע 295
ערשטער מאַי 298
דער פּאָרטרעט פון קאַרל מאַרקס 300
דעבס און די פּאָליטישע ארעסטירטע 304
מאיר לאָנדאָן 309
דער דורכשניטליכער מענש 313
דער ניט־דורכשניטליכער מענש 314
הושענא רבה מעשה 315

ליטעראַרישע נאָטיצען

ווערטער 319
יצחק־לייבוש פּרץ 321
שלום עליכם׳ס צוואה 330
יעקב דינעזאָהן 335
מאָרים ראָזענפעלד 338
יהואש 348
חיים נחמן ביאַליק 351
משה וואַרשע 358
וולאַדימיר מעדעם 360
א. ליעסין דער דיכטער 364
א. ליעסין דער פּובליציסט 371
ז. שניאור 376
ה. לייוויק 382
דוד בערגעלסאָן 389
ז. ליבין 394
אלעקסאַנדער בערקמאַן 397
דער אָנפאַנג פון דער אמעריקאַנער ליטעראַטור 401
דעמאָקראַטיע, אידען און פאַשיזם (רעדע) 418
יעפים ישורין. ביבליאָגראַפיע וועגען ב. וולאַדעק 426

הקדמה

דאָס ב. וולאַדעק בוך ווערט אַרויסגעגעבן פון „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאַן (אַרויסגעבער פון דעם „פאָרווערטס"), אַלס מתנה צו ב. וולאַדעק'ס 50סטן געבורטסטאָג.

ב. וולאַדעק האָט אין פאַרלויף פון די לעצטע 30 יאָהר פיל געשריבען, סיי אין די ערשטע יאָהרען זייענדיג אין אייראָפּאַ און סיי אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, ווען ער איז געוואָרען אַ תושב אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע.

די ערשטע אויפגאַבע פון דער רעדאַקציע איז געווען צוזאַמענ־צוקלייבען דעם גאַנצען מאַטעריאַל פון וולאַדעק'ס שאַפונגען. די רעדאַקציע האָט זיך אין דיזען פאַל אָנגעשטויסען אויף גרויסע שוועריגקייטען, צוליב דעם וואָס דער נויטיגער מאַטעריאַל איז געווען צוזייט און צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

אונז שיינט, אַז גאָר ווינציג שרייבער, ספּעציעל דיכטער, האָבען אין זייער באַזיץ אַלעס וואָס זיי האָבען געשאַפען. און וולאַדעק איז אין דעם פאַל ניט קיין אויסנאַם. ער האָט זיך ניט פאַרזאָרגט מיט אַן אַרכיוו פון זיינע שאַפונגען. צוזאַמענקלייבען דאָס נויטיגע און וויכטיגע איז דאַרום געווען אַ קאָמפּליצירטע אַרבייט, ספּעציעל, ווען מען נעמט אין אַנבאַטראַכט, אַז פילע אויסגאַבען אין וועלכע ב. וולאַדעק האָט זיך געדרוקט, האָט מען ניט געקענט געפינען אין אַמעריקע. נאָר אַ דאַנק פאַרבינדונגען מיט אייראָפּאַ און אָרטיגע מענשען איז געלונגען צוזאַמענקלייבען דעם מאַטעריאַל וואָס געפינט זיך אין דעם בוך.

צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ, האָט די רעדאַקציע זיך ניט געקענט באַנוצען מיט דעם גאַנצען געזאַמעלטען מאַטעריאַל און האָט אויס־געקליבען זיינע בעסטערע און וויכטיגערע שאַפונגען.

ספּעציעל פאַרדריסליך איז, וואָס ניט אַלע לידער געשריבען פון ב. וולאַדעק האָט די רעדאַקציע געקענט אָפּדרוקען. ב. וולאַדעק האָט געשריבען אַ גרויסע צאָל לידער אין „דעם ארבייטער", אַ וועכענטליכע צייטונג, ארויסגעגעבען אין ניו יאָרק, אונטער דער רעדאַקציע פון יוסף שלאָסבערג. אין דער ניו יאָרקער פאָלקס־ביבליאָטעק זיינען פאַראַן נאָר עטליכע יאָהרגאַנגען פון „דעם ארבייטער", און גראדע די יאָהרגאַנגען פון יענער פּעריאָדע, ווען וולאַדעק האָט געשריבען זיינע לידער, פעהלען אין דער ביבליאָטעק. מיר האָבען געמאַכט אַ פאַרזוך דורך דער פּרעסע צו באַקומען יענע נומערען פון „דעם ארבייטער", אבער אָהן ערפאָלג.

מיר האָבען זיך ערלויבט צו ענדערען די אָרטאָגראַפיע פון מעהרערע ארטיקלען, געשריבען פון ב. וולאַדעק אין אייראָפּאַ, אום די אויסלייגעכץ פון דעם גאַנצען בוך זאָל זיין אַ מעהר איינהייט־ליכע.

די רעדאַקציע ציהט איהר אויפמערקזאַמקייט אויף דער אַפּטייל־לונג אין דעם בוך אונטער דער קעפּעל „ביבליאָגראַפיע וועגען ב. וולאַדעק", אין וועלכער עס ווערט געגעבען אָנגעגעבען וואו, ווען און וועגען וואָס ב. וולאַדעק האָט געשריבען אין משך פון די יאָהרען 1906־1936.

און איצט, נאָכדעם ווי דער גרעסטער טייל פון וולאַדעק'ס שאַ־פונגען איז צוזאַמענגעקליבען געוואָרען אונטער איין דאַך, דריקט אויס די רעדאַקציע איהר וואונש, אז ב. וולאַדעק זאָל זיך ניט באַ־נוגענען מיט דעם וואָס ער האָט ביז איצט געשאַפען, נאָר זאָל ווייטער זיין פרוכטבאַר אויף דעם ליטעראַרישען און קינסטלערישען געביט.

רעדאַקציע

ניו יאָרק, יאַנואַר 11טען, 1936.

ב. וולאַרעק (1935)

ברכה טשאַרני — די מוטער פון ב. וולאַדעק

ב. וולאַדעק, פאָטאָגראַפירט אין מינסק אין 1903



י. קיסין

ב. וולאַדעקס ביאָגראַפיע

זיבעז און צוואנציג יאָהר, מעהר ווי א העלפט פון זיינע איצטיגע 50 יאָהר, האָט ב. וולאדעק אָפגעלעבט אין אמעריקע, וואוהין ער האָט אריבערגעוואנדערט אין יאָהר 1908 פון צאַרישען רוסלאנד. אָבער אין דער קלענערער ערשטער העלפט פון זיין לעבען ליגען זיין קינדהייט, זיינע ערשטע באוואוסטזיניגע יאָהרען און די רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט זיינע, אזוי גוט ווי זיין זשורנאליס־מישע און ליטעראַרישע ארבייט אין דער אלטער היים. אזעלכע זאכען קאָנען ניט אויסגעמעקט ווערען, וויפיל מען זאָל ניט זיין פאַר־וואָרצעלט אין דעם לעבען פון א נייער ערד. און דעריבער זעהען מיר, אז אין דער פילפאַכיגער סאָציאַליסטישער און געזעלשאַפט־ליכער טעטיגקייט פון ב. וולאדעק פאַרנעמט זיין אינטערעס אין דער אַלטער היים און זיין ארבייט פאר איהר א זעהר אָנגעזעהענעם אָרט.

מיר האָבען דאָ אין אמעריקע געקענט גענוג סאָציאַליסטען־עמיגראַנטען, וואָס האָבען געלעבט איינגאַנצען מיט'ן לעבען פון דער נייער ערד, אין וועלכער זיי זיינען אריבערגעפלאַנצט געוואָרען. זיי האָבען איינגאַנצען אָנגעוואָרען יעדען דירעקטען קאָנטאַקט מיט דער אַמאָליגער היים, פון וועלכער דאָס לעבען האָט זיי אויסגעוואָר־צעלט. ב. וולאדעק האָט צו זיי ניט געקאָנט געהערען. צו אינטים איז ער אין זיין יוגענט געווען פאַרבונדען מיט דעם לעבען ארום איהם, און צו גרויס איז געווען זיין אייגענער אנטייל אין דעם דאָזיגען לעבען.

ב. ווילאדעק׳ס יוגענט איז צונויפגעפאלען מיט דער צייט פון געזעלשאפטליכער און רעוואלוציאנערער אויפלעבונג, אלגעמיינער און אידישער, אין צארישען רוסלאנד. דאס זיינען געווען די יאהרען פון דער ערשטער רעוואלוציאנערער מאסען־באוועגונג פאר דער רעוואלוציע אין יאהר 1905. און מינסק און ווילנע, וואו ווילאדעק האט באקומען זיין וועלטליכע בילדונג און וואו עס האבען זיך אויס־געארבייט זיינע געזעלשאפטליכע אנשויאונגען אין יענע יאהרען, זיינען געווען די צוויי גרויסע אידישע געזעלשאפטליכע צענטערס, וואו עס זיינען געבארען געווארען פארשידענע פארטייען, ווי דער „בונד", די פועלי־ציון, די ציוניסטען־סאציאליסטען. דארטען האט ב. ווילאדעק פריה אנגעהויבען זיין געזעלשאפטליכע און רעוואלו־ציאנערע טעטיגקייט צוערשט אין דער ראדיקאל־ציוניסטישער באוועגונג און באלד נאכדעם אין „בונד". דארטען האט זיך אויך אנגעהויבען זיין ליטערארישע און זשורנאליסטישע ארבייט.

ווען ער איז אלט געווארען 18 יאהר, האט איהם שוין די צארישע פאליציי געגעבען די פולע אנערקענונג פון א „פאליטישען פארברעכער" און איהם אריינגעזעצט אין טורמע. שפעטער האט ווילאדעק שוין ניט געקאנט ווייטער טאן זיין קאנספיראטיווע פארטיי־ארבייט און בלייבען אין רוסלאנד לעגאל אונטער זיין נאמען ברוך־נחמן טשארני. ער האט געמוזט ווערען „אומלעגאל", זיך באהאלטען פון דער פאליציי; און זיין פארטיי, דער „בונד", האט איהם דעמאלט געגעבען זיין רעוואלוציאנערען נאמען „ווילאדעק", וועלכער איז דא אין אמעריקע געווארען זיין צווייטער פאמיליען־נאמען. נאך אביסעל שפעטער האבען שוין די אומלעגאלקייט און דער רעוואלוציאנערער נאמען אויך ניט געהאלפען, און ב. ווילאדעק האט געמוזט פון רוסלאנד אנטלויפען. דעמאלט האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמע־ריקע.

ב. ווילאדעק איז אין פולען זין פון ווארט אן אמעריקאנער און איז זעהר טעטיג אין אמעריקאנער פאליטישען און געזעל־שאפטליכען לעבען. אבער ווען עס קומט אהער א שליח, א כלל־טוער פון יענער זייט ים, געפינט ער אין ווילאדעק׳ען אלעמאל א היימישען מענשען, ווי זיי וואלטען זיך געטראפען ניט אין ניו יארק, נאר אין א שטאט ערגעץ אין פוילען אדער ליטע. און פון צייט צו

צייט כאַפּט זיך וולאַדעק אַליין אַראָפּ אַהין, אין דער אַלטער היים, אַ קוק צו טאָן, וואָס דאָרטען טוט זיך. אַזעלכע רייזעס האָט ער געמאַכט אין די יאָהרען 1924, 1926, 1928 און מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק.

עס איז דעריבער גאַנץ נאַטירליך, אַז ב. וולאַדעק זאָל זיין פּראָמינענט פאַרבונדען ניט נאָר מיט פיל סאָציאַליסטישע און געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען אין אַמעריקע, נאָר אויך מיט זעהר וויכטיגע טעטיגקייטען פאַר דער אַלטער היים, פאַר די אידען פון פּוילען און אַנדערע לענדער אין מזרח־אייראָפּע.

דוקאָר, מינסקער גובערניע

ב. וולאַדעק איז געבאָרען געוואָרען דעם 1טען יאַנואַר פון יאָהר 1886 אין שטעטעל דוקאָר, מינסקער גובערניע, אין אַ פיינער און יחוס׳דיגער, אָבער אָרימער פאַמיליע. כמעט אַלע אידען פון שטעטעל זיינען געווען ליובאַוויטשער חסידים, איינשליסענדיג וולאַדעקס פאָטער, וואָלף טשאַרני. די פאַמיליע האָט געהאַט אַ סך קרובים אין דוקאַר און אין אַנדערע שטעדט פון מינסקער גובערניע. אין וואָלף טשאַרני׳ס פאַמיליע זיינען געבאָרען געוואָרען אַכט קינדער, פון וועלכע צוויי זיינען געשטאָרבען קליינערהייד. די איבערגעבליבענע זעקס, — פינף ברידער און אַ שוועסטער, — האָבען זיך אַלעמאָל געהאַלטען צוזאַמען. דער רב פון שטעטעל איז געווען ב. וולאַדעק׳ס אַן עלטער־פעטער, און וולאַדעק און די אינגערע מיטגלידער פון דער פאַמיליע פלעגען זעהר אָפט זיין אין רב׳ס שטוב, דאָס אַלץ האָט געמוזט אין דעם יונגען וולאַדעק׳ן שטאַרק אַנטוויקלען געזעלשאַפטליכע געפיהלען און געוואוינהייטען.

איינער פון ב. וולאַדעק׳ס עלטערע ברידער איז דער באַוואוסטער אידישער קריטיקער שמואל ניגער. אַ צווייטער, דער מיזיניק אין דער פאַמיליע, איז דער פּאָעט דניאל טשאַרני. מיט אַ יאָהר צוריק האָט דניאל טשאַרני אַרויסגעגעבען אַ בוך אינטערעסאַנטע זכרונות, „באַרג־אַרויף“, געשריבען מיט פיינעם, לייכטען הומאָר.

אין דעם דאָזיגען בוך עראינערונגען געפינען מיר זעהר פיל אינטע־רעסאנטען מאַטעריאַל וועגען דוקאָר און אנדערע אידישע שטעט פון דער געגענט, און מיר קאָנען קלאָר זעהן דעם גאנצען הינטער־גרונט, אויף וועלכען עס איז אויסגעוואקסען דער צוקונפטיגער אידי־שער סאָציאַליסטישער פיהרער ב. וולאדעק.

דוקאר איז געווען זעהר טשיקאווע און זעהר ליב, ווי אלע אידישע שטעטלאך אין רוסלאנד, און האָט געהאט דיזעלביגע חסרונות.

שפּעטער, אין יאָהר 1902, האָט וולאדעק דאָס דאָזיגע שטעטעל באשריבען אין א קאָרעספּאָנדענץ אין א ליבעראַלער רוסישער צייי־טונג „מינסקי ליסטאָק", און דאָס גאנצע שטעטעל איז שטארק אויפ־געררודערט געווארען און האָט זיך לאַנג ניט געקאָנט בארוהיגען. אבער דאָס איז געשעהן שפּעטער, ווען דער צוקינפטיגער סאָציאַליס־טישער טוער, רעדנער און פּובליציסט איז שוין געווען א בחור פון גאנצע 16 יאָהר, האָט זיך שוין געפונען אין דער גרויסער שטאָט מינסק און האָט שוין אריינגענומען אין זיך גענוג איינדרוקען און וויסען פון דער גרויסער וועלט. ביז א צייט אבער איז ער געוואקסען אין דעם קליינעם ליבען שטעטעל, אין אינטימסטען פאַרקער מיט משפחה און שכנים.

א אידישע מאַמע, וואָס רעדט מיט משלים און רמזים

ווען דער פאָטער פון דער פאַמיליע טשארני איז געשטאָר־בען, איז וולאדעק, — וועלכער האָט דעמאָלט, פארשטעהט זיך, ניט געטראָגען דעם דאָזיגען פרעמד־גויאישען נאָמען, נאָר האָט געהייסען ברוך, אדער פארצערטעלט: באָניע, — נאָך געווען א קליין איינ־געל. דער גאנצער יאָך פון פּרנסה פאר דער פאַמיליע פון זעקס קינדער איז געלעגען אויף די שוואכע פּלייצעס פון דער מאַמען, וועלכע האָט געהאט אין שטעטעל א קראָם פון לעדערוואַרג.

ברכה טשאַרני האָט געהערט צו דעם גוט־באַקאַנטען טיפּ פון די אַלטמאָדישע פרומע און גוטע אידישע מאַמעס־הייליגע. דערצו איז זי געווען א שעהנע, א קלוגע און האָט, ווייזט אויס, פאַרמאָגט

א מין ליטעראַרישען טאַלאַנט. „איהרע בריף זיינען געווען ליטע־ראַטור”, — זאָגט וועגען איהר וולאַדעק. און דניאל טשאַרני דער־צעהלט וועגען א געשפּרעך מיט איהר, ווען ער איז שוין געווען א גרויסער. די מאַמע האָט איהם איינמאָל פאַר זיין אוועקפאָרען געבעטען איבערגעבען זיינע עלטערע ברידער, זיי „זאָלען זיך ניט באַנעהן געגען איהר כנגד הטבע”. און זי האָט דאָס ערקלערט מיט א משל:

„פאַרשטעהסטו מיך, זוהן מיינער, אַלע טייכען פון דער וועלט ציהען זיך דאָך צום ים, אַלץ נעהנטער ווערען זיי דאָך איינע צו די אַנדערע. און אָט האָב איך פון זיך ארויסגעלאָזען פינף זיהן, ווי פינף גאָלדענע טייכען, אבער פון יאָהר צו יאָהר ווערען זיי אַלץ ווייטער פון זייער ים, און במילא אויך איינער פון די אַנדערע... שרייבט כאָטש אָפטערע בריף, און זעהט האַלט זיך איינע נעבען די אַנדערע, ווייל די וועלט איז זעהר גרויס און סומנע...”

דניאל טשאַרני גיט צו: „מעהר פון אַלעמען האָט געווירקט אויף מיר שטענדיג די מאַמע מיינע. איך האָב געוואוסט, אז ניט נאָר איך אליין, נאָר אויך אפילו ניגער און וולאַדעק האָבען פון דער מאַמען זעהר פיל געלערענט. מיר האָבען פון איהר געלערענט די קונסט צו קאָנען שטילערהייד ליידען. מיר האָבען אויך געלערענט פון איהר די קונסט צו ריידען מיט משלים און רמזים”.

עס פאַרשטעהט זיך, אז ווי אָרים מען איז ניט געווען, האָבען די קינדער געמוזט באַקומען די געהעריגע אידישע בילדונג. ברוך (וולאַדעק) און שמואל (ניגער) זיינען דעריבער געגאַנגען אין חדר צום בעסטען מלמד לערנען גמרא און זיינען דערנאָך אוועקגעפאַרען קיין מינסק לערנען אין א ישיבה. די מאַמע האָט זיי אהין געשיקט אויף דער עצה פון אשר מלמד, וועלכער האָט איהר פאַרזיכערט, אז זי וועט פון די צוויי זיהן, אם ירצה השם, דערלעבען נחת, — דאָס הייסט, פאַרשטעהט זיך, אז זיי וועלען ווערען גרויסע רבנים.

די ברידער פלעגען קומען אהיים צו דער מאַמען צוויי מאָל א יאָהר, אויף פּסח און אויף סוכות. „דער בעסטער יום־טוב פלעגט זיין ביי מיר סוכות, — דערצעהלט דניאל טשאַרני, — ווייל די ברידער פלעגען דענסטמאָל פאַרברענגען אין דער היים כמעט א

גאנצען חודש.... און די שטוב אונזערע פלעגט ווערען די פרעה־ליכסטע שטוב אין גאנץ דוקאַר.

„ברכה׳ס קינדער, פלעגט מען זאָגען אין שטעטעל, זיינען א גאָטס בענטשונג. און די מאַמע, וואָס איז בטבע געווען א שטילע, באשיידענע פרוי, האָט זיך דאָך געפיהלט שטאָלצער און תקיפ׳ער אין דער סביבה פון איהרע קינדער״.

מען פלעגט פרעהליך פארברענגען „אביסעל אין ניס־שפּילען און אביסעל אין חקרנ׳ען זיך וועגען כלערליי וועלטליכע ענינים״, און אלע צוזאמען פלעגט מען זינגען:

אינ׳ם לאַנד פון פּיראַמידען
וואר איין קעניג בייז און שלעכט,
און דאָרט וואַרען אלע אידען
פּרעה׳ס דינער, פּרעה׳ס קנעכט...

אין מינסק האָט ברוך, ווי זיין ברודער שמואל, לאנג אין דער ישיבה ניט געלערענט. די צייט איז געווען א שטורעמדיגע, א רע־וואָלוציאָנערע, און אינגיכען האָבען זיך די צוויי יונגעלייט גענומען שטילערהייד צו וועלטליכע למודים. דער גוטער אשר מלמד האָט זיך, נעבאך, ארויסגעשטעלט פאר א פאלשען נביא: די צוויי בחורים זיינען קיין רבנים ניט געוואָרען. די מוטער האָט דאָס באלד פארשטאַנען און האָט מיט דעם שלום געמאכט.

דער ערשטער אַרעסט; וולאדעק טרעט אריין אין „בונד״

פון דער ישיבה צו וועלטליכער בילדונג און פון וועלטליכער בילדונג צו דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, צו סאָציאליסטישער טעטיגקייט, — דאָס איז געווען דער וועג, וואָס וולאדעק האָט אין א גאָר קורצער צייט דורכגעמאכט אין מינסק. דעמזעלביגען וועג האָט דורכגעמאכט אין יענע צייטען דער גרעסטער טייל פון דער יוגענט אין גאנץ רוסלאַנד.

פון דער גמרא, אדער פון די קאַזיאָנע לימודים צו וועלטליכער בילדונג, פון דער ישיבה, אדער דער גימנאזיע צו געהיימע פאר־זאמלונגען, און דערנאָך — אין א באזונדער קעמערעל אויף רעגי־

רונגס־קעסט אין א צארישער טורמע. דער דאָזיגער וועג איז געווען במעט א מוז פאר יעדען עמפינדליכען יונגען מענשען אין די שטעט פון דעם צאר׳ס אימפעריע.

ברוך און זיין ברודער שמואל האָבען איינגיכען אינגאנצען געוואָרפען די ישיבות און זיינען געווארען עקסטערנס, האָבען זיך פארנומען מיט בילדונג צוצוגרייטען זיך צו עקזאמענס אין דער גימנאזיע. אבער אין די אווענטען, דערצעהלט דניאל טשארני, פלעגען זיי פארשוואונדען ווערען ביז שפעט אין דער נאכט, און נאָכדעם פלעגען זיי זיך פלפול׳ן אין דער היים וועגען פארשידענע „הויכע ענינים”.

אין מינסק איז געווען א ביליגע קיך, וואו איינער פון וולאדעק׳ס צוויי עלטערע ברידער האָט געהאט א שטעלע. דארטען פלעגען אין די אָווענטען פאָרקומען מיטינגען און דיסקוסיעס פון אנהענגער פון פארשידענע פארטייען, צו וועלכע עס פלעגען קומען פארשידענע יונגעלייט און מיידלאך, און מען פלעגט זיך שטארק אמפערען וועגען „בונד”, „זובאטאָווטשינע”, „ציוניזם”, „פועלי־ציוניזם”, און „פאָליטישען קאמף”. איינער פון די היציגסטע אנטיילנעמער אין די דיסקוסיעס איז געווען דער צוקונפטיגער גלענצענדער רעדנער און טוער פון „בונד”, וולאדעק. אין יענער צייט, זיינען ביידע ברידער, ברוך און שמואל, געווען טעטיג אין דער ראדיקאל־ציוניסטישער באוועגונג.

אין יאָהר 1904 האָט מען וולאדעק׳ן ארעסטירט אין מינסק און אריינגעזעצט אין טורמע. אין יענער צייט האָט ער זיך גערעכענט פאר אן אנגעהעריגען צו די פועלי־ציון. אָבער זיצענדיג אין טורמע, איז ער געוואָרען א בונדיסט. צווישען די פועלי־ציון האָט מען גערעדט, אז באזונדערס שטארק האָט איהם אין דעם באאיינפלוסט קאָליע טעפער, א מערקווירדיג אינטערעסאנטע פערזענליכקייט, א מענש מיט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען און א ברילִיאַנטענער רעדנער. טעפער איז פריער געווען א ציוניסט, דערנאָך איז ער געוואָרען א בונדיסט, שפעטער אן אנארכיסט. זיין אומרוהע האָט איהם געוואָרפען פון איין לעבענס־אויפפאסונג און וועלט־אנשויאונג צו א צווייטער. ווען ער איז שפעטער אנגעקומען קיין אמעריקע, איז ער געווען ווייט פון אלע פארטייען און יעדער פאַר־

ליטיק, נאָר האָט זיך באַשעפטיגט מיט ליטעראַרישער אַרבייט. נאָך דער צווייטער רעוואָלוציע איז ער אַוועקגעפאָהרען קיין רוסלאַנד. איצט איז ער אַן אָנגעשטעלטער אין סאָוועטישען „גאָסיזדאַט" (מלוכה־פאַרלאַג).

דער קישינעווער פּאָגראָם, וועלכער איז פאָרגעקומען אין אַפּריל פון יאָהר 1903, האָט אויפגעטרייסעלט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין צאַרישען רוסלאַנד. נאָך גרעסער איז דער רושם פון דער בלוטיגער געשעהעניש געווען צווישען דער אידישער רעוואָלוציאָנערער יוגענט. אַ סך יונגע אידישע רעוואָלוציאָנערען זיינע אין די נעקסטע פּאָר יאָהר אַוועק פון „בונד" צו די סאָציאַליסטישע ציוניסטען. אָבער אויף אַ סך אַנדערע איז די ווירקונג געווען אַ פאַרקערטע, און פּועלי־ציוניקעס און ציוניסטען־סאָציאַליסטען זיינען גאָר אַריבער צום „בונד". צווישען זיי זיינען דעמאָלט, — אין יאָהר 1904, — אויך געווען וואָלאָדעק און קאָליע טעפּער.

עס איז אָבער ניט ריכטיג דאָס, וואָס מען האָט דעמאָלט געשמועסט צווישען די פּועלי־ציון, אַז דאָס האָט קאָליע טעפּער באַקערט וואָלאָדעק'ן צום בונדיזם, כאָטש טעפּער און וואָלאָדעק, די צוויי בעסטע אידישע רעוואָלוציאָנערע רעדנער פון יענער צייט, זיינען געווען שטאַרק באַפריינדעט. אַ גרעסערע ווירקונג אויף וואָלאָדעק'ן האָט געהאַט אַ רוסיש־אידישער רעוואָלוציאָנער מיט'ן נאָמען שמואל בערנשטיין, וועלכער איז דעמאָלט געזעסען אין דער מינסקער טורמע צוזאַמען מיט וואָלאָדעק'ן און טעפּער'ן.

וואָלאָדעק האָט דעמאָלט נאָר געדאַרפט באַקערט ווערען צו רעוואָלוציע, צום רעוואָלוציאָנערען קאַמף אין רוסלאַנד. קוים האָט ער זיך איבערצייגט אין דער נויטיגקייט פון אַזאַ קאַמף, איז פאַר איהם געווען אָפען נאָר איין וועג — צו דער איינציגער דעמאָלטיגער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער אידישער פּאַרטיי, צום „בונד". און צו דער דאָזיגער איבערצייגונג איז וואָלאָדעק געקומען אונטער'ן איינפלוס פון שמואל בערנשטיין.

וואָלאָדעק איז דעמאָלט אָפּגעזעסען אין טורמע איבער אַ האַלב יאָהר. דער „בונד" האָט דערנאָך צוגעשטעלט דורך וואָלאָדעק'ס איינגערן ברודער 200 רובעל ערבות־געלט, און מ'האָט וואָלאָדעק'ן אַרויסגעלאָזען.



ב. וולאַדעק און זיינע 4 ברידער

פון רעכטס: ברוך (וולאַדעק), זאַלקע, שמואל (ניגער), דניאל און מענדעל

ב. וולאַדעק און זיין ברודער ש. גיגער אין ווילנע אין 1905

דעמאָלט האָט ער זיך ערשט אריינגעוואָרפען מיט ברען אין דער פיבערהאפטער ארבייט, וואָס דער „בונד" האָט אָנגעפיהרט איבער דעם גאנצען אידישען תחום אין רוסלאנד. ער איז געווען איינער פון די גלענצענדסטע אָראטאָרען, מען האָט איהם אומעטום גוט געקענט, און מען האָט איהם א נאָמען געגעבען „דער צווייטער לאַ־סאַל". דעם גרויסען דייטש־אידישען סאָציאליסטישען פירער האָט וולאדעק געמוזט דערמאָנען סיי מיט זיין וואוקס און אויסזעהן און סיי מיט זיין טעמפעראמענט און גלענצענדע אָראטאָרישע פעהיג־קייטען.

דער רוהם פון דעם נייעם גלענצענדען בונדישען רעדנער, דעם „צווייטען לאסאל", האָט זיך פארשפרייט אויך אין אנדערע אידישע פארטייען. די ס. ס., למשל, האָבען זיך געגרויסט מיט זייער פראָ־פאגאנדיסט „אראָנטשיק טשענסטאָכאָווער" (א. סינגאלאָווסקי), פלע־גען זיי אויף איהם זאָגען, אז מען קאָן איהם רוהיג ארויסשטעלען אפילו אנטקעגען דעם „צווייטען לאסאל".

די פארטיי גיט איהם דעם נאָמען „וולאַדעק"

עס זיינען געקומען די שטורעמס פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָהר 1905 און דערנאָך די גרויסע כוואליע פון פאָגראָמען און די יאָהרען פון רעאקציע. די טעטיגקייט און די פאָ־פולאריטעט פון „צווייטען לאסאל" איז געוואקסען. אבער לאנג האָט זיך א רעוואָלוציאָנער אין צארישען רוסלאנד ניט געקענט האלטען. פון צייט צו צייט האָט מען געמוזט געהן „אויף אפרוה" אין א צארישער טורמע. וולאַדעק איז פיל מאָל ארעסטירט געוואָרען און איז עטליכע מאָל געזעסען אין טורמע.

איין מאָל האָט איהם זיין אינגערער ברודער געטראָפען אין מינסק, ווען וולאדעק איז נאָר וואָס געווען ארויס פון טורמע. דניאל טשאַרני דערצעהלט: „עס איז מיר בשום אופן ניט געלונגען צו בלייבען מיט'ן ברודער אויג אויף אויג. ער איז געווען ארומגע־רינגעלט מיט חברים און חבר'טעס, וועלכע האָבען איהם באגעגנט מיט א ליאמע, פרעהענדיג זיך ניט ווינציגער פון מיר, וואָס ער

איז ווידער אין מינסק. דער קאָנספּיראַטיווער צימער איז געווען געפּאַקט מיט אייגענע מענשען, וועלכע איך האָב נאָך געקענט פון די פריהערדיגע פּועלי־ציוניסטישע יאָהרען אין מינסק. א סך פון זיי זיינען פאַר דער צייט געווארען „עסעסען" (ציוניסטען־סאָציאַליסטען) אדער גאָר בונדיסטען.

„איך האָב זיך ווי עס איז דערשלאָגען צו מיין ברודער, איך האָב אויסגעזוכט זיינע לאַנגע, דארע פינגער און געוואָלט איהם אי־בערגעבען כאָטשבי דער מאַמעס לעצטען משל מיט די טייכען, וואָס ציהען זיך אַלע צום ים". אבער דאָס איז איהם אין טומעל פון דער ליאַמע ניט געלונגען.

עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז דאָס מאָל איז ברוך געקומען קיין מינסק „ניט צוליב פּאַרטיי־ענינים, נאָר פּראָסט און פּשוט — שטעלען זיך צום פּריזיוו, אינאיינעם מיט'ן ברודער שמואל, אלס זווילינג. דאָס האָט די מאַמע פאַרטראַכט אַזאַ פּלאַן, ווי אזוי צו באַפרייען איהרע ביידע זיהן מיטאַמאָל, און פאַר איין גאַנג זיי שוין מאַכען „לעגאַל". דער פּלאַן איז געווען צו שטעלען זיי צו דער מיליטער־דינסט קאָמיסיע צוזאַמען, ווי פון איין עלטער. איינעם פון זיי וועט מען דאָך זיכער באַפרייען, דעמאָלט וועט דער באַפריי־טער שוין זעהן, אז דער אָפּגעגעבענער זאָל זיך אויך באַפרייען. אבער דער פּלאַן האָט זיך ניט איינגעגעבען.

שמואל, וועלכער איז געווען א טוער אין דער פּאַרטיי ס. ס., האָט זיך דעמאָלט געפונען אין ריגע. איז ער אריינגעפאַלען אין די הענט פון דער שרעקליכער שטראָף־עקספּעדיציע, וואָס האָט געבו־שעוועט אין דער באַלטישער געגענט. מען האָט איהם צוויי וואָכען געפּייניגט, און מען וואָלט איהם דערשאָסען, ווען די מאַמע ראַטע־וועט איהם ניט ארויס. ענדליך האָט מען איהם צוגעשטעלט מיט'ן עטאַפּ קיין איהומען, מינסקער גובערניע, צום פּריזיוו. אָבער דער פּריזיוו־טערמין איז שוין געווען לאַנג פאַראיבער. וואָלאָדקע האָט געמוזט אנטלויפען פון מינסק. ער איז אוועקגעפאָהרען אויף פּאַרטיי־ארבייט אין פּוילען און איז שוין געבליבען „אומלעגאַל". דער „בונד" האָט איהם דעמאָלט געגעבען זיין רעוואָלוציאָנערען צונאָמען „וואָלאָדקע".

אין ווילנע

נאָך די שרעקליכע פּאָגראָמען פון די יאָהרען 1905 און 1906 איז ווילנע געוואָרען דער וויכטיגסטער אידישער געזעלשאַפטליכער צענטער. דאָרטען זיינען געגרינדעט געווארען אַלע אידישע סאָציאַ־ליסטישע און בירגערליכע פּארטייען. דאָרטען האָבען זיך אויס־געארבייט זייערע פארשידענע אידישע און אַלגעמיינע פּראָגראַמען, און דאָרטען האָבען זיי אויך ארויסגעגעבען זייערע אָרגאַנען. איין צייט זיינען אין ווילנע ארויסגעגאַנגען ביז 5־6 פּארטיי־אָרגאַנען: פון „בונד", ס. ס., פּועלי־ציון, „סעימיסטען" און אפילו פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע „איסקרא".

„צו יענער צייט, — שרייבט דניאל טשארני אין זיינע זכרונות, — פלעגט אָפּט באַזוכען ווילנע אויך מיין אנדערער ברודער, ברוך, אדער „לאַסאַל". זיין אנקום פלעגט פאר מיר תמיד זיין א שטיקעל יום־טוב. דערביי פלעג איך איהם אָפּטמאָל פאָלגען א קאָנספּי־ראַטיווען גאַנג, וואָס נאָר איך, דער אומשולדיגסטער, פלעג קאָנען אויספיהרען, קיינעם ניט צו פארשיטען (דאָס הייסט, ניט ארויפצו־פיהרען אויף דעם שפּור קיין צארישע שפּיאָנען). אַזוי־ארום האָב איך זיך צוביסלאַך באַקענט אויך מיט די צעקיסטען (מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט) פון „בונד", ווי ליבער, גאָזשאַנסקי־לנו, ליטוואַק, ראַפּעס און אבראַמאָוויטש. זיי פלעגען מיך זעהר פיין אויפנעמען און מיך רעקאָמענדירען אלס „לאַסאַל'ס" ברודערל.

ווֹלאַדעק האָט דעמאָלט פארבראַכט אין ווילנע צעהן מאָנאַטען, א העלפט פון דער צייט אין טורמע. דאָס איז געווען א צייט ניט נאָר פון אָנגעשטרענגטער פּארטיי־ארבייט, נאָר אויך פון זשורנאַ־ליסטישער און ליטערארישער ארבייט, פאר וועלכער וואַלאדעק האָט אַלעמאָל צווישען זיינע פילפאַכיגע טעטיגקייטען געפונען אביסעל צייט.

ווֹלאַדעק אַליין האָט וועגען דער דעמאָלטיגער ווילנע געשריבען:

„זינט דער וועלט־מלחמה האָט דער נאָמען ווילנע געקראָגען א טרויעריגען קלאַנג. אז עמיצער זאָגט איצט ארוים „ווילנע", מיינט דאָס געוועהנליך צרות. און אפילו דאָס ביסעלע נחת, וואָס מיר האָבען פון ווילנע, ווי די אידישע שולען און דער וויסענשאַפט־

ליכער אינסטיטוט, איז אויך נאָר א גייסטיגער נחת. עס שמעקט מיט א פארזוך איינצוהאַלטען, קאָנסערווירען, פארטיידיגען דאס ביסעל, וואָס איז געבליבען געגען דער אטאַקע פון פיינדליכע אומ־שטענדען.

„אין מיינע צייטען האָט „ווילנע" געקלונגען גאר אנדערש. דער נאָמען האָט געמיינט קאמף, רעוואָלוציע, פארזאמלונגען, „באָיע־וואָי אָטריאד" (קאמפס־גרופּע), געזאַנג, דעמאָנסטראציעס. באזונ־דערס שארף זיינען פארבליבען אין מיין זכרון די מיטינגען אויף נאָווגאָראָד און מיט מאָנאטען שפּעטער די מיטינגען אין כאָר־שול, און אינמיטען — פינף מאָנאטען אין לוקישקער טורמע, וואָס זיי־נען אויך געווען ניט מעהר ווי אן אויסדרוק פון טעטיגקייט און ניט א צוריקגאַנג.

„באַלד וועט ווערען דרייסיג יאָהר זינט יענעם שטורמישען פריהלינג און זומער, וואָס האָט מיך געהאַלטען אין ווילנע פון אָנ־פאנג מארטש ביז ענדע אָקטאָבער. און דאך איז אלץ אזוי פריש, ווי עס וואָלט פּאסירט נעכטען. עס געהט דורך פארביי מיין געדע־כעניש א פּראָצעסיע פון מענשען און א פּראָצעסיע פון מאסען.

„ניט קוקענדיג אויף איהר אייביגער ארימקייט, רוהט אלץ אויף דעם הינטערגרונט פון ווילנע אן אָפּגלאַנץ פון גייסטיגער אריסטאָקראַטיע און אינטעליגענץ.

„וואו נעמט מען די צייט און וואו נעמט מען די פעהיגקייטען צוריק אויפצושטעלען די בילדער פון יענער ווילנע? ! וואו זיינען די אלע, צו וועמען איך האָב גערעדט אויף אַנטאָקאָליע און אויף נאָווגאָראָד, אין כאָר־שול און אין „דוואָריאנסקאָיע סאָבראַניע", אין די געדרעהטע פּארוואָרפענע זאַוואָולקעס און ביי דער ריזיגער לויה אין אָקטאָבער? ! זיי זיינען איצט צוואָרפען איבער דער גאַנצער וועלט... איבער דער גאַנצער וועלט זיינען פארפלאָנצט די מענשען פון יענער ווילנע..."

(פון דעם זאמעלבוך „ווילנע", רעדאַקטירט פון יעפים ישורין און ארויסגעגעבען פון ווילנער ברענטש 367, ארבייטער רינג, ניו־יאָרק, 1935).

רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען ביי באַלאַגערונגס־צושטאַנד

דאָס לעבען פון א רעוואָלוציאָנער אין רוסלאַנד איז געווען פול מיט געפאַרען און אויך מיט ממש אומגלויבליכע אוואַנטורעס, וואָס קלינגען ניט זעלטען ווי עפּיזאָדען פון א שונד־ראָמאַן.

די פּראָגראַמען פון רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען מעגען זיך זיין ווי ניכטער, מעגען קלינגען ווי פּראָזאַאיש־אויסגערעכענט און טרוקען מיט זייערע זאַכליכע ארגומענטען, פאַקטען און ציפערען, אבער די פּראַקטיק פון אמת באַרופענע רעוואָלוציאָנערען — פּראָפעסיאָנאַלען איז אַלעמאָל געווען פול מיט ראָמאַנטיק. די אמפּעריען צוליב א קוצו של יוד אין פּראָגראַם פון דער אָדער יענער פּאַרטיי האָבען אָפטמאָל געקאָנט זיין לאַנגווייליג, אבער די פיבערדיגע ארבייט פון דעם פּראַקטיקער־קאָנספּיראַטאָר פון דערזעלביגער פּאַרטיי — קיינמאָל ניט.

דער פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער אין דינסט פון זיין פּאַרטיי האָט קיינמאָל ניט גערוהט, איז שטענדיג געפלויגען פון איין שטאָט אין א צווייטער, וואו נאָר מען האָט איהם געמוזט האָבען, וואו נאר די פּאַרטיי האָט איהם געשיקט. ער האָט געדאַרפט אלץ קאָנען טאָן, אלץ וויסען, אומעטום זיין, אלץ זעהן און אליין בלייבען אומגעזעהן. ער האָט געדאַרפט זיין אויסערגעוועהנליך ריהרעוודיג, פלינק, געשיקט, ארויסווייזען אין א נויט א בליץ־שנעלע אורטיילס־פעהיגקייט. ער האָט געדאַרפט פאַרמאָגען א לעבעדיגען פּראַקטישען שכל צוזאַמען מיט א לעבעדיגער פאַנטאַזיע. ער האָט געדאַרפט פאַרמאָגען אנטשלאָסענקייט, פעסטען ווילען. אויב ער איז נאָך דערצו געווען א וויכטיגער פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדיסט, האָט ער גע־דאַרפט האָבען א פייערדיגען כוח הדיבור, אָבער דערביי אויך קאָנען זיין רוהיג, געלאַסען. און ער האָט אלעמאָל געדאַרפט קאָנען וואַגען, ריזיקירען.

ווייט ניט אלע האָבען פאַרמאָגט די פאַרשידענע נויטיגע איי־גענשאַפטען, אבער וולאַדעק איז געווען א זעהר ערפאָלגרייכער רעוואָלוציאָנערער טוער. ער האָט אַלצדינג געקענט און האָט צו אַלצדינג געטויגט. ווען דניאל טשאַרני האָט איינמאָל געשיקט דער מאַמען א זאַמעלבוך, וואָס נאָמבערג האָט ארויסגעגעבען, און וואו

עס זיינען געווען געדרוקט זאכען פון איהרע דריי זיהן, האָט די מאַמע מיט התפעלות געשריבען: „אונזער ברוך — וואָס קען ער דען ניט?"

וואָלאָדעק'ן האָט אַלעמאָל געצויגען מעהר צו פּראַקטישער רעוואָ־לוציאָנערער טעטיגקייט, איידער צו טעאָרעטישער גריבלעריי און האָר־שפּאַלטענדיגע דיסקוסיעס. אויב ער האָט מיט זיין רעדנער־קראַפט געקאָנט דערמאָנען א לאָסאַל, האָט ער מיט זיין קאָנספּיראַ־טאָרישער פלינקייט און גוטע איינפאַלען געקאָנט דערמאָנען די מערקווירדיגע קאָנספּיראַטאָרען, מיט וועלכע די געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז פול.

מיט זיינע פאַרשידענע פעהיגקייטען האָט ער געמוזט ווערען זעהר א נויטיגער מענש פאַר זיין פּאַרטיי. איז טאַקע ניט קיין וואונדער, וואָס ער איז שטענדיג אַרומגעפלויגען פון איין אָרט צום צווייטען און האָט א מינוט ניט געקאָנט זיצען לעדיג. אויפ'ן וועג פון ווילנע קיין וואַרשע, צווישען צוויי קאָנספּיראַטיווע אַרביי־טען, האָט ער זיך געקאָנט אַראָפּכאַפּען אויף א פּאָר שעה קיין ביאַ־ליסטאָק, צו האָבען דאָרטען א דעבאַטע מיט'ן אַנאַרכיסטישען פירער זיידעל.

וואָלאָדעק איז פיל מאָל אַרעסטירט געוואָרען, אבער ער האָט זיך מעהרסטענס אַרויסגעדרעהט מיט פאַרשידענע קונציגע איינפאַ־לען. ניט אַלעמאָל אָבער קאָן מען זיך אַרויסדרעהען, און דריי מאָל איז ער געזעסען אין טורמע, — אין מינסק, לאָדז און ווילנע. מיר וועלען דאָ איבערגעבען א פּאָר עפּיזאָדען פון וואָלאָדעק'ס דעמאָל־דיגער רעוואָלוציאָנערער אַרבייט, וואָס ווייזען, ווי דאָס לעבען פון א רעוואָלוציאָנער איז פול מיט די משונה'דיגסטע צופאַלען.

די רעוואָלוציע פון יאָהר 1905 איז דורכגעפאַלען. שטראָף־עקספּעדיציעס האָבען געבושעוועט אין פאַרשידענע טיילען פון דער ריזיגער אימפּעריע פון די צאַרען. פאַרשידענע געגענטען זיינען גע־שטעלט געוואָרען אין קריגס־צושטאַנד, ווי, צום ביישפּיל, גאַנץ פּוילען. די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען צושמע־טערט, די מעהרסטע טוער זיינען געווען אַרעסטירט. אבער די רע־וואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבען ניט געקלערט וועגען אוועקלעגען זייערע וואַפען. עס איז געווען די האָפנונג, אז אויב נאָר מען וועט

האָבען געגוג אויסדויער און ווייטער מוטיג פירען דעם קאַמף, ווען מען סוף כל סוף ווידער ברעכען די רעאַקציע. רעוואָלוציאָנערע אַרויסטריטען ביי באַדינגונגען פון רעגירונגס-טעראָר וועלען סוף כל סוף דעמאָראַליזירען, צומישען און אנטמוטיגען די רעגירונג. אין אַזעלכע צייטען, ווען די רעוואָלוציאָנערע מאַסען-באַוועגונג ווערט פּאַראַליזירט, שטאַרקט זיך אָפּטמאָל דער רעוואָלוציאָנערער מוט פון פּאַרטייען און פון איינצעלנע העלדישע טוער, ווי דאָס איז געווען אין די לעצטע יאָהרען פון דער „נאַראָדנאַיא וואָליא".

אין עטליכע יאָהר ארום האָבען א צאָל פירער פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטען-מענשעוויקעס, ווי דאַן, מאַרטאָוו, פּאָטרע-סאָוו, מארטינאָוו, באַשלאָסען, אז מען דאַרף דעם סאָציאַליסטישען קאַמף פירען מיט געזעצליכע, דעמאָקראַטישע און פרידליכע מיטלען, אז מען דאַרף אָפּשאַפען, ליקווידירען די אונטערערדישע רעוואָלו-ציאָנערע באַוועגונגען. מען האָט זיי דעריבער א נאָמען געגעבען „ליקווידאַטאָרען". זיי האָבען פּאָראויסגעזעהן, אז קיין ערפאָלגרייכער רעוואָלוציאָנערער קאַמף וועט א לאַנגע צייט ניט קאָנען געפירט ווערען אין רוסלאַנד.

אָבער אין די ערשטע פּאָר יאָהר נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָהר 1905 האָבען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ניט געקלערט וועגען אויפגעבען זייער קאַמף. אַזוי האָט אויך דער „בונד" ווייטער גע-פירט זיין טעטיגקייט אין די גובערניעס פון דער אידישער „טשער-טאָ" (תחום, די געגענט, וואו אידען האָבען אין צאַרישען רוסלאַנד געמעגט וואוינען). און דער פּוילישער ראַיאָנער קאָמיטעט פון „בונד" האָט איינמאָל געשיקט וולאַדעק'ן אויפלעבען די צושמע-טערטע אָרגאַניזאַציע אין דער שטאָט לובלין.

די שטאָט איז געווען אונטער קריגס-צושטאַנד. די קאָמיטעט-מיטגלידער זיינען אַלע געווען אַרעסטירט. עס איז ניט געווען מיט וועמען עפּעס אָנצוהויבען צו טאָן. וולאַדעק האָט אין לובלין גע-פונען נאָר איין טוער, א שוסטער. ער האָט מיט דעם שוסטער אָפּגעהאַלטען א קורצע באַראַטונג, און מען האָט באַשלאָסען צו רופען א פאַרזאַמלונג. אָבער וואו? און פון וועמען? דער איינ-ציגער אָרט, וואו אידען האָבען זיך געקאָנט פאַרזאַמלען, איז געווען אין א אידישער שול. וולאַדעק איז גראד אָנגעקומען אין שטאָט

שבת, האָט מען באַשלאָסען צו רופען די פאַרזאַמלונג אין לובלינער שול־הויף.

דער שול־הויף איז געווען אַן אָפּגעשלאָסענער אָרט מיט א טויער. אינעווייניג זיינען געווען שולען און עטליכע הייזער. מען האָט אָנגעזאָגט אין די שולען, אַז 12 אַזייגער, נאָכ'ן דאַווענען, וועט זיין א פאַרזאַמלונג. פּונקט 12 אַזייגער זיינען מאַסען אידען ארויס פון די שולען, און די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבען. וולאַדעק איז ארויף אויף א פּלאַטפאָרמע און האָט גערעדט פּונקט 5 מינוט. לענגער ריידען וואָלט געווען אַן אומזין, ווייל עס וואָלטען זיכער באַלד אָנגעקומען סאָלדאַטען מיט קאָזאַקען. די פּאָליציי האָט טאַקע באַלד דערשמעקט, אַז עפּעס קומט פאָר אין שול־הויף, צופיל מענשען מיט אַמאָל קומען ארויס פון טויער. פּאָליציי, זשאַנדאַרען און סאָל־דאַטען זיינען באַלד אָנגעפלויגען. מען האָט געשלאָגען רעכטס און לינקס, עס האָבען זיך געהערט שרעקליכע געשרייען. וולאַדעק האָט זיך דורכגעגליטשט און איז אוועק.

וואוהין געהט מען אבער? אַלע זיינען אַרעסטירט, אַלע קוואַרטירען זיינען געפערליך. איז ער אוועק צו דר. מאַנדעלבוים, א באַקאַנטען, וואָס האָט נאָר סימפּאַטיזירט מיט'ן „בונד" (ער איז שפּעטער געווען א בונדיסטישער מיטגליד פון לובלינער שטאָט־ראַט). דאָרטען איז ער אפּגעזעסען עטליכע שעה און האָט באַשלאָסען, אַז ער מוז פון דאַנען אוועקגעהן. אין רוסלאַנד איז די אַכטונג צום געזעץ קיינמאָל ניט געווען גרויס, און איצט, ביי קריגס־צושטאַנד, זיינען אַלע געזעצען געווען אינגאַנצען אָפּגעשאַפט. די סאָלדאַטען און זשאַנדאַרען האָבען געמעגט טאָן וואָס זיי האָבען געוואָלט. בלייבען ביי דר. מאַנדעלבוים'ען אין דירה האָט געמיינט שטעלען זיין לעבען אין געפאַהר. עס איז שוין געוואָרען אוועגט. וולאַדעק איז ארויס אין גאַס און איז אוועק צום טעאַטער. דאָרטען האָט געשפּילט א רוסישע אָפּערעטען־טרופּע מיט א דעמאָלט באַוואוסטער זינגערין קאָוועצקאַיאַ אין דער שפּיץ. געשפּילט האָט מען עפּעס אַן אָפּערעטע פון אָפענבאַך.

מען דאַרף וויסען, אַז אין די רוסישע שטעט פלעגען דעם טעאַטער, באַזונדערס אָפּערע און אָפּערעטע, באַזוכען זעהר אָפט די העכערע אַדמיניסטראַטיווע באַאַמטע, ווי דער גובערנאַטאָר, דער

דאָס ערשטע קינד: ב. וולאַדעק, מעיזי און קלאַראַ וולאַדעק (זיין פרוי)

ב. וולאַדעק אין 1913־1914

אויבערשטע רייהע: נארבערט בראָמבערג, דער אײדעם „מעיזי״, די טאָכטער
מיטעלסטע רייהע: קלאַראַ וולאַדעק, (זיין פרוי) עימי״, דער מוזיניק
לעצטע רייהע: איירין ליכטערמאַן וולאַדעק (די שנור) „ביל״, דער עלטערער זוהן

ב. וולאַדעק — האַלטענדיג אַ רעדע ביי דער לויה פון וולאַדימיר מעדעם
אין יאַנואַר 1923

ב. וולאַדעק און ב. מיכאַלעוויטש ביים קבר פון וולאַדימיר מעדעם

פּאָליצמייסטער, א. אז. וו. אין פּוילען ווידער איז די רוסישע באַאמטע ניט געווען וואָס מקנא צו זיין, זיי האָבען זיך דאָ געפונען אין א פיינדליכען לאַנד, וואָס האָט געברענט מיט האַס צו זיי. אומגע־טום האָט מען גערעדט נאָר פּויליש, מען האָט זעלטען געהערט א וואָרט פון פארהאסטען רוסיש. און ווען א רוסישער באַאמטער פלעגט פון עמיצען אמאָל דערהערען רוסיש, פלעגט איהם פּשוט אָפּגעהן דאָס האַרץ, ער פלעגט זיך מיט אזא מענשען שטארק דער־פרעהען. ביי רוסישע אָפּערע אָדער אָפּערעטע־פאָרשטעלונגען פלעגט מען די רוסישע באַאמטע, פארשטעהט זיך, אלעמאָל טרעפען.

וואָלאַדעק האָט דאָ באַשלאָסען דורכצופירען א זעהר ריזיקאַלי־שען שפּיל, און עס האָט איהם גראָד אָפּגעגליקט. ממש ווי דורך עפּעס א נס האָט ער זיך דאָס מאָל ארויסגעראַטעוועט פון א זיכערען טויט. די גאַסען זיינען געווען פול מיט פּאָליציי, זשאנדארען, סאָל־דאַטען. מענשען פון די הייזער אין שול־הויף האָבען געוויס גע־זעהן וואָלאַדעק'ן, ווי ער האָט גערעדט, און האָבען איהם פאר דער פּאָליציי אָפּגעמאָלען: א הויכער, מיטברילען, א. אז. וו. ארויס־גנב'ענען זיך פון דער שטאָט איז ניט געווען די קלענסטע אויס־זיכט. וואָלאַדעק איז צוגעגאנגען צו דער קאַסע פון טעאַטער און האָט זיך געהייסען געבען דעם טייערסטען בילעט. ער האָט באַשלאָ־סען, אז ער האָט דאָ ניט וואָס צו פארלירען.

ער איז אריין אין טעאַטער און האָט זיך רוהיג און מיט א חשוב'ער מינע אוועקגעזעצט. לעבען איהם איז טאַקע געזעסען ניט קיין אנדערער, ווי דער פּאָליצמייסטער. וואָלאַדעק איז באַלד „פארכאַפּט געוואָרען" פון דער אָפּערעטע, און נאָך יעדען ארויס־טריט פון קאָוועצקאַיאַ האָט ער שטארק געפּאַטשט און געשריען הויך אויף רוסיש: „פּרעוואָסכאָדנאָ!" „וואָסכיטיטעלנאָ!" (גלענצענד! אנטציקענד!). ער האָט געפּיהלט אויף זיך די סימפּאַטישע, ווארימע בליקען פון רוסישען טשינאָווניק, וועלכער איז שטארק געווען צו־פרידען אי פון דעם, וואָס דער פרעמדער איז פונקט ווי ער אזוי פארקאָכט אין דער אָפּערעטע און דער זינגערין, אי וואָס ער רעדט דאָ, אין פּוילען, אזוי הויך אויף רוסיש. ער האָט זיך אודאי געקלערט, אז דאָס מוז זיין א מענש, וואָס איז אין דער פּראָווינץ־

שטאָט געקומען מיט עפּעס א רעגירונגס־שליחות. ווער דען וואָלט אין אזא צייט דאָ געווען?

נאָכ׳ן צווייטען אָקט קערט זיך וולאדעק אום צום פּאָליצ־מייסטער און אדרעסירט איהם אומיסטען מיט א טשין העכער, ניט „וואשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע", נאָר „וואשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ" (עקסעלענץ):

— וויפיל האלט אייער זייגער, עקסעלענץ?

— עלף, — ענטפערט א צופרידענער און געשמייכעלטער, דער כלומרשטער „עקסעלענץ".

— עלף! ס׳אַרא פּאַרדרוס! און איך מוז איצט פון דאנען אוועקגעהן. איך מוז כאפּען דעם צוג קיין ווארשע.

— א צוג קיין ווארשע היינט? דאָס איז אונמעגליך. דער וואָקזאל איז שטארק באוואכט, מען לאָזט קיינעם ניט דורך.

— אָבער עס איז מיר דורכאוים נויטיג. א ריין פּערזענליכער ענין, וועלכען איך קאָן בשום אופן ניט אָפּלעגען.

— דאַנילענקאָ! — גיט דער פּאָליצמייסטער א געשריי, און עס לויפט באלד צו א גאָראָדאָוואָי (פּאָליסמען) און ציהט זיך אויס, ווי א סטרונע. — פיהר אָפּ דעם הער צום וואָקזאל און זעץ איהם אריין אין ווארשעווער צוג און דערוועג זיך ניט צו קומען צוריק, ביז דער צוג וועט ניט אָפּגעהן! אָט איז א פּראָפּוסק (פּעס).

— סלושאיום! — האָט געענטפערט דאַנילענקאָ. זיי זיינען ארויס אין גאַס, האָבען גענומען א דראָזשקע צום וואָקזאל. ביי יעדען ראָג האָט מען זיי אָפּגעשטעלט, אָבער דורכגעלאָזען. דער וואָקזאל איז געווען פול מיט זשאנדארען. דאַנילענקאָ איז צוגעגאנגען צו זייער הויפּט און איהם געוויזען דעם פּראָפּוסק. וולאדעק האָט געקויפט ביי דער קאַסע א בילעט קיין ווארשע און איז מיט דעם גאָראָדאָוואָי אריין אין צוג. און ערשט ווען דער צוג האָט זיך געריהרט פון אָרט, איז דאַנילענקאָ ארונטערגעשפּרונגען.

שפּעטער איז וולאדעק געווען אין לאָדז, ווען דאָרטען איז געווען באַלאַגערונגס־צושטאַנד. ער האָט אָפּגעהאלטען א פארזאמ־לונג מיט ארום 100 ארבייטער. מען האָט אלעמען ארעסטירט, צו־זאמען מיט וולאדעק׳ן. אלע, אויסער וולאדעק׳ן, זיינען געווען לאָד־זער, איז געווען קלאָר, אז וולאדעק איז דער אנפירער, וועמען די

פּאַרטיי האָט אהער געשיקט. עס איז געווען ווינטער. מען האָט די אַרעסטירטע אָפּגעפירט אין מאַנעזש, אין א ניט־באַהייצטען לאַנגען קעלער, אָהן בעטען, טישען און בענק. מען האָט זיי אויסגעלעגט שלאָפען אויף דער הוילער ערד. וולאַדעק האָט דא פון טאָג צו טאָג געוואַרט, אז מען זאָל איהם אַרויספירען אין הויף און דערשיסען. ער איז דאָ צוזאַמען מיט אַלע אַרעסטירטע אָפּגעלעגען גאַנצע צעהן וואָכען. די שרעקליכע צעהן וואָכען זיינען גאַרניט אין פאַרגלייך מיט צעהן מינוט, וואָס ער האָט דאָ איינמאָל איבערגעלעבט.

עס איז געווען אַרום דריי אזייגער ביינאַכט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, דערפּיהלענדיג, ווי א סאָלדאַט שטעכט איהם מיט'ן באַיאָנעט אין שוך (אויסטאָן זיך האָט מען דא, פאַרשטעהט זיך, קיינמאָל ניט געקאָנט). דער סאָלדאַט הייסט איהם אויפשטעהן און געהן נאָך איהם. נו, פאַרשטעהט זיך שוין, וואָס דאָס מיינט. מיט די עלענבויגענס שטויסט וולאַדעק די חברים פון רעכטס און לינקס, זיך צו זעגענען מיט זיי. ער איז נאָכ'ן סאָלדאַט דורך דעם גאַנצען לאַנגען קעלער־קאָרידאָר, פאַרביי אַלע חברים. אזוי ווי וולאַדעק איז געווען א וויכטיגער אַרעסטאַנט, האָט מען איהם געלעגט אין ווייט־סטען ווינקעל. ענדליך איז ער צוגעקומען צו דער טיר. דאָרטען איז ביי א טישעל געזעסען אַן אָפיצער. וולאַדעק האָט זיך פאַר איהם אָפּגעשטעלט און געוואַרט אויפ'ן שרעקליכען באַפעהל. דער אָפיצער האָט איהם אבער אָנגעוויזען אויף ברעטער אנטקעגען איהם און געהייסען איהם זיך אוועקזעצען.

— עס איז דאָ אזוי אומעטיג, און איהר זייט דאָ דער איינ־ציגער, וואָס רעדט רוסיש. לאָמיר אביסעל שמועסען! — מאַכט דער אפיצער צו וולאַדעק'ן.

געראַטעוועט דעמאָלט וולאַדעק'ן פון טויט האָט גינא מעדעם, די שפּעטערדיגע פרוי פון בונדישען פירער וולאַדימיר מעדעם. זי איז דעמאָלט געווען א יונגע בונדיסטקע און האָט געאַרבייט אין לאָדז. עפּעס האָט זי זיך באַקענט מיט א רוסישען אָפיצער און האָט ביי איהם גע'פועל'ט צו העלפען ראַטעווען וולאַדעק'ן פון טויט. דער אָפיצער האָט איינגערוימט זיין קאָמאַנדיר, אז וולאַדעק איז עפּעס אַן אידיאָט, און דער קאָמאַנדיר האָט באַפוילען אַרויסצושיקען דעם אידיאָט מיט'ן עטאַפּ אין זיין היים־שטעטעל דוקאָר.

ווען מען האָט וואָלאַדעק'ן געבראַכט אין מינסקער טורמע, האָבן איהם די חברים אויפגענומען, ווי א געקומענעם פון יענער וועלט. זיי האָבן געהערט, אז מען האָט וואָלאַדעק'ן ארעסטירט אין לאָדז, און האָבן באשלאָסען, אז אין אַזאַ צייט האָט מען איהם דאָרטען זיכער דערשאָסען. מען האָט שוין איהם באוויינט, און עס האָט געזאָלט פאָרקומען א טרויער־מיטינג, וואו קאָליא טעפּער, וועלכער איז דאָרטען דעמאָלט ווידער געווען, האָט געזאָלט זיין דער הויפּט מספּיד.

אין דוקאָר האָט דער העכסטער פאָרשטעהער פון דער רעגירונג, דער אוריאַדניק, זיך אָנגעהערט פון די בעלי־בתים שרעקליכע זאכען וועגען וואָלאַדעק'ן, וואָס פאַר א געפעהרליכער רעוואָלוציאָנער ער איז. ווען וואָלאַדעק איז איצט אהין אָנגעקומען, האָט אויף'ן אוריאַד־ניק געגומען ציטערען די הויט. א קליינינקייט, אזא פאַראַנטוואָרט־ליכקייט, אזא יאָך, צו האַלטען ביי זיך אזא מין פויגעל! דיזעלביגע בעלי־בתים האָבען אָבער איצט אונטערגעשריבען א דאָקומענט, אז זיי גאַראַנטירען, אז טשאַרני (וואָלאַדעק) וועט זיך דאָ גוט אויפפירען, אָבער דער אוראַדניק האָט זיך ניט בארוהיגט. איינמאָל האָט ער פאַרבעטען וואָלאַדעק'ן צו זיך אויף א גרויסאַרטיגען מיטאָג מיט אויסגעצייכענטער רוסישער וואָדקאַ און ווייַן. מען האָט געגעסען און געשמועסט. דערנאָך נעמט דער אוראַדניק א גלעזעל וויין אין האַנט, שטעלט זיך אויף און רופט אויס: „זאַ סוואָבאָדו!” (פאַר פרייהייט!)

און ער נעמט איינטענה'ן מיט וואָלאַדעק'ן, אז פאַר אזא מענ־שען, ווי ער, איז א העק, ווי דוקאָר, ניט קיין אָרט. אזא וויכטיגער מענש מוז זיין אין גרויסע שטעט. ער מעג אוועקפאָרען. ווען וואָלאַדעק באמערקט, אז אָט האָבען דאָך די בעלי־בתים פון שטעטעל גאַראַנ־טירט פאַר איהם, זאָגט דער אוריאַדניק ניט קיין וואָרט, נעמט ארויס דעם דאָקומענט און צורייסט איהם אויף שטיקלאַך. וואָלאַדעק האָט זיך געריסען צוריק צו פאַרטיי־ארבייט, מען האָט איהם אומעטום געדאַרפט האָבען, איז ער טאַקע דעמזעלביגען טאָג אוועקגעפאָרען.

וואַלדעק'ס ליטעראַרישע טעטיגקייט

מיט די יאָהרען פון רעאקציע נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע איז גראד צונויפגעפאלען אן אויפלעבונג פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראטור. די פארטיי־אָרגאַניזאציעס זיינען צורשמעטערט געווארען, די מאסען און די אינטעליגענץ זיינען געווען אנטוישט און אנטמוטיגט. עס האָט זיך אבער געעפענט א ניי פעלד פאר טעטיגקייט און פאר א לעבעדיגען קאָנטאקט מיט די מאסען. עס האָט זיך אָנגעהויבען א קולטור־באוועגונג, מען האָט אומעטום געגרינדעט קרייזען און קלובען פאר אידישען געזאנג און אידישער ליטעראַטור. מען פלעגט פון ווילנע און אנדערע צענטערס ארויספאָדערען פאָפולערע אידישע שרייבער צו האלטען פאָרטראגען. ש. ניגער האָט דעמאָלט פארביטען זיין פארטיי־ארבייט אויף ליטעראַטור־קריטיק, און ער האָט זיך באלד געמאכט א נאָמען אלס קריטיקער. ער איז דעמאָלט געוואָרען איינער פון די פאָפולערסטע לעקטאָרען. וואלדעק האָט זיין פארטיי־ארבייט ניט געוואָרפען. אבער ער האָט געפונען גענוג צייט צו זיין זעהר טעטיג אויך אין ליטעראַטור און זשורנאליסטיק.

נאָך זייענדיג א פועל־ציון, האָט וואלדעק שוין געשריבען לידער. איין ליד זיינס, „איך וויל ניט קיין אייזערנע קייטען און וויל ניט קיין גאָלדענע קרוין", פלעגט מען זינגען ביי פועלי־ציוניסטישע פארזאמלונגען. פון דעמאָלט אָן האָט ער אין רוסלאנד און דערנאָך אין אמעריקע פון צייט צו צייט געדרוקט לידער, סקיצען, פאָעמעס אין פראָזע, פעליעטאָנען, הומאָריסטיש־סאַטירישע זאכען, ליריש־פובליציסטישע עסייען, אויסער ארטיקלען וועגען ליטעראַטור, קריטיקען, ביכער און טעאטער־רעצענזיעס, האלב־בעלעטריסטישע נאָטיצען וועגען פארשידענע זאכען און ערטער און ארטיקלען וועגען טאָג־פראגען פון סאָציאליסטישען און ארבייטער־לעבען און אויף אלגעמיינע און אידישע טעמעס. די פריער־דערמאָנטע קאָרעספאָנדענץ אין דער רוסישער צייטונג „מינסקי ליסטאָק" איז געווען דער אָנהויב פון א סעריע אזעלכע קאָרעספאָנדענצען.

וואלדעק'ס אייגענטליכע ליטעראַרישע און זשורנאליסטישע טעטיגקייט האָט זיך אָנגעהויבען אין ווילנע, ווען עס האָבען דארטען

גענומען ארויסגעהן פארשידענע אידישע צייטשריפטען און זאמעל־ביכער. ער האָט מיטגעארבייט אין אלע בונדישע צייטשריפטען, ווי „וועקער", „פאָלקס־צייטונג", א. אז. וו. ער האָט דארטען געדרוקט קאָרעספאָנדענצען, א סעריע „וואהל־קאמפאניע" פאר די וואהלען צו דער צווייטער דומע. זיינע „בליישטיפט־נאָטיצען" וועגען אידישע ליטעראַרישע ערשיינונגען האָבען געצויגען באזונדערע אויפמערק־זאמקייט. איין ארטיקעל וועגען מארים ראָזענפעלד'ן האָט שטארק פאראינטערעסירט פרצ'ן. דער ארטיקעל איז געווען אונטערגעשרי־בען מיט איינעם פון וולאדעק'ס פיל פסעוודאָנימס, באָניע ברכות. „ווער איז דאָס דער באָניע ברכות? — האָט פרץ אָנגעפרעגט אין א בריף צו דער „פאָלקס־צייטונג". — ער וועט אויסרייניגען די אוונגע־אישע שטאלען פון דער אידישער ליטעראַטור". (אוגעאם איז אין דער גריכישער מיטאלאָגיע געווען א קעניג, וועמעס פערד־שטאלען מען האָט יאָהרענלאַנג ניט גערייניגט, און זיי זיינען געווען שרעקליך פארשמוצט. דער העלד הערקולעס האָט זיי ענדליך אויסגערייניגט, דורכפיהרענדיג דורך זיי דעם טייך אלפעאס).

וולאדעק האָט אין ווילנע אויך רעדאקטירט אן איינמאָליגע אויס־גאבע „פאלענדע בלעטער", האָט ארויסגעגעבען צוזאמען מיט א. ליטוואק'ן א וואָכנבלאט „דער טאָג", האָט רעדאקטירט די ליטעראַ־רישע אָפטיילונג פון וולאדימיר מעדעמ'ס זאמל־ביכער „נייע צייט". מעדעם דערצעהלט אין זיינע זכרונות, ווי וולאדעק האָט איהם גע־האָלפען. „ער איז געווען אויסגעקאָכט מיט'ן ליטעראַרישען עולם. אליין האָט ער דעמאָלט געוואוינט מיט נאָמבערג'ן, און ער פלעגט זיך טרעפען מיט די אלע מענשען (ליטעראַטען). פלעגט ער ביי זיי נעמען ערצעהלונגען און לידער און ברענגען דאָס צו מיר. אזוי האָב איך באקומען באלד פאר'ן ערשטען נומער א שעהנע ערצעה־לונג פון משה זילבורג, א פאָר וואונדערבארע געדיכטען פון דוד איינהאָרן, א ליד פון דניאל טשארני, א. אז. וו. דער דאָזיגער ליטע־ראַרישער מאַטעריאל איז געשטאנען אויף א זעהר הויכער מדרגה..."

זיין ליטעראַרישע ארבייט האָט ער פאָרגעזעצט דערנאָך אין אמעריקע. ער האָט געדרוקט לידער אין „ארבייטער", „אידישע ארבייטער וועלט", „פרייע ארבייטער שטימע", א סעריע „ים לידער" און פארשידענע לידער און פאָעמעס אין פראָזע אין „צוקונפט", וואו

ער האָט אויך פאַרעפענטליכט סעריעס „קינדער פון פאָלק", קורצע סקיצען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, „וואונדער פון אמע־ריקע" און פארשידענע ארטיקלען און רעצענזיעס. ער האָט אויך געדרוקט רעצענזיעס און עסייען אין די זאמעל־ביכער „ליטעראטור", „טרוימען פון ווירקליכקייט", א. אז. וו. אין יאָהר 1910 האָט ער רעדאקטירט א „טעאטער־בלאט". ער האָט פאַרעפענטליכט ארטיקלען וועגען שלום עליכם, ח. נ. ביאליק און וועגען דער אמעריקאנער ליטעראַטור.

אין יאָהר 1917 איז אונטער ב. וולאדעק'ס רעדאקציע, מיט דער נאָהענטער מיטארבייטערשאפט פון ק. טעפער און לעאָן סאַ־וויטש, ארויס אן אויסגעצייכענטע אַנטאָלאָגיע פון סאָציאלען קאמף מיט'ן נאָמען „פון דער טיפעניש פון הארץ, א בוך פון ליידען און קאמף", ארויסגעגעבען פון פארלאג מילער און הילמאן, ניו יאָרק. די אַנטאָלאָגיע איז א פרעכטיגע אויסגאבע אין צוויי בענדער, האלט 546 זייטען און האָט אויסער צייכענונגען פון ס. ראסקין, א סך רעפּראָדוקציעס פון בילדער און סקולפּטורען.

די זאמלונג „פון דער טיפעניש פון הארץ" איז געווען א וויכ־טיגע געשעהעניש אין דער אידישער ליטעראטור, ווען זי איז ער־שינען מיט 18 יאָהר צוריק. ביז היינטיגען טאָג איז נאָך ניט ארויס־געגעבען געווארען אין אידיש, ניט אין אמעריקע און ניט ערגעץ אנדערשוואו, נאָך אזא וויכטיגע און שעהנע סאָציאלע אנטאָלאָגיע. כאָטש א געוויסער טייל פון דער רייכער זאמלונג האָט געהאט א צייטווייליגען אינטערעס, איז די גאנצע זאמלונג נאָך איצט אויך אזוי נוצליך און אינטערעסאנט, ווי זי איז געווען מיט ארום צוואנציג יאָהר צוריק, און מאָדערן אין שטאף, אויפפאסונג און שפּראַך. און עס וואָלט זעהר כדאי געווען זי ארויסצוגעבען אין א נייער אויפלאגע.

צווישען וולאדעק'ס אמביציעזערע ליטעראַרישע ארבייטען איז די וויכטיגסטע א קליינע ביבלישע דראמע „משה רבינו" (געדרוקט אין „צוקונפט" אין נאָוועמבער, 1920).

די דראמע „משה רבינו" איז א „היסטאָרישער שפּיל אין פינף בילדער". די פינף קורצע בילדער גיבען איבער פינף עפּיזאָדען אין דער קאריערע פון דעם גרויסען אידישען באפרייער, געזעצגעבער

און רעליגיע־גרינדער. די דאָזיגע זעהר אינטערעסאַנטע קליינע פּיעסע פון דער ביבלישער צייט, געבויט אויף׳ן מאַטעריאַל פון דער ביבעל, וועט פאַרשאַפען פאַרגעניגען יעדען סאָציאַליסט, אַזוי גוט ווי יעדען ליבהאָבער פון ליטעראַטור.

אין דעם ערשטען בילד ווערט זעהר געלונגען איבערגעגעבען דער ערשטער אַקט פון דער גרויסער דראַמע פון יציאת מצרים. איהר זעהט דאָ קלאָר די סאָציאַלע פאַרהעלטעניסען און באַציהונגען אין דער פאַרצייטיגער מלוכה פון די פּרעה׳ס, דאָס לעבען פון די אידישע מאַסען נאָך 430 יאָהר קנעכטשאַפט, און איינציגע טיפען מענשען צווישען זיי. אין צווייטען בילד איז משה אין מדבר ביים בארג חורב, וואו ער וועט שפּעטער געבען די באַפרייטע אידען זייער תורה, זייער לעהרע פון רעליגיעזען אידעאַליזם, סאָציאַלער גערעכטיגקייט און נאַציאָנאַלער איינציגקייט. איהר זעהט דאָ משה׳ן אין דעם פרידליכען הויזגעזינט פון זיין שווער יתרו. צום סוף באַ־שליסט משה זיך אומצוקערען קיין מצרים און דורכצופירען זיין גרויסע שליחות, ארויסצופירען זיין פאָלק פון דעם לאַנד פון קנעכטשאַפט.

דער קורצער קאַמף פון משה׳ן מיט פּרעה׳ן ווערט אויסגעצייכענט איבערגעגעבען אין דעם דריטען בילד. מיר זעהען דאָ פּרעה׳ן ביי א גרויסער פאָלקס־פייערונג פון דעם יעהרליכען יום־טוב פון דעם גאָט רע. לעבען פּרעה׳ן געפינט זיך זיין טאָכטער, וועלכע האָט געראַטעוועט משה׳ן אלס קינד און האָט איהם ערצויגען ווי א פּרינץ אין פּרעה׳ס פּאַלאַץ. עס געפינען זיך דאָ אונטערטעניגע קע־ניגען, פּרעה׳ס פּריסטער. און אָט קומט אָן משה און פאָדערט די פרייהייט פון זיין פאָלק אין נאָמען פון זיין גאָט, און אַזוי ווי ער פיהרט די אונטערהאַנדלונגען, ווערט פּרעה׳ן באַוויזען די גבורה פון דעם גאָט פון ישראל אין דער פאָרם פון די צעהן מכות. דאָס פאָלק ווערט באַפרייט און פאַרלאָזט מצרים.

דאָס פאָלק איז פריי, אבער עס איז נאָך ניט אינגאַנצען ערצוי־גען פאַר דער פרייהייט. און אין דעם פערטען בילד זעהען מיר דעם דאָזיגען פּיינליכען פּראָצעס, דעם אינערליכען קאַמף פאַר פרייהייט אין די נשמות פון די נעכטיגע קנעכט.

ביי דער ערעפענונג פון מעדעם סאַניטאַריום אין מעדזשישין אין 1924
ב. וולאַדעק, יוסף לעשטשינסקי (במורנע), ה. נאָמבערג, שלום אַש

1924. וולאַדעק קומט צופליהען קיין וואַרשע פון פּאַריז. ס׳באַגעגענען איהם
אויפ׳ן מאָקאָטאָווער פליה-פּלאַץ, ב. מיכאַלעוויטש, ג. זיבערט און נ.ח.



ПОСТАНОВЛЕНІЕ № 9

1905 года Мая 27 дня, я Отдѣльнаго Корпуса Жандармовъ Ротмистръ ..., принимая во вниманіе имѣющіяся въ Виленскомъ Охранномъ отдѣленіи свѣдѣнія о личности ..., на основаніи ст. 21 Положенія о Государственной Охранѣ, Высочайше утвержденнаго 14 Августа 1881 г., постановилъ: ... впредь до разъясненія обстоятельствъ настоящаго дѣла содержать подъ стражею въ Виленской губернской тюрьмѣ, о чемъ ему и объявить; копію съ сего постановленія препроводить въ мѣсто заключенія и Г-ну Прокурору Виленской Судебной Палаты.

Начальникъ Виленскаго
Охраннаго отдѣленія
Ротмистръ

פאַראָרדנונג וועגן וואָלאַדעק׳ס פאַרהאַפטונג אין ווילנער טורמע אין 1905



НАЧАЛЬНИКЪ
ВИЛЕНСКАГО
ГУБЕРНСКАГО
ЖАНДАРМСКАГО
УПРАВЛЕНІЯ.

2 Сентября 1905 г.

№ 8028

г. Вильна.

1817 Секретно.

Помощнику моему въ Виленскомъ уѣздѣ.

1926

Препровождаю при семъ для пріобщенія къ дознанію квитанцію Виленскаго Казначейства за № 702597 въ принятіи залога за обвиняемаго Ч а р н а г о .-

Генералъ-Маіоръ

קוויטאַנציע (קבלה) פון ווילנער קאַזנאַטשעיסטוואָ אויף׳ן „זאַלאָג“ (געלט-
משכון) פאַר וואָלאַדעק׳ס באַפרייאונג פון ווילנער טורמע

אין דעם קורצען לעצטען בילד זאמעלט משה צונויף זיין פאָלק און זאָגט איהם אָן, אַז עס איז געקומען די צייט פאַר איהם צו שטאַרבען. ער האָט דערפירט דאָס פאָלק ביז צום שוועל פון צוגעזאָגטען לאַנד, אבער איהם איז נים באַשערט דאָס לאַנד צו באַטרעטען. ער קאָן נאָר זעהן דאָס צוקונפטיגע לאַנד פון זיין פאָלק פון א באַרג אויפ׳ן מזרח ברעג פון ירדן.

וואָלאדעק פאָלגט ניט נאָך וואָרטערליך דעם טעקסט פון דער ביבעל, און דאָס איז דורכאויס ניט נויטיג. לויט דער ביבעל האָבען די עלטסטע פון פאָלק מקבר געווען משה׳ן אויף א געוויסען אָרט אין מואב, אָבער קיינער האָט דערנאָך ניט געוואוסט, וואו משה׳ס קבר געפינט זיך. ביי וואָלאדעק׳ן געהט משה ארויף אויף א באַרג און ווערט דאָרטען פאַרשוואונדען.

א „גרינער" פאָהרט דורך אַמעריקע פון ברעג צו ברעג

די רעאקציע אין רוסלאַנד האָט זיך באַפעסטיגט, און א טיפע אנטוישונג האָט ארומגעכאַפּט די פאָלקס־מאַסען. די רעוואָלוציאָנערע ארבייט האָט זיך כמעט אָפּגעשטעלט, און עס איז געוואָרען אַלץ שווערער זי צו פיהרען אין די באַדינגונגען פון געזעלשאַפט־ליכער גלייכגילטיגקייט און פון רעגירונגס־טעראָר. פאַר וואָלאדעק׳ן איז אונמעגליך געוואָרען וויטער צו בלייבען אין רוסלאַנד, און אין נאָוועמבער פון יאָהר 1908 איז ער אוועקגעפאָרען קיין אמעריקע.

אין „פאָרווערטס" פון 3טען דעצעמבער, 1908, איז ערשינען א נאָטיץ וועגען וואָלאדעק׳ס אָנקומען אין ניו יאָרק, און באַלד האָט מען איהם געמאַכט א קבלת פנים אין קלינטאָן האָל.

באַלד נאָך זיין קומען קיין אמעריקע האָט זיך ב. וואָלאדעק אריינגעוואָרפען אין דער היגער סאָציאַליסטישער ארבייט. די אידישע סאָציאַליסטישע אגיטאַציאָנס־ביוראָ האָט אָרגאַניזירט פאַר איהם א טור איבער אמעריקע, און וואָלאדעק איז דורכגעפאָרען גאַנץ פאַר־אייניגטע שטאַטען און קענעדע ביז סאַן פראַנציסקאָ און וואַנקואָ־ווער מיט סאָציאַליסטישע פאָרטראַגען אויף אידיש. קיין אידישער רעדנער האָט נאָך ביז דעמאָלט דאָס ניט באַוויזען צו טאָן, און וואָלאדעק איז נאָך דעמאָלט געווען א „גרינער". אַזעלכע טורס האָט

ער געמאַכט פאַר דער אַגיטאַציאָנס־ביוראָ עטליכע אין די יאָהרען 1910 ביז 1912. אבער וולאַדעק איז זעהר גיך געווארען אוים „גרינער". צוויי יאָהר נאָכדעם, ווי ער איז אָנגעקומען קיין אמע־ריקע, האָט ער שוין געהאַלטען א רעדע אין ענגליש ביי א פארזאמ־לונג אין פיטסבורג.

וולאַדעק איז געווען א שטענדיגער מיטארבייטער פון דער וואָכען־צייטונג פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, „די

Forward פאָרווערטס Vorwärts

72,353

12 № 3854 New York and Philadelphia Thursday December 3 1908

דער „יונגער לאַסאַלל" אין נויאָרק.

מיט. איינינע טעג צוריק איז געקומען אין ניו־יאָרק דער זעהר פאפולערער בונ־דיסטישער אַגיטאַטאָר, וועלכער איז בע־קאַנט אין דער ליטע און אין פוילען אונ־טער דעם נאָמען „דער יונגער לאַססאַל". אויסער זיין אַגיטאַציאָנס־טהעטיגקייט איז לעקטשורס ספעציעל איבער אידישע ליטעראַטור, טרעפען מיר זיין נאָמען אונ־טער פערשיעדענע פסעוודאָנימען אין דער בונדיסטישער פרעסע: (באַנטשע שוויגס איינקעל, ב. ברכות, וולאַדעק, און ז. וו.). עס איז כמעט ניטאָ קיין איין שטאָדט און קיין איין שטעדטעל אין ליטע און פוילען, וואו מען זאָל ניט קענען „דעם יונגען לאַססאַל". א בעזאָנדערס שטאַר־קען אַנטהייל האָט ער גענומען אין די וואהל־קאַמפיינס צו דער 2טער און 3טער דומאַ; זיינע פערזאַמלונגען האָבען איבע־ראַל צוגעצויגען די גרעסטע קהאָלס, זעלבסטפערשטענדליך, אַז אויך איהם האָט זיך ניט איינגעגעבען אימער נצול צו ווערען פון די זשאַנדאַרמסקע לאַפעס, און ער איז שוין 2 מאָהל געזעסען אין טורמע. ארויסטרעטען אין ניו־יאָרק וועט ער צום ערשטען מאָהל נעקסטען זונטאָג ביינאַכט, אין נירקלינטאָן האָלל.

די מעלדונג אין „פאָרווערטס" פון דעם 3טען דעצעמבער 1908, וועגען וולאַדעק'ס אָנקומען אין אמעריקע.

נייע וועלט", און נאָך דער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון דעם „וועקער", אָרגאַן פון דעם אידישען סאָציאַליסטי־שען פאַרבאַנד. דאָ האָט ער געדרוקט פאַרשידענע ארטיקלען און א סעריע פובליציסטישע פעליעטאָנען „בריוולאַך צו א פריינד".

אין „פאָרווערטס"

אין דער צייט, ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען די צוויי גרויסע פאָלקס־באַוועגונגען אין אידישען לעבען, די אידישע סאָציאַליסטישע פארטיי „בונד" און די ציוניסטישע באוועגונג, האָט זיך דאָ אין

גענ. װלאַדעק

װעלכער איז בעקאַנט אין רוסלאַנד אונטער דעם נאָמען דער

יונגער לאַסאַל

װעט ארויסטרעטען צום ערשטען מאָל אין אמעריקא

זאנטאג, 6טען דעצעמבער,

2 אוהר נאָכמיטאג

אין ניו קלינטאָן האָלל, 151 קלינטאָן סטריט.

אויך װעלען רײדען דיא גענאָסען װינטשעװסקי און מאיר לאָנדאָן. טשערמאַן, דר. גורעװיטש.

——ארראַנזשירט פון——

נויאָרקער ברענטש פון בונד

איינטריט 10 סענט.

דער אָנאָנס אין „פאָרווערטס" וועגען דעם ערשטען עפענטליכען ארויסטריט פון ב. וולאַדעק.

אמעריקע געגרינדעט אן אינסטיטוציע, וועלכע האָט אויך געהאַט אן אומגעהייערען איינפלוס אויפ'ן אידיש־סאָציאַליסטישען און פאָלקס־לעבען אין אמעריקע און אויך אין אנדערע לענדער, וואו אי־דען וואוינען. דאָס איז געווען דער „פאָרווערטס".

אונטער דער אָנפיהרונג פון דעם שריפטשטעלער און זשורנאַליסט אב. קאהאן, איינעם פון זיינע גרינדער און זיין שטענדיגען רעדאקטאר, איז דער „פאָרווערטס" אויסגעוואקסען און איז געוואָרען שטארק אין די יאָהרען, ווען אין רוסלאנד האָט זיך אנטוויקעלט א גרויסע מאסען־באוועגונג פאר דער ערשטער רעוואָלוציע. און ווען אין רוסלאנד האָט זיך אָנגעהויבען די רעאקציע, און די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג איז אויף פיל יאָהרען כמעט אינגאנצען אָפּגעשטעלט געווארען, איז דער „פאָרווערטס" ווייטער געוואקסען, ביז ער איז געווארען גרויס און מעכטיג, די גרעסטע אידישע צייטונג, וואָס איז ווען עס איז געווען, און די גרעסטע אידיש־סאָציאליסטישע אינסטיטוציע.

דער רעדאקטאר פון „פאָרווערטס" האָט זיך פון אָנהויב אָן געשטעלט די אויפגאבע צו מאכען פון „פאָרווערטס" א גרויסע פאָלקס־צייטונג. אום דאָס צו ווערען, דארף דער „פאָרווערטס", ערשטענס, זיין א צייטונג, און צווייטענס, דארף ער צוקומען צו די ברייטע מאסען, צום פאָלק. און דער „פאָרווערטס" איז געוואָרען די אידישע פאָלקס־צייטונג. און ניט אומזיסט זאגט מען, אז דער רעדאקטאר פון „פאָרווערטס" רעדאקטירט אלע אידישע צייטונגען.

דער באוואוסטער אמעריקאנער פובליציסט און זשורנאַליסט אָסוואלד גאַריסאָן ווילאַרד, געוועזענער רעדאקטאר פון דער היגער „איוונינג פאָוסט" און פון וואָכענבלאט „די נעישאָן", וועמעס פאַמיליע איז אין פארלויף פון דורות געווען פארבונדען מיט אמעריקאנער צייטונגען, האָט אין א בוך וועגען אמעריקאנער זשורנאַליזם א באַגייסטערטען ארטיקעל וועגען „פאָרווערטס" און זיין רעדאקטאר. ער שרייבט: „וועלכע ניו יאָרקער טעגליכע צייטונג, רעכענט איהר, איז די אינטערעסאנטסטע?" ער דערמאָנט א פּאָר אמעריקאנער צייטונגען און גיט צו: „מיין מיינונג איז, אז דער אידישער „פאָרווערטס" פארטונקעלט זיי אין עטליכע הינזיכטען".

און ווייטער שרייבט ווילארד וועגען דעם רעדאקטאר פון „פאָרווערטס": „און דאָ מוז איך אייך פאָרשטעלען דעם קראפטפולען אמעריקאנער זשורנאַליסט, דעם רעדאקטאר פון „פאָרווערטס". דאָס איז אייבראהעם קאהאן, וואָס האָט א לאנגע צייט פארעפענטליכט אין היגע ענגלישע צייטונגען און זשורנאלען גלענצענדע הומאָרפולע

און פּאַטעטישע סקיצען, ערצעהלונגען און ראָמאַנען פון אמעריקאַ־נער אידישען לעבען. ער איז א מערקווירדיגער זשורנאַליסט און האָט מיטגעאַרבייט אין היגע ענגלישע צייטונגען, ער איז א נאָוועליסט, א מאַן מיט א זעלטענער פאַרשטענדעניש פון זיין פאָלק און פון דער מענשליכער נאַטור. און ער איז אויך אן אמעריקאַנער".

דער „פאָרווערטס" האָט געמוזט צוציהען צו זיך אלץ, וואָס איז ווערטפול און ווירקענד אין סאָציאַליסטישען און אידישען לעבען. דער „פאָרווערטס" האָט צוגעצויגען אלע אידישע סאָציאַליסטען, וואָס שטעהען אויפ'ן באָדען פון דעמאָקראַטישען סאָציאַליזם, און א גרויסען טייל פון די בעסטע אידישע שריפטשטעלער און זשור־נאַליסטען. דעריבער ווען וולאַדעק איז אהער געקומען, איז געווען די נאַטירליכסטע זאַך, אז ער זאָל צוגעצויגען ווערען צום „פאָר־ווערטס".

אין דעצעמבער פון יאָהר 1912 איז ב. וולאַדעק געוואָרען פאַר־וואַלטער פון דעם פילאַדעלפיער אָפיס פון „פאָרווערטס" און האָט אָנגעהאַלטען דעם אמט ביז אפּריל פון דעם יאָהר 1916. דעמאָלט איז ער געוואָרען סיטי עדיטאָר (נייס רעדאַקטאָר) אין „פאָרווערטס" און איז דאָס געבליבען ביז יאַנואַר פון יאָהר 1918. אין אויגוסט פון יענעם יאָהר איז וולאַדעק ערוועהלט געוואָרען מענעדזשער פון „פאָרווערטס", און דעם אמט האַלט ער אָן ביז איצט.

אין „פאָרווערטס" האָט וולאַדעק זיך באַטייליגט פון צייט צו צייט מיט פאַרשידענע אַלגעמיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען, רעצענ־זיעס וועגען ביכער און טעאַטער, אַרטיקלען וועגען פראַגען פון סאָציאַליסטישען און אַרבייטער לעבען, א. אז. וו. ער האָט אין „פאָרווערטס" געדרוקט א סעריע אַרטיקלען „אמעריקאַנער שטעט". ער האָט אויך מיטגעאַרבייט אין דער ענגלישער סאָציאַליסטישער פּרעסע, האָט פאַרעפענטליכט אן אַרטיקעל וועגען לינקאָלן אין „לאָ־קאָמאָטיוו אינדזשינירס דזשורנעל" און רעצענזיעס אין דער „נעי־שאָן" און אין „הערעלד טריביון".

וולאַדעק האָט לעצטענס געהאַט אין ניו יאָרק א דעבאַטע מיט בערל לאָקער, דעם פירער פון דער „הסתדרות" (פּאַלעסטינער סאָ־ציאַליסטישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע). די דעבאַטע איז געווען וועגען דעם טראַנספער־אָפּמאַך, וואָס די ציוניסטען האָבען געשלאָסען מיט

דער איצטיגער המן־רעגירונג פון דייטשלאנד ארויסצופירען קיין פאלעסטינע דייטשע אידען און א טייל פון זייער פארמעגען אין דער פארם פון דייטשע סחורות. וולאדעק איז ארויסגעטראטען געגען דעם אפמאך, און בערל לאקער האט דעם אפמאך פארטיידיגט.

וולאדעק האט דא געהאט דריי אנדערע דעבאטען: אין יאהר 1920 מיט י. ב. סאלוצקי'ן, דעם פירער פון דער אידישער סאציאַליסטישער פעדעראציע, וועלכער איז מיט א גרויסען טייל פון דער פעדעראציע אריבערגעגאנגען צו דער קאמוניסטישער פארטיי; אין יאהר 1921 מיט וולאדימיר מעדעם'ען, און אין יאהר 1930 מיט דר. חיים זשיטלאווסקי'ן.

מיט י. ב. סאלוצקי'ן איז די דעבאטע געווען וועגען דער באלשעוויסטישער איבערקערעניש אין רוסלאנד. מיט דר. זשיטלאווסקי'ן האט וולאדעק דעבאטירט וועגען דער ראל פון דער אידישער שפראך אין אמעריקאנער אידישען לעבען. די דעבאטע מיט מעדעם'ען איז ארויסגעוואקסען פון דעם פאלגענדען אינטערעסאנטען פאל.

וולאדעק איז דעמאלט געווען אן אלדערמען. עס זיינען אנגעקומען אין ניו יארק דר. חיים ווייצמאן און פראפעסאר אלבערט איינשטיין, און א פארשלאג איז געמאכט געווארען אין דער באָרד אָוו אלדערמען אנצוטאן די חשוב'ע געסט דעם טראדיציאנעלען כבוד פון געבען זיי „די פרייהייט פון דער שטאט". אזא מין באשלוס דארף אנגענומען ווערען איינשטימיג. אבער אט האט זיך אויפגעשטעלט א רעפובליקאנער אלדערמען מיט'ן נאמען קאלינס, א שטיקעל אנטיסעמיט, און האט ערקלערט, אז ער איז געגען דעם פארשלאג, אז מען דארף די צוויי „פרעמדע" אזא כבוד ניט אנטאן. דערביי האט ער זיך אליין רעקאמענדירט, ווי אן עכטען אמעריקאנער, וועמעס עלטער־עלטער־זיידע איז געווען סעקרעטאר פון לארד באלטימאר, דעם גרינדער פון דער שטאט, וואס טראגט זיין נאמען.

דער טעמעני פירער פון דער באָרד אָוו אלדערמען האט איינגעזעהן, אז דער אומאנגענעמער אינצידענט קאן זיין שעדליך. עס טויג ניט פאר טעמעני זיך איינצורייסען מיט דער אידישער באפעלקערונג. אבער צווישען די טעמעני אלדערמען האט ער ניט געפונען קיינעם, וואס זאל קאנען געבען א געהעריגען ענטפער דעם אנטיסעמיטישען רעפובליקאנער. האט ער זיך געווענדעט צו

וולאַדעק׳ן, ער זאָל דאָ ראַטעווען. וולאַדעק האָט קאַלינס׳ען גענענט־פערט אזוי, אז קאַלינס האָט דערנאָך באלד צוריקגעצויגען זיין איינ־ווענדונג, און דער פאָרשלאָג צו עהרען וויצמאַנ׳ען און איינשטיינ׳ען איז אָנגענומען געווארען איינשטימיג.

וולאדעק׳ס רעדע איז דעמאָלט געווען איבערגעדרוקט אין אלע היגע אמעריקאנער ציטונגען. צווישען אנדערעס האָט ער געזאָגט: „מר. קאלינס׳עס עלטער־עלטער־זיידע איז געווען א סעקרעטאר ביי לאָרד באלטימאָר. מיר ווייסען דאָך, וואָס דאָס האָט באדייט. ער האָט מסתמא געפוצט דעם לאָרד׳ס שטיוועל און האָט איהם באדינט אויף אנדערע אופנים. מיין עלטער־עלטער־זיידע און דער עלטער־עלטער־זיידע פון וויצמאַנ׳ען און איינשטיינ׳ען איז אבער אויך געווען א סעקרעטאר ביי א לאָרד (דאָס איז א וואָרט־שפיל: „לאָרד" מיינט אויך גאָט). דאָס איז געווען משה, וואָס האָט אויסגעפירט גאָט׳ס שליחות און האָט באפרייט זיין פאָלק פון קנעכטשאפט און וואָס האָט דערנאָך, ווי א גוטער סעקרעטאר, פארשריבען אויף לוחות גאָט׳ס צעהן געבאָט".

מעדעם האָט דעמאָלט באשלאָסען, אז א סאָציאליסט דארף זיך ניט מישען אין אן אנגעלעגענהייט, וואָס רירט אָן טעמעני און די ציוניסטען. וולאדעק ווידער האָט געהאלטען, אז עס זיינען פאראן אלגעמיינע אידישע פראגען, וואָס געהען ארויס פון די ראַמען פון פּארטיי־אינטערעסען, ווערען אן ענין פון גאַנצען פאָלק, און א אי־דישער סאָציאליסט מעג און דארף זיך יע מישען אין אזא מין ענין. וועגען דעם איז געווען די דעבאטע צווישען זיי.

אין פּאָליטישען און געזעלשאַפטליכען לעבען

וולאדעק האָט פון דער צייט אָן, ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע, געהערט צו דער סאָציאליסטישער פּארטיי און איז אין איהר געווען טעטיג. שוין אין יאָהר 1915 איז ער אין פילאדעלפיע געווען קאנדידאט פאר דזשאָדזש אוו אָרפענס קאורט. זינט דעמאָלט איז ער פיל מאָל געווען א קאַנדידאט אין וואהלען, האָט אנגעפירט לעבהאפטיגע קאמפעינס און האָט אפטמאָל באקומען א גרויסע צאָל שטימען. אין די יאָהרען 1918, 1920 און 1921 איז ער ערוועהלט

געוואָרען אַלדערמען אין ניו יאָרק. זינט פעברואר פון יאָהר 1934 איז ער א מיטגליד פון דער „האוזינג אויטאָריטי", וואָס האָט די אויפגאַבע אויפצובויען אין ניו יאָרק געזונטע מאָדערנע וואוינונגען.

וולאַדעק איז דער אָנפירער פון דער סאָציאַליסטישער ראַדיאָ־סטיישאַן אויפ'ן נאָמען פון וויקטאָר יודזשין דעבס — „דאַבעליו־ אי־ווי־די". ער איז א מיטגליד אין דער „ליג פאַר אינדאָסטריעל דע־מאָקראַסי" און פאַרשידענע אנדערע אָרגאַניזאַציעס.

נאָך דער מלחמה, ווען מען האָט אין אמעריקע אָרגאַניזירט א ברייטע און פיל־פאַרצווייגטע הילפס־ארבייט פאַר די פאַראומ־גליקטע און רואינירטע אידען פון מזרח־איירָאָפּע, איז וולאַדעק געוואָרען טעטיג אין די הילפס־אָרגאַניזאַציעס. ער איז שפּעטער געווען א פירער אין דעם „פאָלקס־געצייג־קאַמפּעין", וואָס האָט גע־דאַרפט באַזאָרגען פאַראָרימטע אידישע בעל־מלאכות אין איירָאָפּע מיט געצייג. פון דער אָרגאַניזאַציע איז שפּעטער אויסגעוואַקסען דער אמעריקאַנער „אָרט". דער „אָרט" איז איינע פון די סימפּאַטישסטע און וויכטיגסטע אידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס. דער „אָרט" טוט זיין אויסערגעוועהנליך וויכטיגע קאָנסטרוקטיווע הילפס־ארבייט באַ־שיידען און שטיל און טוט זעהר פיל אויף. ער פירט אָן פאַך־שולען, וואו אידישע יונגעלייט לערנען זיך מלאכות, צו קאָנען פאַרדינען אויפ'ן לעבען. ער העלפט דער פאַראָרימטער אידישער באַפעלקע־רונג פון די מזרח־איירָאָפּעאישע לענדער אויף פאַרשידענע אופנים. וולאַדעק איז פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר פרעזידענט פון אמערי־קאַנער „אָרט". ער איז אויך א מיטגליד פון דעם עקזעקוטיווען קאָ־מיטעט פון דעם ווילנער אידישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט, פאָרזיצער פון אידישען ארבייטער קאָמיטעט, א. אז. וו.

וולאַדעק'ס טעטיגקייט אין סאָציאַליסטישען און געזעלשאַפט־ליכען לעבען, אלגעמיינעם און אידישען, סיי פון אמעריקע און סיי פון איירָאָפּע, איז א פיל־פאַרצווייגטע, — ווי זיינע אינטערעסען זיינען פילפאַכיג. מיר זעהען דאָס פון דעם קורצען איבערבליק פון זיין לעבען און טעטיגקייט. זיין לעבענס־געשיכטע ביז איצט איז א שעהנער רעקאָרד פון א זעהר רייכער פאַרגאַנגענהייט, וואָס זאָגט צו פונקט אזא רייכע צוקונפט, ווארום וולאַדעק איז נאָך איצט ערשט אינגאַנצען 50 יאָהר אַלט.

לידער

די שטים, וואָס האָט גערעדט...

די שטים וואָס האָט גערעדט צו משה׳ן און סאָקראַט׳ען
אין וויסטעניש ביים באַרג און אויף די מערק פון אַטען,
די שטים רעדט אויך צו מיר.
און כ׳זעה די גאַנצע וועלט און יעדע זאַך באַזונדער,
און ווייס אַז אַלץ איז קלאָר און אַלץ איז אויך אַ וואונדער,
און — אָפען יעדע טיר.
און טיפער איז מיין וועה, ווייל ווייטער איז מיין ראיה,
און ס׳לאָקט מיך ניט קיין קרוין, און ס׳שרעקט מיך ניט קיין תליה,
ווייל דער וואָס האָט גערעדט צו משה׳ן און סאָקראַט׳ען
פון מדבר־הימעל הויך און דורך געדיכטע גראַטען,
די שטים רעדט אויך צו מיר.

איך וויל ניט קיין אייזערנע קייטען

. . . איך וויל ניט קיין אייזערנע קייטען,
איך וויל ניט קיין גאָלדענע קרוין,
די קנעכטשאַפט איז מיאוס און ביטער —
זי מעג זיין די גאָטהייט אַליין!

איך ווייס ניט פון מורא פאַר לייטען,
איך ווייס ניט פון כורעים פאַר גאָט,
מיין האַרץ איז מיין קנעכט און באַפעלער,
מיין ווילען איז אויך מיין געבאָט . . .

זאָל שילטען דער קליינליכער שונא,
זאָל שאַרפען זיין טעמפּיגען שווערד —
צו זינקען אין פינסטערען אָפּגרונט
איז איהם פון מיין צוקונפט באַשערט . . .

איך שפּין מיר מיין פאָדעם פון שטראַלען,
איך וועב מיר מיט גלויבען מיין פאָהן, —
פון די וועלכע שפּילען אין לעבען
געווינט נאָר דער דרייסטער דעם קאָן . . .

היינט איז מיר אומעטיג, היינט איז מיר שווער

היינט איז מיר אומעטיג, היינט איז מיר שווער,
ס'וואַרעמט די באַק מיר אַן איינזאַמע טרער
און כ'ווייס ניט פאַר וואָס...
שוין געל איז דאָס גראָז
אין די פאַרקען די פויגלען פאַרשטומט.
קומט, ברידער, קומט
אויפ'ן קבר פון זומער, אויפ'ן עלענדען קבר פון זומער.
א דיכטער א שטומער
דאָרט יאָמערט און קושט די פאַרוויאַנעטע בלעטער,
עס שלאָפען פאַר'שכור'ט די געטער,
און אָטעמען מיט שכור'ע ווינדען,
און פאַלענדע בלעטער זיך צינדען
מיט'ן לעצטען פאַר'כשופ'טען פלאַם...
כ'זעץ מיך צו אויף א שווארצען פארווערימטען שטאַם
און ס'גיסען זיך זודיגע טרערען.
ווער קען געגען אָסיען זיך וועהרען?
ווער קען זיין אין אָסיען א העלד?
די ליבע פאַרשווינדט אין די הייזער,
די בלומען צושטאַרבען פון קעלט...

מאָדערן

די האַנד, וואָס האָט געבלאָנדזשעט איבער דיין געזיכט,
דער מויל, וואָס האָט געקושט דיין ווארימען האַלז און שטערן,
דאָס אויג, וואָס האָט געזאַפּט פון דיר זיין צאַרטעס ליכט,
דאָס אלעס וועט צופוילען און פארוועריִמט ווערען...
איך זעה מיך מאָרגען ליגען אויף א שוואַרצער מטה,
באוועגלאָז, שטום און קאַלט, ווי ג׳וויסטעניש א שטיין
און אויף מיין ברוסט א קראַנץ פון רויזען האלב פאַרבליהטע,
און איך, די וועלט און דו — מיר וועלען זיין אליין...
ניט וויין, ניט פרעג, ניט וויין. נאָר געה פאמעלאך צו
און גיב מיר שטיל און צאַרט דעם לעצטען קוש אין שטערן
און לאָז די פריינד מיך טראָגען צו מיין לעצטע רוה,
וואו איך וועל מעהר ניט זעהן און ניט מעהר באַגעהרען...

צו א. ליעסין

איך זעה דורכ׳ן מדבר אַ וועג,
א ברוינעם, א שטויביגען, ענדלאָזען וועג,
אַ שלענגעלדיג שמאָלען און שטיינערנעם וועג,
צווישען קאַקטוס און דערנער און בערג.

איך זעה דורכ׳ן מדבר א וועג,
א וואַסערלאָז, אָפּרולאָז, שטיינערנעם וועג,
צווישען שטעכיגען קאַקטוס און פעלזיגע בערג —

איך נעהם אָט דעם וועג.

קענט איהר צוויי שוועסטער —
באַצויבערענד — שעהן

קענט איהר צוויי שוועסטער — באצויבערענד — שעהן,
כ׳ליב זיי און האַס זיי, איך לאַך און איך וויין —
איינע אַ שוואַרצע, די צווייטע איז רויט —
איינע איז ליבע, די צווייטע איז טויט...
קענט איהר צוויי שוועסטער — זיי זיינ׳ן אומעטום,
— ריידען און זינגען און זיינען דאָך שטום,
ס׳רוימט מיר די איינע: כ׳ליב דיך א גרויל!
ס׳שמייכעלט די צווייטע און קושט מיך אין מויל.
קענט איהר צוויי שוועסטער פון אומגליק און גליק,
קומען נאָר איינמאָל און קיינמאָל צוריק,
איינע א שווארצע, די צווייטע איז רויט —
ווער איז די ליבע און ווער איז דער טויט?

געדאַנקען אין גאָרנישט פאַרזונקענע

געדאַנקען אין גאָרנישט פאַרזונקענע,
געפיהלען ניט טיעף און ניט קלאָר,
בארופען אין תאוה דערטרונקענע
חלומות — אין אָפּגרונד פון וואָהר —
כ׳שטרעק אויס מיינע הענד צו דער אויביגקייט,
מיט אויגען באטרערטע פון פיין —
כ׳בין מיד פון דער מענשליכער שטויביגקייט
און ליידענשאפט׳ס גיפטיגען וויין...
באשירעמט מיך וועלטען דערווייטערטע
פון מענשליכע טוגענד און זינד,
זאָל גרייכען צו אייך, א געלייטערטע,
ס׳געבעט פון א מענשליכען קינד.

איך ווייס, מיין פריינד, עס איז די שעה נאָך ניט געקומען

איך ווייס, מיין פריינד, עס איז די שעה נאָך ניט געקומען,
און ס׳שפּילט זיך נאָך אין וויג דער צוקונפטיגער העלד;
און ס׳פוילען נאָך אין דר׳ערד די קערנער פון די בלומען,
וואָס וועלען זיך פאַנאַנדערבליהען ג׳צוקונפטס זוניג פעלד.
און דאָך בין כ׳לאַנג שוין וואך און שטים אָן הויך מיין לירע,
און שמיר מיט פעטען אויל מיין אַלט־פאַרראָסטען שווערד.

ווייל כ׳ווייס, אַז ס׳קרעהט דער האָן שוין באַלד זיין מאָרגען־שירה —
אַ ראָזער אָנזאָג — נעבעל שפּרייט זיך איבער דר׳ערד.
איך וויל אין נאַכט ניט וואַרטען אויף משיח׳ס האָרן
איך וויל ניט זיין ערוואַכט פון צייט׳ס פאַרזשאַווערט רוט —
איך בין פאַר הויכע לידער און פאַר קאַמף געבאָרען,
און ס׳בלעזעלט תמיד הייס מיין ליידענשאַפטליך בלוט.

עי, שפּינט זיך, וועבט זיך טרוימען, ס׳געהט א נייער מאָרגען,
איך זעה ווי אויפ׳ן קבר פון די גראָהע זאָרגען,
פירט אָן די מאָרגען־זון א פרעהליך קאַראַהאָד.

דיין האַרץ איז א גאָרטען, א זוניגער גאָרטען

דיין הארץ איז א גאָרטען, א זוניגער גאָרטען,
וואו דופטיג די בלומען נאָר בליען,
פאר ליליען־מזבחות, פארטריקענטע געטער
פון גריכענלאנד אלטער דאָרט קניען.
דיאָניס און ווענוס און שטורמיגער באקכוס
דאָרט וואוינען אין גילדערנע געצעלטען,
און זונען דאָרט שיינען וואָס האָבען באלויכטען
אמאָליגע ריזיגע וועלטען.

דיין הארץ איז א מדבר, א שטייניגע וויסטע,
א וואוינונג פאר יאוש און שלאַנגען,
עס בליען דאָרט שטורעמס פון זינד און פארצווייפלונג,
און גרויזאַמע בליהען פאַרלאַנגען.
און ס׳בלאָנדזשעט ארום דאָרט אליין און פארוואָגעלט
אָ מאָן מיט טיף טרויעריגע אויגען
און וויל פון די זעמדער און שטיינער און שלאנגען
דעם סוד פונ׳ם לעבען אויסזויגען.
זיי אייביג באוואונדערט — דו פרעגער און דיכטער,
דו טרוימער, דו צווייפלער, דו — ברודער
ווי דו שטעה איך אויך דאָ אויף צווייען צובראָכען
ביים לעבענ׳ס האַרטנעקיגען רודער
ווי דו אזוי איך טו נאָר טרוימען פון געטער,
און שעהנהייט און זאפטיגען גליק,
נאָר ס׳שפּילט זיך מעפּיסטאָ מיט אונזערע טרוימען
און לעשט זיי און צינדט זיי צוריק.

צו דער ערד

ס'וווערט דאָס אויג ניט מיד אויף דיר צו קוקען,
מאַמע, מאַמע ערד.
ס'פאַרדריסט נאָר וואָס דאָס אויג איז שוואַך, און קורץ די ראיה,
און כ'קען ניט מיט אַמאָל ארומנעמען אינגאַנצען
דיין פריש־באַשמעקטען קערפּער,
און אויסקושען מיט דעם שווארצאפּעל פון די אויגען מיינע
א יעדעס גרעזעל אין די טאָלען,
יעדעס בוימעל אויף די הויכען,
יעדען זאַנג אויף דיינע פעלדער,
יעדעס קוועלכעל,
יעדען שטראָם וואָס טאַנצט צווישען שטיינער.

מיין האַרץ איז אזוי ווי דו,
און נ'פלאַמען איז מיין ווילען און פאַרשטאַנד,
כ'וויל זיין אונשטערבליך גלייך מיט דיר,
און אויסהויכען מיין אָטעם אין אָהן־סוף.
אָבער קליין זיינען דיינע קינדער,
און איך — דער קלענסטער,
און — נאָר קושען דיינע גלידער,
דיינען שקלאַפּיש דיינע געזעצען
קען דיין קראַנקעס קינד.
געבענשט, געבענשט זיי, מאַמע!
געבענשט זייט, טאָג און נאַכט!
איך לייד, און ליב דיין אייביגקייט און דיין פּראַכט!

ים לידער

א

אָט ליג איך מיט אָפענע אויגען, פאַרטראַכט,
און פאַרנעם דיין מעלאָדישעס שומען,
און זעה, ווי דו קרוזשעוועס שפּרייטסט אין דער נאַכט,
דורכגעפלאָכטען מיט שוימיגע בלומען.
אויפ׳ן ראַנד פונ׳ם הימעל דאָרט יעד׳ווילע בליצט,
ווי דיין שלאָף וואָלט באַוואַכען ווער אויבען,
שטיל פלאַטערט דער מילך־וועג מיט שטערן באַשפּריצט,
ווי א דעקע פון זילבערנע שטויבען...
און טיפער, אלץ טיפער ארום ווערט די נאַכט
און ס׳פאַרוויגט שטיל דער ים אלע סודות,
און כ׳פיהל, אז אין חשך דאָרט עמיצער וואַכט,
ווי א שטומער און אייביגער עדות...
אָט נעהמט ער מיין ציטעריג־וואַרימע האַנד
נ׳פיהרט זי אום מיט צוצויגענע פינגער
און ס׳שרייבט זיך א ליד אויפ׳ן ווייך טיפען זאַנד,
אַ געבעט פון אַ וואַכענדען זינגער...
אונענדליכקייט רוהט דאָ אויף אייביגקייט׳ס ברוסט,
צוויי סטיכיען איצט לעבען אין פרידען —
די וואַסער׳ן ווערען פון ברעג־זאַמד געקושט
נ׳לויפען אַפּ׳עט און שוימען צופרידען.

ב

פאַרשוואונדען איז דער לעצטער זעגעל פון דער לעצטער שיף.
א ווינטעל וועהט און רוימט: אונהיימליך איז דער ים און טיף...
איך זיץ ביים ברעג. שוין קיהל דער זאַמד. די יולי־זון פאַרגעהט.
דער מזרח איז שוין דונקעל־מאַט, דער מערב — ראָז און רויט.
דאָס וואַסער ווערט אלץ פינסטערער, פון דונקעל־גרין אויף שווארץ,
און ס׳וואַקסט, עס וואַקסט די איינזאַמקייט אין מיין אונרוהיג הארץ.
די מוטער איז אין ווייטען לאַנד, דער פאָטער לאַנג ניטאָ
די פריינד האָב איך פאַרראַטען זעלבסט אין א פארפלוכטע שעה...
און אויך פון דיר, דו ליבסטע מיין, איז לאַנג ניטאָ קיין בריף
פאַרשוואונדען איז דער לעצטער זעגעל פון דער לעצטער שיף.

ג

ס׳האָט אונז די לבנה פארנארט דורכ׳ן כשוף פון מאַטאָווע פלעקען,
וואָס האָבען, ווי שטעגלאך און גריבער געציטערט אין וואַלד׳ס
אלע עקען.
מיר האָבען געבלאָנדזשעט אונזיכער פון איין וועג, פון איין בוים
צום צווייטען
און ס׳האָט זיך געדוכט, אז אונז וואַלד־גייסטער שטילע באגלייטען.
ב׳מיר האָבען געפלאָטערט פון פחד, ביז דו׳סט אונז געוויזען דעם וועג:
מיר האָבען דערהערט פון דערווייטען, ווי ס׳צאַרנען די וואַלען
ביים ברעג,
א ווינטעל פון דיינע שלוחים ט׳אונז אָפּגעזוכט טיף אין וואַלד
און האָט אונז דורך זאַמדיגע וועגלאך בשלום אהיים געבראכט באלד...

ד

איך האָב זיי אין דעם זאַמד געקליבען ביי דעם שווארצען פעלז.
פיל שטיינדעלאך און שיסעלאך און פיל פארביגע שעלז...
עס האָט דער ים געשליפען זיי, די אייביגקייט, פארזעהט...
גאָר פלאציגע און רונדיגע, געפלאָכטען און געדרעהט...
ווי פערעלאך, ווי הערצעלאך, ווי א פארגליווערט טרעהר,
ווי פיילען און ווי שווערדעלאך — אָן אונשולדיג געוועהר...
און בלאָהע אין ווייסע פּאָסקעלאך און ווייס אין פינטלאך גרין
גאָר שווארץ און שווער, ווי קוילכעלאך און דורכזיכטיג און דין.
די פאַרבען צאַרטע, איידעלע, די קלאנגען זויבער'ן גאָלד,
ווי שטאַרק איך ליב זיי אייביגע, ווי זיס איך האָב זיי האָלד,
א וואָרט איז יעדעס שטיינדעלע, א טאָן איז יעדע שעל,
איך הער דורך זיי די מוזיקע פון ס'ס אונרוהיג זעעל.
איך האָב זיי אויפ'ן זאַמד געקליבען ביי דעם שווארצען פעלז,
פיל שטיינדעלאך און שיסעלאך און פיל פארביגע שעלז.

ה

קום זעהן דעם יום־טוב פון די פאַרבען—ס'זונען־אויפגאַנג אויפ'ן ים!
ב'מזרח האָט זיך אָנגעצונדען שוין דער ערשטער ראָזער פלאַם,
און וועננוס, זעה, ווי בלייך און ציטערנד—הימעל'ס שעהנסטער
שטערן שטאַרבט
עמיץ מיט צויבער־פינזעל האָט די וואָלקען ערשט באפארבט.
און ס'בליען פייערליך פּאַנאַנדער אָרענדזש, געל און פורפור־רויט,
ב'פון דער ערד און פון דעם וואסער א מאָטע ליכטיגקייט זיך שפרייט.
שוין האָט זיך א פויגעל באוויזען
מיט'ן קעפּיל צום זון און אין סוף, —
א פישער קומט איבער די נעצען
מיט אויגען נאָך מידע פון שלאָף... —
אנטקעגען אין גאַסטהויז קלאָפּט ווער מיט די טירען,

א הינטעל באוויזט זיך פון וועג,
לויפט צו צו א שיפעל און שמעקט עס ארומעט
און לויפט, ווי פארנומען, אוועק...

* * *

נאָר אָט האָט זיך א פּאַס פארצויגען פון דעם האָריזאָנט צום ברעג —
ס׳שמאָלע ווייסע זונען־שטעגעל פאר די קעניגליכע טעג.
א ווינטעל ברענגט געזאַלצ׳נע ריחות און פארשטילט.
א גרויע דעקע האָט פון ים זיך אָפּגעקילט,
און ס׳הויבען אָן די וואַלען העכער ברומען,
העכער, העכער, העכער, ביז עס קומען
גרויסע גראָהע אלטע שארפע וואַלען
און פאַלען
צו צום ברעג און לויפען צוריק באַגעגענען די זון,
און ס׳וויגען זיך פון זיך אליין די שיפלאך און ס׳שרייט דאָס הארץ:
און ס׳אויג זעהט נאָר די זון!
און ס׳הארץ פיהלט נאָר די זון!
און יעדער וואַל — א זון!
און יעדער וואסער־פליוך — א תפילה צו דער זון!

ו

איך שטעל דעם ים און זונען אונטערגאנג פאר עדות,
אז אָרעם איז מיין שפּראַך, די שפּראַך פון מיינע זיידעס.
זי האָט קיין ווערטער פאר שאטירונגען און פאַרבען,
וואָס גליהען נאָר אין בייטען זיך און בליהען נאָר אין שטאַרבען,
פאַר קלאַנגען, וואָס געבאָרען האָבען קרעפטיגע סטיכיען —
פאר ים׳ס און הימעלס אייביגע דאָך מאָדנע מעלאָדיען.
און שטומען אין ענטציקונג מוזען איהרע דיכטער,
ווען ס׳צינדען זיך אין מערב וואונדערליכע ליכטער,
ווען ס׳ברויזט און הויבט דאָס האַרץ פון אונבאקאנטע פריידען,
ווען ים און טאָג און הימעל קושען זיך און שיידען...

וואו איז דאָס נייע וואָרט וואָס זאָל מיך איצט אַנטפּלעקען?
וואו איז דער זיסער קלאַנג, וואָס זאָל די מענשען וועקען
צו אַ נייער שעהנקייט און אַ נייעם גלויבען?

ז

זעגלען גראָהע ווי דאָס וואַסער, זעגלען ווייסע ווי זיין שוים,
איהר זענט פאָהנען, פלאַטער-פאָהנען פון דעם ים׳ס אונענדליך רוים...
פול און שטורמיג ביי די ברעגען, שטיל-פארגליווערט אין דער וויט.
דאַכט זיך — ניט דער ווינט באַוועגט אייך,
נאָר דער אָטעם פון דער צייט...
און איהר שיינט ווי גאָט׳ס א וואונדער ביי דער שקיעה׳ס לעצטען פלאַם
ווען אין מוטערליכע ליבע וויגט-פאַרוויגט אייך שטיל דער ים...
„פליוך" און „פליוך" — דאָס קושען וועלכלאך אייער פייכט און
איינפאַך זוים,
און איהר גריסט זיי, און פארנוויגט זיך, און פארבויגט זיך צו זיי קוים.
אין איין־סוף וואָס ווייס קיין ציל ניט שטרעבט איהר ערגעץ מיט א ציל,
געהט אייך, גליטשט אייך און פארוויגט אייך זעגלען פולע, זעגלען פיל...
געהט אייך, גליטשט אייך תמיד איינזאַם,
ווי דעם דיכטער׳ס טיפער טרוים,
זעגלען גראָהע ווי דאָס וואַסער, זעגלען ווייסע ווי זיין שוים.

ח

אונטער גראָהע געדיכטע נעבלען ברויזט דער אָקעאַן,
אפשר נאָהענט גאָר פון דאַנען איז א לאַנד פאַראַן,
וואו עס שיינען זיבען זונען און עס שיט זיך מן
נאָר דו זעהסט ניט, וויל פארנעבעלט איז דער אָקעאַן.
ווייס געזוימטע וועלען שיינען הין און צוריק.
צווישען נעבעל נ׳תהום געבאָרען אויף איין אויגענבליק,

שטאַרבען זיי אין מיטען וועג ווי דעם מענשענס גליק
און באַלד נייע וועלען יאָגען, שוימען הין און צוריק.
אין אן ענגען רונדען שטח באוועגט זיך אונזער שיף,
עמיץ הויבט עס צו דעם נעבעל, וואַרפט אין אָפּגרונד טיף,
און עס פייפט אין שטילען פחד אונזער ווייסע שיף.
וואו איז צפון, וואו איז דרום — קיינער ווייס דעם וועג,
שרעקעדיג די פייכטע נאַכט, די גרויע בלינדע טעג,
ס׳בלאָנדזשען אום אין נעבעל שיפען בענקענדיג נאָך ברעג.
גאָט, מיין גאָט דו גרויסער גאָט, דו וואונדער אָקעאַן.
זאָג, איז ערגעץ נאָהענט דאָ א ברעג פאר אונז פאראן ?
נאָר עס ברויזט אָהן ענטפער און אָהן טרייסט דער אָקעאַן.

לידער פון פיבי קראָסבי אָלנאָט

איבערזעצט פון ב. וולאדעק

1.

איך האָב געזעהן היינט אין דער פריה אַ שטיקעל גרינס זיך
אַרויסרוקען פון דער ערד,
און איך האָב געוואוסט, — עס איז מיין זעל.
איך קען איך ניט זאָגען אויב עס איז א פיינע וואַלד־ליליע אָדער
קראָפּיווע.
עס אַרט מיך ניט שטאַרק ווי לאַנג איך קען עס זעהן וואַקסען.

2.

לאַנגע פענסטער וואָס ווייזען איך א גאַנצען בוים פון אויבען ביז
אַראָפּ;
איך ליב ניט שטאַרק קיין פאַרהאַנגען, אָבער איך ליב פענסטער.
נידריגע ברייטע פענסטער מיט צווייגען פון בוימער פאַרפלאָכטען;
אַלע הויכע פענסטער, דורך וועלכע עס זיפּט זיך דורך די ליכט פון
לבנה און מאַכט דעם צימער אויסזעהן פייערליך און פול מיט
גייסטער —
אַלערליי, אַלערליי פענסטער.

3.

פון די פאַרשטיקטע קראָמען, וואו זיי פאַרקויפען גאַלאַנטעריי
אין מוסטערען, און מאַכען איך פיהלען געמיין,
בין איך אַריין אין זוימען קראָם, קיהל, שטיל שלעפעריג,
ווי א שייער אין זומער מיט לאָסטאָטשקעס וואָס יאָגען ארום.
עס האָט געשמעקט מיט העי און מיסט און דאָרפישע זאַכען.
איך האָב געקויפט אַ קאָן צו באַגיסען, אַ האַנד־גראַב־אייזען,
און פיל קליינע פּאַקעטלעך מיט זוימען, מיט ליכטיגע

קאָלירטע בלומען אויסגעמאָלט אויף די פאַקעטלאך, ווי ליכטיגע
צוזאָגען.
און איך האָב זיי געטראָגען אהיים, גליקליך אין דעם
זונענאונטערגאַנג.

4.

האָט איהר ליב דעם רעגען? דעם וואָס קומט ביינאַכט ווען איהר
זענט שוין אין בעט, און באַראַבאַניעט אויפן דאַך, און שמייסט
אין די שויבען?
האָט איהר ליב די זון וואָס קומט אין דער פריה נאָכדעם ווי דער
רעגען איז פאַריבער?
אָט אַזוי ליב איך מיינע פריינט.
האָט איהר ליב אַ פריהמאָרגען, ווען פויגלאַך כאַפּען זיך אויף מיט
געזאַנג און קינדער געהען אין שוהל מיט פאַרפוצטע האָר
און ריינע פנים׳לאַך?
האָט איהר ליב דעם פאַרנאַכט, ווען אלץ איז מיד און געהט צוריק
אַהיים?
אָט אַזוי ליב איך, מיינע פריינד.
האָט איהר ליב די שטערען? אלדעבאראן, אלטעיר, אָריאָן
די פלעיאַדען, ארקטורוס — הימליך, וואונדערליך —
אָט אַזוי ליב איך מיינע פריינד.

יזכור...

„און די פארבאָרגענע פיגור, וואָס האָט
מיך נאָך אלץ געהאלטען פארין האנט האָט
פאר מיר אנטפלעקט די קברים פון גאנצער
מענשהייט...

— „די לעבעדיגערהייט־באגראָבענע"
עדגאר פאָע.

כ'וויל מאַכען א הזכרת נשמות...

ניט די וואָס זיינען געשטאָרבען אין אן אייגען בעטעל, ארומ־געריגגעלט פון פריינט און משפחה, — אויף זייערע קברים שטעהען איצט גרויסע שווערע מצבות מיט גאָלדענע אותיות...

ניט די, וואָס זיינען געשטאָרבען פון מצוה־תעניתים און פרו־מער נזירות — אויף זיי האָט מען הספדים געמאכט און אמת'ע אָדער פאַלשע טרערען געגאָסען.

און ניט די, וואָס זיינען פון צופיל עסען אדער צופיל עבירות געשטאָרבען — זיי האָבען ירושה געלאָזען — געלט, קרענק און געמיינהייט.

כ'וויל דערמאָנען די, אויף וועמענס קברים ס'ווארפען זיך הילפלאָז אום צופוילטע הילצערנע ברעטלאך, און די, וואָס ליגען אונטער די פארקאנעס, און די וואָס טוליען זיך צו דער ערד אין ענגע ברידער־קברים, און די, וועמענס אָרט ס'איז ניט באוואוסט...

א געהיימע האנט „עפענט פאר מיר די קברים פון דער גאַנצער מענשהייט" און איך זעה:

אין מיליאָנען־מיליאסען פייכטע פינסטערע גריבער, וואָס האָבען די ערד ווי אין א זיפ צולעכערט, ליגען מיליאָנען־מיליאסען...

ווער האָט זיי געצעהלט?

ווער ווייס זייערע נעמען?

ווער ווייס זייערע זינד?

וועה ווייס זייערע טוגענדן?
וועמען האָט געשווידערט פון זייער סוף?
דראָבנע רעגען־טראָפּען אין דעם אומאויפהערליכען רעגען־גוס
פון דער געשיכטע,
קליינינקע זעמדעלאַך אויף דעם באָדען פון אונזער עבר,
איינצעלנע פארשטומטע טיק־טאַקען פון דעם צייט־זייגער...
גרוי איז געווען זייער לעבען, ווי גרוי ס'איז דער שטויב אויף זייערע קברים.

שווער איז געווען זייער אָנהויב און אונגערעכטיג דער סוף, ווי שווער און אונגערעכטיג עס איז די ערד, אין וועלכער זיי ליגען. —

ווער ווייס —

וועמען פון זיי האָבען די שווערע רעדער פון טריאומף־וואָגען צודריקט, פּיראַמידען־רישטאָוואַניעס ארונטערגעפאלען; וועמען האָט עס ביי דער ארבייט א פארקילונג געכאפּט און ווער איז פּשוט פון הונגער געשטאָרבען; וועמען האָט א שונא'ס קויל געטראָפען און ווער האָט אליין דאָס צינגעל אָנגעדריקט?...

ווער ווייס —

וויפיל פון זיי האָבען נאָך דער זון געבענקט און וויפיל — די זון אין הארצען געטראָגען? ווער פון זיי האָט מיט דעם לעבען העלדיש געקעמפט און ווער האָט איהם אונטערטעניג געדינט?

ווער ווייס —

ווען האָבען זיי מצבות געקריצט און ווען פאר'ן טעמפּעל פון „מאָרגען" שטיינער געהאקט? ווען האָבען זיי געפלוכט דעם טויט און ווען — געפלוכט דאָס לעבען?

מיליאָנען־מיליאַסען! שטומע דיכטער, וואָס האָבען זייערע לידער אויף שטיין און ציגעל געשריבען, אויף ים און יבשה! גרוויזאַמע זינגער, וועמענס פיין־לידער עס האָבען זיך געלאָזט הערען העכער, איידער די סימפאָניען פון דער אויסגעשטערענטען הימעל, איידער די שטורמענדע מוזיק פון דער נאַטור! — איך מאַך אייך הזכרת נשמות...

איהר האָט אונז א שווערע, דרייפאַך שווערע ירושה, איבער־געלאָזען, — הונגער, קייטען און א פארבלוטיגט הארץ — מיר

נעמען זי איבער און, געהענדיג צום צוקונפטס־מקדש, פאַלען מיר כורעים פאר אייערע שטומע אונענדליכע ליידען...

מיליאָנען־מיליאסען! אונבאוואוסטע האַלץ־העקער און וואַסער־טרעגער, כהנים און לוים אין דעם היכל פון אונזער פאַרגאַנגענהייט. שטומע נביאים און שיכור'ע העטערעס, צופרידענע קנעכט און מוטיגע קעמפער, אין שלאַכט פאר פרייהייט געפאַלענע און ווי אָקסען אין שעכטהויז געקוילעטע, — אַלע, אַלע, וואָס האָבען גע־ליטען און — געבויט, געליטען און — געבראָכען, געליטען און — ווילענדיג און ניט־ווילענדיג געוועבט דעם אונענדליכען פאָדים — איך מאַך אייך א הזכרת נשמות!

„דהי בעד לענדס"

גאָט האָט געהאַט א ריזיגען פּלאַן פאר דעם לאַנד פון די דאַקאָטאַס. א פּלאַן פון א ווערק, וואָס האָט געזאָלט אין פאַרב און ליניע פאַראייביגען זיין דורשט נאָך פאָלקאָמענהייט, זיין לעכצען נאָך שעהנקייט.

האָט ער צוערשט געשאַפען דעם פּעדעסטאַל — א טויזענד־מייליגע פּלאַטאָ, וואָס ציהט זיך פון די שפּיגעל־וואַסערען פון וויס־קאָנסין ביז די ברוינע פּלאַכע קאַלטע פעלדער פון אַלבערטא. און אויף דער פּלאַטאַ האָט ער אָנגעפאַנגען אויסצושטעלען די מאָדעלען פון זיין צוקונפטיגען ווערק — מאָדעלען פון זאַמד און ליים.

פאַנטאַסטישע שלעסער און מעכטיגע פעסטונגען; גראַנדיעזע טעראַסען און טעמפּעל־זיילען; אונענדליכע טרעפּ און קלויסטער שפּיצען. אונטער'ן בלויען, אָהן סוף'יגען הימעל פון פּרעירי האָבען זיי זיך געצויגען פון איסט צו וועסט, פאַראויסזאָגער פון גאָט'ס טרוים, ביישפּילען פון גאָט'ס שאַפענדער פאַנטאַזיע.

ער האָט געדאַרפט אָט די מאָדעלען באַפעסטיגען מיט שטיין און צעמענט פאַר דויער, און באַפאַרבען מיט אַלע קאָלירען פאַר שעהנקייט. צעדער־וועלדער און בונטיגע בלומען האָבען געזאָלט וואַקסען אויף די זייטען און שפּיצען, און לעבעדיגע, לאַכעדיגע שטראָמען האָבען געזאָלט וועבען צווישען זיי א פליסיגע נעץ פון פרייד און לעבען. די זון האָט געזאָלט שפּילען אויף א סימפאָניע פון פאַרב און ליניע, וואָס קיין אויג האָט ניט געזעהען און קיין טרוים געטרוימט.

אַלץ איז געווען פאַרטיג, אַלץ האָט געוואַרט אויף דעם קינסט־לער'ס פּינזעל און לעצטען פיהר מיט דעם מעסער. אַלץ האָט געאָטעמט מיט דעם פאָרגעפיהל פון א פאַרווירקליכט ווערק.

ווען — — — —

ווען גאָט'ס קינסטלער טעמפּעראַמענט האָט איהם פאַרראַטען. אין רעכטען מיטען טרוים פאַר דאַקאָטאַ האָט זיך ביי איהם אָנגעפאַנגען שפּינען א נייער טרוים, דער טרוים פון קאָנטראַסטען, דער טרוים פון שאַרפע בערג־שפּיצען און משופּע'דיגע טאָלען, דער טרוים פון מאַכט אנשטאָט דעם טרוים פון שעהנקייט.

האָט ער אין מיטען ארבייט (ווי פילע אנדערע קינסטלער נאָך איהם) אוועקגעוואָרפען זיין פּינזעל און מעסער און איז אוועק וויי־טער וועסט, וואו עס שטעהען איצט די פעלזען־און קאסקאדען בערג.

און אזוי שנעל ווי ער איז אוועק איז געקומען דער ווינד און די ברענענדע זון און האָבען מיט כעס און נקמה זיך א וואָרף געטאָן אויף גאָט'ס ניט פארענדיגטען ווערק. טויזענדער און טויזענדער יאָהרען האָבען זיי דעם פּעדעסטאל און וואונדערליכע מאָדעלען באַ־דעקט מיט אַש און ברוינעם קאַלטען זאמד, און וואו עס האָבען זיך טעמפּלען און טעראסען געצויגען, ציהען זיך איצט פינסטערע טורמעס און קאזעמאטען, און וואו עס האָבען שטראָמען געזאָלט פּליסען, וויקלען זיך ארום די בערג די פאַרטריקענטע וואונדען פון לעדיגע וואסער־בעטען, צורונצעלט, צובראָכען און שמוציג גרוי, און וואו עס האָבען געזאָלט צעדערען און בלומען וואַקסען, שפּראָצען די פרעירי־דערנער און די געשלאָגענע שטאַמען פון גרויע קוסטען. בייזע, יאוש'דיגע ליניען אָהן איין לעבעדיגער פארב, הונדערטער און הונדערטער מיילען אָהן א הויך פון לעבען.

נאָר דער וועג מיט וועלכען גאָט איז אוועק איז פוןביידע זייטען באוואַקסען מיט פרעהליכע מעריגאָלדס און ווילדע זון־בלומען, און פאַר אונענדליכע מיילען ציהען זיך ביי די זייטען פון „נאָרטהערן פּאַסיפיק" שפּורען פון געטליכע טריט אין טייוועל'ס לאַנד.

* * *

צו די נידריגע צעדערען, וואָס וואַקסען אויף די בערגלאך
פון מדבר —

צו די איינזאמע אָדלער, וואָס צירקלען איבער'ן תהום
פון גרענד קעניאָן —

צו די ברוינע באַרג־לייבען, וואָס שרייען ביינאַכט צווישען
די בערג פון מאָנטאַנאַ —

צו די וואַלד־וועכטער פון דער וועסט, וואָס וואַרטען
פאַר די שטורעמדיגע פייערען פון זומער —

שיק איך מיין גרוס.

ווי די נידריגע צעדערען וואָס גראָבען זיך אינ׳ם זאַמד
פון מדבר,
ווי די איינזאַמע אָדלער, וועמענס שאָטען
עס פלעקט די גרענד קעניאָן,
ווי די ברוינע בארג לייבען, וואָס שפרינגען צווישען
די בערג פון מאָנטאנא,
ווי די וואַלד וועכטער פון דער וועסט וואָס לייגען צו
זייער אויער צום גרונד צו הערען די רויטע
פייערען פון זומער —
אזוי איז מיין האַרץ,
אַזוי בין איך.

סאַן יאַקים

פּאָעמע אין פּראָזע

הורבעס, הורבעס איזומרודען און אפּאַלען, אַלעקסאַנדרי־טען און טאָפּאַזען שײַנען אַנטקעגן דער זון.

צווישען רייען פון טונקעלע קוסטעס וואָס ציהען זיך צו אַלע פיער עקען פון דער וועלט — מיט א וועג אין מיטען — אויף הילצערנע טאַצען וואָס פאַרדעקען די געל־גרויע סטעזשקעס, ליגען זיי — די הורבעס איזומרודען, אפּאַלען און טאָפּאַזען און שפּילען זיך אַנטקעגען דער זון.

מיט יאָהרען צוריק איז דאָ א וויסטע געלעגען. א מדבר באַשפּרינקעלט מיט „סיידזש־בראַש" און קאַקטוס. הילפלאָז איז געווען די ערד און פרוכטלאָז — א סצענע פאַר שלאַנגען און קאַיאָטען. נאָר די קאַפּריזנע שאָטענס פון די וואָלקענס אויבען האָבען גערייזט איבער זיינע טויטע שטרעקען. דאַן איז ערגעץ ביי א מענשען געבוירען דער געדאַנק אַרויסצומאַניען אין דער וויסטע אריין די קיהלע וואַסערען פון די סאַן־בערנאַרדינאַ בערג. באַוואַקסענע און מוסקולִיסטע מענשען, מיט האַריגע הענד, מיט גראָב־אייזען און האַמער האָבען אַרויסגעמאַרשירט פון יענע מענשענס געדאַנקען און —

דורך שמאָלע קאַנאַלען און בייטען פון פאַרטריקענטע טייכלאַך, אריבער גרעבליעס און פאַרטריקענטע וועגען, דורך דער לענג און ברייט פון סאַן יאַקים זיינען רינע, פאַרצווייגטע אָדערען דורכגעצויגען געוואָרען, לעבעדיגע אָדערען אין דעם טויטען קערפּער פון דעם מדבר. אָדערען וואָס האָבען געקלאַפּט מיט דעם פּולס פון לעבעדיגען וואַסער.

און דער גרויסער וואונדער פון דער וועסט איז געשעהן. דער אַלטער, געלער, גרויער מדבר האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט דערפיהלט א ליידענשאַפטליכען ציטער אין זיין אויסגעטריקענטען קערפּער. די הייסע זון האָט מיט איהרע לאַנגע, דינע, הייסע פינגער גענלעט און געלאַסטשעט און געקושט די מאַמע ערד און צוגעגעבען מוטה דעם נייעם חיות צו פאַרשפּרייטען זיך, צו פאַרטיפען זיך און צו הויבען זיך ארויף, ארויף דורך די צווייגען, דורך די בלעטלאַך

פון די וויינשטאָקען, וואָס ציהען זיך אין אונענדליכע רייען פון טונקעלע קוסטעס צו אלע פיער עקען פון דער ערד — מיט א וועג אין מיטען.

און ווען איך עס די ראָזשינקעס פון סאן יאקים, זאָג איך, „ברוך, געבענשט, אתה, ביזטו, אדוני, גאָט, אלהינו, אונזער גאָט, בורא, דער באַשעפער, פּרי, די פּרוכטען, הגפן, פון דעם וויינשטאָק — פון די פּרוכטען פון דעם בוים וואָס איז דער וואונדערבארער סימבאָל פון מענשען׳ס ארבייט און גאָט׳ס זון.

יעלאָסטאָון

אויב איך בין אנדערש —
אויב איך בין בראַוער און רוהיגער —
איז עס דערפאַר, וואָס איינמאָל אין יעלאָסטאָון פּאַרק אין א רעגנערדיגען נאָכמיטאָג האָב איך געפיהלט גאָט און געהערט זיין שטים.

פאַר עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָב איך ארומגעוואַנדערט צווישען די נאַקעטע בערג און די מיסטישע טאָלען פון יעלאָסטאָון, צו־שראָקען פון אַלץ וואָס איך האָב געזעהן און ניט פאַרשטאַנען.

איך האָב געזעהן בית עולם'ס פון בוימער אין מיטען פון א בליהענדיגער וועלט; איך האָב געזעהן הייסע שטראָמען שפּאַלטענדיג די זייטען פון בערג; איך האָב געזעהן וואונדערליכע טעראַסען איבער וועלכע עס האָט געראָוכערט א הייסער שוועבעל־דאַמף, וואָס קומט פון דער טיפער ערד; איך האָב געזעהן ווי די גייזערס רייסען זיך דורך דעם דיקען צודעק פון דער ערד און שיסען ארויף צו דעם רוהיגען הימעל; איך האָב געזעהן — ווי אומבאַדייטענד דאָס וואָרט „זעהן" איז, ווען עס קומט צו זאָגען וואָס זעהן אליין איז זיי וועניג — איך האָב געזעהן הייסע אָזערעס, וואָס האָבען געשוועבעלט מיט צאָרן און הייסע אָזערעס וואָס די בלויקייט פון אלע וואַסערען האָט זיך געשפּילט אין זייער שפּיגעל; איך האָב געזעהן זודיגע טייכען פליסען פאַר צעהנדליגע מייל; איך האָב געזעהן טיפע קעניאָנס באַפאַרבט ווי די טרוימען פון געטער; איך האָב געזעהן שרעק און שעהנקייט געפלאָכטען צוזאַמען, לעבען און טויט אין שטענדיגען קאַמף.

האָב געזעהן און געהערט און בין געווען אומגליקליך, ווייל איך האָב ניט פאַרשטאַנען.

דאַן בין איך געקומען צו יענעם וואונדערליכען און שרעקליכען טאָל, וואָס איז שטענדיג באַדעקט מיט א וואָלקען פון שוועבעל און פּאַרע, וואָס טויזענדער מיילער רעדען אין איהם מיט זודיגע שוועבעל־וואַסער, וואָס טויזענדער גייזערס רעדען אין איהם מיט פייפענדע אייביגע קולות.

און דאָרטען, געהענדיג איבער די דינע קלאָדקעס, היטענדיג זיך פון אריינפאַלען אין איינע פון די אָפענע מיילער פון דער ערד, האָב איך פּלוצלינג דערהערט ווי אימיצער האָט מיר שטיל און לאנגזאם איינגערוימט אין אויער:

דאָס—בין—איך . . .

און באַלד איז מיר אַלץ געוואָרען קלאָר און פארשטענדליך. באַלד האָב איך געפיהלט, אז א געטרייער חבר פיהרט מיך איבער אַלע שרעק און איבער אַלע וואונדער פון דעם פּלאַץ.

דאָס איז דער פּלאַץ — גאָט'ס לאַבאָראַטאָריע, די סטודיאָ פון אדוני.

—דאָ, אין די פעלזיגע אָפּגרונטען פון דער ערד, צווישען וועגט פון טאָפּאַז און עמעראַלד, זיצט ער איבער זיינע געטליכע אינסטרו־מענטען און מאַכט פּראָבען מיט די וועלטען פון אמאָל פאר די וועל־טען פון מאָרגען. דאָ זאַמעלט ער אַלע מעטאַלען, דאָ מאַכט ער אַלע קאָלירען פון דער ערד.

און אַלץ, וואָס מיר זעהן, און אַלץ וואָס מיר הערען, און אַלץ וואָס מיר פיהלען אין יעלאָסטאָון פּארק, אין דעם מאָדנעם און ווייטען פּלאַץ, וואָס רופט זיך יעלאָסטאָון פּארק, איז א צייכען, א סטעזשקע, וואָס פירט צו גאָט'ס געצעלט.

מיטין וואַסער און לופט

וואַסקאָ דע גאַמאַ

איבער דער גרויער און בלויער באַוועגליכקייט פון ים טראָגט זיך שטיל אונזער שטאָלענע שיף. ווי הויך עס זאָלען ניט זיין די כוואַליעס, ווי צאָרנדיג עס זאָל ניט שפּריצען דער ווייסער שוים — זי ווייסט אז זי איז זיכער! ניט אומזיסט האָבען אזוי פיל מענשען זי געפּלאַנט און אזוי פיל מענשען זי אויסגעהאַמערט פון אייזען און שטאָל! וואָס פאַר אן אונטערשיד דער וועטער, וואָס פאַר אן אונ־טערשיד די טיף—ארבייט און וויסען באַזיגען שטענדיג די בלינדע סטיכיע פון גאָט!

און פונקט ווי די שיף זיינען אויך די מענשען זיכער און — שטאָליג. אלץ איז אין אָרדנונג! די צייט פון עסען און די צייט פון שפּילען, און די קליידער וואָס מען דאַרף טראָגען יעדע צייט פון טאָג. גלאַט געראַזירט, גלאַט פּאַרקאַמט, קאָרעקט געקליידעט, שפּאַ־צירען זיי אָדער טאַנצען, שפּילען אָדער עסען ווי די נאַטירליכע קינדער פון דער גרויסער שטאָלענער שיף.

ניט אומזיסט האָבען אזוי פיל אונצעהליגע דורות בעפאָר זיי געאַקערט די ערד, געגראָבען די מינען, געמאָסטען די שטערן, און געבויט אלץ נייע שטעדט און נייע ביבליאָטעקען! און א קליין אויסגעפּוצט מיידעלע, וואָס שפּילט זיך אויף דער דעק מיט א פּילקע, הויבט זיך אויף צום פּאַרענץ, קוקט א ווײַלע ארונטער אויף דעם וועג פון מאַרבעל און שפּיצען, און — לאַכט זיך פּאַנאַנדער!

און דאַן — איין פּאַרנאַכט צום אוועגט־ברויט דערלאַנגט מען אונז א מעניו מיט א בילד וואָס צינדט אָן די בלוטען. דאָס איז א בילד פון די צוויי שיפען פון וואַסקאָ דע גאַמאַ, וועלכע ער האָט אין 1497 דורכגעפירט ארום דעם אייביגען שטורם פון „קעיפּ האָרן". עס פּאַרגעהט די זון און די שפּיצען פון די וועלען זיינען רויט. רויט זיינען אויך די זעגלען און די שפּיצען פון די מאַסטען, און דער הימעל און די לופט. צווישען א שטורם אונטען און א גאָלדענעם פלאַקער אויבען טראָגען זיך די זעגעל־שיפען פאָראויס, אלץ פאָראויס, איבער דער אייביגער אונענדליכער באַוועגליכקייט פון ים, צו נייע

לענדער און נייע ענטדעקונגען. און די אונטערשריפט פארגעסט ניט צו דערמאָנען, אז די שיפען זיינען געווען נאָר 150 טאָן — די „אקוויטאניא" איז זעקס און פערציג טויזענד!

ווען דער קעלנער קוקט ניט, ברעך איך איין די מעניו אין צווייען און לעג עס אריין אין בוזעם־קעשענע. איך נעם עס צו זיך אין קאיוטע, לעג עס אויף דעם טייערען מאהאגאני טישעל און קוק. זיכער און מעלאָדיש זינגט די ריזיגע מאשינערי. שטיל ציטערט פון טריאומף דער ריזיגער קערפער פון מיין שיף, ליכטיגע עלעקטרישע לאָמפען פילען אָן מיט היימליכער ווארימקייט מיין גרויסארטיגע קאיוטע. און איך קוק אויף דעם זונען־אונטערגאנג ביי קעיפּ האָרן אין 1497, און ריהר אָן מיט די הענד די פולע זעגלען פון די 150־טאָניגע שיפלאך, און אַהן א באוועגונג פון די ליפען רופט מיין נשמה:

וואסקא דע גאמא, וואסקא דע גאמא!

קלעמאַן

נאָר פיער שטונדען האָבען מיר זיך געקענט — פון 9 פריה ביז 1 נאָכמיטאג, אין א ווארימען, קלאָרען זונטאג אין יולי. און פאר די פיער שטונדען האָבען מיר פיליכט נאָר פיער ווערטער פארביטען — אזוי שטארק האָט גערוישט דער מאָטאָר. אָבער פאר די פיער שטונדען האָט זיך צווישען אונז א פריינדשאפט פארקניפּט, וואָס נאָר צוויי מענשען וואָס פליהען זייט ביי זייט צווישען הימעל און ערד קענען פארקניפען.

אריבער דעם טומעל פון מאָטאָר האָט איין נשמה צו דער צווייטער געזאָגט דורך די אויגען, און דורך לייכטע אָנרירונג ביים האנד: — מיר זיינען חברים. מיר ליבען ביידע די הויך און די ענדלאָזיגקייט פון אונזער מלוכה, און מיר קענען אָפּשאצען דעם פּראכט פון דער ערד וואָס ליגט פאר אונזערע אויגען איינגעוויקעלט נאָר אין אונזער ליבע צו איהר. מיר זיינען ביידע ברידער פון דער זעלבער מאמע — נייגעריגקייט וואָס מאכט אז אונזער הארץ

זאָל שפּרינגען פון פרייד ווען אונזער שטאָלענער פערדעל הויבט זיך אַלץ העכער און העכער צו די וואָלקענס. לאָמיר זיך דריקען די הענד!

ווען אונזער עראָפּלאַן איז אראָפּגעפלויגען אין ווארשע האָבען מיר גליקליך געשמייכעלט איבער דער נייער פריינדשאַפט, און ווען פרעמדע וואָלטען ניט געווען דערביי וואָלטען מיר זיך צוקושט. אבער מיר האָבען זיך געלאָזען אדרעסען און עטליכע מאָל געדריקט די האנד.

דאַן — אויף מאָרגען נאָכמיטאָג, זיצענדיג צווישען אלטע חברים ביי ווייִן און עראינערונגען, איז עמיץ אריין און האָט דער־צעהלט:

אויפ'ן וועג פון ווארשע איז אראָפּגעפאלען אן עראָפּלאַן. דער פּילאָט און פּאַסאַזשיר דער'הרג'עט.

עפּעס האָט א ציטער געטאָן אינוועניג. דער גאַנצער איך איז ארויסגעפלאָסען פון די בלוטען צו די אויערען — צו הערען, און איך האָב געהערט א ווייטע שטימע:

זיין נאָמען איז קלעמאַן.

מואווינג פּיקטשורס

די פּאַסאַזשירען זיינען געווען זעהר צופרידען. יעדען טאָג פון אונזער רייזע האָבען מואווינג פּיקטשור מאַשינען פאָטאָגראַפירט אַלעס וואָס ווערט געטאָן אויפ'ן שיף, נאַטירליך אין דעם ערשטען קלאַס. הונדערטע געדיכטע דראָטען האָבען זיך געצויגען אונטער די ווייכע טעפּיכער, די דראָטען האָבען זונענמעסיגע ליכטער געצונדען און די וואונדערליכע מאַשינקע האָט געטריי פאַרצייכענט ווי מען עסט און ווי מען שפּילט, ווי מען שלאָפט און ווי מען שווימט, ווי מען רוהט און ווי מען שפּאַצירט. איין אָוונט איז ספּעציעל פאָטאָ־גראַפירט געוואָרען ווי מען טאַנצט. די גרויסע ליכטער זיינען געווען צושטעלט אויף אַלע עקען פון דעק, און אין דעם אוננאַטירליכען ליכט פון דעם אוננאַטירליכען טאָג האָבען זיך געטראָגען לופטיג פאַרלאַך, מענער אין טאָקסידאָס און פרויען אין קליידער פון זייד

און שפּיצען. און דאָס הענטעל פון דער מאַשינקע האָט געדרעהט אַלעם אַראָפּצונעמען און פאַראייביגען.

איך בין געווען עטוואָס מיד. שטילערהייט בין איך אַרויס צום סאַמע עק פון שיף, וואוהין דאָס ליכט האָט ניט דערגרייכט און וואו אַ מילד ווינטעל האָט זיך געטוליעט צו די פאַרענצען און רע־טונגס־שיפלאַך. אַ וואונדערליך בילד האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר'ן אויג — אַ פולע שטערען־נאַכט איבער'ן ים! הויך, הויך האָבען געפינ־קעלט און געלויכטען די אונצעהליגע שטערן. ווי דער רויך פון אַ צאַרטען קטורת איז געהאָנגען איבער'ן ים דער וואואַל פון דעם מילך־וועג, און דריי בלאַסע סטעזשקעס זיינען געלעגען אויסגעלעגט אויף דער טונקעלער פלאַכע פון ים. די אָפּשטראַלונג פונ'ם מילך־וועג אין מיטען און פון צוויי ריזיגע, ריינע, פייערליכע שטערן פוןביידע זייטען. באַשיידען און הייליג האָבען די זילבערנע סטעזשקעס שעמערירט איבער'ן וואַסער — אַ פוס וועג פאַר שטילע פאַרבענקטע נשמות, וואָס טרעטען פאַרטראַכט איבער פינסטערע אָפּגרונטען גע־צויגען פון דעם ווייטען ליכט פון די שטערן. שטיל. זילבערדיג. פייערליך. אייביג...

שטיל. זילבערדיג. פייערליך. אייביג.

אַ ים פון געדאַנק און בענקשאַפט אונטען. אַ ים פון פרייד און טריאומף אויבען. ליכט און פינסטער באַהעפט דורכ'ן ענדלאָזען שימער פון שטערן־שטראַהלען. שטיל. פייערליך. אייביג.

דאָס האָבען די „מואווינג פיקטשורס" ניט פאַרנומען.

דאָס בלאַט

אין אַ הייסען זודיגען טאָג האָט זיך דער צוג געטראָגען איבער דער אונגאַרישער „פושטאַ", אַ גלאַט, פלאַך, ענדלאָז לאַנד באַ־שפּריצט דאָ און דאָרט מיט אַ הויף אָדער אָרימע פאַרמער. איין ליניע — האָריזאָנטאַל. איין זעהונג — אין סוף. איין שטימונג — וועהמוט און בענקשאַפט נאָך בערג און וואַסערען.

איך זיץ ביים פענסטער פון וואגאָן און קען זיך ניט אָנזעטיגען מיט דער מאָדנער שעהנקייט פון דיזען לאַנד, אָהן בוימער, אָהן וואַסער, אָהן ישובים, א לאַנד וואָס איז שעהן מיט א העכערער, טיפערער שעהנקייט — דער שעהנקייט פון זיך אליין.

אזוי זיצענדיג האָט עפּעס באַריהרט מיין געזיכט און איך האָב זיך דערשראָקען. איך האָב זיך ארומגעקוקט און דערזעהן אין שוים א קליין איינגעדאַרט בלעטעל פון א דעמב אפשר נאָך פון פאַראַ־יאָהרען.

אין אָנפאַנג יולי, אין א גרוים לאַנד אָהן בוימער, פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? וויפיל הונדערטע מיילען האָט ער זיך גע־קייקעלט און געפלויגען מיט׳ן ווינט אום א קוש צו טאָן מיין נייגעריג געזיכט און אראָפּפאַלען טויט אין מיין שוים?

וואָס פאַר א האַנד האָט איהם געריכטעט, אז גראָד אין א הייסען טאָג אין יולי, אין א טאָג פון זומער און יוגענדליכער נייגע־ריגקייט זאָל ער מיר דערמאָנען אָן טויט?

איך האָב איהם אוועקגעלעגט אויפ׳ן טישעל, האָב לאַנג אויף איהם געקוקט, און האָב געפיהלט אז א חבר איז אריינגעשטיגען צו מיר אין קופּע מיך צו באַגלייטען אין טיפע און טרויעריגע שטי־מונגען.

אַסיען

די קומט צו מיר א יעדען אַסיען.

ווי נאָר די זון ווערט קעלטער און די פעלדער וועהמוטיגער, קלאַפּט זי אָן אונגעבעטען אין מיין טיר און לויפט אריין מיט א הויך נערוועז געלעכטער.

און איך וויים, אז באלד וועט זי מיר אָנשטאָפּען די טאַשען מיט הויפענס פלאַמיגע בלעטער און אז אין די געדיכטע קרייזלאך פון מיינע האָר וועל איך געפינען גאָלדענעם שטויב פון געפאַלענע שטערן...

— איך בין א געטין, זאָגט זי, א קליינע געטין מיט אייזערנע מוסקולען, און איך קען זינגען.

און ציהט מיך פאר די ארבעל, און צופּט מיר די האָר, ווי א קינד און שלעפט מיך מיט געוואלד פון הויז.

— זעה נאָר, ס'איז שוין אַסיען, זאָגט זי, טו א שמעק.

און זי עפענט פאַנאַנדער איהרע ברייטע נאָזלעכער און די אויגען איהרע פלאַמען אויף מיט פרייד.

דאַן ווער איך נערוועז. עפּעס טרייבט מיך פון אָרט צו אָרט און אלע פרויען הויבען מיר אָן צו שיינען שטאָלצער און קעלטער.

— געלע געטין דו, קענסט מיך ניט בארוהיגען?

זעצט זי זיך מיר אויפ'ן שויס און נעמט מיך ארום אזוי שטארק, אז איך שריי פון וועהטאָג.

— דו ליבסט מיך ניט — זאָג איך — דו ביזט א שלעכטע, א קאפריזנע.

נאָר זי הערט ניט. אין א ווינקעל שטעהט זי איבער א בינטעל פון מיינע ליבעס־בריף און צעהלט זיי, ווי א קארגער פאפירען־געלד. נאָר צו וועלכען בריף זי ריהרט זיך צו, שטארבט פאר מיר אָפּ די געליבטע, וואָס האָט מיר איהם געשריבען...

איך וויים ניט, צי מיינע ליפען, צי איהרע שעפּטשען עס נעמען, וואָס האָבען אמאָל געפלאַקערט פאר מיר מיט ליידענשאפט און גענוס.

— אנא, לילי, ראזא, סאָפיע...

געשטאָרבען!

דאָן זעצט זי זיך אין א ווינקעל און הויבט אָן קאַמען איהרע האָר, איהרע פלאַמיגע גאָלדענע האָר. זיי ווערען לאַנג, לענגער, לענגער, און וואקסען פון אונטער איהרע פינגער דין און מאָדנע לאַנג...

— ווילסט איינס? פרעגט זי — און זי רייסט זיי מיט א קינדערשען שמייכעל איינס נאָך די צווייטע און בלאָזט זיי אוועק, און זיי ווערען פארלאָרען אין דעם קאַלטען שיין פון די גאָלדענע שטראַה־לען...

ווערט מיר זעהר טרויעריג.

— געטין, זאָג איך, גוטע געטין, קוש מיר די אויגען און דעם שטערן.

געהט זי ערנסט צו מיר צו, דערנעהענטערט זיך שטיל און מיט אמאָל דערזעה איך, אז זי איז אַן אַלטיטשקע, מיט א פאַרמעטענעם געזיכט און אַראָפּגעהאַנגענע ליפּען.

— יע, מיין קינד, איך וועל דיך א קוש טאָן...

און א קאַלטער קוש ברענט מיר מיין שטערן.

קריגט זי פון ערגעץ ארוים א גרויסען ספר מיט פארגעלטע בלעטער, רוקט צו צום טיש א פאַטער שטול, נעהמט ארוים פון בוזים א פּאָר ברילען, און הויבט עפּעס אָן צו שעפּטשען מיט אַלטע, אַלטע ליפּען...

— מאַמע, זאָג איך, וויין ניט — ס׳וועט נאָך ווען עס איז פריהלינג זיין...

קוקט זי אויף מיר מיט שטאַרע אויסגעלאָשענע אויגען און מור־מעלט מיט א געוויין און ווייבערשען שלוכצען:

— געשטאָרבען איז די זון אין הימעל און דאָס בלאַט אויפ׳ן בוים, און בייזע ווינטען יאָגען די בלעטער, ווי נשמות פון רשעים און מיר איז קאַלט... און מיר איז קאַלט...

אָסיען . . .

דו ביזט געבאָרען צו געבאָרען

דו ביזט געבאָרען צו געבאָרען,
דיין באַרוף איז מוטערשאַפט,
צייטיג שוין זיינ׳ן דיינע יאָהרען,
דיינע בריסטען פול מיט זאַפט.
קרעפטיג־פעסט זיינ׳ן דיינע ביינער
און דיין אָרעם שטאַרק און ברייט
און דיין בליק פון אייביג־ריינער
איז צו הייסער ליבע גרייט...
כ׳ווייס, אַז באַלד וועט עמיץ קומען
אין א תאווה׳דיגער נאַכט
און אין זיסען וועה אין שטומען
וועט זיך עפענען דיין טראַכט...

נ׳ביז דער צייט, ווען ס׳קרעהען העהנער
און עס בלאָזט א מאָרגען־ווינד
וועט דער גליקליכסטער פון מענער
דיך באשענקען מיט א קינד.

קינדער פֿון פּאָלק

א פאַרזאַמלונג אויפ'ן בית-עולם

דאָס איז געווען אין יאַנואַר 1905, נאָך דער ערשטער גראַנ־
דיעזער אַרויסטרעטונג פון דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט. הויך
האָט אויפגעפלאַטערט דער גייסט פון רעוואָלוציע און מענשען און
פעלקער האָבען זיך געפיהלט פּייערליך און מונטער. איינע נאָך די
אַנדערע האָבען אין פאַרשידענע שטעדט אָנגעהויבען אויפצופלאַ־
מען אַלגעמיינע סטרייקס און — „נידער מיט דעם צאַריזם" איז
געוואָרען דער פּאָפּולערסטער לאָזונג. איך בין דאַן געווען אין מינסק,
וואו דער „בונד" האָט נאָך א שווערען קאַמף פריער מיט די „זובאַ־
טאָוועצעס" און נאָכדעם מיט די פּועלי ציון, ערשט אָנגעהויבען צו גע־
ווינען דעם צוטרויען פון די ברייטסטע אידישע פּראָלעטאַרישע און
בירגערליכע מאַסען. און הגם דער אַלגעמיינער סטרייק האָט זיך ניט
איינגעגעבען, ווייל די קריסטליכע ארבייטער זיינען דאָס רוב צו איהם
ניט צוגעשטאַנען, האָב איך דאָך באַוויזען צו קריגען גע'הרג'עט פון
א היבש ביסעל קאָזאַקען און די סמנים, וואָס זיי האָבען מיר איבער־
געלאָזען אויפ'ן געזיכט זיינען געווען אַזוי קענטיג, האָבען אַזוי
דייטליך דערצעהלט וועגען מיין פּאָליטישער ניט־כשר'קייט, אז בליי־
בען אויף ווייטער אין שטאָדט און ארבייטען אין דער באַוועגונג איז
פאַר מיר געוואָרען כמעט אונמעגליך. דער דאָרטיגער קאָמיטעט פון
„בונד" האָט באַשלאָסען אַוועקצושיקען מיך אויף א פּאָר וואָכען
איבער'ן „ראַיאָן", — די קלענערע צענטרען פון דער באַוועגונג —
אום דורכצופירען פאַרזאַמלונגען, פאַנאַנדערפירען ליטעראַטור און
מיטטיילען „דירעקטיווען". זעהר צופרידען בין איך מיט דעם באַ־
שלוס ניט געווען, פאַרלאָזען די גרויסע שטאָדט האָט זיך מיר ניט
זעהר געוואָלט, דאָך האָב איך געפאָלגט — א ברירה האָב איך גע־

האט ! — האָב געליהען גרויסע וואַליקעס, אַ ברייטען פעלץ, אַ ווארים היטעל, האָב אָנגעפּאַקט מיין קערבעל מיט פאַרשידענע טרפה סחורה און האָב זיך געלאָזען אין וועג. פרעסט זיינען דאַן געשטאַנען גאָר גרויסע, „סיווע״, ווי די ווייבער זאָגען, קיין באַהנען זיינען צו דעם גרעסטען טייל שטעדטלאך ניטאָ, האָב איך אָפּגעזאָגט ודוי מיט מיין נאָז און אויערן, האָב אָנגעגרייט געדולד, בין צוגעפאָרען מיט׳ן אייזענבאהן ביז דער נעקסטער סטאַנציע, האָב געדונגען פון דאָרט אַ פויעריש פוהר׳ל און בין אין אַ קאַלטען ווינטער־פריהמאָרגען געקומען אין מ., וואָס איז באַוואוסט אין גאַנץ ליטאַ מיט איהר פּאַב־ריק פון צוקונפטיגע כלי קודש — איהר ישיבה. אינ׳ם שטעד־טעל האָט עס קענטיג מיט רעוואָלוציע נאָך ניט געשמעקט. די גאַסען זיינען זיך געלעגען ווייסע און ריינע, לעדיגע פון מענ־שען און באַוועגונג. די קראָמען זיינען נאָך געווען צו, די איינציגע מויער־געביידע — די פּאָטשטאָוואָיע אָטדעלעניע — האָט אריבערגעקוקט אין מארק מיט זיינע רויטלאָך־פאַרשנייטע ציגעל פרעמד און קאַלט, און ווען איך בין צוגעפאָרען, לויט דעם געגעבע־נעם אדרעס, צו אַ גרוים טיפּיש־קליינשטעטעלדיג הילצערן הויז, און די טיר האָט מיר געעפענט אַן אַלטע, פאַרשלומפּערטע אידענע מיט פאַרווייַנטע אויגען, האָב איך מיך דערפיהלט זעהר נאַריש און מיין גאַנצע באַגייסטערטע אַניטאַטאָרישע שטימונג איז גענצליך פאַר־שוואונדען... אין שטוב איז געווען קאַלט, כאָטש וועלף טרייב ; דער „פאַרשטעהער״, וועמען איך האָב באַדאַרפט — אַ „רוסישער״ לערער — איז ניט געווען צו הויז, די פאַרוויינטע אידענע האָט אויף מיר געקוקט, ווי אויף אַ גזלן און עפּעס ניט ווילענדיג האָט זיך געגלויבט, אַז באַלד וועט אריינקומען דער „אוריאַדניק״ מיט „סאָט־סקי׳ס״, וועט מיך נעמען אונטער די אָרעמס און וועט זאָגען : זייט מוחל, ר׳ רעוואָלוציאָנער, אין חד־גדיא.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע שטעטעל אין מיין „טור״ און אַזאַ בילד האָט מיך געמאַכט גאַנץ טרויעריג. איך האָב שוין זאָגאר געדענקט צו פאָרען צוריק, ערשט עס האָט זיך געעפענט עפּעס אַ זייטיגע טיר און עס איז אריין אַ בלייכער נערוועזער יונגערמאַן מיט גרויסע אויגען און קודלעוואַטע האָר. די צערעמאָניע פון באַ־קענען זיך איז געווען זעהר אַ קורצע.

— פון מ.־ער קאָמיטעט?
— יא.
— האָט איהר געבראַכט ליטעראַטור?
— יא.
— קענט איהר דורכפירען א פארזאמלונג?
— יא.
— קענט איהר דאָ מעהר ווי היינטיגען טאָג ניט פארבלייבען?
— ניין.
— וועט איהר עפּעס עסען?
— יא.

דער יונגערמאן איז פארשוואונדען, אין א פּאָר מינוט ארום איז אריין א הויכער בחור, קענטיג אן ארבייטער, מיט א פּאָר זעמעלאך און קעז און פּוטער, האָט עס אוועקגעשטעלט שווייגענדיג אויפ'ן טיש און איז פארשוואונדען.

איך ווארט א האלבע שעה, א שעה, צוויי — אין קול ואין עונה. איך זיץ אליין אין דער גרויסער אונהיימליכער שטוב (די אידענע איז ערגעץ אויך אוועק), די גרויסע ניט פארדעקטע פענסטער קוקען אריין צו־ליכטיג און קאַלט, ווען־ניט־ווען זעהט זיך ווער דורכגעהענדיג מיט שווערע טריט אין דעם טיפען שנעע איבער'ן גאַס, און עס איז זעהר שטיל.

א זייגער צוויי בייטאָג איז אריינגעקומען דער שוין באַקאַנטער יונגערמאַן מיט נאָך איינעם, וואָס האָט, לויט זיינע שווארצע פון פּעך הענט געשיינט צו זיין א שוסטער. דער לעצטער האָט מיר שעמעוודיג אָפּגעשטעקט א שלום עליכם און האָט זיך געזעצט אויף א שטול, פארלעגענדיג די הענט אויף די קני מיט א באַזונדער דרך־ארץ און שעמעוודיגקייט.

אָהן א הקדמה און אין איינינע ווערטער האָט מיך דער „פאָר־שטעהער" אינפאָרמירט וועגען דער לאַגע.

— אלעמען האָט מען אָנגעזאָגט... נאָר קיין אָרט איז נאָך ניטאָ... קיין דירות גיט מען ניט... מען האָט מורא... א שלעכטער אוריאַדניק... דערצו א פרום שטעדטעל... מען וואָלט אונז צוריסען...

זיי זאָגען: מיר פירען איבער די ישיבה, מאכען א שם רע...

— נאָר מיר וועלען שוין זעהן...

באלד האָט זיך דער פרעמדער חבר אויפגעהויבען און איז, ניט געזעגענענדיג זיך, ארויס. דער „פאָרשטעהער" האָט זיך ענטשולדיגט, וואָס ער דאַרף אויך אוועק — ער מוז געהן אויף איניגע „אוראָקען" און איך בין ווידער געבליבען אליין. צי פון אויסערליכער קעלט, צי פון אינוועניגסטער, נאָר עפּעס האָב איך איינגעדרעמעלט אויף דער הארטער „סאָפע", און בעת איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָט אין שטוב געברענט פייער, נעבען מיר איז געשטאַנען א אומבאַקאַנט יונג אינגעל מיט אזעלכע גלאַנצענדע, פשוט שטראַהלענדע אויגען, און האָט מיך דרייסט געריסען פאַר'ן ארבעל.

— חבר! מען וואַרט... עס איז שוין שפּעט... קומט...

עס איז געוועזן עלף א זייגער ביינאַכט. איך האָב זיך קענטיג גוט דורכגעשלאָפען.

— קומט, חבר!

איך האָב געציטערט פון קעלט, דאָך האָב איך זיך אָנגעטאָן, האָב דעם יונגען חבר געלאָזט געהן פריער און בין ארויס נאָך איהם.

נאָר אין טיפען ווינטער און אין א שטאַרק־פראָסטיגען אָווענט האָט געקענט שיינען אזוי העל און צערטליך־באַרוהיגענד די לבנה.

דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט געשלאָפען. פאַרמאַכט די לאָדען, קיין רויך פון די קוימענס, קיין איין נפש אין גאַס. און אזוי מאָדנע, צויבעריש־אגדתא־יש האָט אויסגעזעהן די גאַס, אזוי טרוקען און פעסט איז געווען די לופט, און אזוי פריש דער שנעע, אז עס האָט זיך געוואָלט אוועקלעגען אין מיטען, קוקען אויפ'ן טיפען העלען הימעל, אויף דער לבנה און גאָרנישט, גאָרנישט טראַכטען. נאָר דער חבר איז שוין געגאַנגען פאָראויס, איך נאָך איהם און פרעמד און מאָדנע און צו הויך האָט אונטער אונזערע פיס געסקריפּעט דער לויטערער גלאַנציגער שנעע. וואוהין מיר געהען, האָב איך ניט געפרעגט. איז עס ניט אלץ איינס? נאָר בעת מיר זיינען דורכ־געגאַנגען דאָס גאַנצע שטעדטעל, און מיר זיינען ארויס אין פרייען פעלד, אויף וועלכען עס האָט זיך ענדלאָז געשפּילט די לבנה, האָט זיך מיר אויף איין מינוט אָפּגעדוכט, אז מיר זיינען עפּעס שאָטענס פון אן אלטער לאַנג־פאַרקלונגענער לעגענדע.

— לינקס, גלייך לינקס — פון ערגעץ איז אויסגעוואַקסען א שוואַרצער שאָטען, קענטיג א „פּאַטרול", וואָס האָט געהיט די פאַר־

זאמלונג פון א „פּראוואל” און האָט אָנגעוויזן אַלעמען דעם וועג...

איבער א שמאָלינקער, קוים באמערקבארער סטעזשקע האבען מיר זיך געלאָזען איבער׳ן פעלד. אין דער ווייט האָט זיך געזעהען א קליין וועלדעל, וואָס איז געלעגען ווי א שווארצער פלעק אויף דעם ווייסען טישטוך פון די שנעען.

— געהען מיר צום וואלד?

— עס איז ניט קיין וואלד. דאָס איז דער פוילישער בית עולם, דער „מאָהילניק”, דאָרט ליגען די דערשאָסענע אין דעם פוילישען מיאטעזש... דאָס איז דער בעסטער אָרט פאר א פארזאמלונג. טאָמער וועט מען „קומען”, וועט מען גלייך דערזעהן, ווייל ער שטעהט אויף א בערגעל און די נעכט זיינען איצטער ליכטיגע...

און מיט א ציטערנד־אויפגערעגטער שטים האָט מיר דאָס אידיש אינגעל דערצעהלט, אז ער איז א מיטגליד פון „בונד”, אז א גאנצען טאָג איז ער אומגעלאָפען זוכען א היים פאר דער פארזאמלונג און האָט ניט געקראָגען, אז דאָ איז בכלל זעהר שווער צו פיהרען דעם רעוואָלוציאָנערען קאמף, אז די פארזאמלונג הויבט זיך אָן אזוי שפעט, ווייל פריער וואָלטען די עלטערן די קינדער ניט געלאָזט, און יעצט שלאָפען זיי, אז עס וועט זיין א גרויסע „מאסע”, און אז ער וואָלט זעהר וועלען אין „שטאָדט”...

פון צייט צו צייט פלעגט זיך ווייזען א שווארצער שאָטען, וואָס פלעגט מיט דער באוועגונג פון האנט אדער פון קאָפּ צייגען די ריכ־טונג אין וועלכער מיר זאָלען געהן.

שוין צוגעהענדיג צום „מאָהילניק” האָב איך באמערקט, אז די סטעזשקע מיט וועלכער מיר געהען, איז עפּעס צו גלייך, און אז דער שנעע איז איינגעדריקט, אזוי ווי מען וואָלט איהם איינוועל־גערען מיט א קיילעכדיגען האָלץ.

— געהט דאָ ווער צום „מאָהילניק”? וואָס איז דאָס פאר א סטעזשקע?

מיין באגלייטער האָט זיך ברייט צושמייכעלט און זיינע שטראה־לענדע אויגען זיינען געוואָרען גרויס פון הנאה.

— אָ, חבר, מיר זיינען „יאטען”. דער שנעע איז דאָ טיף און דאָ זיינען פילע טאָלען, האָט זיך איינער אוועקגעלעגט און איך האָב איהם דורכגעשלעפּט פאר די פיס פון מאָהילניק ביז׳ן שטעדטעל.

אזוי איז געוואָרען א סטעזשקע... און דאָס וואָלט מען נאָך פאַר־בלאָנדזשען... נאָכדעם האָבען עס נאָך א פּאָר דורכגעמאַכט...

באַלד זיינען מיר געקומען צו דעם אָרט פון דער פאַרזאַמלונג. עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַן אייגנאַרטיג־באַגייסטערענדע בילד. אויף די נידעריגע, כמעט אין גאַנצען פאַרשנעעטע מצבות, צווישען הויכע סאָסנעס, וואָס האָבען געשיינט צו זיין ווי ריזיגע ליכט, אריינגע־שטעקטע אין דעם בלענדענד־ווייסען שנעע, זיינען געזעסען מענשען — פרויען און מענער, דערוואַקסענע און כמעט גאָר קינדער. אויף יעדער מצבה — א מענש... דער שיין פון דער לבנה האָט געמאַכט די געזיכטער טויטליך־מאַט און ניט־ערדיש, די אויגען ביי אַלעמען זיינען געווען ברייט פאַנאַנדערגעעפענט, די ליפען געשלאָסען, און דורך די בוימער האָט זיך געזועהן דאָס ווייטע, אונענדליכע פעלד, וואָס איז געווען רייך באַגאָסען מיט ליכטיגקייט. שטיל. קיין איין באַוועגונג. קיין הויך. מיר האָט מען איבערגעלאָזט דעם גרעסטען מצבה־שטיין, און ווען איך האָב זיך אויף איהם געשטעלט און האָב מיט ציטערנדער באַגייסטערונג אָנגעהויבען:

— חברים און חברטעס!

האָבען זיך אַלע געזיכטער געווענדעט צו מיר.

איך האָב געגלויבט, אז אויך די העלדען פון דעם פּוילישען אויפ־שטאַנד, וואָס זיינען אונטער די מצבות געלעגען הערען זיך צו צו די נייע ווערטער פון אויפשטאַנד און רעוואָלוציע...

און ווען איך האָב עס געזאָגט און אָנגעוויזען מיט'ן פינגער, אז דאָ שוועבען איצט ארום די גייסטער פון די געטויטעטע העלדען, האָבען אַלע מיט די בליקען נאָכגעפאָלגט די ריכטונג פון מיין פינגער, און א קוים באמערקבארער ציטער איז דורך די קערפּער.

פאַרענדיגענדיג די רעדע מיט די געוועהנליכע אויסרופען:

— נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! עס לעבע די רעוואָלוציע! עס לעבע דער אַלרוסלענדער פּראָלעטאַריאַט! עס לעבן דער „בונד" — האָב איך זיך געפיהלט ווי עטוואָס שולדיג, וואָס איך האָב די חברים ניט געקענט געבען גלייך אויפ'ן אָרט גרויסען גליק און פאַרווירקליכטע טרוימען...

שטיל און פאָרוויז איז מען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען פון דער פאַרזאַמלונג. עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט. פאַנטאַסטיש

און וועהמיטליך האָט אויסגעזעהן דאָס אין דער ווייט שלאָפענדע שטעדטעל, און א צארטע, ווארימע רוהיגקייט האָט באצוואונגען די נשמה.

איך בין צוריקגעגאנגען מיט דעם „פאָרשטעהער", ניט רעדענדיג קיין וואָרט.

שוין צוגעהענדיג צום הויז, האָב איך געפרעגט, וויפיל מאָן עס איז געווען אויף דער פארזאמלונג.

— אָ, כמעט פון יעדען הויז...

און גלייך האָב איך פארנומען דאָס בילד, ווי אין דעם גאנצען שטעטעל עפענען זיך שטיל און פאָרזיכטיג טירען, אין דער פינס־טערנים שלייכען זיך ארײן שטילע, פון פראָסט באזילבערטע שאָטענס, טוען זיך אויף גיך אוים אין דער פינסטער און ליגען לאנג, לאנג מיט אָפענע אויגען, טרוימענדיג וועגען א ליכטיגער צוקונפט פאר דער מענשהייט און דעם מענשענס גייסט.

ווען אויף מאָרגען אין דער פריה בין איך ווידער דורכגעפאָרען דאָס שטעדטעל און די מארק־קרעמער האָבען אויף מיר געקוקט מיט עפּעס א פארדאכט, האָב איך טיף אין הארצען געשמייכעלט.

— וויפיל רעוואָלוציאָנערען און העלדען פון ברעכען און בויען וועלען ארוים פון אייער ישיבה און אייערע פרומע, גאָטספאָרכטיגע הייזער ?...

פ ו י ג ע ל ע

גערופען „פויגעלע” האָט איהר אפילו דער קאַלטער הוי־בער פּאַרכמורעטער עזריאַל, דער פאָרשטעהער פון „קאָמיטעט”, אזוי קינדיש איז זי געווען און אזוי לעבעדיג. און אלע האָבען געוואוסט, אַז פויגעלע האָט שטענדיג דורכגעפיהרט, וואָס זי האָט זיך אונטער־גענומען, און אַז פויגעלע׳ן קען מען אָנפאַרטרויען די סאַמע פּאַר־אַנטוואָרטליכע ארבייט.

דאַרף איך נאָך דערצעהלען, אַז זי איז געווען זעהר יונג און זעהר שעהן? אַז פויגעלע איז געווען ביי א מיטינג, האָבען אלע געשמייכעלט, און עס האָבען קיינמאָל ניט אויסגעפעהלט קיין מענשען אויף ארבייט.

דאַרום איז פאַרשטענדליך, אַז ווען פויגעלע האָט פאַרלאָזען דעם „בונד” און איז געוואָרען אַן עס־ער׳אָווקע איז די גאַנצע שטאָדט ארומגעגאַנגען ווי אַן אבל, די עס־ער׳ען האָבען זיך מיט אונז גע־רייצט און פויגעלע אליין האָט אויפגעהערט צו בונדיסטען צו שמייכ־לען און איז געגאַנגען פאַרביי, אזוי ווי זי וואָלט געווען איין גרויסע באָמבע און די קלענסטע באוועגונג האָט איהר געקענט עקספּלאָדירען.

שפּעטער איז פויגעלע געוואָרען א „מאַקסימאַליסטקע” און עס האָט ניט גענומען לאַנג ביז מיר האָבען אלע געוואוסט, אַז זי איז געווען פאַרמישט אין א וויכטיגען טעראָריסטישען אַקט.

דורך געהיימניספּולע אָבער זיכערע קוועלען האָבען מיר גע־הערט, אַז פויגעלע איז איינע פון די טהעטיגסטע מאַקסימאַליסטען און אַז זי לאַכט זעהר, זעהר זעלטען.

אזוי איז אריבער א יאָהר און מען האָט פויגעלע׳ן ארעסטירט און זי אוועקגעשיקט ווייט, ווייט אין סיביר, אין א העק פון נאַרימ־

סקי קראַי, און פון דאָרט איז זי געלאָפן. אויפ'ן וועג פון סיביר נאָך פאריז האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויף א טאָג אין איהר היימאט־שטאָט, און דאָרט אין א קליין ענג צימערל פון א פארוואָרפענער פאָרשטאָט האָט זי מיט מיר פארבראַכט א שטונדע אין א נערוועזען געשפרעך.

— דו זאָגסט, דו דערקענסט מיך ניט, אזוי פארעלטערט און אומעטיג בין איך געוואָרען? ס'איז גאָרנישט, איך דארף זיך נאָר אביסעל אויסרוהען, דאָס אלץ. די גאַנצע צייט איז געווען גאָר גוט, און דאָס לויפען איז געווען — פרעלעסט! ווי שנעל דער יאַקוט האָט געטריבען די פערד! און די געדיכטע טונדרע פארביי איז געפלויגען ווי אין א פאַנאָראַמע, נאָר טאַגאַנקע האָט מיך צובראָכען.

פויגעלע האָט אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען צו דער טיר, האָט זיי באַלד צוגעכאַפּט צוריק, אָבער וואָס ווייטער זי האָט גערעדט, אַלץ עפטער, האָב איך באמערקט, האָט זי געוואָרפען די אויגען צו דער טיר צו מיט באהאַלטענעם שרעק.

— אזוי איז דאָרט געווען גאַנץ גוט און דאָס וואַרטען פאר'ן עטאַפּ נאָך סיביר האָט מיך כמעט ניט געאַרט. אָבער עס איז געווען א סוואָלאָטש א נאַטשאַלניק. גיב מיר דעם שאַל, פּאַזשאַלויסטאַ, עס איז מיר קאַלט. יאַ, געוועהנליך פלעגט דער נאַטשאַלניק קומען נאָר צו פּאַוויערקע און אוועקגעהן. די ערשטע טעג איז ער אפילו געווען זעהר וועזשליווע און האָט מיר זאָגאַר צוגעזאָגט צו ערלויבען א סווידאַניע מיט א פּאָר באַקאַנטע, אָבער ער איז געווען א סוואָ־לאָטש און —

דאָ האָט זיך פויגעלע אביסעל פארהוסט און מיר האָט זיך געדוכט, אז זי הוסט מעהר ווי זי דאַרף, ווייל זי וויל אָפּהאַקען די גאַנצע געשיכטע.

איך האָב איהר געבעטען פּאָרטצווזעצען.

— „גוט, דו ווייסט, אז אין טאַגאַנקע מוז ברענען דאָס ליכט אין קאַמער א גאַנצע נאַכט. אויפגעכאַפּט זיך איינמאָל צופעליג פון שלאָף — א הארטע קאַיקע געווען! — און א קוק־טוענדיג, ניט ווילענדיג, צום טיר, האָב איך דערזעהן אין „גלאַזאָק" א מענשליכע אויג. נון, דו מיינסט איך בין נתפעל געוואָרען, וואָס עמיצער האָט אריינגעקוקט אין קאַמער? ניין! איך בין צו דעם שוין געוואוינט

און עס וואָלט מיך דאָס מינדעסטע ניט געאַרט, אָבער דאָס איז געווען אַן אויג פון א מאַן! א גרויס פונאַנדערגעעפענט אויג, מיט א מאָדנעם שוידערליכען קוק, בררר... איך בין געוואָרען זעהר אויפגערעגט, האָב איבערגעצויגען די קאָלדרע איבער'ן קאָפּ, האָב זיך פאַנאַנדערגעוויינט און, הער, בין געזונד אנשלאָפען געוואָרען ביז עכ האָט זיך דערהערט דאָס געשריי: „קיפּיאַטאָק".

אָבער א מאָדנע זאַך — די צווייטע נאַכט האָב איך שוין ניט געקענט צומאַכען מיט אַן אויג. איך בין געלעגען און געוואַרט. איך האָב זיך געפּרואווט איינרעדען, אז דאָס האָט אריינגעקוקט די דעזשורנע נאַדזיראַטעלניצע, אז עס האָט זיך מיר אײנגאַנצען נאָר אָפּגעדאַכט, אז קיינער אויסער דעם נאַטשאַלניק האָט ניט געקענט גאָר אריינגעהן, אָבער שלאָפען האָב איך ניט געקענט. א גאַנצען טאָג נאָכדעם האָב איך געהאַט א קאָפּוועהטאָג, און ווי נאָר מען האָט פאַרנאַכט אָפּגעשלאָסען די קאַיקע, האָב איך זיך א וואָרף געטאָן אויף איהר אין די זאַכען ווי א שטיק האָלץ און בין אנשלאָפען געוואָרען ביז שפּעט ביינאַכט. אויפגעכאַפּט האָב איך זיך מיט א ציטער. דאָס זעלבע גרויס־פאַנאַנדערגעעפענטע אויג איז געווען צוגעפּרעסט צום „גלאַזאָק" און אזוי שנעל ווי איך האָב זיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן פּאָדלאָגע, האָב איך דערהערט א נידעריגע שטימע, ווי זי וואָלט קומען פון א טויזענד מייל:

— און איהר, פריילין, וואָלט זיך בעסער אויסגעטאָן — ניט גוט שלאָפען אין זאַכען.

די לעצטע ווערטער זיינען געווען באַגלייט פון אַן אפּשייליך נידעריג געלעכטעריל.

מעהר האָב איך ניט געשלאָפען, ניט יענע נאַכט און ניט די נעכט שפּעטער.

ווי נאָר עס פלעגט ווערען פינסטער און די טורמע איז געוואָרען שטיל, פלעג איך מיך לעגען אויפ'ן קאָיקע מיט די אויגען צו דער טיר און פלעג זיך צוהערען. די טריט פון דער נאַדזיראַטעלניצע האָב איך גוט געקענט און זיי פלעגען מיך ניט נאָר ניט שרעקען, נאָר, פאַרקערט, מאַכען פרעהליכער. נאָר איינמאָל, אויף דער פערטער אדער פינפטער נאַכט, האָב איך דערהערט ווי אונטען עפענט זיך שווער אויף די גרויסע טיר, וואָס פיהרט צום קאָרידאָר, און באַלד איז אלעס

ווידער אנשוויגען געוואָרען. אין א מינוט צעהן אָדער פופצעהן ארום האָב איך דערהערט שטילע טריט. יא, שטילע, זעהר שטילע, אזעלכע שטילע, אז קיין אויער אויסער מיינע האָט זיי ניט געקענט פארנעמען. איך האָב געהערט ווי די טריט האָבען זיך גענעהערט און ווי זיי זיינען שטיל געוואָרען ביי דער טיר פון מיין קאמער. הא? ניין, דאָס איז ניט געווען שרעק ביי מיר, נאָר מיין גאנצער מארך האָט זיך אָנגעצונדען און מיינע אויגען זיינען ווי צוגעשמידט געוואָרען צום „גלאזאָק". באלד האָט זיך דאָס צודעקעל פון יענער זייט טיר עטוואָס אויפגעהויבען און דאָס זעלבע גרויסע פאראנדערגע־עפענטע אויג איז צוגעפאלען צום פענסטער. עס מאכט ניט אויס, איך מעג דערצעהלען. איך ווער אויפגערעגט, דאָס איז אמת, אָבער עס א״ז אלץ איינס צי איך דענק וועגען דעם צי איך רעד.

אזוי האָט עס אָנגעהאלטען באלד צוויי וואָכען. דאָס בין איך פון דאמאָלסדיגען ניט־דערשלאָפען אזוי פארעלטערט געווארען.

די לעצטע נאכט איז שוין געווען א נארישקייט. איך האָב ניט געוואוסט, אז מען געהט עס אונז נעמען צום עטאַפּ, און ווען איך האָב דערזעהן דאָס אויג אין גלאזאָק און באלד דערהערט, ווי עס עפענט זיך דער גרויסער שווערער שלאָס, האָב איך גע׳חלש׳ט און בין נאָכדעם אָפּגעלעגען אין האָספּיטאל איבריגע פיער וואָכען ביז אן אנדער עטאַפּ.

ווי דו זעהסט, האָט פויגעלע אויך געזעהען אביסעל „ליכא", אָבער אויב איך וועל זיך אריבערכאַפּען דעם גרענעץ, וועל איך זיך גלײך זעצען רוהען, און דו וועסט נאָך זעהען ווי פויגעלע וועט נאָך זינגען און שפּרינגען".

איצט איז זי שוין דאָס דריטע יאָהר אין א משוגעים־אנשטאלט און דאָקטוירים זאָגען, אז זי ליידט פון דער פארפאָלגונגס־מאניא. אין אנשטאלט האָב איך זי עטליכע מאָל באזוכט, און זי איז אימער געווען צו מיר אויסערליך זעהר פריינדליך און אינערליך זעהר קאלט. און אויספרעגענדיג מיט א געמאכטען שמייכעל וועגען באקאנטע, האָט זי אלץ געקוקט צו דער טיר.

מאָטקע און זיין ברודער

פאַר דער צייט פון מיין זיצען און וואנדערען איבער די רוסישע טורמעס איז עס מיר אָפט אויסגעקומען צו באגעגענען מערקווירדיגע טיפּען פון אידישע קרימינעלע פארברעכער. עס שטעהט אויף אין מיין זכרון דער אַלט־גרויער קאַטאָרזשניק דאָלגאָוו מיט זיין לאַנגער פאטריארכאַלישער באָרד, קלוגע בליצענדע אויגען און אָפטע ציטאטען פון תלמוד און די פּוסקים, וואָס ער האָט געקענט ניט בעסער פון א קליינ־שטעדטעלדיגען רב. 33 יאָהר נאָכאנאנד נאָר מיט קליינע הפסקות האָט ער זיך געוואלגערט אין טורמעס און קאַטאָרגעס פאר זיין געפעהרליכע ליידענשאפט צו גנב'ענען פויערשע פערד; איך שטעל זיך אויך אָפּ אויף דער הויכער בייכיגער פיגור פון ש., פיל מאָל גע'משפּט פאַר גרויסע גנבות, וואָס האָט געלעזען דעם „השלוח" און איז געווען א הייסער אָנהענגער פון אחד העם'ס קולטורעלען ציוניזם; איך דערמאָן זיך אָן דאָס קליין אידיש אינגעל ט—וו, וואָס האָט באוויזען צו זיין גע'משפּט שוין 3 מאָל און האָט זיך אזוי ערנסט אינטערעסירט מיט מאטעמאטיק און נאטור־וויסענשאפט; אָן דעם האלבען גזלן לאַנדסמאַן, וואָס האָט זיך געקוויקט מיט רחמנות'דיגע סענטימענטאלע ערצעהלונגען אין די אַלטע־אַלטע זשורנאַלען, פארוואלגערט ביי דעם טורעמנעם גלח...

און דאָך האָט דעם טיפסטען איינדרוק אין מיר איבערגעלאָזען מאָטקע, דער געפעהרליכער נאכט־גנב — „שניפער" — וואָס האָט געהאט אזעלכע מילדע בלאָהע כמעט מוטערליכע אויגען. צוליב זיין ריזיקאַלישער „פּראָפעסיע" איז ער פיעל מאָל געזעסען אין פאר־שידענע טורמעס און דאָך האָט די „אונגלאָאונע קאמער" ניט איבער־געלאָזען אויף איהם יענעם שטעמפּעל, וואָס מאכט צו דערקענען אַן

ארעסטאַנט אפילו ווען ער איז אויף דער פריי און אין דער בעסטער געזעלשאַפט. ער האָט זעהר ווייניג געברויכט דעם אונגעהייער־פּאַר־שייטען טורמע־זשאַרגאָן, האָט זיך נאָך ווייניגער געמישט אין די פאַרשידענע פאַרפּלאָנטערטע אָנגעלעגנהייטען פון דער קרימינעלער קאַמער און האָט ליב געהאַט פיל צו לעזען אָדער איינזאַם צו וואַנדלען איבער'ן קאָרידאָר פון טורמע. ער האָט אויך געהאַט א שעהנע שטימע — א שטאַרקען איידעלען טענאָר — און אָפט פלעגט ער, אונבאַמערקבאַר פאַר'ן אויפזעהער, זיך אריינשלייכען אין א פּאָליטישען קאַמער, זיך זעצען אויפ'ן פענסטער מיט פאַר־לייגטע פיס, ווי א מזרח־מענש, קוקען ווייט דורך די גראַטעס און זינגען עפּעס „מינאָרנע" זאַכען. דאָ זיינען געווען שטיקלאַך פון אָפּעראַס, גאַנצע שטיקער ימים־נוראים'דיגען פּיוט און פאָלקס־לידער. און דאַן האָט זיך גאָר ניט געקאָנט גלויבען, אז אָט דער צאַרטער אידישער בחור'ל מיט אזעלכע גוטע אויגען איז א גנב, אן איינפּאַכער און קליינליכער פאַרברעכער, וואָס גנב'עט זיך אריין ביינאַכט אין פרעמדע הייזער און שאַרט צונויף אַלץ, וואָס מאַכט זיך אונטער'ן האַנד און געהט אוועק מיט א זיגרייכען מיאוס'ען שמייכעל. דער באַזונדערער אריסטאָקראַטיזם, וואָס איז געלעגען אויף זיין געזיכט, איז פאַר מיר געווען אן אמת'ע רעטעניש און ניט זעלטען האָב איך געקלערט, אז אָט דאָס קינד איז גיכער באַשאַפען געוואָרען צו זיין א ליבלינג אין א וועלכער ס'איז ברידערליכער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, איידער א טייל פון דעם טיפסטען און שמוציגסטען דנאָ. פיל צו רעדען האָט ער זעהר ניט ליב געהאַט און נאָך ווייניגער גערן האָט ער געענטפערט אויף פראַגען, וואָס זיינען געווען נוגע זיין פאַרגאַנגענהייט, יחוס און ערציהונג.

אונזער טורמע איז געלעגען אויפ'ן וועג קיין מאָסקווע, דאַרום פלעגען אַלע דינסטאַג אָנקומען פאַרטיעס פאַרשיקטע און קאַטאָר־זשניקעס וואָס פלעגען אָברוהען איין טאָג אונטער די גראַטעס פון אונזער טורמע אום פאַרטצוזעצען זייער ווייטערען וועג קיין מאָסקווע דורך סמאָלענסק. אין יעדער דורכגעהענדער פּאַרטיע האָט זיך תמיד געפונען אן אנצאָהל פאַרשיקטע פאַר פּאָליטישע פאַרברעכענס און אזוי איז עס שוין געווען ביי אונז איינגעפיהרט, אז ווענען אָט די פּאָליטישע פלעגט מען אונז גלייך לאָזען וויסען דורך אונזער „סטאַ־

ראַסטע", אום מיר זאָלען זיי קענען אויסהעלפען מיט וואָס נויטיג אין זייער לאַנגען און שווערען וועג.

מאָטקע איז גראָד געזעסען אין מיין קאַמער, ווי געוועהנליך אויפ'ן פענסטער, ווען איינמאָל אין א דינסטאג איז אריינגעקומען אונזער סטאַראָסטא מיט א לאַנגען צעטעל פון די ערשט־אָנגעקומענע פאַרשיקטע. אוים געוואוינהייט האָב איך אריינגעקוקט אין דעם לאַנגען בויגען פאַפיר און האָב זיך אָנגעשטויסען אויף מאָטקע'ס פאַמיליע.

— הער, מאָטקע, האָסטו ניט ערגעץ א קרוב — א פאָליטישען?

— ניין...

— דאָ איז איינער מיט דיין פאַמיליע — ווילסטו געהן א קוק טאָן?

אויב איהר ווילט זעהר, וועל איך אייך טאָן די טובה.

אין קאָרידאָר זיינען געשטאַנען פילע רעדלאך, וואו מען האָט זיך זעהר געהיצט און הויך גערעדט. ווער עס האָט אין עטאַפּ געטראָפען זיינעם אָן אַלטען חבר אין קאַמף, ווער עס האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף באַקאַנטע, ווער פון די אורחים האָט זיך געאינ־טערעסירט מיט אונזער רעזשים און אונזערע „דיעלעס". נאַטשאַל־סטווא פלעגט געוועהנליך קוקען גאַנץ גלייכגילטיג אויף אַזאַ מין איבערטרעטען די קאָנסטיטוציע און אַלע האָבען זיך געפיהלט, „ווי אין דער היים". ביי איינעם פון די רעדלאך האָט זיך מאָטקע אָפּ־געשטעלט, איז געוואָרען טויט־בלאַס און האָט עפּעס געשעפּטשעט מיט די ליפּען. באַלד איז ער געוואָרען א ביסעלע דרייסטער, איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די אָנגעקומענע אורחים און האָט מיט א געמאַכטען קוראַזש איהם א ציה געטאָן פאַר'ן ארבעל.

— יע, יאָט, איז דיין פאַמיליע „עקס"?

יענער האָט זיך אָפּגעקערט, איז אויך געוואָרען בלאַס און איז ארויפגעפאַלען מאָטקען אויפ'ן האַלז — ס'האָבען זיך באַגעגענט צוויי ברידער...

א גאַנצען טאָג זיינען זיי געזעסען ערגעץ אין א ווינקעל און האָבען גערעדט. נאָך די ארעסטאַנטסטע קליידער האָט מאָטקעס ברודער גלייך דערקענט, אַז מאָטקע זיצט ניט פאַר א פאָליטישען

פאַרבראַכן און ס'איז געוועזן צו זעהן, ווי עס ציטערן איהם די ליפּען און ווי ער וויל זיין ברודער אין עפּעס איבערצייגען...

קינדער פון איין טאַטען און מאַמען איז זיי די מוטער פאַר־שטאַרבען, ווען זיי זיינען נאָך געווען גאַר קליינע קינדער. אין הויז איז אָנגעקומען א שטיף־מאַמע. קללות, קלעפּ, באַליידיגונגען. מאַט־קען האָט מען אָפּגעגעבען צו א בעל־מלאכה, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיין פאָטער איז געווען גאַנץ רייך און דער עלטערער איז ערגעץ אנטלאָפען און מען האָט ניט געוואוסט וואוהין. מאָטקען האָט דער בעל־הבית געשלאָגען, געהייסען טראָגען די פּאָמוניצעס, וויגען די קינדער און האָט איהם אָפּט און פיל באַליידיגט. פלעגט ער אַנטלויפען אהיים, האָט איהם די שטיף־מוטער געיאָגט און גע־קוועלט. האָט ער אָנגעהויבען צו פיהרען באַקאַנטשאַפט מיט חברים און האָט אָנגעטראָפען אויף גרויסע קונדסים און גאַס־אינגלאַך. האָט מען איהם אָנגעהויבען צו לערנען מיאוס'ע זאכען און ער האָט וואָס ווייטער אַלץ טיפער געזונקען ביז דער ערשטער טורמע. פון טורמע איז ער ארויס שוין א פאַרטיגער פּראָפעסיאָנעלער גנב מיט ברייטע פאַרבינדונגען אין דער געהיימניטספולער גנב'ישער וועלט... דער עלטערער ברודער איז אַנטלאָפען אין א גרויסער שטאָט, האָט זיך פיעל געפּלאָגט, געפיהרט א הונגעריג לעבען, שפּייזענדיג זיך פון גראָשענע אוראָקען. סוף כל סוף האָט זיין עקשנות געזיגט, ער האָט זיך גוט געלערענט, אָפּגעגעבען עקזאַמען, איז אָנגעקומען אלס סטי־פּענדיאַט אין פּעטערבורגער וועטערינאַר־אינסטיטוט און איז געוואָ־רען א טיכטיגער קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פון פאָלק...

נאָך 9—8 יאָהר האָבען זיי זיך ביידע באַגעגענט אין דעם דונקעלען קאָרידאָר פון אונזער טורמע — באַגעגענט זיך אויף איין טאָג.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען זייער געזעגענען זיך. עס איז געווען נאָך פאַר „פּאָווערקע" און דער עטאַפּ האָט זיך שוין גע־מושטירט צום ווייטערדיגען וועג. מאָטקע איז אריינגעלאָפען אין אונ־זער קאַמער, האָט זיך אויפגעהויבען צום פענסטער און האָט שטאַרק זיך צוגעדריקט צו דער גראַטע. מיט שטאַרע צושראָקענע אויגען האָט ער געקוקט אין גרויסען הויף, באַוועגענדיג אָפּט מיט די אַקסלען, ווי עטוואָס וואָלט איהם געביסען. און אָט געהט דורך דעם הויף זיין

ברודער, אין באַגלייטונג פון אַן אויפזעהער און „קאַנוואָינעם", מיט א פּעקעל פּאַרוואָרפען אויף די פּלייצעם. מאַטקע'ס געזיכט האָט אָנגעהויבען נערוועז צו ציטערען און ער האָט שטיל־שטיל געמורמעלט: זיי געזונד... זיי געזונד...

— זיי געזונד... זיי א מענש! — האָט אויסגעשריען דער ברודער.

— טשעוואָ טוט... אידי... האָט זיך אָנגעבייזערט דער אויפזעהער און מאַטקע איז געוואָרען ווייס, ווי א בר־מנן. ווען דאָס טירעל פון דעם אייזערנעם טויער האָט זיך מיט א בריאזג פאַרמאַכט הינטער מאַטקע'ס ברודער, איז מאַטקע אָפּגעשפּרונגען פון פענסטער, האָט זיך אויף איין סעקונדע אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט וועלען עפּעס זאָגען און איז, דאָך ניט רעדענדיג קיין וואָרט, ארויס פון קאַמער.

אין יענעם אָוונט איז געווען שטיל אין מאַטקע'ס „אוגאָלאָוונעם קאַמער". אויך זיינע חברים, גנבים און אויסוואורפען, האָבען קענטיג פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאָל האָט מען געדאַרפט לאָזען מאַטקען צו־רוה...

אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָט מאַטקע באַלד נאָך זיין באַ־פרייאונג געוואָרפען זיין „פּראָפעסיע" און איז געוואָרען אַן ארביי־טער...

משה'קע

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט משה'קען איז פאָרגעקומען אַזוי: אין דעם האַלב־דונקעלען לאַנגען קאָרידאָר פון טורמע האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ נידעריגער פעסט־געבויטער יונגערמאַן מיט קורצע בייניגע הענד און אַ רונדען קאָפּ מיט אַ קליינעם שטערן, וואָס איז פעסט געזעסען אויף אַ דיקען מוסקוליסטען קאַרק און האָט מיך געפרעגט, אויב איך וויל אַ שטיקעל גוטען היימישען קעז.

— וואָס פאַר אַ קעז?

— פיינעם קעז. ווייסט איהר, אַזאַ געשמאַקען, אויף אייער, צושיט זיך אין מויל...

— נו?

— איז אויב איר ווילט, קען איך אייך געבען... איך קען אייך אריינשיקען אין קאַמער...

— אָך, אַ גרויסען דאַנק, איך האָב טאַקע ליב קעז...

און גלייך האָב איך נאָך דעם ביטרען קוק פון זיינע קליינע פרעהליכע אויגעלאך פאַרשטאַנען, אַז מיין נייער באַקאַנטער לאַכט פון מיר.

ער האָט געמאַכט אַן ערנסטען געזיכט, האָט ארויפגעלעגט זיין שווערע האַנד מיר אויפ'ן פּלייצע און האָט האַלב־ערנסט, האַלב אין שפּאַס צוגעזאָגט:

— אַז מיר וועט אָנקומען דער וואַגאָן, וועל איך אייך אויך געבען אַ קעזעלע, איך האָב אויך ליב קעז — זייט אַ יאַט!

און ער איז אַוועק מיט זיינע פעסטע גבור'שע טריט, וואָס האָ־בען, דוכט זיך, געלאָזען שפּורען אויפ'ן דונקעלען אַספאַלט.

דאָס איז געוועזן משה'קע, דאָס גרויסע דערוואַקסענע קינד,

וואָס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין דעם צענטר פון די באוואוסטע פאַלעסער בלאָטעס, טרויעריגע, אונפּרוכטבאַרע און סוכאָטנע, ווי דאָס לעבען פון אן ארבייטער.

מען האָט איהם באשולדיגט אין פילע פּאָליטישע פארברעכענס, בתוכם די באשולדיגונג אין הרג'ענען דעם באוואוסטען בונדישען פּראָוואָקאטאָר ארנאצקי. אין טורמע איז ער שוין געווען א תושב און אַלע האָבען איהם ליב געהאַט, ווער מאהבה צו זיין נאאיווער גאַנצער נשמה און ווער פון די קרימינעלע פארברעכער מיראה פאר זיין געזונטען אייזערנעם פויסט.

זיין אינטעליגענץ איז געווען זעהר קליין. ער האָט קוים גע־קענט לעזען און שרייבען אידיש און דאָך איז מערקווירדיג זיין נאאיווער רעוואָלוציאָנערער שטאָלץ און זיין נאָבעלער דאָן־קיכאָ־טישער האנדלען.

די בעלי־בתים און די פּאָליציי האָט ער פיינד געהאט ווי דעם טויט און קיין זאַך פלעגט איהם אזוי ניט ארויסברענגען פון די כלים, ווי די פרעכהייט פון „א קנעפּעל".

איינמאָל האָט מען איהם געבראכט אין געריכט מיט נאָך פיל חברים, וואו מען האָט זיי געזאָלט משפּט'ן פאר אנגעהעריגקייט צום בונד.

בעת עס האָט זיך געעפענט די געריכטס־טיר און דער געריכטס־אויפזעהער האָט אויסגעשריען אויף זיין שטייגער פייערליך און הויך:

— סוד אידיאָט! פּראָשו וסטאַט!

האָבען זיך אַלע באשולדיגטע געשטעלט. זיי האָבען געוואוסט, אז אין געגענפאַל וועט מען זיי ארויספיהרען פון זאַל און רויבען מיט דעם דאָס רעכט פון פארטיידיגונג. אבער משה'קע איז געבליבען זיצען. ער וועט זיך פאר אָט די צארישע הינד ניט שטעלען.

דער טשינאָווניק האָט עס דערזעהען און האָט איהם אָנגעהוי־בען צו דראָהען מיט'ן פינגער — משה'קע האָט אויך פינגער, מאכט ער, ווי ער בייזערט זיך אויפ'ן טשינאָווניק, ווערט יענער גאָר אין כעס און ווייזט איהם א פויסט, האָט משה'קע אויך א פויסט...

און ער איז געבליבען זיצען.

„ארנאצקי'ס דיעלאָ" איז איבערגעגעבען צום קריגס־געריכט, די לאַגע איז געווען ערנסט און מען האָט באשלאָסען ארויסצושטעלען

אלס פאַרטיידיגער די בעסטע רוסישע אַדוואָקאַטען. דער געזעץ איז אָבער, אַז דער באַשולדיגטער אַליין דאַרף אַרויסרופען דעם פאַרטיידיגער און צוליב דעם דאַרף ער אָפּשיקען דורך נאַטשאַלסטוואָ א גאַנצע פּראָשעניע מיט אַלע קאַזיאָנע אַטריבוטען.

ווען דער אויפזעהער פון טורמע האָט משה'קען אַרויסגערופען צו זיך אין קאַנטאָר אויף אונטערצושרייבען די בקשה צום פאַרטיידיגער, האָט משה'קע געבעטען מען זאָל איהם דאָס פּאַפּיר דורכלעזען.

— מילאָסטיווי גאָסודאַר, גאָספּ. זאַשטשיטניק...

משה'קע איז געוואָרען אויפגעקאָכט ניט וויסענדיג, אַז אַזוי שרייבט מען צו יעדען, האָט ער געמיינט, אַז דאָס מאַכט דעם פאַרטיידיגער פאַר א מין בעל־הבית איבער איהם.

— יאָ גאָסודאַריאָ ניע פּריזנאַיו.

און נאָר ווען מען האָט איהם איבערצייגט, אַז אין דעם איז קיין באַליידיגענדעס פאַר איהם ניטאָ, האָט ער מסכים געווען אונטערצושרייבען זיין נאָמען...

ער איז געווען ווייט פון קאָמפּראָמיסען און האָט געוואוסט, אַז א רעוואָלוציאָנער טאָר אין קיין פאַל ניט נאָכגעבען.

נאָך צוויי יאָהר זיצען איז ענדליך געקומען דער משפּט. דער קריגס־געריכט האָט געדאַרפט משפּט'ן משה'ען און נאָך דריי חברים פאַר ארנאַצקי'ס מאָרד. דאָס געריכט איז פאָרגעקומען ביי „פאַרמאַכטע טירען", קיינעם האָט מען ניט צוגעלאָזען און נאָר מיר און נאָך א פּאָר באַקאַנטע (איך בין שוין דענסטמאָל געווען פריי) האָט זיך איינגעגעבען אָפּצונאַרען דאָס געריכט און פאָרשטעלען זיך אַלס פאַרוואַנדטע פון די באַשולדיגטע — יעדער באַשולדיגטער האָט דאָס רעכט אויף די אַנוועזענהייט פון דריי קרובים.

ס'האָט עדות געזאָגט דער הויפּט־עדות פון דער אָנקלאַגע, דער זשאַנדאַרמסקי ראָטמיסטער נארטאוו — א טיפּישער זשאַנדאַרם, מיט שטעכיגע וואָנצעלאַך און קליינע פעטע אויגעלאַך. ער האָט די באַשולדיגטע אַלע געקענט און איז געווען איבערצייגט אין זייער שולד. ער האָט געמאָלט דאָס בילד פון דעם פאַרברעכען זעהר גענוי און האָט אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטען, אום זיי צו באַגראָבען. די באַוואוסטע אַדוואָקאַטען לעוו קופּערניקאָוו און מאַרגאָלים האָבען שווער

און אָנגעשטרענגט געארבייט אום דעם עדות צוצומישען און ברענגען איהם אין א פארלעגענהייט — דער מאָמענט איז געווען זעהר ערנסט.

מיט אמאָל קערט זיך משה׳קע אָב פון דעם געריכט, ווארפט א פרעהליכען בליק צו מיר, אָנווייזענדיג אויפ׳ן זשאנדארם, און זאָגט, כאָטש שטיל, נאָר גאנץ דייטליך:

—קעז ווילסטו? גוטע קעז!

און זיינע אויגען האָבען אויפגעפלאַמט מיט א פאראכטליכען שמייכעל צו די שופטים, די עדות און דעם גאנצען פאלשען פּאראַד.

דער זשאַנדאַרם האָט עם דערפיהלט, איז געוואָרען רויט און האָט אָנגעהויבען צו שטאַמלען...

דער משפט איז געוואָרען אָפּגעלעגט, דערווייל האָט אויפגעשטורעמט די רעוואָלוציע, וועלכע האָט געעפענט די טירען פאר דעם גרעסטען טייל פּאָליטישע פארברעכער און משה׳קע איז נאָך צוויי יאָר געפענגנים געוואָרען פריי. מען האָט איהם אָנגעהויבען איינצורעדען ער זאָל אָפּפאָהרען נאָך אויסלאנד, ווייל אויב ניט, קען מען איהם נאָך אמאָל ארעסטירען און משפּט׳ן פאר די אלטע חטאים, ער האָט אָבער דערפון ניט געוואָלט הערען און איז זיך פריש און געזונד אוועקגעפאָרען קיין ווארשע אויף א פאלשען דרייסיג קאָפּיקענעם פּאספּאָרט. דאָס איז געווען אין די „הייסע טעג", פארשטעהט זיך, האָט משה׳קע ניט געשוויגען און מען האָט איהם אין גאַס ארעסטירט.

זיין אמת׳ען נאָמען האָט מען זיך באַלד דערוואוסט, זיין „דיעלא" איז געווען באקאנט אלעמען, האָט מען איהם צוריקגעשיקט קיין מ. דאָרט האָט איהם דאָס זעלבע געריכט ווידער געמשפּט פאר די אמניסטירטע זינד און מען האָט איהם פאר׳משפּט צו 15 יאָהר קאַטאָרגע.

איך האָב געזעהן זיין בילד, ווי ער שטעהט שוין א געשמידעטער אין פוס־קייטען. ער שטעהט גלייך און זיינע אויגען ווינקען:

— קעז ווילסטו? — זיי א יאַט!

אסתר ריסקינד

מיר זיינען צוזאַמען אַרויס פון אַ זיצונג פון ווילנער „צענ־טער" און איך געדענק שוין ניט ווי, עס האָט זיך אָנגעהויבן זעהר אַן ערנסטער געשפּרעך וועגן לעבען און טויט. פּיליכט איז אין דעם געווען שולדיג דער פרעכטיגער אַפּריל־אָוונט, וואָס האָט געוועקט טיפע געפיהלען, פיליכט דאָס פאַראויסגעפיהל, אַז באַלד וועט איינעם פון אונז אויסקומען נאָך מעהר צו פאַרוויקלען דאָס גרויסע פּראָ־בלעם.

אסתר איז געווען שוואַרץ ווי אַ ציגיינערין, איהרע אויגען האָ־בען אימער געברענט מיט אַ באַוועגליכען פייערל, איהר דונקעלער געזיכט איז געווען איינגעפאַסט אין אַ ראַם פון פעך־שוואַרצע האָר און ווען זי האָט גערעדט, האָט זיך מיר געדוכט, אַז זי ווייס נאָך עפּעס, עטוואָס טיפעס, געהיימעס, באַהאַלטענעס.

— אַזוי מאָדנע קומט אַמאָל דער טויט, אַזוי אונפאַרשטענדליך — האָט זי גערעדט — איך בין געווען אין בערן — (דאַכט זיך, אַז זי האָט אָנגערופען בערן), ס'איז געווען אַ באַל פון דער רוסישער קאָלאָניע, ס'איז געווען אַזוי פרעהליך! מען האָט געטאַנצט, געזונ־גען, געשפּאַסט, ביים בופעט האָט מען פאַרקויפט בלומען און שטאַרקע ווייגען, עס זיינען געווען פילע שעהנע מענער און פרויען — אין רעכטען מיטען טומעל איז איינער פון די אַנוועזענדע — אַ סטודענט — אַרויס אויפ'ן באַלקאָן און האָט פּלוצלונג און פאַר אַלעמען אונ־ערוואַרטעט זיך געשאָסען... ער איז געווען באַוואוסט, אַלס אַ פרעה־ליכער, לעבענסלוסטיגער יונגערמאַן און עפּעס אַזוי מאָדנע האָט געשיינט צו זיין די טהאַט זיינע...

אזוי פלוצלונג רייסט זיך אריין דער טויט אין דעם לעבען!

מיר האָבען דאַן פאַרבראַכט שפּעט אין אָווענט און איך געדענק נאָך, אַז צו אַלע געפיהלען מיינע איז צוגעקומען דאָס געפיהל פון קינדערשען שטאָלץ, וואָס די קלוגע, ענערגישע באוואוסטע „קאָמי־טעטיצע" פון „בונד" האָט מיך באעהרט מיט אזא ערנסטען גע־שפּרעך. איך בין דאַן געווען ערשט עטליכע מאָנאַטען אין דער באַ־וועגונג און האָב ביי זיך אין הארצען מעהר ווי אלעמען פארגעטערט „אידא'ן" — אזוי האָט מען זי גערופען.

תמיד איז ביי מיר געווען דאָס געפיהל פון כמעט רעליגיעזער באגייסטערונג פאר די חברים־פרויען און „אידא" איז דאַן געווען באוואוסט, אלס איינע פון די פעהיגסטע און איבערגעבענסטע טוער פון „בונד" און איז געווען איינע פון די דריי אָדער פיער חבר'טעס, וואָס האָבען פאַרנומען אין דער פּאַרטיי פאראנטוואָרטליכע און שווערע פּאָסטען.

אין אייניגע טעג נאָך דעם אויבענדערמאָנטען געשפּרעך האָט געדארפט פאָרקומען א געמיינזאמע זיצונג פון דעם „צענטר" מיט דעם קאָמיטעט. „אידא" האָט עטוואָס פארשפּעטיגט און ווען זי האָט זיך געלאָזט געהן אויף דעם באשטימטען אָרט, האָט זי דערזעהן, אַז אַלע גאסען ארום זיינען פול מיט שפּיאָנען. זי האָט פארשטאנען, אַז מען דארף זיך ראטעווען און אָנזאָגען, מען זאָל זיך פארנאַנ־דערגעהן — אָבער עס איז געווען צו שפּעט. סאָלדאטען מיט פּאָליציי האָבען שוין ארומגערינגעלט דאָס הויז. מיט גרויס מאטערניש האָט זיך איהר איינגעגעבען צו באפרייען זיך פון דעם שפּיאָנען־נעץ, זיך איבערצוטאָן און איבערקלייבען זיך אין א זיכער אָרט. בלייבען אין ווו. האָט זי מעהר ניט געקענט און דער צ. ק. פון „בונד" האָט איהר פאָרגעלעגט צו פאָהרען אין ביאַליסטאָק. פאר'ן אוועקפאָהר האָט זי אונז — אלע ארעסטירטע חברים — אנגעשריבען א בריף, א בריף, וואָס נאָר א פרוי און א רעוואָלוציאָנערין האָט איהם געקענט שרייבען. זי האָט אונז באשריבען, ווי זי האָט אנטדעקט די שפּיאָנען, ווי זי האָט אונז געוואָלט ראטעווען, ווי זי האָט געזעהן, פירענדיג אונז ארעסטירט, ווי איהר האָט זיך איינגעגעבען זיך אויסצודרעהען און ווי איהר טוט באנג וואָס זי איז ניט געפאנגען געוואָרען צוזאמען מיט אַלעמען...

מיר האָבען זיך אַלע געפרעהט, וואָס זי איז נצול געוואָרען און האָבען זיך געפיהלט פאָלקאָם רוהיג, באקומענדיג די ידיעה, אַז זי איז שוין אויסער ווי...

אָבער א מענש טראכט און גאָט לאכט. מיר אַלע זיינען אָפּגע־זעסען פינף מאָנאַטען און די אמנעסטיע האָט אונז אַלעמען באפרייט פאר ווייטערדיגען קאמף, און אסתר ריסקינד איז אין א קליינע צייט נאָך איהר אָנקומען קיין ביאַליסטאָק צוריסען געוואָרען פון אן אומ־געלומפּערטע אַנאַרכיסטישע באָמבע. די אַנאַרכיסטען האָבען בא־שלאָסען צו הרג'ענען עפּעס א פּאָליסמאַן, האָבען זיי קיין אנדער צייט און קיין אנדער אָרט ניט געפונען, ווי די שניידערשע „בירזשע" אין דער צייט, ווען אויף איהר זיינען געווען פיל אַרבייטער; אסתר איז דאָך געווען שטענדיג מיט די ארבייטער און די באָמבע האָט געטראָפען ניט דעם דינער פון דער זעלבסטהערשונג, נאָר דאָס טרייסטע און שעהנסטע קינד פון פאָלק...

געפינט ערגעץ אין דענסטמאָלדיגע בונדישע אויסגאַבען איהר בילד אויפ'ן טויטען־בעט: עס דוכט זיך, ווי איהרע צונויפגעפּרעסטע ברעמען און שטערן זיינען פארטיפט אין אן ערנסטען שווערען גע־דאנקען...

— אזוי מאָדנע קומט אמאָל דער טויט, אזוי אונפארשטענד־ליך!...

סאלאמאן דינצעס

ער איז געווען א פרעהליכער, א רירעווודיגער, א קלוגער. ער האט געהאט העלע פינקלענדע אויגען, בלאנדע האר און אן אנגע־נעמען קלוגען שמייכעל. מען האט איהם ליב געהאט פאר זיין איינ־פאכקייט, אינטעליגענץ און שארפזיניגקייט. איז געווען א גוטער רעדנער, א פעהיגער ארגאניזאטאר, א געטרייער חבר. אין די ראיאנע שטעדט פון ווילנער קאמיטעט איז ער געווען זעהר פאפולער, אלע האבען איהם געהאלטען פאר'ן בעסטען חבר. איך האב זיך מיט איהם באקאנט אין דער צייט פון דעם וואהל־קאמפיין אין דער צווייטער דומא. ער איז געווען געשיקט פון בונד אין איינע פון די גרעסטע שטעדט פון קאוונער גובערניע, מיר פלעגט אויך אויסקומען דארטען אפט צו זיין און אזוי האבען מיר זיך אפט באגעגענט אין ווילנע, ווי אויך אויף די סטאנציעס פון ליבאווא־אראמענער אייזענבאהן. ער האט זיך געפיהלט זעהר גוט, די ארבייט האט איהם אין גאנצען באהערשט; מיט א באזונדער פארגעניגען פלעגט ער מיר דערצעהלען, ווי פלינק עס גיט זיך איהם איין אפצונארען די פאליציי און ווי איין איספראווניק האט איהם אויף א וואהל־פארזאמלונג איינ־געלאדען צו טרינקען שאמפאניער... דאס לעצטע מאל האבען מיר זיך באגעגענט אין קאשעדאר, א פונקט־סטאנציע, וואו עס איז אונז ביידען אויסגעקומען צו בייטען דעם צוג, און סאלאמאן האט מיר דערצעהלט זיינע פלענער אויף ווייטער. ווי נאך דעם וואהל־קאמפיין רעכענט ער אוועקפארען אין דרום־רוסלאנד און וואס ער וועט טאן...

ער איז טאקע אין דרום־רוסלאנד געפארען, נאר אין קיעוו האט מען איהם ארעסטירט און איינמאל, ווען ער האט זיך ניט פארזיכטיג געשטעלט ביים פענסטער, אדער האט זיך געוואלט

דורכריידען מיט א חבר, האָט איהם דער וואַך־סאָלדאט דערשאָסען.

איך קען זיך בשום אופן ניט פאָרשטעלען, אז דער פרעהליכער, באוועגליכער סאלאמאן דינצעס איז אונבאוועגלאך — טויט. איך זעה זיין שמייכלענדען געזיכט ביי דער גראַטע, איך זעה דעם גלאַנץ פון זיינע אויגען...

פיליכט האָט זיין לעבענסלוסטיגע נשמה ניט פארנומען, אז אן ארעסטאנט טאָר ניט קוקען צום הימעל אדער ריידען צו א חבר...

יענקיל דער סטאָליאר

אָפּט פלעגען מיר זיך שיפּען איבער דעם ברייטען אָפּצווייג פון דניעפּער. ער האָט דעם טייך גוט געקענט און האָט געוואוסט די בעסטע פלעצער פון ברעג. און ווען עס פלעגט שוין האלטען שפּעט פארנאכט, אין מערב פלעגען זיך אויסלעשען די לעצטע פארבען און די פענסטער פון די שטאָדט־הייזער פלעגען זיך באָדען אין דעם רויטליך־ראָזעווען צויבער פון די לעצטע שטראהלען, פלעגט יענקיל נעמען זיין גרויסע רוסישע הארמאָניקע, פארלייגען איין פוס אויף דער צווייטער און אָנהויבען ציהען לאנגע וועהמיטליכע טענער. און דאַן פלעג איך גלויבען, אז אָט דער יונגער אידישער אינגעל מיט די בלאָהע אויגען און לענגליכע בלאָנדע האָר איז באשאפען געוואָרען צו זיין א פאסטוכעל אין א גרויסען גרינעם פעלד, אליין מיט זיין פייפעל, זיינע שעפּסען און זיין יונגער פאסטושקע. געווען איז ער אבער א סטאָליאר און ניט קוקענדיג אויף זיינע 17, 18 יאָהר, איז ער שוין געווען ארייגעצויגען אין רעוואָלוציאָנערען קאמף און האָט פארנומען א בכבוד'ן אָרט פון א פארטרויאונגס־מאן אין דער האָמליער אָרגאניזאציע פון בונד. זיין באַליבטסטער אייגענטום איז געווען זיין הארמאָניקע, א גרויסער פינישער־מעסער, וואָס ער האָט געהאלטען אין א כאָליאווע פון זיינע הויכע שטיוועל און א גע־פעהרליכער אריסטאָקראטישער „ברוינינג".

און אלע זיי פלעגט ער אָפט נוצען... ער איז געווען א טעטיגער מיטגליד פון דער זעלבסטשוץ, אן אנטיילנעמער, אָפט פיהרער פון פארשידענע ריזיקאלישע פארטיי־אונטערנעמונגען, קיינער האָט ניט געקענט בעסער פון איהם טיילען און קלעפּען פּראָקלאמאציעס און נאָך פאר מיר זייענדיג איז ער געווען צוויי מאָל צווישען די, וואָס

האָבען פאַרכאַפּט א דרוקעריי אויף אָפּצודרוקען פאַרשידענע אויפ־רופען פון אָרטיגען קאָמיטעט.

ער האָט ניט באַזעסען קיין גרויסע אינטעליגענץ, דערפאַר אבער איז ער געווען צאַרט און האָט געהאַט א אינגעוועניגסטע עמפּפינדליכ־קייט צום לעבען. און אויך זיינע חברים זיינען דאָס רוב געווען פון דעם נייעם טיפּ אידישען ארבייטער, וואָס האָבען געקענט זיך מוסר נפש זיין פאַר זייער אידעאַל אָהן קשיות און פראַגען, מיט דער אונשולדיגקייט פון א קינד, מיט דער שעהנקייט פון א העלד.

איך פלעג זיך מיט איהם טרעפען גאַנץ אָפט און תמיד האָט עס מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגען צו קוקען אין זיינע בלאָהע אויגען, וואָס האָבען שעהן און ליבליך געלויכטען אויף זיין לענגליכען אויס־דריקליכען געזיכט.

דאָס איז געווען אין פריהלינג פון 1906טען יאָהר. אויף דעם געוויסען פון יעדען רעוואָלוציאָנער זיינען געלעגען ווי א שווערע משא די קרבנות פון דעם מאָסקווער אויפשטאַנד. דערצו האָט האָמעל ערשט איבערגעלעבט דעם צווייטען שוידערליכען פּאָגראָם און עס האָט זיך געפיהלט אז עס וועט ניט איינרוהען דאָס געוויסען ביז עס וועט זיך איינגעבען צו נעמען ראַכע. יענקיל איז געוואָרען אלץ מעהר פאַרטראַכט און ער פלעגט זיך מיר אָפט קלאָגען, וואָס דער בונד וואַרט צופיל אויף דער מאַסע און דאָס מאַסאָווע באַוואוסטזיין, אז מען דאַרף עפּעס פּראָווען טאָן אליין... מען האָט מיר דערצעהלט, אז ער האָט אָנגעהויבען צו באַזוכען אַנאַרכיסטישע פאַרזאַמלונגען און אַז עפּעס רודערט זיך צווישען די חברים פון זיין קרייז.

— די אַנאַרכיסטען האָב איך ניט ליב — האָט ער מיר איינמאָל דערצעהלט — אָבער...

און דאָס פּייערל, וואָס האָט אויפגעפלאַמט אין זיינע אויגען, האָט מיר דערצעהלט פון גרויסער פאַרצווייפלונג.

דערווייל האָט מען מיך אָפּגערופען אין פּוילען. פאַר'ן אוועק־פאָר איז ווי געוועהנליך געווען א „ליאַמע" און מיר האָבען באַ־געגענט דעם זונענאויפגאַנג אויפ'ן הויכען ברעג פון טייך צווישען שלאַנקע סאָסנעס, אין דעם שוים פון זיידענעם מאָך. יענקיל איז די גאַנצע נאַכט געווען זעהר נערוועז. און אויסטרינקענדיג א ביסעל פון אונזער „זאַפּעקאַנקע", האָט ער זיך זעהר צוהיצט, האָט זיך

צוגעזעצט אויף א אָפּגעהאַקטען שטאַם און האָט אָנגעהויבען צו רעדען, אז מעהר קען ער שוין ניט דערטראָגען...

— איהר זעהט — ער האָט זיך אויסגעבויגען און ארויסגעריסען מיט די וואָרצלען א יונג בוימעלע — אזוי וועל איך אויסרייסען אלע הינט...

באלד בין איך אָפּגעפאָרען און נאָך א היבשע צייט, ווי דער צוג האָט זיך גערירט, האָב איך געזעהן יענקעל'ס שלאַנקע פיגור און זיינע אויגען, וואָס האָבען נאָכגעפאָלגט מיין פיגור אין וואַגאָן־פענסטער.

אין א זעקס וואָכען ארום, האָב איך דורכגעלעזען אין א פּוילי־שער וואַרשעווער צייטונג, אז נעבען ה. איז פאָרגעקומען אן אָנפאַל אויף א געלד־פּאָסט, דערביי איז פאַרוואונדעט געוואָרען דער פּאָטש־טאַליאָן און איינער פון די אָנפאַלער.

עפּעס האָט מיר אונטערגעזאָגט, אז דאָס האָט צו טאָן מיט יענקלען. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט און זיך דערוואוסט, אז יענקיל איז ארעסטירט, אז דער אָנפאַל האָט זיך ניט איינגעגעבען, אז אלע זיינע חברים זיינען זיך צולאָפען און אז משפּט'ן וועט איהם דאָס קריגס־געריכט...

פון טורמע האָט זיך יענקיל דורכגעשריבען מיט אייניגע פון זיינע חברים און עס האָט געאָטעמט פון זיינע בריף מיט גרויסער פארצווייפלונג. ער האָט זיך אָפּגענאַרט.

אין זיין פאַנטאַזיע האָט זיך דער אָנפאַל געשילדערט אין שעהנע האַרמאָנישע פארבען — עקספּראָפּריאַציע פון קאַזיאָנע געלד, — קאַמף מיט די סטראַזשניקעס — און אויסגעלאָזען האָט זיך איינפאַך און מיאוס: שלאָגען א מענשען, דעם אונשולדיגען פּאָטשטאַליאָן, צוליב געלד, חברים, וואָס זיינען באלד אנטלאָפען, אָנמעכטיגקייט...

ער האָט דערפיהלט, אז עס איז געווען א טעות, אז ער האָט דעם שונא ניט געטראָפען.

מען האָט איהם פאר'משפּט צום טויט דורך הענגען. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פלעגט אָפּט פארבייטען די טויט־שטראָף מיט א לייכטערע און אלע האָבען געהאָפט, אז אויך דאָ וועט זיין דער פאַל. אייניגע חדשים איז יענקעל דער סטאָליאַר געזעסען אין אן ענגען פינסטערן צימער פון ב. דיסציפּלינאַר־באַטאַליאָן, ערוואַרטענדיג יעדע

ווײַלע דעם אונגערעכטען טויט, ווערענדיג געביסען פון חרטה און פאר'צווייפלונג.

אין ווינטער פון 1907 איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ב. ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אז מען קען איהם איבערגעבען בריף האָב איך איהם אָנגעשריבען א לאנגען בריף פון טרייסט און האָפ־נונג: ער וועט נאָך זיין פריי, עס וועלען נאָך קומען גוטע צייטען, און עס ווארט אויף איהם זיין הארמאָניקע.

ער האָט געלייענט מיין בריף א שעה פאר'ן טויט. אין יענער נאכט האָט מען איהם געשאָסען...

דער גענעראל־גובערנאטאָר האָט פארביטען די טויט־שטראָף פון הענגען אויף... שיסען.

דער אידישער ארבייטער־אינגעל איז געשטאָרבען אויף א לעדי־גען פעלד, ביינאכט...

אפשר ליגט נאָך ערגעץ אין האָמעל פארשטויבט און צופוילט זיין גרויסע רוסישע הארמאָניקע...

חנה׳לע

אויף יענער זייט טורמע, הארט נעבען דער הויכער שטיינער־נער וואנט, איז געשטאנען א ניי קליין הייזעל מיט רויט־געפארבטע לאדען, א נייעם שינדעל־דאך און א נידעריגען ברייטען גאניק. אין הייזעל האט געוואוינט א שווארצער בערדיגער איד, וואס זיין מלאכה, די שמידעריי, האט איהם געמאכט נאך שווארצער, און אט דער איד האט געהאט א קראנק ווייב מיט צוויי קינדערלאך. איינס פון די קינדער, די געגרייזעלטע, דראבנינקע, פינף־יעהריגע חנה׳לע איז עס געווען דער ליבלינג פון אלע פאליטישע געפאנגענע אין מ—ער טורמע.

ענטדעקט חנה׳לען האט איינער א חבר, וואס פלעגט צו דער טורמע דורכריידען זיך איבער׳ן שטיינערנעם צוים מיט זיינעם א נאָ־העגטען פריינד. די קליינע חנה׳לע פלעגט איהם וויזען, ווען ארום טורמע דרעהען זיך ארום שומרים, ער זאל ניט פרואוון רעדען, און ווען יענעם חבר האט מען אליין געבראכט אין טורמע, האט ער ניט נאר ניט איבערגעריסען זיין אריגינעלע באקאנטשאפט, נאר, פארקערט, האט זי געמאכט פאר אלעמענם באקאנטע.

און היות דער רעזשים אין טורמע איז דאן געווען פארהעלט־ניסמעסיג פריי און פאר זיצען אויפ׳ן פענסטער אדער דורכרעדען זיך מיט אימיצען פון דער פריי האט נאך קיין באלדיגע טויט־שטראף ניט געקומט, איז די צופעליגע באקאנטשאפט פארוואנדעלט געווא־רען באלד אין א דויערענדען און ריהרענדען ראמאן.

פלעגט אימיצען מיאוס ווערן ארומשפרייזען איבער׳ן הארטען אספאלט פון דעם לאנגען תמיד דונקעלען קארידאר, וואו עס האט געשמעקט מיט ניט דערבאקטען שווארץ־ברויט, שוויים און

„פאַראַשקע"; פלעגט דערעסען צו וואַלגערען זיך אויף דער קאַיקע, שפּינענדיג אָהן אויפהער טרויעריגע טורמע געדאַנקען; פלעגט ווע־רען לאַנגווייליג זיך צו וויצלען, דיסקוטירען, שפּילען אין שאַך אָדער קאַרטען, פלעגט מען צוגעהן צום פענסטער, אַריינשפּאַרען דעם קאָפּ טיף אין די גראַטעס און אָנהויבען הויך און הילכיג צו שרייען:

— חנה'לע!

און אויב חנה'לע איז געווען אין הויז, פלעגט זיך באַלד באַווי־זען אויפ'ן גאַניק אַ קליין נפש'ל מיט אַ געזיכט פאַררוסען צו דער טורמע און אַ שטימעלע העל, ריין און זילבערן — ווי אַ גלעקעל:

— וואַ־אַס?

— גוט נ'אָוועגט, חנה'לע! וואָס מאַכסטו?

— געזונט — און וואָס מאַכט איהר?

— אויך געזונט. וואָס האָסטו געטאָן?

— איך האָב פּאַרוויגט דוד'לען. די מאַמע קאָכט היינט בעבלאַך אויף וועטשערע!

— און וואָס איז געווען צו וואַרמעס?

— מילכיגע גרויפּען!

און ס'פלעגט זיך פאַרציען אַ לאַנגער קינדערשער געשפּרעך אָהן אַ באַשטימטען אינהאַלט און ס'איז געווען אָנגענעהם צו הע־רען, ווי חנה'לעס קינדעריש קול'כעל שניידט דורך די לופט, פליהט איבער דער הויכער וואַנד, דער טורמע־הויף מיט די אָנגעכמורעטע אויפזעהער און קלינגט אָב ביי אייך אין אויער...

אָפט פלעגט חנה'לע אַליין אָנהויבען צו פרעגען און דאַן האָט איהר שטימע געקלונגען באַזונדערס הויך און די פראַגען זיינען געווען ערנסטע און באַדייטענדע.

— איז שוין ביי אייך געווען דער סוד?

— געהט איהר אין קייטען?

— האָט איהר שוין געהאַט „פּראָגולקע"?

— האָט איהר שוין געגעסען וואַרמעס?

— האָט איהר געזעהען אייער כלה, וואָס איז צו אייך געקו־מען רעדען?

— האָט מען געבראַכט נייע?

זיצט איהר אין „באַשניע"?

און ענטפערן האָט מען איהר געמוזט ערנסט און אָהן א ברעקעל שפּאָס, ווייל חנה'לעס אידיש קעפּעל האָט אין א קורצע צייט אויס־געשטודירט אלע פּאָליטישע לויט זייער געזיכט, נאָמען און פּארטיי־אָנגעהעריגקייט און האָט געוואוסט דאָס לעבען אין טורמע כמעט, ווי א גרויסער מענש.

פלעגט זי אין מיטען געשפּרעך דערזעהן פּארבייגעהענדיג א „קנעפּעל", פלעגט זי עס גלייך לאָזען וויסען, ארויפלעגענדיג איהר קליין קינדערש הענטעל אויפ'ן מיילכעל און צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ אויף ניין. און אז דער „קנעפּעל" פלעגט פארשווינדען, פלעגט זי תמיד אויסשרייען מיט גרויס נצחון און פרייד:

— אַ קנע—פּעל!

און אזוי רעדענדיג האָט זיך אָפּט אָבגעריסען צום פענסטער נאָך ווער, א צווייטער, א דריטער, א פערטער, די גראַטעס פלעגען ווערען דורכגעפלאָכטען מיט הענד און באזועט מיט האָריגע פאר־וואקסענע קעפּ, און חנה'לע האָט ווי א גוטע מאַמע אלעמען רוהיג אויסגעהערט און אויסגעפרעגט, ביז וואנען ס'פלעגט זיך דערהערען איהר מוטער'ס שטימע, חנה'לע פלעגט גיך אויסשרייען:

— איך האָב ניט קיין ציי—ט!

און פארשווינדען אין טיר.

אָבער אויך ווען חנה'לע, די צוקינפטיגע אידישע „בריה", איז געווען פארנומען אין הויז, האָט פארוויגט איהר ברודער'ל, געוואשען דאָס קעפּעל, געווישט דאָס געפעס אָדער געשפּילט זיך מיט חבר'טעס, אויך דאַן האָבען מיר זי נאָכגעפאָלגט דורך די ברייט־געעפענטע פענסטער מיט די באוועגליכע פאָרהענגלאך און האָבען צוזאמען מיט איהר דורכגעמאכט איהר ארבייט. און איהר אונטערטעניגקייט פאַר דער מאַמען און מורא פאר'ן טאטען האָבען אונז אָפּט דערמאָנט אונזערע אייגענע היימען און אייגענע טאטע־מאַמעס, און עס פלעגט געבאָרן ווערען יענער זודיגער שטעכיגער וועהמוט אין טורמע, וואָס פלעגט אָפּט מאַכען צו בייסען די הארטע פארראָסטעטע גראַטעס.

איברהויפּט פלעגט אָט די בענקשאַפט, וואָס דאַכט זיך איצטער, ווי סענטימענטאַל, אונז ארומנעהמען אין מילדע פרייטאג־דיגע פארנאַכטען פון פריהלינג און זומער. פון אלע זייטען קוקען

מיט זייערע באדויערענדע און הייליגע פלעמלאך די שבת'דיגע ליכט, אוןווינקען צו דער טורמע, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן העכסטען פלאַץ; שבת'דיגע שאָטענס וויגען זיך און שפּילען אויף די ווייטע פענסטער און אין חנה'לעס שטוב פּונקט אַנטקעגען אונז איז שוין גע־קומען און האָט אַלץ באַהויכט מיט איהר דופטיגען אָטעם די שטילע שבת'דיגע שכינה. ווייסע פאָרהענגלאך באַוועגען זיך אויף די אָפענע פענסטער, גלאַנציגע מעשענע שפּיגעל־לייכטער שיינען אויפ'ן פיער־קאַנטיגען טיש באדעקט מיט א פרישען טישטוך, די פאָדלאָגע איז אויסגעקערט ריין „כאָטש קאשע ווארף" און איז באשאָטען מיט קלאָרען זאמד, די פלאַמען פון די ליכט בויגען זיך רוהיג אריבער און באגיסען מיט רויטלאכען שיין אונזער חנה'לען. זי זיצט ביים פענסטער אנטקעגען אין שבת'דיגע בגדים, ראָזעווע שטענגעלאך פלעכטען דורך איהרע ערשט אויסגעוואַשענע גרייזעלאך, דאָס קעפּעל פארלייגט אויף בײדע הענד, וואָס ליגען אויפ'ן פענסטער — זי וואַרט מיט איהר מאַמען אויף דעם טאַטען, וואָס דארף קומען פון שוהל. און אָט זעהט זיך שוין פון דער ווייטען זיין שווארצער סורדוט, חנה'לע לויפט ארויס אויפ'ן גאַניק און שרייט: „גוט־שבת!" און ווארפט א בליק צו אונז און זאָגט מיט דעם געוויס, אז דער „גוט־שבת" געהערט אויך אונז. און באַלד זיצט מען ביים טיש, חנה'לעס טאַטע שטעלט זיך אויף, פארגלאָצט די אויגען און מאַכט קידוש — מיר הערען ניט די ווערטער, נאָר זעהען דאָס באַוועגען זיך פון זיינע ליפּען — באַלד צושמייכעלט זיך חנה'לע איבער'ן גאַנצען געזיכט און ציהט דאָס הענטעל צום קידוש־בעכער — זי האָט אין דער רעכטער צייט ארייגעכאפּט דעם „אמן".

נאָך „וועטשערע" געהט די משפחה ארויס אויפ'ן גאַניק. חנה'לע שפּאַרט זיך צו אויף דער מאַמעס שויס, די מאַמע בלאָנדזשעט איבער איהרע הערלאך און זי קוקט צום הימעל אָדער צו די פּייער־לאַך פון טורמע.

— מאַמע! אין טורמע זיצען גזלנים אויך?

— אודאי, מיין קינד, נאָר גזלנים...

— און קאָליע איז אויך א גזלן, און ראבינאָוויטש איז אויך א גזלן?

רעד ניט קיין נארישקייטען...

פרייטאָג צו נאַכט האָט מען צו חנה'לען ניט געטאָרט רעדען — דער טאַטע וועט שרייען — און נאָר איינמאָל האָט זיך חנה'לע אָפּגעוואָגט. זי האָט דערזעהן, ווי אימיצער פון די פּאָליטישע רווי־בערט א פּאַפּיראָס. איהר טאַטע האָט עס אויך דערזעהן און האָט הויך אויסגערעדט:

— טריפה'ניאַקעס!

חנה'לע איז אויפגעשפּרונגען פון דער מאַמעס שוים און האָט זיך צושריען:

— באָרים! איהר רויכערט גאָר — היינט איז דאָך שבת!

טרערען האָבען געציטערט אין איהר קול'כעל. באָרים האָט אראָבגעוואָרפען דעם פּאַפּיראָס און זעלטען ווער האָט שוין גערווי־כערט שבת פאר חנה'לען אין די אויגען.

נאָך ליבער איז זי אונז געוואָרען, ווען מיר האָבען זיך דער־וואוסט, אז אין הויז רודפ'ט מען זי זעהר פאר איהר פריינדשאַפט מיט אונז און אז איינמאָל האָט איהר דער טאַטע געוואָלט זאָגאר שמייסען דערפאר מיט דעם רימען פון זיין ארבייטס־פאַרטוך. פון דענסטמאָל אָן איז זי שוין געוואָרען פאָלקאָם אונזערע, די באַקאַנטע אויף דער פריי פלעגען איהר אָפּט אין אונזער נאָמען ברענגען באַ־האַלטענע מתנות און האָט אימיצער געוואָלט רעדען „מיט דער טורמע", האָט ער שוין געוואוסט, אז קודם כל דאַרף מען אָנשטעל־לען חנה'לען פאר א שומר, עס זאָל ניט אָנשפּרינגען קיין „שמירה", וואָס האָט אויף אונזער זשאַרגאָן געהייסען אן אויפזעהער. זי אויך האָט זיך אָנגעהויבען צו פאַרהאַלטען ווי א פאָלקאָמענער פאַרטרווי־אונגס־מענש און פלעגט אונז אָנזאָגען יעדע געפאהר, אויסשרייען אלע איבערגעגעבענע נייעס, אויסגעמישט מיט איהרע אייגענע אנגע־לעגענהייטען און פיהרען די צאָהל פון אלע אָנגעקומענע און באַ־פרייטע. איז אימיצער ארוים פריי, איז זיין ערשטער חוב געווען אָבצושטאַטען א וויזיט חנה'לען, און חנה'לע פלעגט דעם גאַסט אויפנעמען מיט אמת'ער פרייד.

— זענט איהר עס באָרים מיט די געגרייזעלטע האָר? אז איהר זיצט אין פענסטער דאַכט זיך, אז איהר זענט א שעפּסעלע... קאָליע'ן וועט מען אויך ארויסלאָזען? היינט האָט מען געבראַכט איינעם, מען רופט איהם אפרים, ער האָט געוואָלט רעדען מיט א בחור, האָב

איך געזאָגט, אַז איצטער טאָר מען ניט...

פאַר צופיל רעד פלעגט זי אָפט כאַפּן אַ קניפּ פון דער מאַמען און דאַן פלעגט זי אָפּוויינען שטונדען־לאַנג און ווייענדיגערהייט דאָך איבערגעבן אַלץ וואָס מען דאַרף, גאָר אָהן תשובה און על חטא...

אַזוי האָט זיך אונזער פּלאַטאָנישער ראָמאַן געצויגען עטליכע מאָנאַטען ביז ער האָט זיך, ווי יעדער ראָמאַן, אָבגעהאַקט אין ר׳עכ־טען מיטען.

קודם כל איז חנה׳לע קראַנק געוואָרען. מיר שרייען אַלע: חנה׳לע, חנה׳לע! און ס׳איז ניטאָ קיין ענטפער — בקול קורא במדבר! האָבען מיר זיך אָנגעהויבען צוקוקען צום הויז, האָבען מיר דערזעהען פאַרהאַנגענע פענסטער, אַ געגאָלטען מאַן, וואָס איז ארוים פון שטוב מיט אַ פולען האַנד־טאַש, איהר מאַמען דורכלוי־פענדיג עטליכע מאָל — מסתמא פון אַפּטייק — האָבען מיר פאַר־שטאַנען, אַז חנה׳לע איז קראַנק...

בלייבען גלייכגילטיג ביי אַזאַ וויכטיגער פּאַסירונג האָבען מיר, פאַרשטעהט זיך, ניט געקענט, האָבען מיר פון פריה אין מאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט נאָכגעקוקט דאָס הייזעל און האָבען פון צייט צו צייט אַריינגעשריען:

— חנה׳לע, ווער געזונד! מיר וועלען דיר קויפען שאָקאָלאַד!

און ביז וואַנען חנה׳לע איז ווידער געזונד געוואָרען איז אין טורמע געשעהען אַן אמת׳ע איבערקערעניש. נאַטשאַלסטוואָ האָט ערגעץ געכאַפּט אַן אויסרייד, און קענטיג אַ שטרענגען, פאַר איהר ליבעראַלע קאָנסטיטוציע. ביסלעכווייז נאָר זיכער האָט מען אָנגעהויבען אָבצונעמען ביי אונז אַלע פרייהייטען און די ערשטע גרויסע גזירה איז געווען, אַז אויב מען וועט כאַפּען אימיצען פון דער פריי דורכרעדענדיג זיך מיט די „אַרעסטאַנטען”, וועט מען איהם אַרעס־טירען און באַשטראָפען. צו דעם צוועק האָט מען אָוועקגעשטעלט אויף יענער זייט טורמע נעבען דעם שמיד׳ס הייזעל אַ פּאָר שומרים און ווער ס׳האָט נאָר געפּרואווט עפּענען אַ מויל, האָט מען איהם געכאַפּט, אָפט דערביי געשלאָגען על פּי אונזער נוסח און געפיהרט אין „קאַנטאָר”. אין איינעגע טעג זיינען איבערגעריסען געוואָרען אַלע פאַרבינדונגען מיט דער שטאָדט און אין טורמע איז געוואָרען

טרויעריג, ווי אין א שטוב פון אן אבל. פארשטעלט די פענסטער פאר דאָס לעצטע פרייהייטס־ווינטעל...

נאָר איינמאָל שפעט ביינאַכט האָב איך דערהערט, ווי אימיצער רופט צו דער טורמע. איך האָב זיך מיט א ביסעל מסירת נפש אויפ־געהויבען צום פענסטער און געפרעגט, ווער עס רעדט.

— איך חנה׳לע... איך בין שוין געזונד. וואָס מאַכט איהר?

איהר שטימע האָט נאָך געציטערט פון שוואַכקייט און אָנ־שטרענגונג, אָבער די ידיעה, אז חנה׳לע איז ווידער געזונד, האָט אַלעמען דערפרעהט און עטוואָס אויפגעמונטערט. מאָרגען אין דער פריה גלייך נאָך „קיפּיאַטאָק" זיינען שוין אַלע געווען ביי די פענס־טער. אויפ׳ן גאַניק האָט זיך ווידער באַוויזען חנה׳לע אין א לייכט דין קליידעלע מיט א קרענקליכען, דאָך גליקליכען שמייכעלע. ס׳האָט א דונער געטאָן א „גוט־מאָרגען", ווי א פאָלק זעלנער וואָל־טען באַגריסט זייער קאָמאַנדיר.

חנה׳לע האָט זיך קענטיג געפיהלט גליקליך, האָט האַלב־אויס־געשריען, האַלב־אויסגעקוויטשעט א „וואָס מאַכט איהר?" און האָט זיך קענטיג צוגעגרייט צו א לאַנגען געשפּרעך, ווען א גרויסער גראָ־בער גאַראַדאָוואָי האָט זיך צו איהר שטיל פאַר׳גנב׳עט און אָנגע־כאַפּט זי ביים הענטעל. חנה׳לע האָט פון שרעק אָנגעהויבען צו שרייען און דער „אָרדנונגס־היטער" האָט זי לייכט ווי א פעדערעל אויפגעהויבען אויף די הענד און אַוועקגעטראָגען, ווי זיין טריאומף, אין „קאַנטאָר"...

אונז האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ און מיר האָבען אָנגעהויבען צו שרייען, קלאַפּען מיט די פיס, בריאַזגען אין טיר און גלאַט בונ־טעווען. עס זיינען זיך צונויפגעלאָפען די אויפזעהער און ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט פון דער אורזאַכע פון אונזער צאָרן, האָבען זיי זיך צולאַכט:

— זי איז שוין לאַנג אין דער היים... אויך מיר „א פּרעסטופּ־ניצע"...

אָבער פון דאַן אָן האָבען מיר שוין מעהר איהר שטימע ניט געהערט. פון בושה אָדער כעס פלעגט זי זיך אויך זעהר זעלטען ווייזען אויפ׳ן גאַניק און ביי א גרויסער נויטיגקייט דורכצוגעהן,

האָט זי געהאַלטען אראָפּגעלאָזט דאָס קעפּעל און פאַרמאַכט די ליפּען.

נאָר איינינגע מאָל, ווען זי איז געווען איבערצייגט, אַז קיינער זעהט זי ניט, האָט זי זיך אויף איין רגע אויפגעשטעלט און גיך — גיך אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, ווי איינער זאָגט:

— איך האָב אייך ניט פארגעסען, טייערינקע... אָבער איך קען ניט העלפען — אַזעלכע שלעכטע אומשטענדען...

* * *

איצט איז חנה'לע שוין אַלט אַ יאָהר עלף און — ווער ווייס די עוואָלוציע און דעם וועג פון איידעלע קינדער — פיליכט ארבייט זי שוין ערגעץ אויף אַ שוועבעל־פאבריק אין דער היים אָדער שוויצט פאַר צוויי דאָלאר אַ וואָך אין ערגעץ אַ שאַפּ אויף העסטער סטריט. אויב זי וועט לעזען די צייל[ע]ן, זאָל זי זיך דערמאָנען אָן יענע גרויסע דערוואקסענע מענשען, אָפּט פארהארטעוועטע קעמפּער און פּאַרטיי־פיהרער, מיט שטערענס געקנייטשטע פון פראַגען און אנשטרענגונג און צופּודעלטע פּערוואַקסענע קעפּ, וועלכע האָבען צו איהר געשריען דורך די געדיכטע גראַטעס.

„קעציל"

איך געדענק שוין איצט ניט גענוי פארוואס נעמליך מיר האבען איהם אנגערופען „קעציל", אבער דער נאמען האט זיך צו איהם אזוי געפאסט, אז אפילו די נידעריגע נאטשאלסטווא האט איהם ניט אנדערש גערופען. ער איז געווען א הויכער, א ביינינגער, מיט דינע איינגעקרימטע פיס, א קליינעם קאפ, טרוקענעם געזיכט, גראהע וואסערדיגע אויגען און שיטערע הארטע האר. געבראכט האט מען איהם אין אונזער קאמער שפעט ביינאכט, ווען אלע זיינען שוין געווען געשלאפען און ניט האבענדיג נאך קיין אייגען ארט אויף דער „נארע", איז ער איינגעשלאפען אויפ'ן הארטען און ניט גאר ריינעם בריק. אויפגעכאפט האט ער זיך, ווען מיר אלע זיינען שוין געזעסען ארום טיש און געהאוועט ארום דעם „קיפיאטאק". ער האט אויסגעריבען מיט די פויסטען זיינע אויגען, האט זיך צושמייכעלט און באגריסט אונז מיט א

— גוט מארגען, יאטען, ביי אייך איז א הארטע פאדלאגע!

און באלד, זיצענדיג ביים טהעע, האט ער אונז דערצעהלט ווי ער האט זיך „פראוואליעט", ער האט פארנאנדערגעקלעפט בונדאוו־סקע פראקלאמאציעס, האט עס דערזעהן א „הונד" און זיך געלאזט נאך איהם לויפען, האט ער זיך אפגעשטעלט, האט דעם „הונד" גוט אנגעבראכען די ביינער און איז אנטלאפען איבער א פארקאן, האט דער „הונד" אנגעהויבען צו פייפען, זיינען אנגעלאפען נאך „הינד" און מען האט איהם געכאפט.

— אבער געלייזט פון מיר האבען זיי פיין! איך האב אויף זיי שיער מיין האנד ניט צובראכען!

און זיינע וואסערדיגע אויגלאך האָבען זיך אָנגעצונדען מיט א רציחה'ש פלעמעל...

— אזוי פיל מכות זיי, וויפיל הינד איך האָב אוועקגעלעגט, האָבען געוואוסט מיט וועמען זיך זאטשעפּען...

און באלד האָט ער געוויזען, אז זיינע הענד זיינען ווירקליך שטאַרק.

צוויי חברים זיינען צוגעגאנגען צו דער פולער „פּאַראשקע" און האָבען זי געוואָלט ארויסטראָגען, ווי דער שטייגער איז שטענדיג אין דער פריה.

— האלט שטארק! ניט פארגים! הויב אויף!

קעציל איז צוגעגאנגען, האָט זיי אָפּגעשטויסען: — לאָזט, יאָטען! — און האָט זי גרינג, ווי א פעדער, ארויסגעטראָגען אין קאָרידאָר...

און באלד איז „קעציל" געוואָרען אלעמענס ליבלינג. זיין גרויסע פיזישע קראַפט האָט אלעמען צו זיך צוגעצויגען און ער האָט קיינ־מאָל מיט איהר ניט מיסברויכט. ווי דער גוטער ריז אין די פאָלקס־מעשה'לאך, פלעגט ער אונז לאָזען הענגען זיך אויף זיינע שולטערן, זיצען אויף די פיס, טרעטען אויף זיין ברוסט, בויגען זיין קאָפּ. אַן אנדערש מאָל פלעגט ער אליין פאָרלעגען צו ווייזען „קונצען" און דאַן איז אין קאַמער געווען א האלבער יום־טוב. מען פלעגט פאַרשפּרייטען אויפ'ן פּאָדלאָגע א פּאָר ארעסטאַנטסקע דעקעס, גאָר מעשה צירק, „קעציל" פלעגט זיך לעגען אויפ'ן רוקען, פארנאנדער־שפּרייטען די הענד און די פיס און אָנהויבען קאָמאנדעווען:

— שטעלט זיך אויף די הענד! שטעלט זיך אויף די פיס! אזוי! שטארק! איך וועל זיך ניט צוברעכען!

און ער פלעגט אויפהויבען צוויי מענשען אויף די פינגער און דערגלייכען. אָדער פלעגט ארויסרופען אויף א כלומרשט'יגע מלחמה די גאנצע קאמער און צולעגען אלעמען מיט איין ריהר.

פעהיגקייטען האָט נעבאך „קעציל" געהאַט גאנץ קליינע, האָט קוים און זעהר שווער געלערנט און נאָך שווערער פארשטאנען, אָבער דאָס האָט איהם וועניג געערגערט און ער האָט זיך מיט האלבען רעכט געטרייסט, אז א רעוואָלוציאָנער דאַרף האָבען פויסטען אויך. די געשיכטע פון זיין רעוואָלוציאָנערער טהעטיגקייט איז געווען פול

מיט צו׳מזיק׳טע און צובייל‏טע „קנעפּלאַך״, פון אַ גאַראַדאָוואָי ביז אַ פּריסטאַוו־געהילף, און דער גרעסטער פאַרגעניגען זיינער איז געווען זיי צו צעהלען אויף די פינגער און אילוסטרירען, ווי ער האָט זיי גע׳ממית׳ט. און ווען דער שטענדיגער טומעל פון קאַמער מיט איהר אָפּט געמאַכטער פרעהליכקייט האָט דערעסען, פלעגט זיך „קעציל״ פאַרקלייבען אויפ׳ן „נאַרע״ און פאַרפיהרען מיט אימיצען אַ שטילען געשפּרעך וועגען דעם יאָך פון דער פּאָליציי, זיין האַס צו איהר און זיינע טהאַטען. נאָר וואָס מעהר ער איז געזעסען, אַלץ מעהר האָט זיך איהם געוואָלט זיין אויף דער פריי...

— ביי מיר זיינען גאָר די הענד אָפּגעשטאָרבען... ניטאָ וואו די ביינער פאַרנאַנדערגלייכען, אָט — עפּעס אַ באַריקאַדע, אַ געשלעג מיט סאָלדאַטען...

און „קעציל״ האָט אָפּט אָנגעהויבען צו בענקען. דאַן פלעגען זיינע אויגען ווערען מאַטאָווע און פון די יונגע קנייטשען פון זיין קליינעם באוואַקסענעם שטערען האָט געקוקט אַן עקשנות׳דיגער גע־דאַנק...

און דער גאָט, וואָס איז זיך מרחם אויף אַלע זיינע קינדער, האָט אויך רחמנות געקריגען אויף „קעצילען״. אין טורמע האָט זיך געמאַכט אַ בונט. עפּעס פאַר אַ קליין פאַרברעכען האָט דער נאַטשאַלניק אונז געריבט פון צוויי וואָכען רויכערן און „סווידאַ־ניעס״ מיט קרובים און באַקאַנטע. דאָס איז ווירקליך געווען מעהר קליינליכע ראַכע, איידער געזעצליכער שטראָף און מיר אַלע האָבען באַשלאָסען אויפצופאָדערען דעם נאַטשאַלניק נעהמען זיין גזירה צוריק. און אויב ניט, וועלען מיר „בונטעווען״. דער נאַטשאַלניק האָט ניט נאָכגעגעבען. און צוועלף אזייגער נאָכ׳ן אָפּגערעדטען סיג־נאַל האָט די גאַנצע פּאָליטישע טורמע אָנגעהויבען דעם „בונט״. מיט רעוואָלוציאָנערע אויסגעשרייען און פייפעריי האָבען מיר געבראָכען די שויבען, די טישען, די בענק, די נאַרעס, די טירען. פאַר דעם, וואָס איז קיינמאָל געזעסען אין אַ רוסישער טורמע און האָט אליין ניט דורכגעמאַכט אַזאַ בונט, איז גאַנץ שווער צו פאַרנעהמען אָט דאָס בילד. די טורמע ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ פרעהליכען גיהנום אָדער אין אַ משוגעים־הויז פון לויטער „קיינע״ משוגעים. דער אינסטינקט צו פאַרניכטען ווערט אַזוי גרויס און שטאַרק, אַז עס

ציטערען קאַנוואולסיוו די הענד און מען הויבט אָן צו רייסען אויף זיך די אייגענע קליידער. נאָר אין רוסלאַנד און נאָר אין אַ רוסישער טורמע, וואו עס זיצען תמיד דענערווירטע, אויסגעמוטשעטע מענשען, זיינען מעגליך אַזעלכע בונטען...

„קעציל״ האָט זיך געפּיהלט, ווי אַ פיש אין וואַסער. מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און פאַרנאַנדערגעלאָזענע נאָזלעכער האָט ער זיך ווי אַ שד געטראָגען איבער׳ן קאַמער און האָט פאַרניכטעט אַלץ, וואָס האָט זיך איהם געטראָפען אין וועג. און אָט איז שוין אַלץ צובראָכען און נאָר די גראָבע און אייזען־פּאַפּען פּאַרקאַוועטע טיר האַלט זיך נאָך שטאַרק אויף איהרע איינגעמויערטע הייגגערס. וואָס מיר האָבען זי ניט געקלאַפּט און געשטויס׳ען, איז זי געבליבען שטאַרק, ווי אַ פעסטונג און איז געווען אַן אמת׳ער פּאַרוואורף אונזער „בונ־טאַרסקען״ געוויסען.

— קעציל, העלף!

און „קעציל״ איז צוגעלאָפען צו דער גרויס׳ער „נאַרע״ אויף דער גאַנצער לענג פון קאַמער, האָט זי אויפגעהויבען און אַראָפּגעלאָזען עטליכע מאָל אויף די „קאָזלעס״ און אין „קעציל׳ס״ האַנד איז גע־בליבען אַ לאַנגע דיקע שווערע קלאָץ, אויף וועלכע די נאַרע האָט זיך געהאַלטען.

— ראַזסטופּיס!

אַלע זיינען אָפּגעשפּרונגען פון טיר און די קלאָץ האָט אייניגע מאָל אַ זעץ געטאָן אין די אייזענס פון טיר. עפּעס האָט דאָרט אין די הייגגערס אָנגעהויבען קרעכצען. „קעציל״ מיט שטיקלאַך גלאָז און האָלץ אין די האָר, מיט אַ צוריסענעם אַרבעל און פלאַמענדע אוי־גען האָט נאָכאַנאַנד געהויבען די שווערע מאַסע און געזעצט מיט איהר אין טיר. אַ קלאַפּ, ווי אַ פּלוצלינגער דונער, האָט אָנגעזאָגט, אַז אונזער שווערע טיר ליגט שוין אויפ׳ן האַרטען אַספאַלט פון קאָרי־דאָר...

דאַן האָט „קעציל״ געגעבען אַ וואָרף די קלאָץ אָן פּאָדלאָגע און איז צוזאַמען מיט איהר געפאַלען אנידער. זיין האָריגע ברוסט האָט זיך הויך געהויבען און די הענד האָבען באַוועגונגסלאָז גערוהט אויף דער ערד.

— אופף! אָבער צובראָכען!

און זיינע ליפּען האָבען זיך ברייט און קינדעריש צושמייכעלט פון נצחון.

נאָכ'ן בונט איז „סעציל" געוואָרען ווידער פרעהליך און גוט.

— איך האָב אָפּגעטאָן א שטיקעל ארבייט! אָט, א קלאָץ! עה, יאָלדען!...

נאָך דער רעוואָלוציע איז „סעציל", דוכט זיך, געוואָרען אן אנאַרכיסט. אין „בונד" האָט ער מעהר ניט געפונען קיין מעגליכ־קייט צו אויסערען זיין פיזישען רעוואָלוציאָניזם...

דער גרויסער טאָג

איינמאָל אין א זוניגען, זומערדיגען פריהמאָרגען, ווען כמעט אַלע פּאָליטישע זיינען געזעסען אויף די פענסטער און האָבען זיך געוואַרעמט אין דעם זומערדיגען חיות, איז פון שטאָדט געקומען צולויפען צו דער הויכער ווייסער טורמע־וואַנד א מיידעל מיט זעהר א קוויטשעדיג קול און האָט אַריינגעוואָרפען דורך די פענסטער:

— פּלעווע איז גע׳הרג׳עט!

אין עטליכע מינוט ארום איז פאַרביי דער הויכער וואַנד דורכגעגאַנגען א יונגערמאַן און האָט איבערגעוואָרפען דורכ׳ן וואַנד צו די, וואָס האָבען געשפּאַצירט אין הויף, א ווייס צוקנייטשט פּאַפּירעל, און ווען מען האָט דאָס פּאַפּירעל דורכגעלעזען, האָבען זיך די פּיס אָנגעהויבען צו וואַקלען, די אויגען צו גליהען און דאָס האַרץ צו קלאַפּען, ווי א האַמער.

— פּלעווע איז גע׳הרג׳עט!

דאָס פּאַפּירעל האָט אָנגעהויבען צו געהן פון קאַמער צו קאַמער און ס׳איז געווען אַזוי: איינער האָט עס געלעזען אין דער הויך מיט א ציטריגען קול (דאָס איז געווען די ערשטע טעלעגראַמע פון פּעטערבורג) און אַלע איבעריגע האָבען געטופּעט מיט די פּיס, געשריען הוררא און געקלאַפּט מיט אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך געמאַכט אונטער׳ן האַנד.

פּלעווע איז געווען דער מעכטיגער פּערזענליכער שונא פון יעדען פּאָליטישען בכלל און יעדען אידען בפרט, און די ערשטע ידיעה פון זיין טויט האָט אָנגעצונדען די הערצער פון אונזער טורמע באַפעלקערונג, ווי א בליץ, וואָס צינדט אָן א וואַלד. חברים, וואָס האָבען שוין מעהר ניט באַזעסען, ווי יאוש און מוטלאָזיגקייט, האָבען אויפגעלעבט אויף ס׳ניי און פאַר דעם פּייערל וואָס האָט געברענט

אין אַלעמענס אויגען האָט נאַטשאַלסטוואָ אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט צונויפגעפּרעסט די ליפּען. ס'האָט זיך געפיהלט, אַז עפּעס מוז געשעהן, אַז מיר מוזען דורך עפּעס ממשות'דיגעס און שטאַר־קעס אויסדריקען אונזער פרייד. דורכ'ן טאָג האָבען מיר זיך דער־וואוסט, אַז אונזערע טאַטעס, חברים און ברידער אויף דער פריי קושען זיך ביי דער באַגעגעניש און פרעמדע דריקען זיך די הענד און אין דער אַטמאָספערע פון טורמע האָט שוין געשמעקט מיט פייער און פולווער.

דורך אונזערע פּרימיטיווע „טעלעפאָנען", שטריקלאַך מיט צו־געבונדענע שטיינדלאַך, האָבען אָנגעהויבען צו פליהען קאַמער־איין קאַמער־אויס פאַרשידענע פּלענער און קיינער האָט אין יענעם טאָג ניט געגעסען, ניט געשפּילט אין שאַך און ניט געשטופּט די צייט.

זיבען א זייגער פאַרנאַכט, ווען די זון האָט שוין אָנגעהויבען באַגילדען די טורמע פענסטער און איבער די קאָרידאָרען האָבען געקלונגען די שליסלען פון די אויפזעהער און די קייטען פון די קאַטאָרזשניקעס — די געוועהנליכע פאַרנאַכטיגע טורמע־מוזיק — איז אין די קאַמערס פון די פּאָליטישע אָנגעגאַנגען א מערקווירדיגע ארבייט. מען האָט געבראָכען פיסלאַך פון די בענקלאַך אָדער פון ערגעץ ארויסגעשלעפּט א פאַרוואַלגערט שטיקעל האָלץ און געהאַקט עס אויף לאַנגע און דינע שפּענדלאַך. אַנדערע אין דער צייט האָבען געפּליקט דיקע שמוציגע וואַטע פון דעקעס און ווינטערדיגע מאַנט־לען און די דריטע האָבען עס אַלעס געטונקט אין דעם קעראָסין פון די קליינע און שמוציגע טורמע־לעמפּלאַך.

נאָך „פּאַווערקע", ווען די קאַמערן זיינען געווען געשלאָסען און די שליסלען זיינען שוין געווען אין „קאַנטאָר", האָבען פּלינקע הענד צוגעבונדען די מיט קעראָסין באַנעצטע אין וואַטע פאַרבונדענע שפּענדלאַך צו די פּיער ווינקעלדיגע גראַטעס און לויט א געגעבענעם סיגנאַל האָבען זיי זיך אָנגעצונדען אין איין צייט און ארומגענומען די טורמע מיט א רינג פון אַן אייגענאַרטיגער און געפעהרליכער אילומינאַציע.

איינער האָט ערגעץ אָנגעהויבען צו זינגען די מאַרסעליעזע און באַלד האָט זיך פון הונדערטע העלזער געריסען די פּלאַמענדע מוזיק. עס איז געווען מאָדנע און גוט. די רעוואָלוציאָנערע לידער

האָבען געשאָסען דורך די פענסטער צום קלאָרען אָװענט־הימעל, די אילומינאַציעס האָבען געפלאַקערט מיט א דונקעל־רויטען פלאַם און עס האָט זיך געװאָלט, אז די װעלט זאָל איצט די מינוט אונטערגעהן אין פלאַמען און לידער.

דער קלײניטשקער יון, װאָס שטעהט אויפ׳ן הויכען טורעם האָט געגעבען א פײער־צײכען, טאַטעס, מאַמעס און פרײנד האָבען אָנגע־הויבען פון אַלע עקען שטאָדט צו לױפען צום טורמע און באַלד איז אונזער תפיסה געװען ארומגערינגעלט מיט א שװאַרצען באַ־װעגליכען רינג פון מענשען, װאָס האָבען מיט שרעק און װאונדער געקוקט אויף די מיט־פײער־אָטעמענדע גראַטעס און האָבען מיט פּחד פארנומען די אונגעהויערע רעװאָלוציאָנערע געשרײען פון אונזערע פײערדיגע לידער.

„נאַטשאַלסטװאָ” האָט גאָרניט געקענט טאָן, װײל די שליסלען זײנען געװען בײם נאַטשאַלניק און זײערע צושראָקענע און בײזע אויגען האָבען הילפלאָז געקוקט דורך די קלײנע קײלעכדיגע „גלאַזקי”...

מיר האָבען אויף אונזער שטײגער גענומען נקמה פון דעם פײנד פון פרײהײט און אונזער פאָלק און װען דער װעכטער אונטען האָט אָנגעשטעלט די ביקס אנטקעגען אונזערע פענסטער און גע־דראָהט מיט׳ן טויט, האָבען מיר געלאַכט און געשריען צו איהם, אז מיר פרעהען זיך אויף א הינטישען טויט און אז איצט קען אונז קײנער ניט באַצװינגען...

אונזער לעצטע ליד, װאָס האָט זיך געלאָשען מיט די לעצטע פלעמלאַך פון דער אילומינאַציע איז געװען די װאונדערבאַרע װאַר־שאַװיאַנקע און די טויזענדער, װאָס זײנען געשטאַנען אויף דער פרײ האָבען שטיל, שטיל און װי פארשטײנערט דורכגעמאַכט מיט אונז אונזער לעצטע שמחה.

יענע נאַכט האָט קײנער אין טורמע ניט געשלאָפען. יעדער האָט מיט אונגעדולד געװאַרט אויפ׳ן פריהמאָרגען מיט זײן הארבער שטראָף פאַר די אונגעהערטע אונאָרדנונג, און יעדער האָט געװאָלט מען זאָל איהם באַשטראָפען פאַר אַלעמען, מען זאָל איהם לאָזען נאָכאַמאָל זײן א קרבן פאַר חברים, און עס האָבען זיך גע׳חלומ׳ט די אונבאַקאַנטע, װאָס האָבען איהם גע׳הרג׳עט און אַלע האָבען זײ מקנא געװען זײער גליק.

חיים שמעון

ער איז אַלט געווען קוים 23 יאָהר, ווען איינמאָל אין א דעצעמבער נאַכט האָט ער אריינגעלאָזען אין זיך צוויי קוילען און איז אויף אייביג אַוועק פון זיינע פריינד, וואָס וועלען איהם קיינמאָל ניט פארגעסען און זיין פאָלק, וואָס ער האָט טיף און טריי געליבט.

ער האָט געהאַט באַדייטענדע פעהיגקייטען און א נאָבעל עמפּ־פינדליך הארץ, האָט באַזעסען לאָגיק און ענטהוזיאזם, ענערגיע און פאַרשטאַנד. איז געווען א גוטער חבר, אַן אינטימער פריינד, אַן איבערגעבענער ברודער. און כאָטש ער האָט דאָס גאַנצע לעבען זיינס בוכשטעבליך געהונגערט, געקליידט זיך אין אַלטווארג־קראָמען און געוואוינט אין שאַלקעס מיט קרומע ווענט און בלינדע פענסטער, איז ער דאָך געווען לעבענסלוסטיג, מוטיג און פריילאָך. ווייל ער האָט געגלויבט, אַז דאָס גליק איז אין ארבייט פאַר'ן פאָלק, אַז קליינליכע פּערזענליכע זאָרגען זיינ'ען ניט־ווירדיג און מיאוס.

ווערענדיג רייף אין אַ צייט, ווען דער ציוניזם האָט בעאיינפלוסט כמעט די גאַנצע אידישע געזעלשאַפטליכקייט, איז ער געווארען א ציוניסט און האָט זיך אָפּגעגעבען צו ציוניסטישער ארבייט צווישען די אידישע ארבייטער. פאַר פילע פון זיין צייט האָט ווי זיבען זונען געשיינט דאָס אויסגעלאָשענע ליכט פון ציון און עס איז געווען זיין טיפע איבערצייגונג, אַז ציון איז דער איינציגער וועג און די איינציגע לייזונג. און ניט נאָר זיין איבערצייגונג, נאָר אויך זיין באַרעכטיגונג, דער זין פון זיין לעבען, זיין אַלץ. זיין אייגענאַרטיג געזיכט מיט אַן אָפּגלאַנץ פון געשמידטען קופּער האָט א ביסעל דער־מאָנט די מאַקאַבעער פון אשכנזי'ס בילד און זיינע הארציגע, גיפטיגע, אַמאָל פייערדיגע ווערטער האָבען איהם געמאַכט פאַר אַן ערפאָלג־רייכען אגיטאַטאָר און באַליבטע פּערזאָן.

אַפּט, זעהר אָפּט פלעגען מיר זיך צוזאַמענקומען, א ענג אינטים קרייזעל פון זיינע פריינד, אונטער דעם נידריגען סופיט פון זיין צימער און פלעגען ריידען פייערליך און ערנסט וועגען פייערליכע און ערנסטע זאכען, און פלעגען שטיפען ווי קינדער און ריידען און דענקען ווי גרויסע. אונז האָבען באגייסטערט גרויסע מענשען און גרויסע ביכער און צוזאמען זוכענדיג, צוזאַמען דאָרשטענדיג, יונגע, אונערפאַרענע, דאָך אויפריכטיגע און סענטימענטאַלע, זיינען מיר געוואָרען צווישען זיך אלץ ענגער, פעסטער און טרייער. פון יענעם קרייזעל איז שפּעטער ארויס א באוואוסטער אידישער קריטיקער, איינגע שרייבער און וויכטיגע באַקאַנטע טוער אין פארשידענע רע־וואָלוציאָנערע פּאַרטייען. און צווישען אונז אַלע איז חיים שמעון געווען דער עלטסטער. און זיין פּערזענליכקייט האָט באפרוכטענד גע־ווירקט אויף אונז אַלע.

אזוי האָט חיים שמעון געלעבט אין ארבייט און גלויבען ביז דעם קישינעווער פּאָגראָם. דער ערשטער קישינעווער פּאָגראָם האָט איהם געטראָפען, ווי א פארניכטענדער בליץ. זיין גאַנצער טעמפּעל האָט זיך אָנגעהויבען צו צופאַלען.

קען מען שטעהן פון וויטען, ווען דער שונא פייניגט דיינע ברידער און שענדעט דיינע שוועסטער? קען מען שווייגען, ווען דאָס פאָלק שרייט פון וועהטאָג און אומגליק? קען מען וואַרטען נאָר אויף ציון, ווען די ווירקליכקייט איז אזוי דראָהענד און שווער?

און חיים שמעון איז געוואָרען דער אָנפיהרער פאַר א רעוויזיע פון דעם אַלטען פּראָגראַם.

מען דאַרף אָרגאַניזירען א זעלבסט־שוץ, מען דאַרף ענטפערען מיט רעוואָלוציאָנערער ווירדע, ווען מען באַליידיגט דיין נאַציאָנאַלע עהרע.

אָבער זיינע לעבעדיגע קלוגע אויגען האָבען שוין באקומען א נייעם אויסדרוק און א נייער שמייכעל האָט געקרימט זיין געזיכט. ער, ווי פילע אנדערע, האָבען זיך געפיהלט אָהנמעכטיג און הילפלאָז געגען דעם גרויזאַמען שונא.

שפּעטער א ווייל האָט דער זעקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס דעקרעטירט אוגאַנדא און — א נייער פּאַדים איז אָפּגעריסען געוואָ־רען. מיט׳ן שכל האָט ער געמוזט זיין א טעריטאָריאַליסט, אָבער דאָס

האַרץ האָט געגאַרט נאָך דער באַרוהיגענדער און פאַרביגער ראָמאַנ־טיק פון ציון.

— ווי גוט מיר וואָלט געווען, ווען איך וואָלט גלויבען אין נסים...

עס איז געווען אַ מאָדנע צייט, פול מיט אָפּגלאַנצען פון ווייטע מיסטישע בליצען, ווען געלע שלאַנגען שניידען דורך די שווערע דראָהענדע וואָלקענס. פּאָגראָמען, גרויסע סטרייקס, אַ מלחמה, ברי־דער צוריסענע און צו'הרג'עטע, אַלטע אידען, וואָס האָבען געוויינט אויף דעם פאַרראַט צו ציון...

חיים שמעון האָט שוין באַקומען אַ גרויסע קריעה אין דער נשמה און כאָטש ער האָט נאָך געאַרבייט, האָט שוין געפעהלט דער פריערדיגער גלויבען.

סוף ווינטער פון 1904טען יאָהר איז ער געווען אין ב. עס האָט זיך באַקומען אַ ידיעה, אַז אין אָרשע קומט פאָר אַ פּאָגראָם. חיים שמעון מיט נאָך איינינע זיינע פריינד איז גלייך אוועקגעפאָהרען אַהין, אויפ'ן וואָקזאַל האָט מען זיי אַלע געכאַפּט מיט די געוועהר און אָפּגעפיהרט אין טורמע.

פון דאָרט איז חיים שמעון אַרויס געגצליך אַ געבראָכענער. קאַלט איז געוואָרען זיין בליק און סקעפּטיש זיינע רייד.

זיין גרויסער גאָט איז אין יסורים און שווערע גסיסה אויף אייביג געשטאָרבען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל אין אַן אָקטאָבער־פאַרנאַכט איז חיים שמעון געקומען צו מיר, האָט פון אונטער דער פּאָלע פון זיין אַלטען מאַנטעל אַרויס־גענומען צוויי פלעשער ביער און האָט מיך צוגערופען נעהענטער. קיין גלעזער זיינען ביי מיר ניט געווען, האָט ער געטרונקען פון פלאַש און האָט שטיל מיט אַ צוקרימטען שמייכעל אָנגעהויבען רעדען:—

— ב — — איך האָב באַשלאָסען שטאַרבען. שאַ, וואונדער זיך ניט. פאַרשטעה און זאָג, אַז איך בין גערעכט. מיין גלויבען האָט זיך פאַרלאָשען. פאַרלאָשען אויף אייביג. ניט נאָר אין ציוניזם, נאָר אין אַלץ, אין מענשען, אין פּראָגרעס, אין צוקונפט, אין גערעכ־טיגקייט. וואָס זאָל איך טאָן ? וואָס פאַר אַ זין האָט פאַר מיר דאָס לעבען ? אוועקפאָרען קנעלען, חתונה האָבען און עפענען אַ קרעמעל, ווערען אַ זיידענער יונגערמאַנטשיק, זעצען זיך איבער־אַ־נייעס איבער

דער אָפּיציעלער וויסענשאַפט? דו ווייסט, אַז איך קען דאָס ניט. פאַרשטעהסט, אַלץ האָט פאַרלאָרען זיין באַרעכטיגונג — אַלץ, ניטאָ פאַר וואָס צו לעבען, פאַר וואָס צו ליידען, ניטאָ אפילו פאַר וואָס צו שטאַרבען... ניטשע האָסטו דאָך געלייענט. ער איז ניט קיין נאַר און זאָגט אויך אַזוי. טרינק. האָב איך באַשלאָסען צו שטאַרבען. און עס איז גאָר ניט שרעקלאַך. זעהסט, ניט לאַנג האָב איך זיך דורכגעשמועסט א האנד בכיון, צו זעהן, ווי איז דאָס. אַלעמען האָב איך געזאָגט, אַז דאָס איז צופעליג און ב. און ר. און ש. (אונזערע באַקאַנטע מיידלאַך) האָבען מיר געהאָלפען זי היילען...

איך געדענק, אַז דאָס גאַנצע צימער איז איינגעהילט געוואָרען אין א דונקעלען נעבעל און אַז פון דעם נעבעל האָט חיים שמעון׳ס קאָפּ מיט די לענגליכע, עטוואָס געקרייזעלטע האָר געשיינט מאָדנע און פרעמד.

— זעהסטו, איך וואָלט ניט וועלען שטאַרבען אליין. איך האָב ליב מיין מאַמען. זי וועט שווער ליידען. האָב איך געבעטען מען זאָל מיך צונעמען אַלס פרייוויליגער אין דער ארמיי (דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער קריג), האָט מען אָפּגע־זאָגט. מסתמא, ווייל א איד... זעהסט דאָך, אפילו שטאַרבען אַלס פּאַטריאָט טאָר א איד אויך ניט. אפשר קענסטו מיך צונויפבינדען מיט די ס.ר.׳ען, זיי זאָלען מיך שיקען אויף א טעראָריסטישען אַקט?

...ס׳איז געווען דאַן א מאָדנער אָוונט. ער האָט געבראַכט נאָך ביר און ביז שפּעט אין דער נאַכט גערעדט. ביים געזעגענען זיך האָב איך דורכגעלעזען אין זיינע אויגען א קאַלטע טויטע ענטשלאָ־סענהייט און האָב געפיהלט אין צימער די פליגלען פון טויט.

ער האָט געלעבט פון דאַן נאָך צוויי מאָנאַטען. און וואָס ווייטער איז ער געוואָרען אַלץ ענטשלאָסענער. אויף די חורבות פון זיין טעמפּעל האָט ער דערזעהן, אַז ניט נאָר ער האָט דעם פאָלק קיין גליק ניט געבראַכט, נאָר אויך זיך ניט.

— אַליין, אָהן ליבע, אָהן גלויבען. אַז איך וואָלט וויסען, אַז אָהן מיר וועט נאָך אימיצער ניט קענען לעבען, וואָלט מיר געווען גרינגער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל אין א שפּעטער שטונדע פון א דעצעמבער־נאַכט האָט

ער אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר, האָט אוועקגעלעגט אויפ'ן טישעל עטליכע ביכלאַך מיינע, וואָס ער האָט געליען און האָט זיך שווער אראָפּגעלאָזען אויפ'ן שטול, האָט מיך געפרעגט, ווי איך פיהל זיך, ווי איך בין צופרידען מיט מיין ארבייט (איך בין דאַן ערשט אריינ־געטראָטען אין בונד). זיין געזיכט איז געווען צוקרימט, לאַנג ניט געגאָלט און ניט געוואַשען, די האָר צושויבערט און שטויביג. באַלד האָט ער זיך אויפגעהויבען, געטאָן א טראָט צום טיר, זי ברייט פאַנאַנדערגעעפענט, געשטעלט זיך אויפ'ן שוועל און צווינגענדיג און פייערליך געזאָגט:

א גוטע נאַכט, זיי געזונד!

איך האָב אויפגעציטערט, דאָך ניט פארשטאַנען, אַז דאָס זיינען געווען די לעצטע פּאָר ווערטער אין זיין לעבען.

אויף מאָרגען פריה איז צו מיר אין צימער אריינגעפאַלען א באַקאַנט מיידעל און האָט זיך היסטעריש און יאָמערליך צוואויינט.

איך האָב פארשטאַנען.

מיט די פיס אויפ'ן שטול און דעם קערפּער אויף דעם שמאָלען הארטען דיוואַן איז געלעגען חיים שמעון. צוויי דינע שטראָמען בלוט האָבען פארגליווערט געשיינט פון שטערן און פון דער אָפּענער האַרי־גער ברוסט. אויף דער ערד האָט אונשולדיג געגלאַנצט א רעוואָלווער. ביידע קוילען זיינען געווען שטערבליך. ער האָט געוואָלט זיין זיכער...

איך האָב זיך געשטעלט אויף די קניע און האָב צום לעצטען מאָל זיך איינגעקוקט אין זיין געזיכט. עס איז מיט אמאָל געוואָרען וואונדערבאר שעהן. אַן אונערדישע רוהיגקייט האָט געשוועבט איבער זיינע שטריכען און ארום זיינע ליפּען איז געלעגען א גליקליכער קינדערשער שמייכעל.

אויפ'ן טישעל איז געשטאַנען טינט און פעדער — ער האָט א גאַנצע נאַכט געשריבען בריף.

איצט ווערט פינף יאָהר פון זיין טויט. זאָלען די שורות, גע־שריבען מיט א נערוועזער האַנד, זיין אלס באשיידענע מצבה פאר א קינד פון פאָלק, וואָס איז געשטאָרבען פון צופיל ליבע צו איהם.

זיין קבר אויף דעם גרויסען בית עולם איז ניט ווייט פון דעם ברודער־קבר, וואו עס ליגען די הרוגים פון 18טען אָקטאָבער, דאָרט ליגען איינינע זיינע גוטע פריינד...

שלום פּאָדנאָס

ער איז געווען זעהר א הויכער, א ברייט־פּלייציגער און א געזונטער, בלאָנדע האָר, העל־בלאָהליכע אויגען און א שמייכלענדעס געזיכט. און כאָטש ער איז אַלט געווען שוין 28 יאָהר איז ער געווען אונשולדיג, נאַאיוו און אונמיטעלבאר, ווי א קינד. געארבייט האָט ער אין אַ גרויסען אייזען־געשעפט, און עס איז געווען קאָמיש, וואָס זיין בעסטער פריינד, אויך אַן אָנגעשטעלטער אין דעמזעלבען געשעפט איז געווען קליין, מאָגער און דאַר.

שלום איז געווען ניט זעהר אינטעליגענט און ניט זעהר קלוג. דאָך האָבען איהם אַלע ליב געהאַט, ווייל ער איז תמיד געווען אויפריכטיג, ערנסט און איבערגעבען. אין מינסק האָבען די „פּריקאַזשטשיקעס" דאַן געשפּילט א זעהר באדייטענדע ראָלע אין געזעלשאפטליכען לעבען פון שטאָדט. זיי זיינען געווען דער הויפּט־קערן פון די זובאַטאָווצעס און די טאָן־געבער אין פּועלי־ציוניזם — צוויי באוועגונגען, וואָס מינסק איז געווען זייער וויג־בעטעל. און שלום פּאָדנאָס איז געווען פון די געאַכטעסטע און פּאָפּולערסטע צווישען דער „מאָסע" און האָט שטענדיג פאַרנומען פאַרטרויאונגס־ווערטע עמטער.

ביז ס'האָבען אַ בלאָז געטאָן די ערשטע ווינטען פון דער רעוואָלוציע און שלום האָט מיט'ן גאַנצען הארצען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער באַפרייאונגס־באַוועגונג.

אין אָנפאנג 1905טען יאָר איז ער אריינגעטראָטען אין בונד. איך בין שוין דאַן געווען אין אַן אנדער שטאָדט, דאָך האָט די ידיעה מיך אונגעהויער געפרעהט. עס איז גוט צו האָבען אינטימע גוטע פריינד און אַלטע פריינד אויך אין דער געזעלשאַפטליכער ארבייט און עס איז פריידיג צו קענען רופען חבר א מענשען, וואָס דו ליבסט.

זיין אַלטע ערפאַהרונג און ברייטע פּאָפּולאַריטעט האָבען פאַר־אויסגעזאָגט, אַז ער וועט ווערען אין בונד אַ טיכטיגער טוער און אַז די אידישע רעוואָלוציאָנערע ארבייטער־באַוועגונג וועט דורך איהם געווינען אַ נייעם מיטקעמפּפער מיט אַ ברייט איידעל האַרץ.

נאָר פילע, זעהר פילע איז ניט באַשערט געווען צו פיהלען זיך גליקליך אין דעם שטורם פון קאַמף און איינער פון זיי איז געווען שלום פּאָדנאָס.

אַ פאַררעטערישע קויל האָט איהם געטראָפען באַלד נאָכדעם, ווי ער איז צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציע.

עס איז געווען דער 18טער אָקטאָבער פון 1905טען יאָר, דער אויף מאָרגען פון מאַניפעסט. אַ גרענעצלאָזע פרייד האָט ארומגע־כאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד און אומעטום האָבען זיך בירגער צוזאַמענ־געקליבען פייערן דעם נצחון פון פאָלק. אויפ׳ן גרויסען פּלאַץ נעבען מינסקער וואָקזאַל איז געווען באַשטימט אַ גרויסער מאַסמיטינג. יונג און אַלט, קליין און גרויס, מאַן און פרוי און קינד — אַלע האָבען זיך געלאָזט געהן הערען דאָס ערשטע פרייע וואָרט אין דעם לאַנד פון אונגליק און פארשקלאַפונג. און צווישען אַלע איז, פאַר־שטעהט זיך, אויך געווען שלום. זיין אונמיטעלבארע, אונשולדיגע האַרץ האָט איהם ניט פאַראויסגעזאָגט פון אַ גרויזאַמען פאַרראַט.

ווען דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען שוואַרץ פון מענשען, האָבען סאָלדאַטען, באַהאַלטען הינטער׳ן וואָקזאַל, אָנגעהויבען צו שיסען און האָבען מיט זייערע קוילען, געצילט דורך דעם איצטיגען נאַ־טשאַלניק איבער אַלע רוסישע טורמעס, קורלאָוו, פאַרשריבען איינע פון די בלוטיגסטע זייטלאַך אין דער געשיכטע פון דעם קאָנסטי־טוציאָנעלען פאַרראַט. צעהנדליגער מענשען זיינען דער׳הרג׳עט גע־וואָרען און הונדערטער פאַרוואונדעט. צווישען די דער׳הרג׳עטע איז אויך געווען שלום פּאָדנאָס...

ער האָט זיך געוויס אָנגעבויגען צו העלפען אַ פאַרוואונדעטען, ווען די קויל האָט איהם געטראָפען, אָדער — האָט ער ניט געגלויבט זיינע אויגען און ווי אַ קינד אין פייער האָט ער געקוקט אויף דער געפאַהר, ניט פרואווענדיג אַנטלויפען?

איצט ליגט ער אין ברודער־קבר אויף מינסקער בית עולם.

מאַשע

דאָס לעבען פון פאַרליבטע רעוואָלוציאָנערען איז געווען פול מיט אונאויפהערליכע נסיונות און טיפע ליידען. ציטריג, ווי א בלאַט אין א שטורם און צאַרט, ווי א שטילער זונענאויפגאַנג, האָט די ליבע געלעבט, ווי א בלימעל אויף א פעלז, וואָס הענגט איבער אן אָפּגרונט. די „סבאָדקעס" זיינען צוגלייך געווען די ליבעס-זעהונגען, דער האַנד-דרוק האָט פאַרביטען דעם ליידענשאַפטליכען קוש און די בליקען זיינען געווען די איינציגע שלוחים פון טרייהייט. זעהר אָפט האָט געטראָפען, אז דעם איינציגען גרוס, וואָס ווער האָט געהאַט פון זיין אָדער איהר באַשערטען, איז געווען דורך אן אָפּיציעלען פאַר־שטעהער פון צענטראַלען קאָמיטעט, וואָס האָט אמאָל צופעליג און אונגערן דערצעהלט פון פאַרשידענע פּאַרטיי־טוער אין פאַרשידענע ערטער, ווייל פרעגען זיך האָט מען זיך אָפט געשעהמט און ניט שטענדיג איז געווען זיכער זיך דורכצושרייבען.

אַזוי איז אויך געשעהן, דאָס באַריס, ווענען מאַשע האָט לאַנג און הייס געליבט, דורכטראָגענדיג די ליבע דורך טורמע און לאַנגע יאָהרען פון סיביר, האָט געמוזט אוועקפאָהרען אין וואַרשאַ. דאָס איז געווען צו ענדע פון 1904, ווען די דערשטיקטע פוילען האָט זיך ווידער אויפגעהויבען, אָבער דאָס מאָל אונטער דער נייער און אינ־טערנאַציאָנאַלער פאָהן פון סאָציאַליזם. אָפטע גאַסען־דעמאָנסט־ראַציעס, נאָך עפטערע גאַסען־פאַרזאַמלונגען, א ברייטע און רוישענדע עקאָנאָמישע באַוועגונג, דאָס אַלץ האָט געפאָדערט ענערגישע און ערפאַהרענע טוער. און באָטש באַריס איז נאָך געווען זעהר יונג, דאָך האָבען זיינע גלענצענדע פעהיגקייטען און גרויסער רעדנער־טאַלאַנט געמאַכט זיך מיט איהם רעכענען, און איינמאָל האָט ער זיך

מיט מאשע'ן געטראָפען ביים אריינגאנג פון שטאָדטישען גאָרטען, האָט איהר בגנבה געגעבען אַ קוש אין שטערן און איז גלייך אוועק צום וואָקזאַל, ארומקוקענדיג זיך, אויב קיינער פאָלגט איהם ניט נאָך.

מאשע, אָדער ווי מיר האָבען זי גערופען „די ציגיינערקע” פאר איהרע שווארץ־שווארצע האָר, גליהענדע אויגען און מאטאָווען גע־זיכטס־קאָליר, איז געבליבען אין „עקס”, אלס מיטגליד פון קאָמיטעט און אָנפיהרערין פון די שניידער און נעהטאָרינס. ענערגיש און לײדענשאפטליך, קלוג און מיט א היבשער ערפאהרונג, האָבען זי אַלע געליבט. און ווען איהרע ליפּען האָבען זיך פאנאנדערגעעפענט מיט א שמייכעל, וואָס פלעגט אנטפּלעקען צוויי רייהען ווייסע גערדיכטע קליינע ציינדלאך, פלעגען מיר שטענדיג מיטשמייכלען.

איינע פון מאשע'ס ארבייטען איז געווען די אָנפיהרונג פון א פראָפּאָגאנדיסטישען קרייז איבער דער טעאָריע פון סאָציאליזם. אַלע מיטוואָך אָוועגט פלעג איך קומען אין א הייזעל, ווייט־ווייט אין פאָר־שטאָט ביים סאמע טייך, וואו אונטער א נידריגען באַלקען און צווישען אויסגעקרימטע געקאַלכטע ווענט זיינען געזעסען עטליכע צעהנדליג יונגע מענער און פרויען, אַלע ארבייטער, וואָס האָבען געדולדיג און ערנסט ערווארט די פאָרטזעצונג פון קורס. מאשע איז געווען זעהר פינקטליך און פונקט האלב נאָך אכט פלעגט זי זיך שטעלען ביים וואנט אונטער'ן אַלטען זייגער און דערצעהלען מיט איהר רוהיגער פעסטער שטימע די טיפע־נישען פון דער סאָציאליסטישער לעהרע. מיר האָבען אַלע געוואוסט, אַז באָריס און מאשע זיינען „חתן־כלה” און האָבען אין הארצען מאשע'ן זעהר מיטגעפיהלט נאָך באָריס אַפּפאָהרען, מאשע'ן אָבער האָט עס וואהרשיינליך ווייניג געשטערט און איהר גרופּע איז גע־וואקסען אין גרויס און ערפאָלג.

נאָר איינמאָל האָט עטוואָס געטראָפען, וואָס איך וויל דערצעהלען. געטראָפען אזוי אונערווארטעט, אַז אַלע זיינען געוואָרען דערשראָקען. נאָך איצט טרעפט, אַז ווער פון מאשע'ס אמאָליגע תלמידים דערמאָנט זיך אין מיטען דרעהען די קאטערינקע יענע מאָדנע געשעהעניש און ער בלייבט פארגאפט.

ווי שטענדיג איז מאַשע געקומען אין דער צייט, ווי שטענדיג האָט זי זיך גלייך געשטעלט ביים וואַנט אונטערן אַלטען גרויסען זייגער און אָנגעהויבען די לעקציע. די טעמע איז געווען, וועגען עוואָלוציאָן, און איך געדענק ווי זי האָט אָנגעהויבען:

— די סאָציאַליסטישע לעהרע זאָגט, אז קיין וויכטיגע ערשיינונג אין געזעלשאַפטליכען לעבען קומט ניט פאַר פּלוצלינג. אַלעס ענט־וויקעלט זיך און איין ערשיינונג מוז האָבען א פריהערדיגע, פון וועלכע זי קומט ארויס. עמיצער האָט געזאָגט, אז רעוואָלוציאָן איז נאָר עוואָלוציאָן מיט א רי״ש און דאָס איז ריכטיג.

דאָ האָט זי פארביסען די ליפּען און פאַרטגעזעצט:

— קיין רעוואָלוציאָן קען ניט פאָרקומען איידער ס'האָט זיך פאַר איהר צוגעגרייט דער באָדען, איידער די מאסען פארשטעהען איהר נויטיגקייט און ווערען צו איהר געטריבען. בלוט פארגיסונג איז ניט נויטיג פאַר א רעוואָלוציאָן, אזוי ווי ס'איז ניט נויטיק קיין שאָס עמיצער זאָל שטארבען. געזעלשאַפטליכע פאָרמען לעבען אויף און שטארבען אָפּ, ווייל אזוי פאָדערט די צייט, די היסטאָרישע נויטיגקייט און קיין זאך, קיין ביקס און קיין קאַנאָנע קענען זיי דעם וועג ניט פאַרשטעלען. ענגלאנד איז דער בעסטער ביישפּיל, ווי אזוי...

די לעצטע עטליכע ווערטער האָט מאַשע ארויסגעזאָגט מיט א מאָדנער שטימע און אזוי ווי איהר וואָלטען טרערען געשטיקט. אַלע האָבען עס דערפיהלט און געוואָרען נאָך אויפמערקזאמער. אָבער אנשטאָט פאָרטצוזעצען דעם אָנגעהויבענעם געדאנק האָט זיך מאַשע א זעץ געטאָן אויף א בענקעל, האָט זיך אָנגעכאפּט ביים הארצען און האָט אָנגעהויבען וויינען. עס איז געווען א מאָדנער און שרעק־ליכער געוויין, באַהאַלטענדיג דעם קאָפּ איןביידע הענד האָט זי זיך געוואָרפען און געציטערט און דאָס פארשטיקטע שלוכצען האָט זיך ארויסגעריסען אין אפּגעריסענע דראָהענדע ספּאַזמען.

ווי געוועהנליך, האָבען אַלע אָנגעהויבען צו לויפען היין און צוריק מיט צושראָקענע געזיכטער, טראָגען וואסער און איינער איז אפילו אוועקגעלאָפען אין אפּטייק. אין איינינגע מינוטען אבער האָט זיך מאַשע אליין אויפגעשטעלט, האָט אויסגעווישט די אויגען, האָט

א מאָדנעם, גאָר א מאָדנעם שמייכעל געטאָן און פאָרטגעזעצט ווײ־טער:

—אלזאָ, אלעם ענטוויקעלט זיך כסדר און בייט פאמעלאך זיינע פאָרמען. די רעוואָלוציע איז נאָר אן אויסדרוק פון דער צייט און קיין אויסערליכע קראפט קען זיך איהר ניט שטעלען אנטקעגען...

איך בין ארויס מיט מאשע׳ן גלייך און מיר האָבען זיך געלאָזען צוזאמען ארויף צום שטאָדט. אויף איין ווינקעל איז געשטאנען א קליין אינגעלע מיט א פעקעל צייטונגען אונטער ארעם. איך האָב געקויפט א צייטונג און אריינגעלעגט אין קעשענע.

— איך האָב נאָך היינט אפילו קיין צייטונג ניט געזעהן — איז עפּעס דאָ נייעס?

איך בין צוגעגאנגען צו א לאמטערנע, האָב ארויסגענומען און פאנאנדערגעשאָקעלט די צייטונג און האָב דורכגעלעזען א טעלעגראמע פון ווארשע מיט גרויסע בוכשטאבען, אז דאָרט איז געווען א רעוואָלוציאָנערע דעמאָנסטראציע און פון די דריי דער׳הרג׳עטע איז איינער געווען באָריס...

ש ו ל י ע

שוליע איז געבוירען געוואָרען און האָט זיך ערצויגען אין א גרויסע הילצערנע שטוב מיט א ריזיגען רוסישען אויווען אין מיטען, וואָס איז געשטאַנען אויף א ווייטען פאָרשטאָדט, ביי א ברייטען און קויטיגען שליאַך. די מוטער פריה געשטאָרבען און דער פאָטער האָלב־קראַנק, האָט שוליע זעהר פריה פארזוכט דעם טעם פון ארבייט. אפריהער אין שטוב, ארום גרויסען אונזעטיגען אויווען און שפעטער אין א היימישען שאָפּ, ביי שניידעריי. ארום א גרויסען טיש זיינען געזעסען יונגע מיידלאך און גענעהט. אמאָל פלעגט ווער אָפּזיפצען אָדער לאָזען אין מיטען שטאָך און זיך פארטראַכטען. דאַן פלעגט שוליע אויפהויבען איהרע באַוועגליכע בליצענדע אויגען און פרעגען זיך, וואָס איז דער מעהר, ווייל גאָט האָט איהר געשטראָפט מיט הארץ, מיט א ווארים נייגעריג לעבעדיג הארץ און עס האָט געזוכט ווארימקייט און פריינדשאפט. אין הויז איז געווען קאַלט און אונהיימליך, אין לעבען — אזוי פיל אונגערעכטיגקייטען, שוליע האָט פאַר אלעמען גלייך געליטען. ווען אין מינסק האָט זיך אויפגעבויט די „ניעזאוויסימשטשינע״, האָט זיך שוליע אָן איהר אָנגעשלאָסען, ניט ווייל טעאָרעטיש האָט זי אויסגעפונען די נויטיגקייט דערפון, נאָר ווייל דאָרט זיינען געווען א פולע מענשען און א גרויסער טייל פון איהרע פריינד. שפעטער ווערט זי א ציוניסטקע, אלע אידען ליידען, דאָס גאַנצע פאָלק איז אומגליקליך — מען טאָר איהם ניט לאָזען. זי ארבייט אומעטום פאַר דרייען און אלע ליבען זי, ניט ווייל זי איז א פארטיי־גענאָסע, אָדער א גוטער מענש, אדער אַן אינטעליגענטער מענש, נאָר ווייל זי איז א שוועסטער, אלעמענס א גוטע, פארצייהענדע ליבענדע שוועסטער, אָבער מיט דער היץ און

שטאַרקייט פון אַ מוטער, ווען איהרע פריינד זיינען באַליידיגט אדער אין געפאַהר.

אַרבייטענדיג אַ גאַנצען טאָג אין שאַפּ, איז איעדער אָוונט איהרער געווען אָפּגעגעבען פאַר דער באַוועגונג און פריינד. זי איז אומעטום געווען און געווען אין דער צייט. נאָר איינס־צוויי אַ זייגער ביינאַכט און אַמאָל נאָך שפּעטער פלעגט זי זיך לאָזען אַהיים, אַליין, דורך די לעדיגע גאַסען, פאַרביי דער קירכע און דעם טונקעלען מאַהילניק, אום גאַנץ פריה ווידער אויפצושטעהן צו דער אַרבייט. האָט זי באַגעגענט אַ שכּור אָדער אַ שפּעטע גאַסען־פרוי, איז איהר געפיהל געווען ניט שרעק, נאָר רחמנות...

נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם איז שוליע געוואָרען אַ רעוואָלו־ציאָנערקע, און איז געווען זעהר טהעטיג אין די דאַמאָלדיגע ס. ס. אומעטום, וואו זי איז געקומען, האָט זי געהאַט אַרום זיך אַ קרייזעל, וואָס האָט זיך געוואַרעמט ביים ליכט פון איהר נשמה. איהר איבער־געבענקייט האָט אַמאָל זאָגאַר געשראָקען, אַזוי אונבאַגרענעצט איז זי געווען. איהר שמייכעל און איהר טרעהר האָבען אָפט פאַרטריבען וואָלקענס פון צוואָוועהטאָגטע הערצער.

און דאַן — די געוועהנליכע געשיכטע. עטוואָס ענטוישונג, אונצופרידענהייט מיט דער אַרבייט און די רעזולטאַטען און נאָכדעם דער מאָדערנער גלות, אַפריהער אין אַ בערלינער שאַפּ און נאָכדעם אין אַ ניו־יאָרקער. אין בערלין האָט זי געפונען רוהיגע געזעצטע דייטשען, וואָס זיינען געווען פרעמד איהר אונרוהיגער שטענדיג זוכענדער אימפּולסיווער נשמה און אין אַמעריקא — גרויסע שעפּער מיט דערשלאָגענע טעמפּע שקלאַפען. זי האָט דאָך איהר אַרבייט פאַר אַנדערע ניט אויפגעגעבען און איז אין ניו־יאָרק אַזוי ווי אין מינסק געפאָהרען שפּעט אין דער נאַכט אַפּ־טאַון אָדער אין די בראָנקס. אַז קיינער האָט ניט געזעהן האָט זי געוויינט. זי האָט געפיהלט, אַז עס איז „ניט דאָס", אַז די פריינד זיינען דאָ אַנדערש, די מענשען ווייט, די שקלאַפעריי און צרות טיף אָהן אַ ברעג און קיין היים איז ניטאָ. אַלץ איז פרעמד — די מענשען, די זיטען, די שפּראַך. האָט זי געפּרואווט פאַרלאָזען ניו־יאָרק. לעצטען ווינטער האָב איך זי געטראָפען אין טאָראָנטאָ. די שטענדיג לעבעדיגע, אַקטיווע, עמפּ־פינדליכע שוליע, וואָס אַלע ליבען. נאָר ווען איינמאָל, ווען קיינער

איז ניט געווען, האָב איך זי געפרעגט: וואָס מאכסטו דאָך? האָט זי היסטעריש צעוויינט.

— צו וואָס איז דאָס? ווײַן נישט!

— ס'ווערט בעסער אז מען וויינט זיך אויס — טרערען פון א אידענע — ווייסט ניט?

דאָרט האָט זי אויך דערפיהלט צום ערשטען מאָל די קראַנק־הייט, וואָס האָט אזוי כמעט פּלוצלינג אָפּגעשניטען איהר לעבען. נאָך פילע שווערע וואָכען פון ליידען איז זי ענדליך אריין אין א ניו־יאָרקער האָספּיטאַל מיט דעם שטעמפּעל פון טויט אויפ'ן געזיכט. כמעט אליין, צווישען פרעמדע מענשען און א פרעמדער שפּראַך, האָט זי אונטערגעפיהרט איהר לעצטען חשבון. דער קערפּער איז געוואָרען אלץ פולער, דאָס געזיכט אלץ מאָגערער און נאָר צוויי זאכען זיינען איהר פארבליבען — איהר שמייכעל פאר פריינד און איהרע אויסדרוקספולע אומרוהיגע אויגען. ביים טישעל נעבען איהר בעט זיינען שטענדיג געלעגען בלומען און מיט די לעצטע קרעפטען, מיט איין האנד פּאַראַליזירט, האָט זי נאָך אָפּט געפּרואווט צו פיהלען דעם ליידענשאַפטליכען דופט. אָבער די בלומען זיינען נאָך געלעגען דופטענד אויפ'ן טישעל, ווען זי איז אין גרעסטען פּיין און אונ־מענשליכע יסורים געשטאָרבען.

אויף איסט בראָדוויי האָבען זיך א הייפעל פריינד אויסגעשטעלט אין א שיטערע רייהע און אביסעל נאָכגעגאַנגען דעם ארון. נאָכדעם האָבען מיר זיך צוזעצט אין קאַרעטען מיט זאַטע שטאַרקע פערד און דאָס הארץ האָט גענאָיעט, ווען די רעדער האָבען געיאָגט צום לעצטען רוה. אזוי אונאינטערעסאנט און פרעמד האָבען געשיינט פון דער הויך פון ברוקלין ברידזש די ריזיגע געביידען פון דאון־טאון! א קינד איז איבערגעלאָפען די פּראָצעסיע מיט א באָל אין האַנד, צוויי אייראָישע שקצים האָבען זיך געשלאָגען נעבען א סאַלון, א עסענדער געדיכטער שטויב האָט געריצט די אויגען און דעם נאָז. אויפ'ן בית־עולם פון ארבייטער רינג האָט שוין געוואַרט אַן אָפענער קבר און ס'האָט זיך ניט געגלויבט, אז אין ווייסען אָרימען קאַסטען ליגט עם די גוטע, ליבע שוועסטער. נאָך זיך האָבען מיר געלאָזען אַן אָרימען קראַנץ פון ווייסע ליליען און ראָזען מיט אַן אויפשריפט: „שוליע'ן פון איהרע פריינד"...

„די שוויצערקע"

אויף אונזער רעוואָלוציאָנערען זשארגאָן האָבען מיר זי גע־רופען „לאה'קע די שוויצערקע". מיט דעם נאָמען האָבען מיר באצייכענט אלע די, וואָס האָבען זיך מעהר געפּלאָנטערט אין די פיס איידער געארבייט. דער „שוויצער" אָדער די „שוויצערקע" פּלעגען זיין אומעטום פול, האָבען זיך אומעטום געלאָזט הערען, האָבען אָנגענומען אלע ארבייטען, אָבער ניט שטענדיג האָט מען זיך אויף זיי געקענט פארלאָזען אין פאראנטוואָרטליכע זאכען — די איינציגע וויכטיג'ע הילף זייערע פאר דער רעוואָלוציע איז געווען א גאנץ זאָנדערבארע. מחמת דעם, וואָס זיי פלעגען זיך אומעטום ווארפען אין די אויגען, האָבען זיי געקענט ניט נאָר די אייגענע מענשען, נאָר אויך פּאָליציי און די שפּיאָנען און וואָס עס פלעגט זיך ניט מאכען, זיינען זיי געווען די ערשטע כפרה־הינדעל.

לאה'קע איז אויך געווען פון דעם מין און זי איז תמיד געווען די ערשטע אויפ'ן „בירזשע", אויף אלע גרופּעס און קרייזלאך, אין אלע צוזאמענשטויסען מיט דער פּאָליציי, אין אלע פּאטרול־פליכטען ביי גרויסע פארזאמלונג'ען. זי איז געווען גאנץ אינטעליגענט, א באלעבאטישע טאָכטער און ניט קיין נאר, נאָר איהר איבערגעבענהייט צו דער רעוואָלוציע האָט זיך אויסגעדריקט מייסטענס אין „שוויצען". זיצען אין טורמע פלעגט זי רעגעלמעסיג 3 מאָל א יאָהר — פאר דעם ערשטען מארטש, פאר דעם ערשטען מאי און פאר דעם 9טען יאנואר. א פּאָר טעג פאר אָט די רעוואָלוציאָנערע יום־טובים פלעגט פּאָליציי פארזעצען אלע „פארדעכטיגע" פּערזאָנען, אום אויסצומיידען א מאניפעסטאציע. אויסער אָבער די דריי פעלע פון שטענדיגער „דינסט" פלעגט זי זיך דורכ'ן יאָהר ארייננכאפּען נאָך

א פּאָר מאָל, פאַרדעקענדיג זעהר אָפּט מיט איהר אַרעסט וויכטיגע פערזאָנען אָדער אונטערנעהמונגען. דאָס האָט געמאַכט, אַז ניט נאָר איז זי ניט געווען צו לאַסט, נאָר פאַרקערט, מען האָט איהר געהאַלטען פאַר ניצליך און שטענדיג ווען זי פלעגט אַרויסגעהן פון טורמע האָבען איהרע אויגען געשיינט מיט גרויס נצחון.

ווי אַזוי איז זי מגולגל געוואָרען אין אַמעריקע וויים איך ניט. איך האָב זי פאַרלאָרען פון אויג און פאַרגעסען גלייך, ווי איך האָב פאַרלאָזען וו.. נאָר דאָ ניט לאַנג האָב איך זי באַגעגענט. אין איין שעהנעם פאַרנאַכט שטעה איך מיר אין שיקאגא, אויפ'ן קאָרנער פון האָלסטעד און צוועלפטע סטריט און וואַרט אויף א קאַר. עס איז געווען די צייט, ווען דער עולם פאָהרט פון דער אַרבייט און די קאַרס זיינען איבערגעפּאַקט. די מאָטאָר־לייט האָבען געהאַלטען אין איין קלינגען, די דראָט האָט נאָכאַנאַנד געהודזשעט און געדיכטע שוואַרצע מאַסען האָבען זיך געשאָטען פון אַלע זייטען. א פרוי מיט א בייבי־קערידזש, וואָס האָט געפּרוואווט איבערגעהן די סטריט אין דער רעכטע געדיכטע, האָט געוועקט מיין אויפמערקזאַמקייט. פון ביידע זייטען זיינען אָנגעלאָפען קאַרס און די פרוי מיט'ן קעריזדש איז שיעור ניט געווען איבערגעפאָהרען. איך האָב זיך א וואָרף געטאָן אַנטקעגען, האָב א כאַפּ געטאָן דאָס וועגעל און די פרוי איז אויך שנעל איבערגעלאָפען.

— טענק יו, סער! אי נירלי גאָט קיללד, באָט — זעה נאָר, מיסטער סאַמואיל. און זי איז גלייך געהאַנגען אויף מיין האַלז, ווי א מוטער, וואָס האָט שוין דרייסיג יאָהר ניט געזעהן איהר קינד. אין קינדער־וועגעלע איז געזעסען א צווילינג...

„קאַפּוסטניאַק!"

ער האָט געשטאַמט פון די נידעריגסטע שיכטען פון פאָלק. ווען ער איז געווען א קליין קינד האָבען די פרויען, די זינדיגע פרויען פון דער זינדיגער גאַס, וואו זיינע עלטערען האָבען געוואוינט, איהם געקושט מיט זייערע געפּאַרבטע ליידענשאַפטליכע ליפּען און נאָכ'ן „אנטוויינען" האָט זיין מוטער אָפט צוגעטראָגען צו זיין מויל א גלאָז ביטערע ביליגע ביער. ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט צווישען זינד און פאַרברעכען אויף א פאָרשטאָדט פון ווארשע, וואו די לאָדען זיינען בייטאָג געווען צוגעמאכט און וואו ביינאכט האָבען טענער פון מוזיק געלע ליכט און שרייענדע טואַלעטען געפייערט זייער טרויעריגען משוגענעם יום־טוב. צו פופצעהן יאָהר האָט ער שוין געוואוסט אלע סודות און האָט גערופען אלע זינדיגע פרויען מיט די ערשטע נעמען. געזונט, בראוו, אונערשראָקען, פול מיט לעבען און באַוואוסטזיין פון שטאַרקייט, איז ער געווען א וואקסענדער שטערן אויפ'ן הימעל פון דער אונטערוועלט, וואו די פרויען האָבען פאַרגעטערט זיין גבורה און די מענער האָבען מורא געהאט פאר זיין שארפען מעסער אין שטיוועל און שווארצען פלינקען „בראונינג" אין הינטער־קעשענע.

דעם זומער, ווען אין ווארשע האָט אויסגעבראָכען די גרויסע מלחמה פון דעם „אָפּגרונט" מיט די אָרגאַניזירטע ארבייטער, ווען פעדערן און טייערע צירונג זיינען געפלויגען און האָבען זיך געוואַל־גערט אין די גאַסען, וואָס זיינען געווען פול מיט ציין־קריצעניש און געשרייען פון ראכע, דאן איז ער געווען איינער פון די הערליכסטע פאַרטיידיגער פון דעם טיפען גרוב פון זינד און האָט מיט'ן מעסער און פּיסטאָלעט פאַרטיידיגט די הייזער פון שאנדע.

ניט איך, ניט אנדערע וויסען ווי אזוי ער איז געוואָרען א רעוואָלוציאָנער. נאָר איינמאָל האָט ער פארלאָזען די פּאָרשטאָדט, נעמענדיג מיט זיך נאָר זיין געוועהר און איז אריינגעטראָטען אין דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער פּארטיי. ער איז ניט געוואָרען קיין בעל־תשובה, ער האָט ניט געפיהלט קיין ברעקעל פאראכטונג צו זיין פארגאנגענהייט און האָט זיך גאָר איצט אויך ניט געשעהמט צו געהן אין גאַס מיט גאַסען־פרויען און גוטמוטיג צונעהמען פּרעזענטען פון זיינע אונגליקליכע געליבטע, נאָר א בלינדער באוואוסטזיין האָט איהם באצוואונגען און געטריבען אין די געפאהרען פון רעוואָלוציאָנערען לעבען. דער ווילען צו זיין א העלד פאר'ן פּאָלק און פּאָלק'ס פרייהייט האָט זיך אין איהם פארנאנדערגעברענט מיט טויזענדער פייער־צונגען, און זיין צונג האָט געשאָלטען די זעלבסט־הערשאפט און די אונטערדריקער פון פּאָלק. די איינציגע זאך, וואָס ער האָט געקענט פארשטעהן אין דעם פּראָגראַם פון זיין פּארטיי, איז געווען דער טעראָר און באלד איז ער געוואָרען זיין פאנאַטיקער און העלד.

וואָלט ער געווען אנדערש ערצויגען און מעהר אינטעליגענט, וואָלט פיליכט זיין נאָמען געוואָרען אונשטערבליך אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציע, נאָר זיין בלינדע איבערגעבענהייט צום קאמף פאר רעכט, האָט איהם געמאכט בלוטדורשטיג און ווילד.

— היינט וועל איך שלעכט שלאָפען — איך האָב נאָך פאר'ן טאָג קיין איין צארישען הונט ניט אוועקגעשיקט צום טייוועל...

דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען אלע וויילע פלעגט מען געפינען אויף די גאַסען פון ווארשע דורכגעלעכערטע קערפּערס פון זשאנדארען, שפּיאָנען און פּאָליציייסקע.

פּלוצלינג אין מיטען עסען אָדער געשפּרעך אין קאָמפּאניע פלעגט ער זיך ארויסגנב'ענען פון הויז און באלד קומען צוריק מיט טייפעלשען שמייכעל אויף די ליפּען און פאָרטזעצען דאָס עסען אדער דעם געשפּרעך, ווי קיינמאָל גאָרנישט געוועזן, ווען אונטען האָבען גאנצע פּאָלקען סאָלדאַטען איבערגעקערט די שטאָדט, זוכענדיג דעם פארברעכער. זיין אַלטע באַקאַנטשאפט מיט די וועגען פון דער פּאָליציי האָבען איהם שטענדיג ארויסגעלאָזט טרוקען פון וואסער און

וואָס מעהר זיינע חברים זיינען אריינגעפאַלען און אַוועק צו דער תליה אַלץ מעהר איז געוואַקסען זיין וואוט און ווילען פון ראַכע.

— אין בלוט וועל איך אויסבאָדען זייערע הינטישע גופ'ען. פאַר יעדע האָר פון א חבר וועט פאַלען א מענש...

אויסער דאָס שטענדיגע קלערען ווי אזוי „אוועקצולייגען" א צאַרישען דינער, איז געווען נאָר איין אנדער געדאַנק, וואָס ער האָט ווען עס איז געשענקט עטוואָס אויפמערקזאַמקייט און דאָס איז געווען — „קאַפּוסטניאַק". גוט איינגעקאָכטע פעטע ברויט מיט פיל מעה־ליגע קאַרטאָפעל איז געווען זיין ליידענשאַפט און האָט איהם שטענ־דיג געשאַפען א גליקליכע געהויבענע שטימונג.

— אָבער מאַכט מיר אן אמת'ן „קאַפּוסטניאַק", אז די פּאַרע זאָל זעצען צום באַלקען, א רוח אין די הינט, א כאָליערע אויף זיי!

און די בעל־הבית'טע פון זיין וואָהנונג האָט צוגעלעגט נאָך אביסעל פעטס און אויסגעקליבען די בעסטע קאַרטאָפעל.

אין וואַרשע איז דאַן געווען א פּאָליציימייסטער, וואָס האָט אנגע־וואָרפען א פינסטערען שרעק אויף דער גאַנצער שטאָדט. זיין ברוּ־טאַליטעט און מערדערישע האַרצלאָזיגקייט זיינען געווען א ביישפּיל ווערט אויף יעדענס צונג. ארומגערינגעלט מיט א מחנה אויסגעקליבענע רוצחים פון דעם ערגסטען פּאָלק האָט ער געשפּאַצירט איבער מאַר־שאַלקאָווסקע מיט די אויגען פון א הונגעריגער רויב־חיה, האָט אַרעסטירט יעדען איינעם, וואָס איז איהם ניט געפעלען, און אַלע טאָג זיינען פון אוטשאַסטאָק ארויסגעפאָרען וועגען מיט צו'הרג'עטע און פאַרשוועכטע קערפּער פון בר־מינן'ס.

די „באַיוואָוקע" האָט זיך שוין מיאוס געווען פון איהם אָפּצו־ראַמען פון וועג און די צאָהל פון זיינע אומגליקליכע קרבנות איז געוואַקסען מיט יעדער שטונדע.

דער נאָמענלאָזער העלד פון מיין ערצעהלונג האָט אָפט גע־טרוימט פון א העלדישען גרויסען טהאַט — זיך נוקם זיין אָן א פּאָליציימייסטער פאַר דאָס אומזיסט פאַרגאָסענע בלוט. איינמאָל אין זומער, איז ער אויפגעשטאַנען פריהער ווי געוועהנליך, האָט אויס־געשמירט זיין „בראַונינג", אָנגעפילט די קעשענעס מיט קוילען און איז ארויס פון הויז. אויפ'ן וועג האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק און צוגערופען די פרוי פון הויז.

— היינט וויל איך צו ווארעמעס א גוטען קאפוסטניאק! אָבער, איהר ווייסט, אזוי, אז...

דאָ האָט ער זי פעסט א קלאפּ געטאָן איבער'ן פּלייצע און איז אוועק.

איינס אזייגער איז אויפ'ן טיש געשטאנען א הייסער פעטער קאפוסטניאק. א געדיכטע הייסע פּארע האָט זיך געהויבען פון שיסעל צום באלקען און געמאכט דאָס הויז היימליך און גליקליך. איינס אַ זייגער קומט ער שטענדיג צוריק און האָט ליב צו געפינען אַלץ פארטיג אויפ'ן טיש.

עס איז שוין נאָך איינס — פאר וואָס איז ער ניטאָ? דער קאפוסטניאק האָט אָנגעהויבען אָפּצוקילען און די בעל־הבית'טע האָט אומרוהיג ארויסגעקוקט פון פענסטער.

ער איז שוין מעהר קיינמאָל, קיינמאָל ניט געקומען.

זיין שאָס אין פּאָליציסקען האָט אָפּגעקלונגען איבער גאנץ רוסלאנד און האָט אָנגעפילט אלעמענס הערצער מיט פרייד, אָבער כאָטש עס איז ניט געווען זיין לעצטער שאָס, איז עס געווען זיין לעצטע שעה. לויפענדיג פון פּלאַץ, וואו דער ערמאָרדעטער איז גע־לעגען אין זיין אייגען בלוט, האָט ער געוואָלט ראטעווען א זייטיגען מענשען, וואָס די פארלאָרענע סאָלדאטען האָבען נאָכגעיאָגט. אנ־שטאָט אויסצונוצען די געלעגענהייט און אנטלויפען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, דערשאָסען די פארפאָלגער פונ'ם פרעמדען מענש און האָט מיט דעם אָפּגעשניטען דעם וועג זיך זעלבסט; סאָלדאטען האָ־בען איהם באמערקט, איהם נאָכגעיאָגט און ווען ער איז א מידער געלעגען באהאלטען צווישען קאסטענס אויף א גרויסען וואַרשעווער הויף, האָבען די שאַרפע שטיקעס פון די בלוט־צורייצטע און פאר־צווייפעלטע סאָלדאטען דורכגעלעכערט זיין יונגען קרעפטיגען קער־פּער.

צוויי אינגלאַנד

עס איז געווען, אויב איך האָב ניט קיין טעות דעם 22טען אָקטאָבער פון 1905. א טאָג בעפאָר האָט ווילנע איבערגעלעבט א שרעקליכען און שטורעמדיגען טאָג. א גרויסער עולם, וואָס איז ערשט ארויס פון א מאַסענפארזאמלונג אין כאָר־שוהל האָט זיך צוזאמענגעשטויסען מיט עטליכע „ווזוואדען" סאָלדאטען, וואָס האָבען געפירט אן ארעסטירטען. און די סאָלדאטען האָבען געשאָסען, הרג'ענדיג איינינע אויף טויט און פילע פארוואונדעט. די אויפגערעגטע מאַסע האָט זיך א שאָט געטאָן איבער די זייטיגע גאסען, אראָפּרייסענדיג דערביי פון באלקאָנען, טויערען און פענסטער די אפיציעלע רוסישע פלאגען, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט צוליב'ן „טאבעלטאָג", עפּעס א יום־טוב אין דער קייזערליכער פאמיליע. עס האָט גענומען עטליכע שטונדען ביז די מעהר ניכטערע חברים האָט זיך איינגעגעבען אוועקצושיקען דעם עולם אהיים מיט פארביטערטע הערצער און ביז'ן דעק אויפגעשטורעמטע געפיהלען פון ראַכע. א גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר ניט געשלאָפען. אויף מאָרגען בין איך אויפגעשטאַנען גאנץ פריה און בין אוועק איבער'ן שטאָדט. עס איז נאָך געווען שטיל. דאָס ליכט פון דער ערשט־אויפגעהענדער אָקטאָבער־זון האָט געוועקט שרעק און בענקשאפט.

— וואָס וועט ברענגען דער היינט?

אויף זאוואלנע גאַס, אנטקעגען מארק, וואו דער טראַמוויי קערט זיך אַריין אין סאדאווע, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. ער איז געווען אזוי וועהמיטליך און איינזאַם דער מארק, וואו דער שטורם פון גענעראַל סטרייק האָט אויסגעלאָשען יעדעס לעבען! פארהאַקט די טויערען, לעדיגע טישלאַך און בענק און א פּאָר לעדיגע קאַרען...

פון ארויף זיינען מיר געגאנגען אנטקעגען צוויי אידישע אינג־לאך, איינער פון א יאָהר 6, דער צווייטער מיט איין־צוויי יאָהר עלטער. באלד, זעה איך, שטעלען זיי זיך אָפּ און קוקען ארויף. אויף איין טויער איז נאָך געהאנגען א פלאג, וואָס מען האָט נעכטען ניט אראָפּגעריסען און האָט זיך מיט חוצפה געוויקעלט אין דעם שטילען ווינטעל פון פריהמאָרגען.

— א פלאג! — האָט געזאָגט דער עלטערער מיט פארוואונ־דערונג און איז געבליבען שטעהן פארקלערט. באלד איז ער איבער־געלאָפען די גאַס און האָט געבראכט צו שלעפּען צום טויער א גרויסע הילצערנע באנק. ער האָט זיך אויפגעהויבען אויף איהר און האָט אויסגעשטרעקט די הענטלאך צום שטעקען פון פלאג. עס איז געוועזן פאר איהם צו הויך.

— יאָשקע, ווילסט ארויף אויפ׳ן באנק?

דער אינגערער חבר האָט זיך געקוויינקעלט און איז דאָך ארויף.

— לעג זיך! אָט אזוי! האָב ניט קיין מורא! איך וועל זיך אויף דיר שטעלען נאָר מיט איין פוס! אָט אזוי! אָט־א!

און האָט מיט גרויס נצחון ארויסגענומען דעם פלאג און אראָפּגעוואָרפען אויף דער ערד.ביידע זיינען אראָפּ פון באנק און האָבען זיך געשטעלט ביים פלאג, ווי עפּעס ביי א קערפּער פון א גע׳הרג׳עטען.

אָבער באלד אין דעם עלטערען אריינגעפאלען א נייע אידעע.

— נאָ! ער האָט אויפגעהויבען די פאָהן, האָט אָפּגעריסען די ווייסע מיט די בלאָהע, לאָזענדיג פאר זיך דאָס רויטע.

— איצטער וועלען מיר מאכען א דעמאָנסטראציע!

מיט ביידע הענטלאך האָט ער פאנאנדערגעשפּרייט פאר זיך דאָס רויטע סיטץ און צורופענדיג דעם חבר איז ער אוועק, זינגענדיג מיט א שוואַך קינדעריש שטימעלע די בונדאָווסקע שבועה:

ברידער און שוועסטער פון ארבייט און נויט,
איהר אלע, וואָס זיינען צוזייט און צושפּרייט!

פון „רויטען קרייץ"

אָבער ווער איז געווען דער אָדער די, וואָס האָט מיר אַמאָל צוגעשיקט א גרויסען פּרעכטיגען בוקעט פון ראָזען? איך בין געזעסען אין ווילנער „לוקישקעס", די נייע מוסטערהאַפטע טורמע, געבויט ספּעציעל פאַר דעם שטראַם פון פּאָליטישע פאַרברעכער. אין באַזונדערע קאַמערלאַך, דריי טריט די ברייט און זיבען די לענג, האָבען מיר ארומגעשפּרייזט פון פריה ביז שפּעט אין אָוועגט, פול מיט האַלבאָפּגעריסענע געדאַנקען און שאַרפען וועהמוט. פון די אַלע טעג פון וואָך איז נאָר געווען איינער א ליכטיגער און ברייטער — דער טאָג פון „סווידאַניעס". עלטערען און געליבטע, ברידער און שוועסטער פלעגען קומען זעהן זייערע נאָהענטע — די געפאַנגענע. און דער הויך פון פרייהייט און די פרישקייט פון דער פרייער לופט, וואָס זיי האָבען געבראַכט מיט זיך, האָט געמאַכט מוטיג און געשטאַרקט די הערצער. דערביי פלעגט מען ברענגען מתנות, און יעדע מתנה איז געווען א סימבאָל פון דער „פריי" און איהרע שטורעמדיגע קעמפּע.

אָבער צו מיר פלעגט קיינער ניט קומען. קיין קרובים האָב איך דאָרט ניט געהאַט און זייטיגע מענשען האָב איך ניט געוואָלט קאָמפּראָמעטירען. פלעג איך אין דעם טאָג פון „סווידאַניעס" צוטוליען זיך צום „גלאַזאָק", דאָס קליין רונד שייבעל אין טיר, און זעהן אנדערע וואָס האָבען זיך פרעהליך און מיט גליקליכע שמייכלען געלאָזען אראָב די טרעפּ צום קאַנטאָר, דעם פּלאַץ פון די זעהונגען.

נאָר איינמאָל האָב איך דערהערט דעם נאַדזיראַטעל אויסשרייען מיין נאָמען. ווער איז צו מיר געקומען? האָט עמיץ געריזיקירט מיט זיין זיכערהייט נאָר צו דערצעהלען, אז איך בין ניט אליין?

מיט ציטערענדע הענט האָב איך ארויפגעוואָרפען מיין רעקעל און בין אראָב אונטען.

— דאָס איז פאר אייך. — און דער נאַדזיראַטעל האָט מיר דערלאַנגט א גרויסען פּרעכטיגען בוקעט פון פרישע לעבעדיגע ראָזען.

— ווער האָט דאָס מיר געלאָזען?

דער נאַדזיראַטעל האָט א שמייכעל געטאָן.

— מיר געדענקען ניט.

דערצעהלען, ווי אזוי איך האָב דעם בוקעט געכאָוועט, ווי אזוי איך האָב פאר איהם אָפּגעגעבען מיין איין־איינציגע גלאָז, ווי אזוי איך האָב צונויפגעקליבען די אראָפּגעפאַלענע בליטהען און באהאַל־טען זיי אין די ווייטסטע קעשענעס? דאָס איז זעהר סענטימענטאַל, אָבער וואָס מאכט עס אויס, אז איך בין געווען גליקליך?

שרה מלכה

אין מינסק אויף זיעבעצקער גאַס, — די גאַס פון היימישע אכסניה'ס, קליינע קראָמען און שמוציגע הויפען, וואו די רעדער פון די גרויסע בעל־עגלה'שע וועגען טשעפּען זיך אָפּט איין אין די פאַרבייגעהענדע פערד־טראמוויען און וואו מענשען האָוען מעהר ווי אויף א וועלכער ס'איז אנדער גאַס, — שטעהט א לאַנגע אַלטע האלב־חורבה, האלב־הויז, וואָס געהערט צו אן אַלטען מאַנאַסטיר. אין אָט דעם הויז, וואָס איז פארנומען מיט געפּעס־ און הערינג־קראָמען, געפינט זיך א זאַוואָד פון סעלטצער־וואַסער און אָט אין דעם זאַוואָד, צווישען דעם הו־האַ פון גאַס און דאָס דרעהען זיך פון דער ראָד, וואָס מאַכט סעלטצער, צווישען אַלטע אָרימע מעבעל און גרויסע קופערנע סיפאָנען האָט זיך אויפגעהאָדעוועט און ערצויגען שרה מלכה, דאָס איינפאַכע און געוועהנליכע קינד פון פאָלק, וואָס איז אזוי יונג און אזוי אומגעלומפּערט — אונגערעכט געשטאָרבען.

גאַנץ מינסק האָט געקענט שרה־מלכה'ן און גאַנץ מינסק האָט זי געליבט. ניט דערפאַר, וואָס זי איז געווען קלוג אדער גוט אדער גרויס, נאָר דערפאַר, וואָס זי איז געווען אזוי מאָדנע־צוציהענד, אזוי אייגענאַרטיג־ליב. איהר קראַפט איז געלעגען אין איין קליינעם שמיי־כעל, וואָס ווען עס האָט געשפּילט ארום איהרע ליפּען, האָט איהר גאַנצער געזיכט געשיינט, אזוי ווי ארומגערינגעלט מיט א הייליג געט־ליך שיין. זי איז ניט געווען שעהן אין דעם געוועהנליכען זין — פון העכער ווי נידריגען וואוקס, מאָגער און אָפּט בלאַס, מיט א קערפּער וואָס איז געווען ווייבליך־צאַרט און לייכט, האָט זי געשיינט צו זיין ניט באַדייטענד און געוועהנליך. נאָר ווען זי האָט געשמייכעלט איהר אידישען וועהיגען שמייכעל, ווען איהרע גרויסע שטראַה־

לענדע אויגען, עטוואָס פייכטע און אזוי ווי פרעגענדע, האָבען געקוקט פארוואונדערט און דרינגענד, דאַן איז זי געווען מעהר ווי שעהן און מעהר ווי פּרעכטיג. דאַן איז שרה מלכה געווען א מלכה, א קעניגין, וואָס טראָגט די גאנצע פאראַנטוואָרטליכקייט פון רעגירונג און שמייכעלט דאָך מוטערליך צו איהרע אונטערטאַנען, א מאַדאָנע, וואָס טראָגט א גאָט אונטער איהר הארצען און האָט דאָך אלע ליידען פון א מענשליך וועזען.

און אזוי ווי פרומע קריסטען פיהלען פרימער און לייכטער, ווען זיי פאָרען פארביי דעם געשטאַלט פון געקרייציגטען גאָט, וואָס שטעהט אויפ'ן שייד־וועג, אזוי האָט מינסק יאָהרענלאַנג שפּאצירט פארביי דעם קרעמיל, וואו שרה מלכה האָט פארקויפט סעלצער און האָט געפיהלט לייכטער און בעסער, ווען איהרע אויגען האָבען אַרויסגעשמייכעלט פון אונטער די לאַנגע טונקעלע ברעמען.

ווען זי וואָלט געלעבט אין איטאליען, אין דער צייט פון לעאָנארדא דא־ווינטשי, וואָלט איהר פּאָרטרעט איצט געהאנגען אין די קונסט־גאַלערעיען פון דער וועלט צוגלייך מיט די געטליכע פּאָר־טרעטען פון זיינע פרויען; וואָלט זי געלעבט אין פּאריז אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע, וואָלטען פילע צוליב איהר געגאנגען אויף דער גילאָטינע מיט א שמייכעל אויף די ליפּען. נאָר אזוי ווי זי איז געווען א געוועהנליך אידיש מיידעל אין אַן אָרעמער אידישער שטאָדט, האָט זי פארקויפט סעלצער־וואַסער און האָט מיט איהר מאָדנער באַזעלטער שעהנקייט געקוויקט די הערצער פון אַזעלכע ווי זי — בלאַסע, פאַרטרוימטע און ליבע אי־דישע קינדער.

ניט באַזיצענדיג קיין אקטיווע נאַטור, האָט זי דאָך געהאט א טיף געפיהל פון גערעכטיגקייט און צוזאמען מיט דער גאנצער מינסקער יוגענד האָט זי דורכגעמאַכט אלע שטופען פון דער שטורמ־דיגער רעוואָלוציאָנערער צייט. ווען מינסק איז געווען ציוניסטיש איז זי געווען א מיטגליד אין די דאמאָלסט שטארקע פּועלי־ציון און פון יענעם קליינעם אינטימען קרייז יונגע־לייט, וואָס האָט שפּעטער אַרויסגעגעבען א היבשע צאָל אידישע טוער און שרייבער. ווען דער שטורם־וואָלקען פון דער רעוואָלוציע איז געוואָרען געדיכטער און ווייטע בליצען האָבען אָנגעזאָגט דאָס קומען פון דער קאַטאַסטראָפע,

איז זי אריבער צום „בונד" און האָט צוזאמען מיט פילע פון איהרע פריערדיגע ציוניסטישע חברים אנטייל גענומען אין רעוואָלוציאָנערען קאמף.

אין זומער פון 1904 איז זי ארעסטירט געוואָרען אין ווארשע נאָך די גרויסע דעמאָנסטראציעס פון יענעם יאָהר און איז אריבערגעשיקט געוואָרען אין טורמע פון יאיר געבורטס־שטאָט.

מיר זיינען דענסטמאָל געזעסען ביי א הונדערט פּאָליטישע אין מינסקער טורמע. צוליב דער אומרוהיגער צייט אויף דער פריי ווי אויך צוליב פארשידענע מיספארשטענדעניסע אין טורמע, האָבען מיר באַשלאָסען צו מאַכען א בונט און אין דעם משך פון פופצעהן מינוט איז אין דער טורמע ניט פארבליבען קיין איין גאנצע טיר, בענקעל, טיש אדער פענסטער. דער דאַמאָלסדיגער מינסקער גובערנאטאר, איינער פון די ליבעראלסטע רוסישע טשינאָווניקעס, האָט דאַן נאָכגעגעבען אלע אונזערע פאָדערונגען און באפאָלמעכטיגט מיך איבערצוגעבען זיין באשלוס צו אלע פּאָליטישע ארעסטירטע.

איך האָב דאַן שרה מלכה'ן ניט געהאט געזעהן פאר א היבשע צייט, און ווען דער אויפזעהער האָט געעפענט איהר קאמער, בין איך אריין מיט א געפיהל פון געשפאנטער ערווארטונג און נייגעריגקייט.

אלס איינע, וואָס איז געזעסען פאר'ן „דאָפּראָס", האָט מען זי אָפּגעפירט אין א באַזונדערען, רונדען, נידריגען צימער אין דעם אונטערשטען טורעם, וואו קיינער האָט מיט איהר ניט געקענט קומען אין באריהרונג. פאר פילע טעג איז זי דאָרט געזעסען איינע אליין אפילו אָהן דאָס רעכט פון „שפּאציר". פון דעם בונט האָט זי געוואוסט און האָט אליין צובראָכען די שויבען פון איהר פענסטער, אָבער זעהן א חבר האָט זי זיך ניט געריכט.

עס איז געווען פארנאכט. איין שטראהל פון דער רויטער פארגעהענדער זון האָט זיך, איין גאָט ווייסט ווי אזוי, דורכגעריסען דורך דער הויכער טורמע־צוים, איז דורכגעדרונגען די געדיכטע גראטעס און האָט זיך געלעגט אויפ'ן באלקען אין א לאנגען העלען פלעק. שרה מלכה איז געשטאנען אין מיטען צימער, האלטענדיג אין קאָמען איהרע פּרעכטיג־לאנגע זיידענע קאשטאנען־האָר.

זי איז געווען טיף פארטראכט. זי האָט ניט געהערט דאָס עפענען פון דער טיר, ניט מיינע טריט. די אויגען, גרעסער ווי געוועהנליך, האָבען עקשנות׳דיג געקוקט אויפ׳ן וואַנט בעת די האַנט האָט פויל און אַזוי ווי ניט פיהלענדיג געפיהרט מיט׳ן קאַם איבער די גלאַטע האָר. איך האָב שטיל אויסגערופען איהר נאָמען. רוהיג און געלאַסען האָט זי אויסגעדרעהט צו מיר דאָס געזיכט, האָט אנגעהויבען צו שמייכלען און אַלע פאַרבען פון פרייד האָבען אָנגעהויבען שפּילען אויף און אַרום איהר געזיכט. אנטקעגען אַלע פאַקטען פון דער וויסענשאַפט און אונזער ערפאַהרונג, באַהויפּט איך, אַז אַ גרויסע ראָד פון ליכט, ווי עס ווערט געמאָלען אַרום די קעפּ פון די הייליגע, האָט געשפּילט אַרום איהר קאָפּ.

אפילו דער געהילף פון נאַטשאַלניק, וואָס האָט מיך באַגלייט, אַן אויסוואורף און תליון, האָט זיך אָפּגעקערט, ניט קענענדיג פאַרטראָגען דאָס ליכט פון איהר פּנים...

— ווי אונגעריכט און ווי גוט!

* * *

לעצטען ווינטער איז זי געשטאָרבען פון אַ צווייטען קימפּעט צו דעם טיפסטען טרויער פון אַלע איהרע פריינד. צוזאַמען מיט איהר טויט איז פאַר פילע פון זיי אויסגעלאָשען געוואָרען די זון איבער דעם אַלטען ליבען מינסק.

הינטער סערעברינקע

„זאוואָד טעכנאָלאָג", איינע פון די גרעסטע מאַשין־פאַבריקען פון שטאָדט, האָט זיך געפונען אויפ'ן עק פון סערעברינקע — אַן אָרימע, פאַרוואָרפענע פאָרשטאָדט.

נאָכדעם ווי די שטאָדט האָט שוין צוויי טעג געסטרייקט, האָט דער קאָמיטעט אונז געשיקט „אראָפּצונעמען" „טעכנאָלאָג". די „אונז" זיינען געווען צוויי אַגיטאַטאָרען — איך און דאַוויד — און צוויי פון דער מאַסע, גוטע „באָיעוויקעס", אברהם'ל און משה'קע. אברהם'ל האָט געהאַט אין זיינע הויכע כאָליאַוועס א גרויסען, לאַנגען פינישען מעסער און משה'קע האָט געהאַט אין זיך די פלינקייט פון א קאַץ. ניט ווייט פון זאוואָד האָט משה'קע ארויפגעקלעטערט אויף א טעלעגראַפען־סלופּ און האָט מיט אברהם'לס מעסער איבערגעשני־טען די טעלעפאָן־דראָטען, וואָס געהען פון פאַבריק, און זייענדיג זיכער פון א באַלדיגען אָנפאַל פון דער פאָליציי, האָבען מיר זיך געלאָזען געהן צום פלאַץ. די פארשלאָסענע פאָרטקע האָט אונז ניט אָפּגעשטעלט, ווייל כאָטש דער צוים ארום איז געווען הויך, איז ער דאָך ניט געווען העכער פון א רעוואָלוציאָנערס ענטהוזיאזם, און באַלד זיינען מיר געווען אינווענינג און האָבען גערופען די באַלד דריי־הונדערט אַרבייטער צוצושטעהן צו דער רעוואָלוציע. דעם איינ־ציגען גאָראָדאָוואָי אין פלאַץ האָבען מיר ארעסטירט און ווען די פאָרטאָטשקע האָט זיך געעפענט און מיר אלע האָבען זיך ארויס־געשאָטען דורך איהר צו געהן אראָפּנעמען די איבעריגע זאוואָדען, איז דער גאָראָדאָוואָי געגאַנגען צווישען אונז מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, און זיין שאַשקע האָט זיך נאַריש ארומגעשלעפּט נאָך זיין אלטען שווארצען באַקנעפּעלטען מאַנטעל.

עס איז געווען א קאַלטער אָבער זוניגער פריהמאָרגען פון מיטען יאַנואַר. פאַר אונזערע אויגען זיינען געלעגען פון איין זייט אומ־ענדליכע ווייסע פעלדער, וואָס האָבען געבלאַנקט מיט טויזענדער שמייכלען אנטקעגען דער זון, און פון צווייטען זייט די שטאָדט — מיט די קלויסטער־שפּיצען; זיי האָבען געשיינט מיט יום־טוב׳דיגען גלאַנץ און זיילעכלאַך רויך האָבען זיך געצויגען צום קלאָרען הימעל, ווי א טייערער ווייריוך פון הייליגע מזבחות.

באַלד האָט אימיצער אָנגעפאַנגען זינגען די „מאַרסעליעזע", אַלע האָבען די שטאָלצע טענער אונטערגעהאַלטען און ווי א חלום האָבען אויסגעזעהן די הונדערטער מענשען, וואָס האָבען געזונגען, בראָדיענדיג איבער די קנעכעל אין שניי, טליענדיג זיך איינער צום צווייטען, ווי א סטאַדע שעפּסען. אזוי ווי דאָס בילד שטעהט איצט אויף פאַר מיינע אויגען, אזוי זעה איך יעדען באַזונדער אין די הויכע שטיוועל און באַראַשקענער קוטשמע מיט מאָדנע אי דערשראָ־קענע, אי באַגייסטערטע געזיכטער. אזוי זיינען די אידען געגאַנגען עולי רגל זיין קיין ירושלים ווען די ברוטאַלע ארמיי פון שונא איז שוין געווען אויף יהודה׳ס לאַנד.

אויף יענער זייט טייך, נעהענטער צו ליאַכאָוויקע, די פאָר־שטאָט פון גאַרבאַרניעס און הייוועןפאַבריקען, האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט, א קוק געטאָן דער שטאָדט צו, און דאָס געזאַנג האָט זיך פּלוצים אָפּגעהאַקט, ווי א שווערד וואָלט עס צושניטען אין מיטען.

איבער דעם בלענדענד ווייסען פעלד, אין א גלייכער ליניע צו אונז, האָט זיך געטראָגען, צוגעשמידט צו זייערע פערד, א ראָטע קאָזאַקען. די הויכע היטלען אויף א זייט, די פיס פעסט אין די סטרעמיעס און די פערד שנעל ווי בליצען מיט וואָלקענס פאַרע פון די נאָזלעכער, האָבען זיי צוערשט ניט געשראָקען, נאָר געוואונדערט. אָבער וואָס נעהנטער זיי זיינען געוואָרען צו אונז, אַלץ בעסער האָ־בען זיך אויסגעצייכענט זייערע ווילדע געזיכטער און זייערע הענט האָבען שוין שטייף געהאַלטען די קאָזאַצקע בייטשען — פאַרטיג צום שלאָגען... — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין געלעגן מיט'ן פּנים אַרויף אויף אַ ווייכען געלעגער פון שניי. דאָס געזיכט איז מיר געווען זעהר וואַרים פון בלוט און די אויגען האָבען געזעהן שנעלע־שנעלע פערדען־פיס, וואָס האָבען זיך געיאָגט נאָך שווארצע פינטעלאך, צוואוואַרפען איבער דעם ווייסען דעקטוך פון די שנייען. אַ פוילער געדאַנק: הויב זיך אויף און אַנטלויף! — האָט מיך אויפגעהויבען פאַמעלאך פון שניי, און באַלד האָב איך דערזעהן אַן איין־איינציגע יתומ'דיגע געביידע אויפ'ן עק פעלד — די איינציגע נאָהענטע געביידע צו מיר. די פילע פענסטער און דער נייער משופּע'דיגער דאַך האָבען מיך דערמאָנט, אַז דאָס איז די סערעברינקער שול. די קאָזאַקען זיינען געוואָרען אַלץ ווייטער און ווייטער, די לויפענדע פינטעלאך ווענינער און איך האָב זיך געלאָזען צו דער שול.

אַ גרויסער פוסטער ליכטיגער צימער מיט בענק און סטענדערס. די זון שפּילט זיך מיט די זוימען פון פּרוכת און אַ קאַלטער הויכער אויווען אין ווינקעל קוקט אויס קאַלט און בלייך, ווי דער שניי דרויסען.

איך לאָז מיך גלייך צום מזרח, זעץ זיך אוועק אונטער'ן ארון קודש, הינטער אַ הויכען בעל־הבית'ישען סטענדער און הויב אָן ארומצוטאַפּען דעם געזיכט.

מיט אַמאָל דערהער איך פון דער וויבערשער שול אַ צוצויגענע רוהיגע שטימע:

— בראשית, צום ערשטען, ברא, האָט באַשאַפען, אלקים, גאָט...

דאָס האָט דער שמש פון סערעברינקער שול, און צו דער זעלבער צייט סערעברינקער מלמד, געלערנט מיט זיינע תלמידים; דורך די הויכע קליינע פענסטערלאך פון דער וויבערשער שול האָט ער ניט געזעהן ניט אונז, ניט די קאָזאַקען.

אַ פּאָר טראָפּען בלוט אויפ'ן סטענדער האָבען מיר דערמאָנט, אַז איך דאַרף אָפּוואַשען דאָס געזיכט.

— רבי! — האָב איך אַ געשריי געטאָן.

עפּעס האָט זיך אויבען אָנגעהויבען צו רוקען און באַלד זיינען די קליינע פענסטערלאך באַזעצט געוואָרען מיט קינדערשע קעפּלאך.

— רבי! אַ שכור'ער גוי אין שול!

אימיצער האָט זיך געלאָזען לויפען אויף די טרעפ דרויסען און באַלד האָט זיך געעפענט די טיר און א קליין שווארץ צושראָקען אידעל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים בימה.

— קטאָ טוט?

— דאָס בין איך, — זאָג איך — א איד, קאָזאקען זיינען אויף מיר אָנגעפאלען און צושלאָגען; איך וועל אייך ניט שטערען, נאָר גיט מיר אביסעל וואסער.

און איך האָב זיך אויפגעשטעלט צו געהן צום כיור, אָבער מיין פארבלוטיגט געזיכט, פון וועלכען עס זיינען ארוים שארפע אידישע ווערטער, האָט געשיינט צו זיין אונערקלערליך און ווי איך האָב גע־האלטען ביים בימה, האָט זיך דאָס אידעל א בייג געטאָן פאָראויס און אזוי ווי א שטורעם־ווינד וואָלט איהם געטראָגען, איז ער אוועק־געלאָפען פון שול.

דורכ׳ן פענסטער האָב איך געזעהן ווי זיין קליינע פיגור האָט זיך געטראָגען איבער׳ן ווייסען, גלאַטען שניי צו דער פאָרשטאָדט, און זיינע הענט האָבען געפּאַכט ווי פליגלען.

איינער אליין אין דער גרויסער קאלטער ליכטיגער שול, ארומגע־רינגעלט פון טויט־ווייסע שנייען, איז מיר באַפאלען א אונגעהייערע שרעק, און די קנעכעל האָבען מיר געציטערט, און איך בין מיט וואַק־לענדע טריט ארוים צוריק אויף גאָט׳ס פרייע, ווייסע וועלט, אין דעם בלענדענדען אָבער קאלטען שיין פון יענעם טאָג.

אין דער גרויסער שול

די גרעסטע שול אויפ'ן שול־הויף איז די גרויסע שול, און יענעם שבת פריה איז זי געווען איבערגעפאַקט. ר' ישראל'קע האָט יענעם שבת ניט געדאַווענט און דער „בלינדער מגיד" האָט ניט געזאָלט רעדען. עס איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע.

פון דער בימה ביז דער מערב־וואַנט און אויף די טרעפּלאַך פון אונטען איז געשטאַנען אַ פאָלק, וואָס די גרויסע שול האָט ביזהער ניט געזעהען. עס איז געווען אין גענעראַל־סטרייק, און דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסען צו האָבען דאָ אַ דעמאָנסטראַטיווע פאַרזאַמלונג.

אום צו זיין זיכער פון אַן איבערפאַל, זיינען ביי אַלע טירען געשטאַנען „פּאַטרולען", און אויב דער מזרח האָט געהאַט פּיעל טליתים און סדורים, האָט דער מערב געהאַט שווארצע שעהנע „בראַונינגס" און גומילאַסטיקענע נאַהאַיקעס.

די שטימונג איז געווען אַן אנגעשטרענגטע. דער מזרח האָט יעדע ווײַלע אַראָפּגעקוקט צו דעם מערב מיט אונרוהיגע בליקען און דער מערב האָט געהאַלטען זיינע אויגען טיף באַהאַלטען הינטער די קוטשמעס און הינטער די לאַנגע גלאַנציגע דאַשיקס.

ווען עס האָט זיך געענדיגט קריאת התורה און דער חזן איז מיט'ן פאַרוויקעלטען ספר געגאַנגען אַראָפּ בימה צום ארון קודש, האָט זיך פון צווייטען זייט בימה אויפגעהויבען אַ הויכער בלאַסער בחור, האָט זיך געשטעלט אויפ'ן באַנק, וואו ערשט איז פאַרגע־קומען גלילה און האָט אָנגעהויבען:

— חברים, ארבייטער און אידען!

עמיץ פון מזרח־וואַנט האָט מיט צאָרן אַ קלאַפּ געטאָן אין סטענדער און אַ פאַרשטיקט בייז קול האָט אויסגעשריען:

— שקצים!

— מיר זיינען איצט אין דעם אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע!

— דאַוועגט מוסף!

— עס וועט ניט העלפען איצט קיין דאַווגען, ווען דער תּליון שטעהט מיט'ן חלף איבער אייער האַלז!

— יתגדל ויתקדש שמיה רבא!

א שטילער געמורמעל איז אויסגעוואַקסען פון הינטער דער בימה און באַלד האָט זיך דערהערט דאָס קראַכען פון צובראָכענעם סטענדער.

אַ שפּאַן איז איבערגעפלויגען הויך איבער'ן בימה און האָט זיך אָפּגעקלאַפּט אָן אַ זיידען טלית'ל.

די גאַנצע שול איז געבליבען פאַרשטיינערט.

— אויב איהר האָט אונז ניט געהאָלפען אויסקעמפען קיין פרייהייט אין גאַס, וועלען מיר קומען צו אייך און וועלען פון גאַטעס פּלאַץ קעמפען מיט די פיינד פון פאָלק — האָט פאַרטגעזעצט דער רעדנער.

— פאַר דער עהרע פון פאָלק זיינען מיר אַרוים אין קאַמף און פאַר זיין עהרע וועלען מיר פאַלען.

און אַזוי אין מיטען זיין רעדע האָט זיך פּלוצים דערהערט א שטיל, דערשראָקען געוויין. באַלד איז עס פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ טיף הארציג שלוכצען, און אַלעמענס אויגען האָבען אָנגע־הויבען זוכען דעם שטערער פון דער דעמאָנסטראַציע.

אין אַ ווינקעל פון דער גרויסער בימה אויף אַ קליין בענקעל איז געזעסען דער אַלטער שמש פון שול מיט איין האַלבען טלית אויף די פּלייצעס און צווייטען האַלבען טלית אויף דער פאָדלאָגע און האָט געציטערט פון צער און געוויין. זיין אַלטער קאָפּ איז געווען געבויגען ביז צו דער ערד און א האַנט האָט קאָנוואולסיוו געדריקט צו זיך א ברעג טלית.

—אוי־אוי־אוי! — האָט זיך געטראָגען איבער דער גרויסער שול, און ס'האָט זיך ניט געגלויבט, אז אַן אַלטער מאַן זאָל אַזוי וויינען, אַזוי אויפריכטיג און אונגעשטערט ווי אַ קינד.

שטיל, זעהר שטיל האָט זיך דער עולם געלאָזט פון שול און דער רעדנער איז אַראָפּ פון בימה מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

די אַלטע ניעכע

פאַר די לעצטע צוואַנציג יאָהר, זינד ניעכע איז געוואָרען א וויסטע אלמנה, האָט זי טאָג־איין טאָג־אויס, אויסער שבתים און יום־טובים, געבאַקען ברויט. ווען די גאַנצע שטאָדט האָט נאָך גע־שלאָפען איז זי שוין געשטאַנען טיף אריבערגעבויגען איבער'ן דייזע און האָט מיט איהרע מאָגערע־אָדערדיגע הענד געקנאָטען דעם פוכ־קען טייג. ווען דאָס ערשטע געבעק איז געווען אין אויווען, האָט זי שוין געקנאָטען דאָס צווייטע געבעק און נאָר איין גאָט, דער גאָט פון אלע אידישע האָרעפאַשנע אלמנות, ווייסט, וואו זי האָט גענומען כחות צו איהר ארבייט, ווייל איהר רוקען איז שוין לאַנג געווען געבויגען און איהר געזיכט האָט אויסגעזעהן, ווי א שלאַכט־פעלד נאָך דעם, ווי די רעדער פון דער שווערער ארטילעריע האָבען עס צעשניטען אין אלע זייטען. די איינציגע זאַך, וואָס איז איהר פאַרבליבען פון איהר יוגענד, איז געווען א פּאָר טונקעלע אויגען, פול מיט טרויער און באַהאַלטענע ליידען און דאָך פול מיט לעבען און ענערגיע. ווען זי האָט אויף אייך געקוקט, האָט אָפט געדוכט, אַז עס קוקט אויף אייך א יונגע מוטער, זעהר א יונגע, וואָס ערשט איז איהר דאָס ערשטע עופה'לע אָוועקגעשטאָרבען.

האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז אָט ביי דער ניעכען אין טיפען בעקער קעלער פלעגען מיר זיך אָפט צוזאַמענקלייבען אויף געהיימע באַראַטונגען און פאַרזאַמלונגען. איינע נאָך די אנדערע פלעגען מיר זיך ארייננשלייכען ביינאַכט אין דעם טיפען גרוב, וואו עס האָט שטענדיג געשמעקט מיט פרישען ברויט און ניעכע האָט שוין פריי־הער געהאַט פאַרמאַכט אלע לאָדען.

— גוט נ'אָוועגט, ניעכע!

— גוט נ'אָוועגט.

זי פלעגט אָפּענטפערען מיט א רוהיגער גלייכגילטיגער שטימע, אָהן ליבע און אָהן האַס, אַזוי ווי מיר וואָלטען איהר געווען אין גאַנצען פרעמד, און דאָך פלעגט זי יעדע ווייַלע ארוים אין דרויסען, זעהן אויב עמיצער דרעהט זיך ניט ארום...

האָט זי באַמערקט ארום קעלער א פרעמדע פאַרדעכטיגע פּערזאָן, האָט זי עס קאַלט רעפּאָרטעט צו אונז:

— קינדער! עמיצער געהט דאָ ארום.

און פלעגט זיך צוזעצען אויף א בענקעל אין קיך, ווי איינער זאָגט: מיך אַרט עס גאַנץ ווענינ צי איהר וועט אַריינפאַלען, צי ניט, נאָר ס'איז מיין פליכט אייך עס אָנצוזאָגען.

דאָך פלעגט זי זיך אַמאָל פאַרראַטען. פאַרבלייבענדיג ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען מיר אָפט געוואָרען הונגעריג און פלעגען קוי־פען ביי איהר ברויט.

— ניעכע, וועט איהר אונז געבען א פּאָר פונט ברויט?

דאַן פלעגט זי צוגעהן צום ברויט־טישעל, זיך שטעלען מיט'ן רוקען צו אונז מיר זאָלען ניט זעהן, ווי עס ווייזט די וואָג און דער־לאַנגען א גרויסען האַלבען ברויט.

— וויפיל איז דאָ?

— צוויי פונט.

און אַלע האָבען געוואוסט, אַז עס איז א ליגען, אַז ניעכע האָט פּשוט מורא, אַז מיר האָבען ניט קיין געלד צו באַצאָלען פאַר מעהר.

קיין אומלעגאַלע דירה האָט זיך ניט געקענט האַלטען און איינ־מאָל האָט מען אונז אַלעמען ארעסטירט ביי ניעכע'ן אין קעלער מיט ניעכע'ן צוזאַמען. זי האָט אַנגעטאָן איהר גרויסע זעהר אַלטע פאַ־טשיילע, האָט פאַרריכט עפּעס אין אויווען און איז אוועק מיט אונז, ארומגערינגעלט פון פּאָליציי, אָהן איין וואָרט פון פּראָטעסט.

דער „דאָפּראָס" איז געווען גאַנץ לאַנג אָבער זעהר איבערצייי־גענד. זי איז געשטאַנען ביי גרינעם טיש נעבען דעם גראָבען אַלטען פּריסטאַוו און קיין איין האָר פון איהרע לאַנגע ברעמען האָט ניט א ציטער געטאָן.

— עי דו, אַלטע צויג, וואָס האָט ביי דיר אָט די „סוואָלאָטש" (דאָס מיינט מען אונז) געטאָן?

— געשפּילט אין קאָרטען?

— וואָס? קאָרטען? אויפ'ן גאַלגאַן וועסטו ביי מיר געהן, אַלטע שקאַפּע דו, מיינסט, אַז מיך קען מען אָפּנאַרען? דערצעהל דעם אמת!

— איך בין שוין צו אַלט צו זאָגען אַ ליגען — זיי האָבען געשפּילט קאָרטען און געטרונקען בראַנפען.

זי האָט איבערגערוקט טיפער איבער'ן קאָפּ די פאַטשיילע און האָט זיך איינגעשרומפּט אַזוי, אַז זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ קינד.

דער פּריסטאַוו איז געוואָרען אויפגערעגט, האָט געשאָלטען מיט שווערע נאַרישע נבול־פּה און זידלערייען, נאָר ניעכע האָט זיך געהאַלטען ביי איהריגע.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט מען אונז אַלעמען ארויסגע־לאָזען און ניעכע איז גלייך אוועק מאַכען די טויג, נאָר מיט אַ נייעם און מאָדנעם אויסדרוק אין די אויגען.

פון דענסטמאָל אָן איז ניעכע געווען „אונזערע". זי איז געווען אַזוי שווייגענדיג ווי שטענדיג, נאָר דער קעלער האָט שוין געהערט צו אונז. פון קוק־בענקעל האָט זי שטונדענווייז אויף אונז ארויס־געקוקט מיט לעבעדיגע טונקעלע אויגען און די „צוויי פונט" ברויט זיינען אַלץ געוואַקסען און געוואַקסען.

איינמאָל בין איך געקומען דער ערשטער און איך האָב באַ־מערקט, אַז ניעכע'ס אויגען זיינען פייכט. אויפ'ן וואַנט איז געהאַנ־גען אַ נייע פאָטאָגראַפיע, פון וועלכער ס'האָט ארויסגעקוקט אַ דאַרער ריין־געראַזירטער יונגערמאַן. אונטען איז מיט גאָלד געווען איינגע־שטעמפּעלט: „ניו־יאָרק".

— האָט איהר קינדער אין אמעריקע, ניעכע?

— יע, דאָס איז דער אינגערער. צוויי האָב איך דאָרטען. מוטשען זיך...

און איז אוועק צום אויווען...

שפּעטער בין איך געוואָרען ארעסטירט און האָב ניעכען אין גאַנצען פאַרלאָרען.

לעצטען דעצעמבער איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין א קליין שטעדטעל פון ניו־ענגלאנד. דעם לעצטען טריין צו באָסטאָן האָב איך פארשפעטיגט און א פריינד האָט מיך גענומען אהיים שלאָפען.

דער פריינד האָט געמאכט טהעע און איך האָב דורכגעקוקט א צייטונג. פון צווייטען צימער איז אריין א פרוי, א קליינטשקע, א דארינקע, נאָר מיט אזעלכע לעבעדיגע פרישע אויגען.

— ניעבע!

אויך זי האָט מיך גלייך דערקענט און אויף א צעהנטעל פון א סעקונדע האָט זיך איהר געזיכט באלויכטען מיט א העלען ליבען שיין.

— וואָס מאכט איהר, סאמואיל?

און איז פארשוויגען און האָט זיך צוגעהערט צום געשפרעך פון איהר זוהן.

נאָר אין מיטען האָט זי אוועקגעלעגט די הענט אויף די קניה, האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און די אויגען האָבען ווידער אויפגעלעבט מיט געפיהל, כמעט רחמנות.

— קינדער, קינדער — אין אמעריקע אויך סאָציאליזם?

און איז צוגעגאנגען צום קלאזעט, האָט פון דאָרט ארויסגענומען א שטיק היימישע „באבקע" און האָט עס אוועקגעשטעלט נעבען מיר אויף'ן טיש.

— דער גראָבער פּריסטאוו איז שוין געשטאָרבען, א מיתה־משונה איינגענומען...

און האָט פארזאָגט דעם זוהן, ער זאָל מיך לעגען אין דער ברייטער בעט...

פון עסביערג נאָך האַרוויטש

זינט עס עקזיסטירען שיפען האָט נאָך קיינע ניט געהאַט אַזעלכע מאָדנע פּאַסאַזשירען, ווי די, וואָס איז אין אָנפאַנג מאַי 1907 אָפּגעגאַנגען פון דעם דעניש ען האַפען עסביערג נאָך דעם ענגלישען פּאָרט האַרוויטש. די שיף האָט אויף זיך געהאַט באַלד דריי הונדערט רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, ביי א צעהנדליג אינטערנאַציאָנאַלע שפּיאָנען און א פּאָר רעפּאָרטערס פון צייטונגען. פיליי כט געדענקען נאָך פילע, ווי אַזוי דער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט געזאָלט פאָר־קומען אין קאָפּענהאַגען, ווי אַזוי די דענישע רעגירונג האָט דעם צו־זאַמענפאָר אַרויסגעטריבען נאָך שוועדען, ווי אַזוי שוועדען האָט געגוויט אומקערען זיך צוריק נאָך דענמארק און ווי אַזוי ענדליך די דעלעגאַטען האָבען באַשלאָסען צו האַלטען דעם צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן.

די שטימונג צווישען די דעלעגאַטען איז געווען א טיף־דער־שלאָגענע. יעדער איינער האָט זיך געפיהלט, ווי א נאַוואָטער הונד, וואָס מען טרייבט איהם אַוועק פון אַלע טירען און א געפיהל פון באַליידיגונג און ערנידערונג איז געוואַקסען צוזאַמען מיט דעם געפיהל פון מורא און געפאַהר. עס זיינען געווען צווישען אונז צוויי, וואָס זיינען אַנטלאָפען פון א טויט־אורטייל, צעהנדליגע געווע־זענע קאַטאַרזשאַנעס, פילע צעהנדליגע אַנטלאָפענע פון טורמע, דעפּור־טאַטען פון דער צווייטער גאָסודאַרסטווענע דומע, און אַזוי ווי מיר זיינען געוואָרען לעגאַל פאַר דער גאַנצער וועלט און שפּיאָנען האָבען געשפּירט יעדען טריט אונזערען, האָט זיך געשטעלט די פראַגע: ווי אַזוי וועלען מיר קענען צוריקקערען נאָך רוסלאַנד, וואו יעדער איינער איז נויטיג פאַר דער אַרבייט פון רעוואָלוציע?

אין דעם אַלגעמיינעם אונגליק האָט מען פאַרגעסען דעם אונ־טערשייד צווישען „באַלשעוויקעס" און „מענשעוויקעס", פּ. ס. ד. און בונדיסטען און יעדער איינער איז ארומגעגאַנגען מיט זיינע אייגענע פּאַרטיפּטע געדאַנקען.

דער סאַלאָן פון שיף און דעק האָבען פאָרגעשטעלט אַן אייגענ־אַרטיג בילד. ברייט־פּלייציגע פעסט־געבויטע אוראַלצעס האָבען זיך געמישט מיט רירעוודיגע נערוועזע בונדיסטען; שלאַנקע גוטמוטיגע לעטען האָבען געשמייכעלט צו די בייזליכע האַנאַראַווע פּאָליאַקען; די הויכע עכט־רוסישע מאָסקאָוויטשעס האָבען זיך געמאָסטען אין הויך מיט די גרוזינער און קאַווקאַזצעס; סאָלידע בערדיגע דעפּוטאַ־טען פון דער גאָסודאַרסטווענע דומע האָבען ערנסט פאַרבראַכט מיט די שנעקעס פון דער פּראָווינץ — א גאַנצע סימפאָניע פון נאַציאָ־נאַליטעטען, עלטער, שפּראַכען, געשמאַקען און טעריטאָריעס.

און נאָכדעם ווי אַלע זיינען געווען צוזאַמען אויפ'ן שיף שוין כמעט א מעת־לעת, איז די שטימונג געוואָרען וואַרימער און לוס־טיגער. די ברייטע טונקעלע וואַסערען פון דעם צפונ'דיגען מעער, די ווייטע ברעגען פון ענגלאַנד, וואָס זיינען געווען פאַרהילט אין א צאַרטען פּיאָלעטעווען טומאַן, די וואַרימע מאַיאָווע זון, וואָס האָט אַראָפּגעשיינט פון א קלאָרען בלאָהליך־מאַטאָווען הימעל, דער גייסט פון ברידערליכקייט און די לאַגע פון אַלגעמיינער געפאַהר — דאָס אַלעס האָט אין אונז אויפגעוועקט די קרעפטיגע לייכטזיניגע יוגענד און צוזאַמען מיט דעם, ווי די שיף האָט זיך גערוקט אַלץ נעהענטער צו די פריינדליכע ברעגען פון ענגלאַנד, האָט זיך געשטאַרקט דאָס געלעכטער און דער לוסטיגער גלאַנץ אין די אויגען.

באַלד איז עמיצען איינגעפאַלען א פיינער געדאַנק, אַזוי ווי דאָ זיינען פאָרגעשטעלט אַזוי פיל נאַציאָנאַליטעטען און אַזוי ווי פּאָר אונז שטעהען פּאָר וואָכען פון ערנסטער און שווערער ארבייט, זאָל מען אביסעל א לעב טאָן און זיך דורכטאַנצען.

אַלע זיינען ארויס אויף דער דעק, און א גענאָסע פון דער קאַווקאַזער דעלעגאַציע, טשכעאידזע, האָט געמאַכט דעם אָנהויב.

א הויכער און דאַרער, דאָך רירעוודיגער און קרעפטיגער, מיט פּיס פון א הירש און פלאַם־פייערדיגע אויגען פון א בערגען־העלד, האָט ער זיך געלאָזען איבער דעם הוילען דעק, ווי א שטורעם־ווינטער,

צוקנאקענדיג מיט די פינגער און שניידענדיג די לופט מיט זיין קער־פער, א וועהמיטליכע ליידענשאפטליכע גרוזינישע מעלאָדיע האָט איהם באגלייט, באלד האָבען זיך פון קרייז ארום איהם ארויסגעריסען נאָך א פּאָר — אלע באוואוסטע רעוואָלוציאָנערען און וועלט־פּאָפּולערע קעמפּער פאר פרייהייט — און עס האָט זיך געדרוכט, אז אין די ראשיגע געדרעהטע דאָך גראציעזע באוועגונגען פון זייערע טענץ, לעזסטו די געשיכטע פון זייער לאנד, די עקשנות פון איהרע קעמפע און די ליידענשאפט פון איהרע העלדען.

מאכט א ווארע! געטריבענע און פארוואָגעלטע קינדער פון רוסלאנד, פארוואָרפענע אויף א פרעמדער שיף און פרעמדע וואסע־רען, טאַנצען דאָס אייביגע טאַנץ פון יוגענד!

נאָך די גרוזינען האָבען די פוילען געטאַנצט א קראקאָוויאק, די רוסען — א קאָמאַרינסקע און די בונדאָווסקע דעלעגאציע — א שעהר...

די טויט־אורטיילען און פינסטערע ערפאהרונגען פון קאטאָרגע, די מורא פאר דער רוסישער רעאקציע און די פארשיידענהייטען פון טעאָריע און קאמף, די 800 יאָהר טורמע וואָס איז געהאנגען אויף די פּלייצעס פון צוזאמענפאָהר, אלעס איז פארשוואונדען ווי רויך אין א ווינט אין דעם פּלוצלונגען אויסברוך פון פרעהליכקייט.

און פיס אזוי פיל מאָל געשמידט אין קייטען, האָבען זיך לייכט און באגייסטערט געטראָגען איבער די ריינע ברעטער פון דעק...

אויף איין סעקונדע פלעגט דאָס קרעכצען פון שיף און סאָפּען פון מאשינעס איבערשטייגען דעם יוגענד־געשריי ·און ווידער פאר־שטילט צו ווערען אין דעם קינדערשען טומעל פון שפּיל...

די שיף האָט אלץ ווייטער געשניטען די ברוסט פון די וואַ־סערן, א מראָמאָרנע מאַט־ווייסע און געלבליך־טונקעלע פּענע האָט זיך געקרייזעלט אהינטער און מיר האָבען געטאַנצט...

אין צוויי טעג ארום זיינען שוין אלע געזעסען ערנסט ביי די ארבייטען פון צוזאמענפאָר און אין א פּאָר מאָנאטען זיינען שוין פילע געוועזן צוריק אין די רוסישע טורמעס.

היבשע עטליכע פון יענעם טאַנץ פוילען שוין לאַנג אין דער פייכטקייט פון רוסישע קברים — מארטירער פאר פרייהייט און גליק.

א העלד פון דער מעקסיקאַנער רעוואָלוציע

אין אָנפאַנג פון דיזען יאָהר איז ביי דעם שטעדטעל דזשאַנאָס, אין מעקסיקא, פאָרגעקומען א שלאַכט צווישען רעוואָלוציאָנערען און רעגירונגס־סאָלדאַטען, וואָס וועט פארשריבען ווערען אין דער געשיכטע פון דער מעקסיקאַנער רעוואָלוציע מיט בוכשטאַבען פון גאָלד און בלוט.

פערציג יונגע רעוואָלוציאָנערען האָבען אין א שטאָק־בלינדער נאַכט געקעמפט געגען צוויי הונדערט באַוואפענטע צום־שלאַכט געלערענטע פיינד, און — האָבען געוואונען! איינער אנטקעגען פיער, איינער אנטקעגען פינף און זעקס, האָבען זיי מיט׳ן פויסט און מיט׳ן מעסער, מיט׳ן ביקס און שווערד פאַריאָגט א מחנה וואָס איז געווען פיל מאָל שטאַרקער פון זיי. איינער פון די רעוואָלוציאָנערען, א פאַרוואונדעטער און מיט א צובראָכענעם פוס, האָט האַלב־טויט, באַקעמפט א מחנה פון אַכט „רורעלס" — די ברוטאַלסטע דינער פון דעם בלוטיגען פרעזידענט דיאַז, און זיי האָבען פאַר זיין טויט באַצאָלט מיט צוויי גע׳הרג׳עטע און עטליכע פאַרוואונדעטע. צומישטע פון שרעק האָבען די סאָלדאַטען געשאָסען אויף אייגענע און דער בלאָסער שיין פון אָנקומענדען פריהמאָרגען האָט געזעהען ווי העלדישקייט און ליבע צו פרייהייט האָט געזיעגט איבער טיראַנישער מאַכט.

דאָך האָבען די רעוואָלוציאָנערען זיך ניט געפרעהט, נאָר טיף און ערנסט געטרויערט — אין דעם העלדישען שלאַכט האָבען זיי פאַרלאָרען זייער פיהרער און באַגייסטערער, די נשמה פון זייער קליינער גרופּע און דעם גרעסטען העלד — פראַקזעדיס גערערא.

אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענשהייט קען איך נאָר ווייניגע, וואָס מען זאָל קענען מיט איהם פאַרגלייכען און זיין אָנ־דענקונג דאַרף זיך ניט שעהמען פאַר די מאַקאַבעער אָדער פאַר די ערשטע רוסישע פרייהייטס־קעמפער, די נאַראָדאָוואָלצעס. אין אייניגע שורות וועל איך פּרואווען דערצעהלען די קורצע, דאָך הייליגע גע־שיכטע פון דעם מאַן, פאַר וועמען אַלע דאַרפען פאַלען כורעים.

פראַקזעדיס גערערא איז געבאָרען געוואָרען ביי איינע פון די רייכסטע פאַמיליעס אין מעקסיקאָ. זיין פאָטער האָט פאַרמאָגט גרויסע שטיקער לאַנד, וואָס האָבען פאַרזיכערט דעם יונגען גערעראָ מיט אַלע לוקסוסען און אירדישע פאַרגעניגענס. ער האָט געקענט לעבען רוהיג און זאַט אויפ'ן חשבון פון מעקסיקאַנער פּויער, ווי פילע אַנדערע גרויסע לאַנד־באַזיצער. אָבער די ליידען פון דעם פּויערן־פאָלק האָבען איהם פאַר'מיאוס'ט די פוילע רייכקייט, און יונגערהייט האָט ער פאַרלאָזען די עלטערנ'ס הויז, זיך אָפּגעזאָגט פון זיין ירושה, און געוואָרען אַ האַלבער אַרבייטער, האַלבער טרעמפּ, לעבענדיג צווישען די אָרימסטע און אונטערדריקסטע פון מעקסיקאָ. פאַר זיינע אויגען אַנטפּלעקט זיך אַ ים פון ליידען און טיפע אומגליקען; ער זעהט, ווי אַזוי די רעגירונג פון דיאַז און די גרויסע לאַנד־באַזיצער זויגען אויס פון פאָלק דאָס לעצטע ביסעל בלוט און ער ווערט אַ רעוואָלוציאָנער.

זיין צונג און זיין פעדער זיינען געוואָרען די ערגסטע פיינד פון אונטערדריקונג און טיראַניי. ער איז געוועזען איינער פון מעקסי־קאָ'ס בעסטע רעדנער און פיליכט דער פייערדיגסטער זשורנאַליסט. ער האָט געהאָגעלט אויף די שונאים פון פאָלק מיט האַס און אונ־אויפהערליכער גבורה. אין יאָהר 1908 האָבען די סאָלדאַטען פון דיאַז דערשאָסען זיין בעסטען פריינד און קאַמפס־ברודער, פראַנציסקא מאַרניקע, אָבער דאָס האָט איהם צוגעגעבען נאָך מעהר מוט צום קאַמף.

ער איז געוואָרען סעקרעטער פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי — „די אָרגאַניזירטע דזשונטא פון דער מעקסיקאַנער ליבעראַלער פּאַרטיי" — און טאָג ווי נאַכט איז ער פאַרנומען מיט פיבערהאַפטער רעוואָלוציאָנערער אַרבייט. ער איז געגאַנגען זעהר שלעכט געקליי־

דעם. זיין פריינד מאגאַן, וועמען איך האָב שוין באַשריבען אין „פאָרווערטס”, זאָגט אמאָל צו איהם:

— פראַקזועדים, דו מוזט זיך קויפען נייע קליידער.

— יעדע פעני — ענטפערט ער — איז נויטיג פאַר אונזער היילינער זאַך, די רעוואָלוציע מוז האָבען געלד.

ער האָט אָנגעהויבען צו ווערען זעהר מאָגער און זיינע פריינד האָבען באַמערקט, אַז אויסער אביסעל „וועדזשעטייבלס” נעמט ער גאָרנישט אין מויל אריין.

— דו מוזט עטוואָס בעסער עסען — דו וועסט אויסגעהן — באַאומרוהיגען זיך זיינע פריינט.

גערעראָ שמייכעלט:

— איך קען מיך ניט פּאַשען אויף גוטען עסען מיט דעם געדאַנק, אַז פּונקט אין דער מינוט זיצען מיליאָנען פון מיינע ברידער אָהן ברויט...

און כאָטש זיין קערפּער איז געווען שוואַך, איז זיין גייסט געווען שטאַרק ווי שטאָהל און זיין ווילען ווי א שריפה אין וואַלד. זיינע אַרטיקלען, אויפרופען און רעדעס האָבען זיך געטראָגען איבער מעקסיקאַ, ווי א שטורעם, רופענדיג די גרויסע מאַסען צום קאַמף פאַר ברויט און פרייהייט. ער האָט שטענדיג אויסגעקליבען די גע־פעהרליכסטע אַרבייטען, און דער וואָרט „געפאַהר” איז איהם געווען אינגאַנצען פרעמד.

אין נאָוועמבער פון לעצטען יאָהר איז ער איינער אליין אוועק־געפאָרען אין על פּאַזאָ, טעקסעס, מיט דעם באַשלוס, צונויפצוקלייבען א גרופּע רעוואָלוציאָנערען פאַר דעם סטייט טשיהו־אַהואַ.

ער האָט באַשלאָסען אויפצוהויבען די פאָהן פון אויפשטאַנד מיט וויפיל חברים עס זאָל זיך ניט מאַכען. וועלען זיין פערציג, וועלען זיין צוואַנציג, וועלען זיין צעהן, פינף — ער וועט אָנהויבען מיט דעם ביסעל. און אויב קיינער וועט מיט איהם ניט מיטגעהן, וועט ער געהן אליין; איינער אליין וועט ער איבערגעהן דעם טייך ריאָ גראַנדע, אום צו זיין נעהענטער צו זיין פאָלק און זיינע קעמפּע.

ער איז דאָס געווען דער אָנפיהרער פון די פערציג רעוואָלו־ציאָנערען אין דזשאַנאָס, וואָס האָבען פאַרטריבען א שונא פינף מאָל שטאַרקער. ווי א טיגער־מוטער, ביי וועלכע מען האָט אָפּגענומען

די קינדער, ווי א צורייצטער לייב, האָט ער זיך געשלאָגען מיט די פּאַראַזיטען פון פאָלק, מיט דעם פלאַם פון רעוואָלוציאָנערען מוטה אין הארצען, ביז א קויל פון דעם שונא האָט אויסגעלאָשען זיין העל־דישען לעבען.

זיין טויט האָט איינגעוויקעלט אין טרויער די גאנצע מעקסיקאנער רעוואָלוציע.

ריקארדא מאגאָן שרייבט וועגען איהם אין דער רעוואָלוציאָנערער צייטונג „רעגענעראציאָן”:

„פּראקזעדיס איז געווען די נשמה פון דער באוועגונג פאר פרייהייט. עס קען אָהן צווייפעל געזאָגט ווערען, אז ער איז געווען איינער פון די ריינסטע, נאָבעלסטע, אינטעליגענטסטע און בראווסטע מענער, וואָס האָבען ווען עס איז געקעמפּט פאר די באַ׳גזל׳טע פאָלקס מאסען און דאָס לעדיגע פּלאץ, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען, וועט קיינמאָל קיינער ניט קענען פארנעמען”...

פאר מיר ליגט זיין פּאָרטרעט. אָנגעשפּארט אויף דער רעכטער האנט, שטארק פארטיפט, שיינען זיינע אויגען מיט שטאָלענעם ווילען און טיפען פלאַמענדען גלויבען. זיין הויכער אריסטאָקראטישער שטערן, ארומגענומען מיט א הויכער גריוועהאָר, זיין גלייכער נאָז און שעהנע וואָנצעס איבער א דין פארשלאָסען ענערגיש מויל, דער־צעהלען פון א מאן וואָס איז פון זיין וויגעלע געווען באשטימט צו זיין א העלד און א באפרייער.

עס ליגען פאר מיר אויך זיינע ארטיקלען, געשריבען אין שפּאַ־ניש. איך קען זיי ניט לעזען, נאָר די ווערטער „רעוואָלוציאָן” אדער „רעבעליאָן” וואָס מען באגעגענט אין דיזע ארטיקלען אזוי אָפט, דערצעהלען זייער אינהאלט.

עהרע דיין אָנדענקען, אונבאקאנטער העלד, גרויסער מארטירער, נאָבעלער חבר, וואָס ביזט געשטאָרבען פאר פרייהייט! אין אונזערע הערצער וועלען מיר דיר אויפשטעלען א מאָנומענט, וואָס וועט זיך הויבען העכער פון די מאָנומענטען פון אלע קיסרים, פּרעזידענטען און קאזיאָנע העלדען!...

(פאָרווערטס, מאי ו׳־טען, 1911)

דראַמאַ

משה רבינו

(א היסטאָרישע שפּיל אין פינף בילדער)

פּערזאָנען:

יוכבד, מרים, אלקנה, עמרם, אהרן, משה, בתיה, חצרן, צפּורה, פּרעה, דער יורש עצר, פּדאצור, יהושע.

פרויען, שקלאַפּען, זעלנער, מוזיקער, פּריסטער, קעניגע, סטאַ־פּעטען, אידען, עלטסטע.

ערשטע בילד

(דער אידישער טייל פון דער שטאָדט גושן. אומצעהליגע געצעלטען פאַנאַנדערגעוואָרפען ביי דעם עק פון מדבר. אין הינטערגרונד זעהען זיך די פּיראַמידען און די אומ־פאַרענדיגטע מויערן פון פּיתום. די זון איז פארגאנגען איבער דער וויסטעניש און דער הימעל ווערט טיפער. לעבען די געצעלטען זיצען פרויען און מאָלען ווייץ אויף האַנט־מילכלאך. פון דער אָפענער טיר פון איינעם פון די געצעלטען געהט ארויס יוכבד).

יוכבד: מרים! געה ארויס אויפ׳ן וועג צו פּיתום און זעה פאַרוואָס די מענער זיינען נאָך ניט געקומען. די זון איז שוין לאנג פארגאנגען.

מרים: זיי קומען ניט, ווייל יעדען טאָג דאַרף מען מאכען אליץ מעהר ציגעל, זיי וועלען שוין באלד גאָרניט קומען, נאָר וועלען ארבייטען אי בייטאָג, אי ביינאכט.

יוכבד: אז גאָט האָט אונז געשטראָפט, קענען מיר ניט העלפען. נאָר ער זאָל אונז געבען כח די צרות אריבערצוטראָגען.

מ ר י ם: שקלאַפן דאַרפן ניט קיין כח. זיי דאַרפן נאָר געדולד. ווען איך בין אַ מאַן, וואָלט איך זיך אין נילוס אַריינגעוואָרפן און ניט געשקלאַפט פאַר די שכור'ע פרעה'ס.

י ו כ ב ד: היט דיין צונג, מרים, פאַרגעס ניט, אַז דו האָסט אַ ברודער אין פרעה'ס פּאַלאַץ.

מ ר י ם: מיין ברודער וואָלט מיר געקענט גערנער געווען, ווען ער קומט אַרויס צו העלפן אַביסל זיין פאָטער מאַכן ציגל. ער שמירט זיך דאָרט מיט שמעקעדיגע אייל און שפּילט זיך מיט די שקלאַפינען, און מיר דאָ ווערן געטראָטן מיט די פיס.

י ו כ ב ד: אַ טאָכטער פון עמרם טאָר אַזוי ניט ריידן, מרים. גאָט האָט אונז געשטראָפט פאַר אונזערע זינד.

מ ר י ם: גאָט וויל ניט מיר זאָלן זיין ווי די אָקסן אין שפּאַן. מאַמע! מען זאָגט אַז פילע שקלאַפן האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן וואַרפן די אַרבייט און אַרויס פון מצרים. עפּעס אַ געהיימניספולער מאַן געהט אַרום צווישן זיי און זאָגט אַז דער טאָג פון באַפרייאונג איז געקומען.

י ו כ ב ד: וואָס רעדסטו, קינד? מען וועט נאָך אונז אַלעמען אויסטויטן, אויב די מצריים וועלן זיך דערוויסן!

(עס דערהערן זיך פון דעם וועג פון פּיתום מאָדנע קולות וואָס ווערן אַלץ נעהענטער און נעהענטער. באַלד הויבן אָן צו לויפן מענטשן שילטענדיג און וויינענדיג).

— פינסטער איז מיר! אָן אויג האָבן זיי מיר אויסגעהאַקט!

— אַ האַנט האָבן זיי מיר איבערגעבראָכן!

— אַלע ציינער האָבן זיי מיר אַרויסגעקלאַפּט!

— זיי האָבן מיר דאָס האַרץ אונטערגעשלאָגן!

(פון די געצעלטן לויפן אַרויס פרויען און קינדער. אין דעם טומל איז שווער עפּעס צו הערן).

מ ר י ם: (שטופּט זיך דורך און הויבט אָן פּאַנאַנדערצופרעגן וואָס האָט פּאַסירט) שוין ווידער געשלאָגן?

א א י ד (מיט אַ צובלוטיגטען קאָפּ): אַן אויפזעהער האָט מען גע'הרג'עט. איינער, אַן אומבאַקאַנטער, האָט דער'הרג'עט אַן אויפזעהער און איהם באַהאַלטן אין זאַמד. די מצריים האָבן איהם געפונען. זיינען זיי באַלד ווילד געוואָרען און האָבן אונז גע'ממית'ט

אויף טויט. זיי האָבען אונז נאָכגעיאָגט דעם גאנצען וועג ביז גושן. מיט שפּיזען און שאַרפע שטעקענס האָבען זיי געשלאָגען רעכטס און לינקס.

(די ווייבער הויבען אָן צו ברעכען די הענט און שילטען).

— אַ פינסטער יאָהר אויף איהם, וואָס ער האָט אונז אַלעמען אומגליקליך געמאַכט.

— הלואי וואָלט ער אויסגערונען ביי דער מאַמען אין בויך.

— די קרעץ זאָל איהם אויפעסען, גאָטעניו. זאָל איהם דער האַלז פאַרשטיקט ווערען פון זאַמד, גאָטעניו.

א שקלאַף (אַן עלטערער מאַן מיט אַ צובראָכענער האַנט): איך בין זיכער, אַז מען האָט איהם פון פּרעה'ס הויף צוגעשיקט ער זאָל אונזער לעבען פאַרוויסטען.

א צווייטער: וואָס־זשע, אַ איד וועט עס טאָן? פאַר־טשעפּען זיך מיט אַ מצרי און דאָס גאַנצע פאָלק אומגליקליך מאַכען?

א דריטער: איך האָב איהם געזעהן: אַ הויכער, אַ שטאַרקער, מיט דעם אויסזעהן פון אַ איד, אָבער דעם באַנעהם פון אַ פּרינץ. פון מויער צו מויער איז ער געגאַנגען און האָט גערעדט מיט די אידען.

אלקנה: דאָס האָט ער זיך פאַר מיר אָנגענומען. פּופציג שמיץ האָט מיר דער מצרי געגעבען פאַר וואָס איך האָב אַ ציגעל ניט גוט געלעגט. איז ער פּלוצלונג אויסגעוואַקסען לעבען איהם, האָט איהם געגעבען נאָר איין קלאַפּ און דער מצרי איז געפאַלען — אי, האָט ער אַ האַנט!

ווייבער:

— זאָל איהם זיין פינסטער אין די אויגען, ווי עס איז פינס־טער צו לעבען.

— זאָל איהם זיין אַזוי זיס ווי עס זיינען אונז זיס אונזערע טרערען.

(פון וועג פון פּיתום באַווייזט זיך עמרם און אהרן. זיי געהן פאַמעלאַך, אָבער מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ).

מרים (לויפט זיי אנטקעגען): פאָטער, דו ביזט גאַנץ? דיך האָבען זיי ניט געשלאָגען? אהרן, דו ביזט אויך גאַנץ?

(וואַרפט זיך אַרויף אויף עמרם'ען און קושט איהם. עמרם ראַנגעלט זיך פון איהר אָפּ און זאָגט ניט קיין וואָרט. נאָר זעצט זיך צו ביים אַריינגאַנג פון זיין געצעלט און זיפצט אָפּ. אהרן בלייבט שטעהן שווייגענדיג).

י ו כ ב ד (מיט געוויין): וואָס שווייגסטו, עמרם? וואָס שווייגט איהר? גרויסער אומגליק מיינער! וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?

ע מ ר ם (פאַרבייסט די ליפּען, קעהרט זיך אָפּ און וויינט זיך פאַנאַנדער ווי אַ קינד): יוכבד—משה...

י ו כ ב ד (טוט אַ פּאַטש מיט די הענט און וויינט זיך היס־טעריש פאַנאַנדער): וועה איז מיר און ווינד איז מיר! מיין פּרינץ! מיין ליכט! מיין שטערן!... אומגליקליך זיינען מיר! משה... משה.

מ ר י ם (הערט זיך איין פאַרוואונדערט, הויבט אָבער באַלד אָן צו פאַרשטעהן וואָס עמרם האָט געזאָגט און הויבט אָן צו טאַנ־צען): משה! משה! איצט איז עס ער! געבענשט זאָלען איהם זיין די הענט! (לאַכט זיך פאַנאַנדער) האַ, זיי האָבען געמיינט, אַז זיי קענען אַלץ טאָן און קיינער וועט זיך פאַר אונז ניט אָננעמען. איז ער פון פּרעה'ס פּאַלאַץ געקומען פאַר די שקלאַפען זיך אָנצונע־מען. מאַמעלע, וואָס וויינסטו? אהרן, וואָס שטעהסטו ווי אַ גולם? ער איז דאָך דיין ברודער, ער האָט זיך אָנגענומען פאַר אונז. עמרם'ס אַ זוהן האָט זיך אָנגענומען פאַר די אידען. גאָט האָט איהם געשיקט אונז אויסצולייזען.

(לאָזט זיך אַריין אין געצעלט, קומט אַרויס מיט אַ טאָץ, הויבט אָן אין איהם צו קלאַפּען, זינגענדיג און רעדענדיג. אַלע בלייבען פאַרשטיינערט מיט די געזיכטער געווענדעט צו דעם וועג פון פּיתום. הויך און שלאַנק, מיט שוואַרצע האָר און פייערדיגע אויגען, מיט אַ זיכערען און שטילען טראָט קומט צו משה. ער געהט צו צו יוכבד'ן, פאַלט אויף די קניה און קושט איהרע פיס. קניהט אויך פאַר עמרם'ן און קושט זיינע פיס. שטעלט זיך אויף, קוקט זיך אַרום, און זאָגט מיט אַ שטילער אָבער פעסטער שטימע:)

מ ש ה : די בענשונג פון גאָט אויף די שקלאַפען פון גושן.

א ש ק ל א ף : דאָס איז ער! דאָס האָט ער דער'הרג'עט דעם מצרי! ער האָט אומגליקליך געמאַכט גושן. ער האָט דערשלאָ־

געָן אונזערע קינדער! בינדט איהם! גיט איהם איבער צו די מצריים! זאָלען זיי זעהן אז מיר זיינען ניט שולדיג.

(קיינער ריהרט זיך ניט פון אָרט).

ש ט י מ ע ן: וואָס שטעהט איהר, וואָס? וואָס קוקט איהר אויף איהם? ווער איז ער, דער פיינד פון די אידען, וואָס האָט זיך געשטעלט געגען פּרעה'ן? ווער האָט איהם געשיקט אויפצורייצען אויף אונז אונזער קעניג?

(עס דערהערט זיך א מורמעל).

אַ ן אַ ל ט ע פ ר ו י: פינסטער זאָל איהם זיין! שטאַרבען זאָל ער פון גאָט'ס האַנט! אַלע אונזערע קינדער האָט ער אומגליקליך געמאַכט. טפוי!...

(דער עולם מורמעלט העכער).

ש ט י מ ע ן: אודאי האָט ער אונז אומגליקליך געמאַכט! פון פּרעה'ס פּאַלאַץ האָט מען איהם אונטערגעשיקט. ער האָט בכיון דעם מצרי דער'הרג'עט, אז מען זאָל אונז אַלעמען אויסקוילען.

— ער איז ניט קיין איד! א כושי איז ער! בינדט איהם!

(דער עולם הויבט זיך אָן צורוקען צו משה'ן אַלץ נעהענטער און נעהענטער. משה שווייגט).

א ל ק נ ה (שטעלט זיך לעבען משה'ן און שרייט אויס מיט א מעכטיגער שטימע): ווער עס וועט איהם אָנריהרען, וועט פאַלען טויט! הויבט זיך אָן מיט אלקנה'ן! משה איז א ברודער! (פּאַטשט איהם פריינדליך איבער דער פּלייצע). אי האָסטו א האַנט! פּופּציג שמיץ האָט ער מיר געגעבען וואָס איך האָב א ציגעל ניט ריכטיג געלעגט! האָט ער זיך פּלוצים באַוויזען און מיט איין ריהר האָט ער איהם געלעגט אין דר'ערד! גיב מיר דיין האַנט, משה!

מ ר י ם (הערט זיך איין מיט א שטראַהלענדען געזיכט): וואָס זשע? עמרם'ס א זוהן וועט ניט דערלאָזען אַן אונגערעכטיגקייט! דער צוזאָג איז ערפילט געוואָרען! די מאַמעס האָבען אונז געזונגען, אז גאָט'ס מאַן וועט אונז קומען באַפרייען, און ער איז געקומען! (געהט אריין אין גרעסטען עקסטאַז, און זינגט מיט פאַרמאַכטע אויגען). פון טאַטע צו זוהן, פון טאַטע צו זוהן האָבען מיר געבויט פאַר פּרעה'ן. פון טאַטע צו זוהן האָבען מיר געהויבען צום הימעל זיינע ריזיגע שטעדט, האָבען מיר געצויגען דורכ'ן מדבר געפלאַסטערטע וועגען, אום אליין צו שטיקען זיך אין די פינסטערע געצעל-

טען פון גושן. מאמעס! איהר האט אונז אין די וויגעלאך געזונגען, אז א טאג וועט קומען וואס וועט ברענגען אונז דעם גואל. טאטעס! איהר האט אונז געהייסען אין דער שטיל דעם גלויבען אין אונזער גאט און אין אונזער באפרייאונג ניט צו פארלירען. איהר האט גע־טראגען דעם יאך, איז געקומען די צייט איהם צוצוברעכען.

(פון דער ווייטען דערהערט זיך מוזיק. אויף דעם וועג פון פיתום באווייזט זיך א פראצעסיע אנגעפיהרט פון מוזיקאנ־טען. איז מיטען דער פראצעסיע פאהרט אויף די אקסלען פון שקלאפען בתיה, די טאכטער פון פרעה. די פראצעסיע געהט אריין אין גושן. אלע פאלען אויף די קניע. בתיה געהט אראפ פון איהר הויכען זיץ און גיט א צייכען. אלע שלייכען זיך אריין אין די געצעלטען און די שקלאפען מיט וועלכע זי איז געקומען ציהען זיך צוריק).

ב ת י ה (קוקט זיך ארום, אויב קיינער איז ניטא): משה! איך בין ווידער געקומען צו שענקען דיר דאס לעבען. מיט פילע יאהרען צוריק, אין א הייסען טאג, ווען די זון האט געטריקענט די וואסערען פון ניל, האב איך דיך ארויסגעצויגען פון דעם הייליגען טייך און געמאכט דיך פאר א פרינץ אין פרעה'ס הויז. משה, איצט קום איך ווידער דיך צו ראטעווען פון אונטערגאנג און דיר שענקען דיין לעבען.

מ ש ה: איך דאנק דיר, ליכטיגע פרינצעסין.

ב ת י ה: אין דיין דאנק גלויב איך ניט, משה, דאך האט מיך עפעס געצויגען אהער. דו ביזט אזוי קלוג, משה, און אזוי פעהיג און שעהן, און דאך אזוי מ א ד נ ע. פארוואס האסטו געטויטעט דעם מצרי? פארוואס ווילסטו אלץ ענדערן די ארדנונג פון מצרים?

מ ש ה: איך בין פול מיט ערהרפורכט צו דיר, פרינצעסין. דיין געזיכט איז לויטער ווי די זעלטענע קוואלען פון מדבר, און דיין הארץ איז ריין, ווי די בלעטלאך פון לאטוס וואס וואקסט אין דעם הייליגען ניל.

ב ת י ה: און דאך ביזטו ווילד און אונפארשטענדליך. מיר האבען דיר אין פרעה'ס הויף געגעבען חכמה און בילדונג און רייכטום, און דו האלטסט אין איין ערגערען דעם מעכטיגען פרעה. זאג אז דו וועסט גוט זיין, משה, און קום צוריק. זיי זאגען אז דו האסט א מצרי גע'הרג'עט. דו וועסט דערפאר א באלוינונג קריגען,

אויב דו וועסט געהן צוריק אין פֿרעה'ס פּאַלאַץ אונטער דעם שוץ פֿון זיין עלטסטער פּרינצעסין.

מ ש ה : איך האָב מיין פּאַלאַץ פֿאַרלאָזען, און איך וויל אהין ניט קומען צוריק. איך בין מעהר ניט קיין פּרינץ נאָר א שקלאַף, און א זוהן פֿון א שקלאַף. און צוריק אין פֿרעה'ס פּאַלאַץ וועל איך קומען נאָר ווי א פּרינץ פֿון די שקלאַפֿען.

ב ת י ה : אַלץ האָב איך אין דיר אויסגעראָטען, נאָר ניט די עקשנות פֿון דיין פֿאָלק. נאָך ווען דו ביזט א קינד געווען האָסטו ליבער פֿייער אויסגעקליבען איידער גאָלד, און אין דעם פֿייער וועסטו פֿארברענט ווערען.

מ ש ה : די ערגסטע זאַך וואָס ערוואַרט מיר איז ניט אזוי שלעכט, ווי דער גורל פֿון מיין פֿאָלק.

(בתיה זעצט זיך ארויף און די פּראָצעסיע געהט אוועק. משה געהט אריין אין עמרם'ס געצעלט, און עס דערהערט זיך נאָהענט דאָס פּיס־טופּען פֿון פֿרעה'ס חיל. באַלד ווערט גאַנץ גושן ארומגערינגעלט און אפּטיילונגען פֿון דעם חיל הויבען אָן אריינצוגעהן אין די געצעלטען. פֿון יעדען געצעלט וואָס זיי געהען אריין הערען זיך געשרייען און געוויין. זיי געהן ארויס מיט געלעכטער, שילטענדיג די אידען, משה'ן).

א י י ן ס אָ ל ד אַ ט : האַ־האַ! ווען איך כאַפּ איהם דאָ דעם הונט, וואָלט איך איהם די אויגען מיט מיין שפּיז אויסגעשטאָכען.

צ ו ו י י ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט : פּרינץ משה, האַ־האַ!... א נייער פּרינץ אויף אונז געקומען!

ד ר י ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט : זיינען אַלע גלייך, אַלע גלייך. מען האָט זיי געדאַרפֿט אַלעמען אין נילוס אריינוואַרפֿען און דעם גאַנצען שמוציגען גושן פֿאַרברענען.

(פֿון עמרם'ס געצעלט דערהערט זיך א געשריי און באַלד געהן ארויס עטליכע סאָלדאַטען זידלענדיג און שלעפּענדיג משה'ן פֿאַר די הענט. דער הויפּט פֿון חיל גיט א פֿייף און דער גאַנצער חיל קומט צולויפֿען און שטעלט זיך אויס אין רייען).

ה ו י פּ ט פֿ ו ן ח י ל (געהט צו צו משה'ן) : אַהאַ, דאָס ביזטו פּרינץ משה! האַ־האַ... דער אידישער פּרינץ! דער ליבלינג

פון פרעה'ס טאָכטער! דער קליגסטער פון אלע פרינצען! הא, דו ביזט קלוג... הא, אזוי האסטו אונז אָפּדינען געוואָלט פאר די וויינען און די עסענס וואָס מיר האָבען דיר געגעבען; פאר די שעהנע שקלאַ־פינס מיט וועלכע דו האסט געשלאָפען; פאר די גרויסע גנאָדען וואָס פרעה האָט מיט דיר געטאָן. זעהר גוט, מיר וועלען דיר ווייזען וואָס פרעה'ס דינער טוען מיט א פאררעטער. איינס, צוויי, דריי!

(די סאָלדאטען טוען זיך אויף איהם א וואָרף אבער בלייבען פארגליווערט).

ד ע ר ה ו י פ ט (ווערענדיג צוטומעלט): וואָס זייט איהר שטעהן געבליבען, נישטיגע הינט? איהר האָט זיך אויך דערשראָ־קען פאר דעם אידישען פרינץ? בינדט איהם, איהר הינט!

(די סאָלדאטען ריהרען זיך ניט פון ארט. ער לויפט צו צו משה'ן, הויבט אויף זיין אייגענעם שווערד, אבער זיינע הענט ווערען פארגליווערט).

מ ש ה (מיט א שמייכעל): קיינער קען ניט ריהרען דעם געשיקטען פון גאָט!

(מיט שטילע טריט געהט ער דורך די רייהען פון די סאָלדאטען און פארשווינדט אויף דעם וועג צום מדבר).

י ו כ ב ד (לויפט אַרויס פון געצעלט, וועלענדיג נאָכלויפען נאָך משה'ן): משה, וואוהין געהסטו!

מ ר י ם (האַלט זי אָפּ): קיינער קען ניט ריהרען דעם גע־שיקטען פון גאָט! (לאכט זיך הויך פאנאנדער. די סאָלדאַטען בליי־בען פארשטיינערט).

צווייטע בילד

(אין מדבר ביים בארג חורב. איבערן גאנצען טאָל פיטערן זיך שאָף. עטוואס ווייטער צו רעכטס איז דער קאראוואַן־וועג וואָס פיהרט פון לאנד כנען קיין מצרים. דער טאָג איז זעהר הייס און נאר א קליין וואָלקענדל רוהט איבער הר חורב. ביי א קליין פאסטוך־געצעלט, געמאכט פון פעל, ארבייט צפורה ארום אלטע לאָגלען. איהר צופוסענס זיצט חצרן, אן אלטער אנטלאָפענער שקלאף, וואָס באהאלט זיך אין מדבר, דערלאנגט איהר די נויטיגע זאכען, און דערצעהלט):

ה צ ר ן: הא־הא! שפילסט זיך עפעס מיט משה'ן! נאָך

אז ער איז אַ קינד געווען אין פּרעה'ס הויף האָט מען איהם איין טעלער מיט דימענטען דערלאַנגט און איינעם מיט הייסע קוילען — האָט ער בעסער אויסגעקליבען די קוילען! גאַנץ מצרים האָט מיט איהם געשמ'ט! ער האָט בעסער געקענט די שטערן פון אַלע פּריס־טער! און די טאָכטער פון קעניג פון כוש האָט איהם פּאַר אַ מאַן געוואָלט!

צ פּ ו ר ה: פון מיינעטוועגען וואָלט ער בעסער די דימענטען גענומען איידער דאָס פייער! נאָכאַנאַנד ער איז פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט און ווערט פאַרפאַלען אויף גאַנצע טעג אינ'ם מדבר.

(פון אהינטערן בארג קומט אריין משה מיט אַ שעפעלע
אין די אָרעמס, שטעלט זי אוועק און רעדט צו איהר).

מ ש ה: מען טאָר זיך ניט אָפּרייסען פון סטאַדע, דו נאַריש שעפעלע. מען טאָר זיך ניט לאָזען אַליין אין דעם מדבר, וואו ווילדע חיות לויערען, און וואו נאָר דערנער וואַקסען. אַ קליין נאַריש שעפעלע דאַרף זיך האַלטען ביי דער סטאַדע. (שטעלט זיך אויף, קערט זיך אום צו צפּורה'ן און לאַכט זיך פאַנאַנדער). און איך אַליין בין אויך אַ שעפעלע, וואָס האָט זיך אָפּגעריסען פון דער סטאַדע, און בין אויך אַליין אוועק אין מדבר, וואו ווילדע חיות לויערן און נאָר דער־נער וואַקסען. (פאַרטראַכט זיך).

צ פּ ו ר ה: דיין סטאַדע האָט דיך שוין לאַנג פאַרגעסען.

מ ש ה: אָבער זייערע פאַרפאָלגער האָבען מיך ניט פאַר־געסען, און יעדער קאַראַוואַן וואָס געהט דאָ פאַרביי טראָגט אַ באַ־פעהל מיך אויסצוזוכען און טויטען.

צ פּ ו ר ה: לאָמיר אוועק פון דאַנען, וואו קיינער וועט אונז ניט דערגרייכען. ווען נאָר איך זעה אַ קאַראַוואַן פון פּרעה'ן ציהען זיך דורך דעם וועג, ווערט מיין האַרץ אָנגעפילט מיט שרעק.

מ ש ה: ווי קען איך אוועק פון דאַנען? נאָר דאָ קען איך הערען גרוסען פון דעם הויז פון עמרם און די קינדער פון יעקב. געבענשט זאָלען זיין די שקלאַפען, וואָס ברענגען מיר די געהיימע אבער טייערע גרוסען פון מיין שקלאַפען־היים.

צ פּ ו ר ה: דו האָסט די שקלאַפען נאָר שלעכטס געטאָן, און דו האָסט זייער גורל נאָך שווערער געמאַכט. זינט דו האָסט דעם מצרי דער'הרג'עט ווערען זיי וואָס מעהר אַלץ ערגער געפּייניגט.

לאָמיר אוועק פון דאַנען. ווייט צווישען די בערג, ביים עק מדבר, וועלען מיר בויען א געצעלט, וואו דו וועסט אין גאַנצען זיין מיינער. איך וויל ניט, דו זאָלסט טיילען דיין ליבע צווישען מיר און די שקלאַפען פון גושן.

מ ש ה: די שקלאַפען פון גושן זיינען מיינע ברידער, און יעדער וויינט וואָס בלאָזט פון מצרים ברענגט מיר זייער פיין. און אזוי ווי מיינע פיס, וואָס זיינען צוואַוואונדעט פון די נאַקעטע פעלזען פון מדבר, אזוי איז אויך מיין הארץ צוואַוואונדעט. איך בין ניט גליקליך, צפורה.

צ פ ו ר ה: פון אלע יתרו׳ס טעכטער בין איך די שעהנסטע, און נאָך די מיאוס׳טע פון מיינע שוועסטער האָבען די קעניגע שלוחים געשיקט. איז מיין ברוסט ניט היים גענוג, צו געבען גליק דעם זוהן פון א שקלאַף?

(געהט צו צו איהם, לעגט איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט און וויינט זיך פאַנאַנדער. משה גלעט און בארוהיגט זי).

צ פ ו ר ה: דו קלערהסט אלץ וועגען די שקלאַפען און אַט איז איין שקלאַף וועגען וועמען דו טראַכסט ניט. בין איך ניט דיין שקלאַף? האָב איך נאָך עמיצען אין דער וועלט צו דינען אויסער דיך? קום איך ניט צוערשט? וואָס דאַרפסטו טרוימען צו מאַכען גליקליך אַלע שקלאַפען, ווען דו קענסט גלייך איין שקלאַף גליקליך מאַכען? פאַר וואָס קלערסטו פון זיי מעהר ווי פון מיר?

מ ש ה: גאָט האָט מיך געשטראָפט, צפורה. א גרויסער אונרוה זיצט אין מיין האַרצען און וואַרפט מיך אום ווי א זעמדעל אין שטורעם.

צ פ ו ר ה: איך וועל דיין אומרו פאַרטרייבען. וואו דער שטורעם האָט געהערשט, וועל איך דיר א זון א ליכטיגע אריינזעצען. דו קענסט מיך נאָך ניט, משה! אלע וועגען און בערגלאָך פון מדבר האָסטו אויסגעפאָרשט, אָבער ניט די וועגען און בערגלאָך פון דיין צפורה. פון כנען ביז מצרים איז ניטאָ נאָך איין פרוי וואָס זאָל זיין שעהנער פון מיר, און מיין יעדער אבר ברענט מיט ליבע צו דיר, משה, מיט ליבע...

(כאַפּט איהם ארום און דריקט איהם צו זיך).

מ ש ה (ווערט ביסלעכווייז באהערשט פון איהר ליידענשאַפט און מורמעלט): איך האָב דיך ליב צפורה, פאַרגיב מיר, צפורה...

(פון דעם וועג פון מצרים באווייזט זיך פּלוצים א קאַראַ־
וואַן פון עטליכע קעמלען און פילע שקלאַפן אנגעלאַדענע
מיט גרויסע פּעק. עגיפּטער מיט לאַנגע בייטשען אין די
הענט און שפּיזן ביי די זייטן טרייבן די שקלאַפן צו,
און צו משה'ס געצעלט דערטראָגן זיך פאַרשטיקטע געַ־
שרייען. דער קאַראַוואַן פאַרשווינדט אויפ'ן וועג צו כנען).

מ ש ה (כאַפּט זיך אויף ווי פון שלאָף): עפּעס זעה איך א שוואַרצע זאַך אויף דעם ווייסן וועג. זיי האָבן א פּאַק פאַרלאָרען. חצרן, לאָמיר געהן זעהן וואָס עס איז דאָרט אויפ'ן וועג פאַרבליבן.

(צפּורה כאַפּט זיך ווי אויף, נעהמט אַרויס פון בוזעם א
מעשענעם שפּיגעל און באַטראַכט זיך. פון וועג באַווייזען זיך
צוריק משה און חצרן געבויגען אונטער א שווערער מאַסע.
זיי קומען צו און לייגן אַוועק ביים טיר פון געצעלט א
פאַרבלוטיגטען קערפּער).

מ ש ה: זיי האָבן איהם געטויט, די קרעציגע מצריים! (לעגט צו זיין קאָפּ צום ברוסט פון דעם בר מנן, קוקט זיך איין אין זיין געזיכט און שפּרינגט אויף) אלקנה!... דער ברודער, וואָס איז ביי מיין זייט געשטאַנען ווען די שקלאַפן האָבן מיך געוואָלט טויטען! די שטימע פון גאָט האָט גערעדט דורך איהם. (קניט ווידער, נעהמט אַריין אלקנה'ס קאָפּ אין זיינע הענט). אלקנה... ברודער... זוהן פון יעקב... וואָס זאָל איך טאָן? ווע‏לען אלע מיינע ברידער און שוועסטער שטאַרבען אונטער דעם רוט פון דעם מצרי? הא... שטאַרבען אונטער דעם רוט פון דעם מצרי?... וועלען די קינדער פון גאָט פאַרטיליגט ווערען דורך די דינער פון פּרעה? און איך זיץ דאָ און שפּיל מיך מיט'ן ווייב און מיינע אייגענע ברידער ווערען צום טויט געטראָטען פון ווילדע פּיס?

צ פּ ו ר ה: משה, א זאַמד שטורעם הויבט זיך אָן! קלייב צונויף דיינע שאָף.

(א גרויער וואָלקען לאָזט זיך אַראָפּ נידעריג איבער דעם
מדבר, געפּיהרט פון זייל‏ען־שטויב. די שאָף אין ווילדער
שרעק לויפען זיך צוזאַמען און טוליען זיך איינע צו די
אנדערע. משה דערזעהט פון וויי‏טען א פּאַר שעפּעלאַך
אַוועק פון דער סטאַדע, הילט איין זיין געזיכט געגען
שטורעם און לאָזט זיך צו זיי. אַפּגעהענדיג א פּאַר טריט
ווערט ער געשטרויכעלט אַן א נידעריגען דערנער־קוסט
און פאַלט אנידער. צפּורה לויפט איהם העלפען זיך
אויפשטעלען).

צ פ ו ר ה : ניט איין שאָף איז שוין אָן דעם קוסט געשטרויכעלט געוואָרען. פארשאָלטען זאָל ער זיין!

(דער זאַמד־שטורעם צוואוואַיעט זיך אלץ שטארקער און שטארקער. בליצען הויבען אַן דורכצושניידען דעם הימעל און דער קלאַנג פון דונער הילכט איבערן גאנצען מדבר א בליץ טרעפט די עטליכע שאָף וואָס זיינען ווייט פון דער סטאַדע, און צפורה און משה באהאלטען זייערע געזיכטער אין די הענט).

מ ש ה (געהענדיג צוריק צום געצעלט) : דאָס שטראָפט גאָט די וועלט פאַר דעם בלוט פון אלקנה. גאָט׳ס צאָרן דונערט אין די הימלען געגען די פארפאָלגונגען פון ד׳עם הייליגען פאָלק. (שטעלט זיך אָפּ פארגליווערט פון שרעק).

(דער דאָרן, איבער וועלכען ער איז געפאלען, האט זיך אנגעצונדען מיט א קלאָרען גלייכען ליכט וואָס ניט דער זאַמד און דער ווינט האבען געקענט באוועגען. אין דער זאַווערוכע ברענט ער שטיל און גלייך ווי א הייליגער פלאַם).

מ ש ה : צפורה! גאָט׳ס ליכט ברענט אין דעם דאָרן־קוסט! גאָט׳ס האנט זעה איך אין דעם פייער... גאָט׳ס ווילען זעה איך אין זיין ליכט... (ער רייסט זיך ארויס פון צפורה׳ן, לויפט צו צום ברענענדיגען דאָרן און, ניט אכטענדיג דעם שטורעם, קניט ער אנידער אין בעט) גרויסער גאָט! גאָט פון אברהם, גאָט פון יצחק, גאָט פון יעקב! אין דיין גרויסען צאָרן זעה איך דיין געדאנק. אזוי ווי דער טויטער דאָרן וואָס האט אויפגעפלאמט מיט דיין ליכט, אזוי האָט מיין פארשקלאפט פאָלק אויפגעלויכטען מיט א ווילען צו פרייהייט! איך געה צוריק צו ברענגען זיי דיין וואָרט, און זאָגען זיי דיין באפעהל! נעהם ניט אראָפּ פון מיר דיין האנט! קעהר ניט אָפּ פון מיר דיין געזיכט... ניט פארשטעל פון מיר דעם וועג... זאָל דיין ליכט מיר פיהרען צו דעם לאַנד פון דיין צוזאָג, צו דער פרייהייט פון מיין פאָלק!

(דער שטורעם ווערט שטאַרקער. דונערען איינע נאָד די אנדערע מאַכען ציטערען דעם טאָל. ריזיגע זיילען פון זאַמד שיטען זיך פון אַלע זייטען. דער טויטער קערפער פון אלקנה זעצט זיך אויף און א ריזיגע שטימע קלינגט איבער׳ן מדבר דורכ׳ן שטורעם און ווינט: משה! משה! משה שטעלט זיך אויף, פארשטעלענדיג די אויגען מיט די הענט פונ׳ם שטורם, קוקט זיך ארום און דרעהט זיך אויס

צום קאַראַוואַזוועג. שטעלט זיך אָב אונענטשלאָסען. דרעהט זיך אום צו צפורה׳ן. צפורה פאַרשטעהט, אַז דאָס איז זיין „זיי־געזונט”. שטרעקט זי אויס די הענט אין שטורם און רופט).

צ פ ו ר ה : משה ! וואוהין געהסטו, משה ?

(פ אָ ר ה א נ ג)

דריטע בילד

(אַז אַמפיטעאַטער אין פאָדערגרונד פון פּרעה׳ס פּאַלאַץ. שקלאַפען ארבייטען ארום פּאַלאַץ צוגרייטענדיג אַלעס פאַר דער צערעמאָניע פון פייערען דעם יעהרליכען יום־טוב פון רע, דעם גאָט פון דער זון. עס געהען פאַרביי עטליכע פ ר י ס ט ע ר).

ע ר ש ט ע ר פ ר י ס ט : איך האָב היינט געזעהן שלעכטע צייכענס אין הימעל. די שטערען זאָגען פּאַראויס א גרויס אומגליק.

צ ו ו י י ט ע ר פ ר י ס ט (מיט א געלעכטער) : מסתמא איז די פריסטין פון איזיס צו דיר נעכטען ביינאַכט ניט גוט געווען. האָט זי דיך דען נעכטען ניט געטראָפען אהינטער דעם טעמפעל ?

ד ר י ט ע ר פ ר י ס ט : די פריסטין פון איזיס האָט א שעהנערען געפונען. (לאַכען און געהען אָב).

(צוויי שקלאַפען קומען אריין, טראָגענדיג ווייכע קישענס פאַר פּרעה׳ס טראָן).

ע ר ש ט ע ר ש ק ל א ף : דו האָסט איהם נעכטען גע־הערט ? ער זאָגט, אַז אויב מען וועט איהם פאָלגען, וועט ער אונז אריינברענגען אין א לאַנד פון מילך און האָניג, און מיר וועלען מעהר ניט דאַרפען שקלאַפען.

צ ו ו י י ט ע ר ש ק ל א ף : איך האָב דאָס שוין לאַנג געהערט. צוזאָגען איז זעהר גרינג, און דערווייל ווערען די בייטשען פון די אויפזעהער אַלץ לענגער.

ע ר ש ט ע ר ש ק ל א ף : ער רעדט מיט א וואונדער־באַרער שפּראַך, און זיין בליק איז ווי פייער. מען מוז איהם גלויבען. (געהט אָב).

(ס׳געהען פארביי אויפזעהער איבער די שקלאפען־ארבייטער).

ע ר ש ט ע ר א ו י פ ז ע ה ע ר: די שקלאפען זיינען נאך קיינמאל ניט געווען אזוי שלעכט. עפעס רעדען זיי שטילערהייט צווישען זיך און קוקען מיט א בליק, וואס ווארפט אן א שרעק.

צ ו ו י י ט ע ר א ו י פ ז ע ה ע ר: מסתמא זשאלעוועסטו זיי שמיץ. איך וועל דיר לייהען מיין בייטש.

ע ר ש ט ע ר א ו י פ ז ע ה ע ר: די בייטש העלפט ניט מעהר, און אפילו ניט דער טויט. איך האב די לעצטע עטליכע טעג דריי פון זיי צום טויט פארשמיסען, און דאך ווערען זיי פון טאג צו טאג ערגער.

צ ו ו י י ט ע ר א ו י פ ז ע ה ע ר: דאס איז אלעס די שולד פון דעם מאן פון מדבר. עס איז אונמעגליך איהם צו כאפען, אבער וואו ער קומט ווערען די שקלאפען איהם געהארכזאם און ווארפען די ארבייט.

ע ר ש ט ע ר א ו י פ ז ע ה ע ר: לעצטע נאכט האבען זיי א פארזאמלונג געהאט אהינטער די מויערען, און זיי האבען דארטען גערדראהעט מיט׳ן טויט צו אלע מצריים. איך וואלט גיכער געווען אן אויפזעהער איבער פרעה׳ס פערד איידער דיזע אידען.

צ ו ו י י ט ע ר א ו י פ ז ע ה ע ר: אה, לאמיר זיי פארגעסען. היינט וועלען מיר טרינקען דעם בעסטען וויין, און האבען דאס בעסטע עסען, און די שעהנסטע טענצערינס פון פרעה׳ס הויף וועלען היינט פאר אונז טאנצען.

(פון דער זייט פון פאלאץ דערהערט זיך מוזיק, טאצן, פויקען און טרומייטען רייסען דורך די לופט, און אלע פאלען אויף די קניה. צווישען א פראצעסיע פון שקלאפען, הויף־בעאמטע און פריסטער געהט פרעה, באגלייט פון בתיה׳ן און דעם יורש עצר. פאראויס ווערט געפיהרט אויף א גאלדענער שטריק איזיס, דער הייליגער אקס. דער אקס דערשרעקט זיך פאר׳ן גרויסען עולם און הויבט זיך אן צו רייסען פון שטריק. די באדינער פאלען אנידער פון שרעק, אבער האלטען די שטריק פעסט. באלד הויבען זיי זיך אויף און די פראצעסיע געהט אן ביז פרעה קומט ארויף אויפ׳ן טראן. פרעה, באזעצט אויף זיין טראן, גיט א צייכען און דער יום טוב הויבט זיך אן מיט דער צערעמאניע פון די קרוינען. פרעה׳ס אונטערטעניגע קעניגע

געהען אריין באגלייט פון זייערע באדינער, דערלאנגענדיג פרעה'ן זייערע קרוינען).

ד ע ר ק ע נ י ג פ ו ן מ ו א ב: די בענשונג פון די געטער אויף דעם ליכטיגען פרעה. די וועלט האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אזא גערעכטען הערשער.

פ ר ע ה: זעץ זיך און געניס פון פרעה'ס פרוכטען און וויינען. (אָן א זייט צו זיין הויפּט מיניסטער) מיין בעסטען פערד האָט ער מיר דערשטאָכען אין איינע פון די שלאַכטען. איך וואָלט איהם ליבער געזעהן אויף דעם שפּיז פון מיינעם א סאָלדאט איידער ביי דעם יום טוב פון רע.

ד ע ר ק ע נ י ג פ ו ן ד י פ ל ש ת י ם: דאָס פאָלק פון די בראַווע פלשתים גריסט דעם מעכטיגסטען קעניג פון אלע צייטען, פרעה דעם קעניג פון מצרים.

פ ר ע ה: פרעה איז גנעדיג צו דעם פאָלק און דעם קעניג פון די פלשתים. זעץ זיך און פרעה זיך מיט אונז. (אָן א זייט). אלע ווייבער האָט ער געטויט איידער ער האָט זיך מיר אונטערגעגעבען, דער וואָלף פון מדבר. און ער האָט געהאט די שעהנסטע ווייבער אין דער וועלט!

ד ע ר ק ע נ י ג פ ו ן כ ו ש: געבענשט און געלויבט און געהויבען זאָל זיין דער נאָמען פון פרעה! זיין רוהם שמעקט איבער דער וועלט ווי דער בעסטער אויל און זיין נאָמען שיינט פון ים צו ים ווי די געשטאלט פון רע, דעם ליכטיגען גאָט!

פ ר ע ה: פרעה גריסט דעם קעניג פון כוש און שענקט איהם זיין שעהנסטע שקלאַפין-טענצערין. (אָן א זייט). דריי מאָנאַטען האָט מיך דער אויסוואורף געהאלטען ביי זיין שמוציגער הויפּט שטאָדט בין איך האָב זי גענומען. איך וועל טויטען דעם סאָלדאט, וואָס האָט איהם געפאנגען לעבעדיגערהייט.

(פלוצלינג רייסט זיך דורך א סטאַפעט, ווארפט אנידער לויפענדיג איינינע פון די טענצערינס, און קניהט פאר פרעה'ס טראָן).

פ ר ע ה: וואָס איז?

ס ט א פ ע ט: אלמעכטיגער הערר! די שקלאַפען פון גושן האָבען געוואָרפען די ארבייט!

פ ר ע ה: און די אויפזועהער?

ס ט א פ ע ט: די אויפזועהער האָבען זיך צולאָפען, און די וואָס זיינען געבליבען האָבען זיי געטויטעט.

פ ר ע ה: טויטעט די אָנפיהרער און פארברענט דאָס גע־צעלט פון יעדען וואָס האָטווידערשפעניגט אין מיר.

(סטאַפעטען געהען אָב. דער טאַנץ געהט אָן אין געלעכ־טער און פרעהליכען געשפּרעך. א צווייטער סטאַפעט רייסט זיך דורך דורכ'ן עולם און קניהט פאַר פרעה'ס טראָן).

פ ר ע ה: האָבען מיינע שקלאַפען באַשלאָסען צו שטערען מיין יום טוב? וואָס איז?

ס ט א פ ע ט: די שקלאַפען פון גושן געהען אויף דיין פּאַלאַץ, און דער מאַן פון מדבר פיהרט זיי.

פ ר ע ה: פרעה האָט ניט קיין מורא פאַר קיין שקלאַפען, און דער נאַר וואָס האָט מיך געוואָלט דערשרעקען זאָל קריגען הונדערט שמיץ.

(דער טאַנץ און דער יום טוב געהען אָן. פון וועג פון גושן באַווייזט זיך א גרויסע מחנה, וואָס דערנעהענטערט זיך אלץ מעהר און מעהר. אלע הויבען זיך אָן אונרוהיג איבערקוקען, אבער פרעה באַמערקט גאָרניט און דער יום טוב געהט אָן. באַלד דערהערען זיך געשרייען און קריג, און אין מיטען פון דעם גרויסען טומעל קומט אריין משה באַגלייט פון איינינגע שקלאַפען. אלעס בלייבט ווי פאַרגליווערט. משה לאָזט איבער די איבעריגע ביים אריינגאַנג און געהט שטאַלץ צו צו פרעה'ס טראָן)

פ ר ע ה: ווער ביזטו, וואָס דו ביזט געקומען פאַרשטערען דעם יום טוב פון רע, דעם ליכטיגען גאָט?

מ ש ה: איך בין דער ווילען פון גאָט, פון דעם גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב. גאָט האָט מיך אהער געשיקט צו פאָדערען פון פרעה'ן ער זאָל פריי לאָזען זיינע שקלאַפען.

פ ר ע ה: פריי לאָזען די שקלאַפען? אין דעם נאָמען פון גאָט?... ווער איז דיין גאָט? דו זעהסט ניט אויס ווי איינער וואָס האָט אכטונג פאַר געטער.

מ ש ה: מיין גאָט איז איינער, און ער האָט מיר געהייסען

אין דעם שטורעם פון מדבר צו קומען צו דיר און זאָגען זיין באַפעהל.

פ ר ע ה (לאַכט זיך פאַנאַנדער): און איך האָב גאָרניט גע־וואוסט, אַז עס זיינען נאָך געטער פאַראַן. פּרעה׳ס געטער־צעטעל מוז זיין פאַרפול. ברענגט אהער דעם הייליגען טאָוועל, און לאָמיר אויך אָט דעם גאָט פאַרשרייבען.

(איינער פון די פּריסטער קומט אַריבער מיט א גרויסען טאָוועל, קניהט פאַר פּרעה׳ן און דערלאַנגט עס איהם).

פ ר ע ה (לעזט): רע. דער האַר פון דער זון; שאָנז, דער בלאַסער גאָט פון דער לבנה; גאָט, דער ליכטיגער גאָט פון די הימלען; קעב, דער מעכטיגער גאָט פון דעם ווינט; נון, דער מעכטיגער גאָט פון די ימים; האַפּי, דער פרוכטבאַרער גאָט פון דעם הייליגען טייך. ווי זאָל איך דיין גאָט פאַרשרייבען?

מ ש ה: מיין גאָט איז דער גאָט פון די שקלאַפען.

פ ר ע ה (מיט געלעכטער): האַ־האַ! דער גאָט פון די שקלאַפען איז פּרעה! פּריסט פון טעמפּעל פון סעט, פאַרשרייב זיין גאָט אַלס דעם גאָט פון ווידערשפּעניגע שקלאַפען, און זאָל ער אונז ווייזען, אַז זיין גאָט קען איהם באַשיצען.

(שקלאַפען טוען זיך א וואַרף אויף משה׳ן, אָבער אַלע בלייבען פאַרגליווערט פון א נייעם טומעל. פון אַלע זייטען רייסען זיך דורך סטאַפעטען און קניהען פאַר פּרעה׳ס טראָן).

ע ר ש ט ע ר ס ט אַ פ ע ט: דער הייליגער נילוס האָט אָנגעהויבען צו פליסען מיט בלוט.

צ ו ו י י ט ע ר ס ט אַ פ ע ט: אַלע קראָקאָדילען און זשאַ־בעס פון דעם הייליגען טייך פויזען איבער דעם לאַנד.

ד ר י ט ע ר ס ט אַ פ ע ט: א שוואַרצער היישעריק קומט אָן פון דער זייט פון מדבר.

פ ע ר ט ע ר ס ט אַ פ ע ט: א גרויסער האָגעל האָט צו־קלאַפּט די תבואה אויף די פעלדער.

פ י נ פ ט ע ר ס ט אַ פ ע ט: אַלע שאָף און קיה זיינען צופאַלען אויף די פעלדער פון מצרים.

ז ע ק ס ט ע ר ס ט אַ פ ע ט: רויטע וואונדען האָבען אויסגעשלאָגען אויף די קערפּערס פון די מצריים.

פ ר ע ה (שטעלט זיך אויף און ווענדעט זיך צום עלטסטען פון די פריסטער): וואס באדייטעט דאס?

פ ר י ס ט: אלמעכטיגער פרעה! א שווארצע שעפס איז נעכטען געבראכט געווארען אלס קרבן אין איינעם פון דיינע טעמפּלען.

פ ר ע ה: דו ביזט א גולם!

צ ו ו י י ט ע ר פ ר י ס ט: א שקלאף האט געקושט די פריסטין פון מעסקאניט.

פ ר ע ה: טויטעט די פריסטין און דעם שקלאף.

ד ר י ט ע ר פ ר י ס ט: טאיט, דער גאט פון פרוכט, איז אין צארן, וואס דו האסט פאר איהם היי־יאהר קיין נייעם טעמפּעל ניט געבויט.

מ ש ה: אין דעם געזיכט פון גאט דעם גאט זאג איך אייך, אז איהר זייט ליגנער און באטריגער. דאס איז די האנט פון אדני, וואס שטראפט אייך פאר פארשקלאפען זיין פאלק.

פ ר ע ה (מיט א מילדער שטימע): דו רעדסט אזוי שעהן און אזוי שטאלץ, און פרעה נויטיגט זיך אין פעהיגע און שטאלצע לייט. ווי קומסטו זיך אנצונעמען פאר שקלאפען? איך וועל דיך פאר א פרינץ מאכען אין פרעה'ס הויז.

מ ש ה: איך בין שוין איינמאל א פרינץ געווען, אבער איך וויל בעסער זיין א שקלאף ביי גאט איידער א פרינץ ביי פרעה'ן.

פ ר ע ה (מיט א שמייכעל): יעדער פרינץ פון פרעה'ן קריגט צעהן פאלאצען, הונדערט קעמלען און טויזענט ווייבער.

מ ש ה: און יעדער שקלאף פון פרעה'ן קריגט טויזענט שמיץ.

פ ר ע ה: אבער ווער האט דיר געזאגט, אז די שקלאפען ווילען פריי זיין? זיי האבען עס מיר קיינמאל ניט געזאגט.

מ ש ה: זיי האבען געזאגט, נאר דו האסט ניט געהערט. זיי האבען עס דיר געזאגט דורך זייערע געשרייען און קרעכצען, דורך זייערע קינדער וואס דו האסט אין דיינע פאלאצען איינגעמויערט, און דעם בלוט פון זייערע עופה'לאך, וואס דו האסט אין זיי דיינע פיס געבאדען. אבער גאט האט דיר געשטראפט מיט טויבקייט, און דו האסט זייערע שטימען ניט געהערט.

פ ר ע ה: דער עלטסטער פון מצרים האָט צו פּרעה'ן אַזוי נאָך קיינמאָל ניט גערעדט. מיט איין צייכען פון מיין האנט וועל איך דיך אָפּווישען צוזאַמען מיט אַלע דיינע שקלאַפען.

מ ש ה: אָהן שקלאַפען וועסטו זיין אויס פּרעה, אַלמעכטיגער קעניג. אויף וואָס וועסטו קעניגען, אויב דו וועסט ניט האָבען ווער עס זאָל פאר דיר דיין מלוכה בויען?

פ ר ע ה: דאָס איז די איינציגע זאַך, וואָס שקלאַפען קענען טאָן. אויף דעם האָבען זיי די געטער באַשאַפען, פאר פּרעה'ן צו בויען.

מ ש ה: גאָט האָט זיי איצט געהייסען פאר זיך אַליין צו בויען.

(פון דרויסען דערהערען זיך געשרייען):

ש ט י מ ע ן: נידער מיט פּרעה'ן, דעם קעניג פון מצרים! עס לעבע משה, דער פּרעה פון די אידען!

(משה טוט א ציטער און זיין געזיכט ווערט באַדעקט ווי מיט א וואָלקען).

פ ר ע ה: אַ, דיר איז ווייניג א פּרינץ צו זיין... דו ווילסט א פּרעה ווערען. פאַרוואָס קומסטו ניט צו באַזיגען מיין מלוכה מיט'ן שווערד, ווי עס פּאַסט פאר א קעניג? (משה שווייגט) דו האָסט ניט דעם מוטה אויפ'ן שלאַכטפעלד צו געהן און מיט'ן שווערד זיך א קעניגרייך ערווערבען.

(משה שווייגט. אין דרויסען ווערען די קולות אַלץ העכער).

ש ט י מ ע ן: נידער מיט דעם פּרעה פון די מצרים! עס לעבע דער פּרעה פון די אידען!

(עס לויפט אריין מרים שרייענדיג).

מ ר י ם: וואו איז משה, דער זוהן פון עמרם? פאַרוואָס קומט ער ניט ארויס זאָגען, אז די שקלאַפען זיינען פריי? דאָס פאָלק פון ישראל וויל מעהר ניט וואַרטען.

ב ת י ה (קוק זיך איין אויף מרים'ן און נאָכדעם אויף משה'ן, שטעלט זיך אויף און שרייט אויס): משה!...

מ ש ה (מיט א שמייכעל): זיי געגריסט, ליכטיגע טאָכטער פון פּרעה'ן.

ב ת י ה : ווילסטו, אז פרעה׳ס טאָכטער זאָל ארויסגעטריבען ווערען פון פאַלאַץ און ווערען א שקלאַפין?

מ ש ה (קניהט פאר איהר און זאָגט) : פרעה׳ס טאָכטער דאַרף ניט קיין פאַלאַצען אום א פרינצעסין צו זיין.

ב ת י ה : איך דאנק דיר, משה.

(זעצט זיך צוריק אויף איהר שטול און פארדעקט מיט די הענט דעם געזיכט).

פ ר ע ה : אַה, איצט פארשטעה איך... דאָס האָסטו ביי מיר זיך אויסגעלערענט אזוי שעהן צו רעדען און אזוי קלוג צו זיין. (מיט א צייכען, צורופענדיג די איבעריגע וואָס זיינען מיט איהם געקומען). איהר זייט פארנארט שקלאַפען! אייער הייליגער מאן איז ניט מעהר ווי איינער פון פרעה׳ס נארישע פרינצען, וועמען עס האָט זיך פארוואָלט פרעה׳ס שווערע קרוין אָנצומעסטען. ער איז קיינמאָל קיין שקלאף ניט געווען, און איהם ארט ניט פאר די שקלאפען. איך שווער אייך מיט רע, דעם גאָט פון דער זון, וועמעס יום טוב מיר פייערען היינט, אז ער איז א באטריגער און א פאלשער.

(איידער ער זאגט דאס נאך ארויס, ווערט די זון פינסטער און א דיקער חושך באדעקט אלעס ארום און אריבער׳ן טומעל דרויסען דערהערט זיך א מעכטיגער דונערן פון דער וויטען).

מ ש ה : די פינסטערניש פון פרעה איז די ליכטיגקייט פון די שקלאפען. גאָט האָט צו מיר אזוי געזאָגט: „געה פון דעם מדבר אין דעם לאַנד מצרים און פיהר ארויס דיין פאָלק, וואָס שקלאפט פאר פרעה׳ן״.

(די קולות פון דרויסען ווערען העכער).

ש ט י מ ע ן : לאָמיר געהן! מיט פויקען און טרומייטען לאָמיר געהן!... פריי איז דאָס פאָלק ישראל! מיט די ווייבער און מיט די קינדער לאָמיר געהן! גאָט האָט די אידען באפרייט!...

פ ר ע ה (אין דער פינסטער) : פאלשער פריסט, אדער געשיקטער פון גאָט! גיב מיר ליכט...

(משה מאכט א צייכען און עס ווערט עטוואס ליכטיגער, נאר די זון איז אלץ הינטער שווערע וואלקענס, און בליצען און דונערען שניידען דורך די לופט).

פ ר ע ה: פארוואָס וויל דיין גאָט די שקלאַפן אוועקפיהרען פון מצרים? פּרעה האָט אכטונג פאר די געטער, און אויב עס איז דער ווילען פון דעם גאָט פון אברהם און יצחק און יעקב, וועט פּרעה אליין זיינע שקלאַפען פיהרען. פון איין ים צום צווייטען איז נאָך קיין אנדערער ניטאָ, וואָס ווייס אזוי גוט די געטער צו אכטען, ווי פּרעה דער קעניג פון מצרים. (ווערט באגייסטערט). זאָלען די שקלאַ־פען ניט מעהר ווי פינף הונדערט ציגעל א טאָג מאכען, און זאָלען זיי אליין זייערע אייגענע אויפזעהער שטעלען, און זאָלען זיי יעדען יעדען טאָג צייט האָבען זייער גאָט צו דינען, און מיט זייערע ווייבער צו פאַרברענגען. פּריסטער! א נייעם טעמפּעל וועלען מיר בויען, א טעמפּעל צו דעם גאָט פון די אידען! און דער העכסטער פּריסט פון דעם טעמפּעל וועט זיין משה, דער באליבטער פּרינץ פון פּרעה.

ד ע ר י ו ר ש ע צ ר: וויל דער אלמעכטיגער פּרעה זיין זוהן די לאַנד איבערגעבען, וואו די שקלאַפען וועלען הערשען?

(א בליץ שניידט דורך די לופט און טויטעט דעם יורש עצר אויפ'ן פּלאַץ. א שרעקליכער טומעל און געשריי פאַר־טויבט דעם שטורעם דרויסען).

מ ש ה (פארנייגט זיך): צו שפּעט, אלמעכטיגער פּרעה! דאָס לאַנד פון ישראל ווארט אויף דעם פאָלק פון ישראל. זאָלען דיינע פּריסטער אליין דעם נייעם טעמפּעל בויען. (קערט זיך אום ארויס־צוגעהן).

(פון דרויסען הערט זיך דאָס געהן פון אונצעהליגע מאסען מיט געזאַנג און מוזיק. משה געהט ארויס און באלד דערהערט זיך א מעכטיגער געשריי: „נידער מיט פּרעה'ן, קעניג פון מצרים! עס לעבע משה, דער פּרעה פון די אידען!) (משה לויפט אריין צוריק).

מ ש ה (אויפגערעגט): משה, דער פּרעה פון די אידען?... האָט גאָט געוואָלט, אז זיין פאָלק זאָל איין פּרעה אויף א צווייטען פארבייטען? (פאַלט אויף די קניה און בעט). גרויסער גאָט! גאָט פון אברהם, גאָט פון יצחק און גאָט פון יעקב! פון די זאמדען פון מדבר האָסטו מיך אהער געשיקט דיין פאָלק צו פיהרען פון שקלאַפעריי צו פרייהייט. העלף מיר, גאָט, די פרייהייט געטליך צו מאכען. שטאַרק די הערצער פון דיינע שקלאַפען, אז זיי זאָלען נאָר

דיר דינען, און קיין אנדער גאָט! טהו ניט אָפּ דיין האנט פון דיין פאָלק, וואָס האָט פאר פרעה'ן געבויט, און לאָז איהם ניט פאר אנ־דערע צו בויען! שיק דיין דונער אויף דיין קנעכט משה, אויב ער האָט דעם שטעקען פון א פרייען פאסטוך געוואָרפען אום די שווערע קרוין פון פרעה'ן צו טראָגען. שטארק מיך, גאָט!...

(א טויטע שטילקייט באהערשט אלע אין אמפיטעאטער, בעת אין דרויסען הערט זיך דאס פארביימארשירען פון גרויסע מאסען).

(פ אָ ר ה א נ ג)

פערטע בילד

(זונען־אויפגאנג ביים בארג סני. איבער'ן גאנצען מדבר, אזוי ווייט ווי דאס אויג קען זעהן, זיינען צושפרייט די געצעלטען פון די אידען, איבער וועלכע עס שפילט א ראזאווע ליכט. פון איינעם פון די געצעלטען געהט ארויס מרים מיט א טאָץ אין האנט).

מ ר י ם (קלאפּט אין טאָץ און רופט): אידען, צו גאָטעס דינסט. (לאָזט אראָפּ דעם טאָץ). עפּעס איז היינט אלץ אונגעוועהנ־ליך. אלע טאָג ווארטען ניט די אידען אויף מיין רוף, און ווען איך געה ארויס זיינען זיי שוין גרייט צו גאָטעס דינסט. עפּעס שרעקט מיר דאס הארץ. משה פארשווינדט אויף טעג און נעכט, און אומ־רוהיג איז דאס פאָלק אָהן איהם. ווארום פארלאָזט ער זיין פאָלק אליין? מוז ער געהן אין מדבר גאָט זוכען? איז ניט גאָט צווישען אונז? (הויבט דעם טאָץ ווידער און רופט העכער). אידען צום גאָטעס דינסט! אידען צום גאָטעס דינסט!...

(פון איינעם פון די געצעלטען געהט ארויס א יונגער איד, (געהט פארביי מרים'ען און צולאכט זיך).

א י ד: אוים גאָטעס דינסט! מיר דינען ניט מעהר דיין גאָט. א באטריגער איז דיין גאָט: הא־הא... מיר ווילען זיך אן אייגענעם גאָט מאכען.

מ ר י ם: דו ביזט משוגע, איד! איך וועל דיין עלטסטען דערצעהלען! דו האָסט גאָט געלעסטערט. אידען, צו גאָטעס דינסט! אידען, צו גאָטעס דינסט!

א י ד: וואָס דארפסטו פאר א פאַלשען גאָט רופען? דיין גאָט איז ניט מיט אונז! דיין גאָט ברענגט אונז נאָר הונגער און קריג. לאָמיר אן אמת'ן גאָט מאכען; א גאָט וואָס זאָל פאר אונז זיין, און אונז פאָלגען.

מ ר י ם: געה אוועק, דו גאָט לעסטערער, אָדער איך וועל דיינע אויגען מיט זאמד פארשיטען. אידען, צו גאָטעס דינסט! אי־דען, צו גאָטעס דינסט!

(פון וואָר־ניט־וואו באַווייזען זיך נאָך אידען, מענער און פרויען. זיי געהען לאנגזאם, מיט פארכמורעטע געזיכטער).

א י י ן א י ד: לעג אוועק דיין טאַץ, מרים! דאָס פאָלק האָט באשלאָסען דיין גאָט ניט מעהר צו דינען.

צ ו ו י י ט ע ר א י ד: דער קלענסטער גאָט פון מצרים איז שטארקער פון דיין גאָט.

ד ר י ט ע ר א י ד: קיינער זעהט איהם ניט און קיינער הערט איהם ניט.

פ ע ר ט ע ר א י ד: מיר ווילען ניט דיין גאָט און מיר ווילען ניט דיין משה'ן. מיר וועלען זיך אליין א גאָט מאכען.

א פ ר ו י: צוויי טעג נאָכאנאנד האָב איך איהם קרבנות געבראכט ער זאָל מיר העלפען מיין נאָזבאנד געפינען, און איך האָב עם נאָך אלץ ניט געפונען.

א ב ח ו ר: איך האָב איהם די שעהנסטע קרבנות צוגע־זאָגט, אויב זילפּע וועט מיך ווידער אָנפאנגען צו ליבען, און זי קערט אלץ דעם פּנים אָפּ ווען איך געה איהר פארביי.

א פ ר ו י: און איך האָב פינף קרבנות געבראכט, אז איך זאָל א אינגעל האָבען, און האָב ווידער א מיידעל געבאָרען!

מ ר י ם: גאָט'ס האנט האָט אייך געשטראָפט, און האָט ביי אייך דעם זינען צוגענומען. ווער האָט אייך פּלוצלינג אייער הארץ פארפרעמדט? קערט זיך אום צוריק צו גאָט אויב איהר ווילט ניט משה'ס הארץ ברעכען.

ש ט י מ ע ן: משה׳ס הארץ וועט ניט ברעכען. איהם ארט ניט סיי ווי סיי פאר אונז.

א י י ן א י ד: משה וויל נאָר מיר זאָלען גאָט דינען, ניט מיר זאָלען זיין זאַט און צופרידען.

צ ו ו י י ט ע ר א י ד: מיר ווילען ניט משה׳ן, וואָס איז צווישען פּרינצען אויסגעוואקסען. ער איז ניט אונזערער.

ד ר י ט ע ר א י ד: מיר האָבען איהם ניט געבעטען ער זאָל אונז פון מצרים ארויספיהרען. די וואָס האָבען פיל ציגעל גע־לעגט איז אין מצרים גוט געווען, און מיך האָט קיינמאָל דער אויפ־זעהער ניט געשמיסען.

א פ ר ו י: איהם האָט זיך פארוואָלט אונז פריי מאכען, וואָס טויג מיר פרייהייט, אז איך האָב קיין הויז און קיין רוה ניט? אין מצרים האָב איך טעפּ געהאט, און א מילכעל די ווייץ צו מאָהלען, און קליידער, ווי עס פּאסט זיך פאר פרויען. און דאָ — ניט קיין הויז, ניט קיין געקעכץ, ניט קיין קליידער.

צ ו ו י י ט ע פ ר ו י: אז איך האָב צו מיין מאַן געזאָגט: „וואָס דארפסטו געהן, אברהם? זאָלען זיי געהן אז זיי ווילען וואָס, עס פעהלט דיר ברויט אדער פלייש? א שקלאַף וועט שטענדיג שלעכט זיין, וואו ער זאָל ניט זיין״.

א א י ד: וואָס מיר פרייהייט? איך וויל ניט ארומגעהן און נאָך מיט עמלקים זיך שלאָגען. איך וויל ארבייטען. איך האָב אין איין טאָג עלף הונדערט ציגעל געלעגט.

א פ ר ו י: מיין מאַן איז דאָך געווען דער גרעסטער ציגעל־לעגער אין מצרים. אז איין מאָל איז אפילו צו אונז דער מצרי געקומען און האָט געזאָגט: „ווען דו ביזט מיט דיינע הענט א מצרי, וואָלסטו דאָך א הויפּט אויפזעהער געוואָרען״. און איצטער, אז אָך און וועה... נאָכאַנאַנד ער שלאָגט מיך... האָט ניט וואו זיין כח אוועקצולעגען...

(עס דערהערט זיך א קלאַפּען פון פּויקען און טרומייטען, און פון א הינטערדיג געצעלט קומט ארויין א גרויסע מחנה אידען, מענער און פרויען, וואָס טראָגען צווישען זיך א גרויסע גאָלדענע קאַלב. זיי מאַכען א וואַרע און שטעלען דעם קאַלב מיט עהרפורכט אראָפּ אין דעם זאַמד.)

פ ד א צ ו ר: אידען פון מצרים! קינדער פון אברהם, פון יצחק און יעקב! פאר פילע טעג האָט אונז א פאַלשער גאָט גע־פיהרט דורך אַ פאַלשען פריסט. ער האָט אונז צוגעזאָגט א לאנד, וואָס רינט מיט מילך און האָניג, און האָט אונז א מדבר געגעבען. ער האָט אונז צוגעזאָגט פריי צו זיין, און מיר זיינען הונגעריג און נאַקעט. וואָס פאר א פרייהייט קען זיין אין מדבר? ווי אזוי קענען מיר דאָ לעבען אין מדבר? וואו איז די שטארקייט פון יענעם גאָט? אמת, מיר האָבען געדארפט פאר פרעה׳ן בויען, און זיינע שקלאפען זיין, אָבער ער האָט אונז ברויט און א געצעלט געגעבען, און איצט דארפען מיר דעם גאָט דינען אָהן ברויט און אָהן גאָרניט. און די קינדער פון ישראל האָבען געזאָגט, אז זיי ווילען ניט מעהר קיין נארען זיין. אום שטארק צו זיין דארפען מיר אן אמת׳ן גאָט, א גאָט וואָס זאָל אונזערער זיין! און אָט האָבען מיר א גאָט געמאכט, און דעם ווע‏לען מיר דינען!...

א ל ע: עס לעבע אונזער גאָט! דער הייליגער קאלב וועט אונז צוריק אין מצרים פיהרען! דער הייליגער קאלב וועט אונזער וועגווייזער זיין!

מ ר י ם (רייסט זיך דורך דורכ׳ן עולם און פארשטעלט דעם גאָלדענעם קאלב מיט איהר קערפער): ניין איהר וועט עס ניט טאָן! איהר וועט ניט פארראטען דעם גאָט פון אברהם און פון יצחק און יעקב! האָט איהר ווייניג שמיץ געקראָגען אין דעם נאָמען פון אָט דעם גאָט? האָט מען ווייניג קינדער אייערע איינגעמויערט אין דעם נאָמען פון גאָט? דער גאָט פון אברהם איז א גרויסער גאָט, און זיין צאָרן איז גרויס. מיט א דונער פון הימעל פארניכטעט ער די וואָס ווידערשפעניגען איהם. ער וועט אויף אייך די שלאַנגען פון מדבר אַנשיקען.

פ ד אָ צ ו ר (שטויסט איהר אָפּ, וואָרפענדיג צום גרונד): גיה אוועק, דו אומריינע טאָכטער פון עמרם! ווי דיין ברודער, ביזטו אויך א מכה אויף אונזער קערפער! ווילען עמרם׳ס קינדער אונ־זערע פרעה׳ס ווערען? דאָס איז אונזער גאָט, און איהם ווע‏לען מיר דינען!

אַ ל ע: עס לעבע אונזער גאָט! זאָלען די פּריסטער קומען און זאָלען מיר אונזער גאָט דינען מיט קרבנות און מיט פּראכט!

ש ט י מ ע ן: אהרן, זאָל ער אונזער גאָט דינען! ער ווייס ווי גאָט צו דינען! זאָל ער אָנטאָן די פּריסטליכע קליידער. אהרן!

(אהרן שטופּט זיך דורך דורכ'ן עולם און שטעלט זיך ביים קאלב).

אַ ה ר ן: וואָס דאָס פאָלק וויל, וויל גאָט!

(בוקט זיך פאר'ן קאלב און אלע מיט איהם. באלד הויבען זיך אלע אויף און עס דערהערען זיך שטימען).

ש ט י מ ע ן: און איצט וועלען מיר יום־טוב מאכען! און איצט וועלען מיר פרעהליך זיין!

(דער עולם צושיידט זיך אין גרופּען, וואָס לאַכען און זינגען. וואס ווייטער ווערט אַלץ פרעהליכער און טומעל־דיגער, און עס ברענט זיך פאַנאַנדער א ווילדע וואקכאנאַ־ליע. באלד נעמען זיך אלע ביי די הענט און שאפען א גרויסען קאראַהאד ארום דעם גאָלדענעם קאלב. פאר'שכור'ט פון אויפרעגונג און אויפגעוואכטע ליידענשאפטען, טאנצען זיי ארום דעם מיט געשריי און געזאנג).

ש ט י מ ע ן: עס לעבע אונזער גאָט! עס לעבע אונזער גאָט! עס לעבע אונזער גאָט!

(אין רעכטען ברעג פון טאנץ באווייזט זיך אויבען אויפ'ן בארג משה מיט א שווערד ביים זייט און א גרויסען שטע־קען אין האנט, בלייבט ער אויף א ווילע שטעהן פאר־וואונדערט אויפ'ן שפּיץ בארג, און דאן געהט ער לאנגזאם אראָב איינגעבויגען און מיט א פארטונקעלטען געזיכט. קיינער באמערקט איהם ניט און א היבשע ווילע שטעהט ער אונבאוועגליך. דאן רייסט ער זיך דורך דורכ'ן קאָ־ראהאד, געהט צו אין מיטען ביים גאָלדענעם קאלב, און מאַכט א צייכען מיט'ן האנט. דער קאָראַהאַד שטעלט זיך אָפּ).

מ ש ה: וואו איז מיין פאָלק? וואו זיינען מיינע אידען? ווער זענט איהר דאָ?

(קיין ענטפער).

מ ש ה: וואָס טוט דער גאָלדענער קאלב? וואָס טוט איהר אלע דאָ? זענט איהר ניט די שקלאפען וואָס איך האָב פון מצרים געפירט? זייט איהר ניט די קינדער פון אברהם און יצחק און יעקב?

האָט זיך פון מיר גאָט'ס האַנט אָפּגעטאָן, און וואָס איך זעה איז נאָר א גרויזאַמער חלום?

א ש ט י מ ע פ ו ן ק אַ ר אַ ה אַ ד : דאָס איז ניט קיין חלום, משה! דאָס איז א וואָהר, משה! מיר ווילען ניט מעהר דיין גאָט! מיר האָבען זיך אן אייגענעם גאָט געמאכט!

צ ו ו י י ט ע ש ט י מ ע : געה בעסער צוריק פון וואַנען דו ביזט געקומען. וואָס האָט דיר דיין גאָט געזאָגט, הא? האָט ער עפּעס נאָך א פּאָר מדבר'ס פאַר אונז אָנגעגרייט און נאָך אביסעל מן פון הימעל, וואָס שמעקט ווי די ליים וואָס מיר האָבען געקנאָטען. האַ־האַ... מיר זיינען ניט מעהר קיין נאַרען, משה! מיר'ן זיך שוין אליין העלפען.

א ד ר י ט ע ש ט י מ ע : וואָס האָסטו אונז איבערגעשלאָגען אונזער יום טוב? וואָס ביזטו געקומען, וואָס? מיר האָבען אונזערע אייגענע פּריסטער. דיין ברודער אהרן וועט אונזער פּריסט זיין.

מ ש ה : אהרן... וואו איז אהרן?

(פון עולם טיילט זיך אויס אהרן און ער געהט צו צו משה'ן מיט א גלייכגילטיגען געזיכט).

מ ש ה : וואָס האָט דאָ פּאַסירט, אהרן?

א ה ר ן : עס האָט גאָרניט פּאַסירט. דאָס פאָלק האָט מיך געבעטען א גאָט צו מאכען, האָב איך עס געמאכט. זיי האָבען מיר געבעטען איהם דינען, האָב איך איהם געדינט.

מ ש ה : ביזטו אהרן, מיין ברודער, דער זוהן פון עמרם און יוכבד? ביזטו דער אהרן וואָס גאָט האָט ערוועהלט איינער פון זיינע דינער צו זיין?

א ה ר ן : דאָס פאָלק איז שלעכט, פיליכט, און נאַריש. אבער גאָט קען א שלעכט און נאַריש פאָלק בעסער און קליגער ניט מאכען.

(משה'ס געזיכט פלאַמט א ווילע אויף און ווערט ווידער פאַרלאָשען. דאַן נעמט ער אַרויס פון בוזעם א שטיינערנעם טאַוועל און האַלט איהם פאַר זיך מיט ביידע הענט).

מ ש ה : פערציג טעג און נעכט האָב איך קיין זאַך ניט געטראַכט, אויסער ווי נאָר פאַר מיין פאָלק א נייעם געזעץ צו שאַפען. וועיט און הויך אויף דעם באַרג סני, אונטער גאָט'ס זון בייטאָג און

אונטער גאָט׳ס שטערען ביינאַכט, האָב איך נאָר געקלערט ווי אזוי א געזעץ צו שרייבען, וואָס זאָל ניט נאָר דעם קערפּער פון מיין פאָלק ריין און הייליג האלטען, נאָר אויך זיין גייסט. מיט דעם זאַפט פון מיין הארצען האָב איך יעדען בוכשטאַב געשריבען, יעדען בוכשטאַב פון דעם נייעם געזעץ. איך האָב געקלערט: איך וועל צו מיין פאָלק קומען און וועל זיי אזוי זאָגען: פיער הונדערט און דרייסיג יאָהר זענט איהר שקלאַפען געווען! פיער הונדערט און דרייסיג יאָהר האָט איהר פון גאָרניט געוואוסט אויסער די שווערע פליכט פון שקלאַפעריי! דאן איז דער גייסט פון גאָט אויף אייך געקומען און האָט אין אייערע הערצער א נייעם ווילען אויפגעשטורעמט — א ווילען א פריי פאָלק צו זיין. דורך די שווערע וועגען פון מדבר, דורך די געפאהרען פון וויטע טעג, דורך די ליידען פון הונגער און דורשט, זייט איהר געגאנגען צום נייעם לאַנד און צום נייעם אמת, איהר האָט ווידערשפעניגט. איהר האָט, אמת, צופיל פון מצרים געדענקט, אָבער שטענדיג האָט איהר דאָך געלאָזען גאָט׳ס האַנט אייך פיהרען! איצט בין איך געקומען פון גאָט געשיקט אייך צו לערנען ווי אזוי אויף אייביג צו פארניכטען די שקלאַפעריי פון אייער הארצען. צעהן געבאָט האָב איך פאר אייך אויפגעשריבען, צעהן געבאָט פאר א פרייען פאָלק. און איך האָב געדענקט, אז ווען איהר וועט די געבאָט מיינע אָננעמען וועט אויף אייביג זיין צושמעטערט די פינסטערע ירושה פון שקלאפעריי, וואָס צוזאמען מיט אייערע חפצים האָט איהר פון מצרים ארויסגעבראכט. (הערבער און מיט מעהר ליידענשאפט). און איצט, ווען איך קום צו אייך, וואָס זעה איך? אומזיסט איז געווען אייער באפרייאונג! איהר זיינט קיינמאָל פון מצרים ניט ארויס! ימים טובים ווילט איהר, און פּריסטער, און ברויט און פלייש! געטער דארפט איהר, וואָס זאָלען אייך אייערע ווייבער היטען און אייער געקעכץ געשמאַק מאכען! געטער דארפט איהר, וואָס זאָלען אייך די קליידער פאררייכטען און אייער הויז־ארבייט טאָן! געטער דארפט איהר, וואָס זאָלען צו אייך שמייכלען און אויף אייך צאָרענען, ווי אייערע אויפזעהער די מצריים אין דעם לאַנד פון פּרעה. שאנדע! פאררעט! (גיט א שמיץ דעם טאָוועל מיט די עשרת הדברות אָן קאָפּ פונים קאַלב און דער טאָוועל צופאלט אויף פּיץ־פּיצלאך). ניט אויף דעם האָב איך מיינע ליבע שעפסען אין מדבר

פארלאָזען און מיין פאָלק פון פרעה׳ן באפרייט אום ער זאָל גאָלדענע קעלבער דינען! ניט אויף דעם האָב איך פרעה׳ס פּאַלאַץ פארלאָזען און האָב זיך, ווי א פארברעכער, צווישען די שווארצע פעלזען פון מדבר באהאלטען אום מיין פאָלק זאָל קענען פרעה׳ס נישטיגע געטער דינען. (נאָך העכער). גאָט, דער גאָט האָט צו מיר אזוי געזאָגט: „קום צו די נישטיגע שקלאפען און זאָג זיי, אז דער גאָט פון אברהם און דער גאָט פון יצחק און דער גאָט פון יעקב וועט ניט דולדען, אז זיינע קינדער זאָלען שקלאפען זיין!” יעקב וועט ניט דולדען, אז זיינע קינדער זאָלען שקלאַפען זיין!” קניט און בעט מחילה, פאר־רעטער פון אלמעכטיגען גאָט! (אייניגע פיהלען זיך אומרוהיג און וואר־ניט־וואו קניהט איינער אנידער). (צו די וואָס זיינען געבליבען שטעהן). און וואָס שטעהט איהר? אויף וואָס פאר א צייכען ווארט איהר, אום צוריק צו גאָט צו קומען?

ש ט י מ ע ן: אונז איז געפעלען דער גאָט, וואָס הערט איהר איהם? וואָס האָט איהר זיך דערשראָקען? איהר האָט מורא פאר די מכות, וואָס פרעה האָט געקראָגען? נישקשה, אז מיר האָבען געקענט אויסשטעהן דעם מדבר, וועלען מיר אויסשטעהן די מכות. זאָל ער אוועק פון דאנען! אויף וועמען שרייט ער? מיר האָבען גענוג בעלי בתים געהאט! אויב ער וויל אן אויפזעהער ווערען, זאָל ער צוריק אין מצרים געהן!

מ ש ה (כאַפּט ארויס דעם שווערד): משה וועט צוריק ניט געהן! און אויב אין גאָט׳ס ווארט קענט איהר ניט גלויבען, וועט איהר גלויבען אין דעם שפּיץ פון מיין שווערד! איך וועל ניט פארראטען די שטימע פון גאָט צוליב דער הארטנעקיגקייט פון שקלאַ־פען. איבער אייערע טויטע קערפּערס, איבער אייערע ווייסע ביינער, וואָס וועלען סטאַרטשען פון דעם געלען מדבר־זאַמד, וועל איך מיין פאָלק פיהרען צו דעם לאנד פון כנען. (גיט א זעץ מיט׳ן פוס דעם גאָלדענעם קאלב). איך וועל ניט ערלויבען אָט דעם טויטען קאלב, אז ער זאָל דעם פּלאַץ פון מיין גאָט פארנעמען. צו מיר, אלע וואָס זיינען מיט גאָט!

(פון עולם טיילען זיך אויס אידען, וואָס געהען צו משה׳ן).

מ ש ה (צו די וואָס זיינען ארום איהם): פון געצעלט צו געצעלט זאָלט איהר געהן און אויסראָטען דעם ווילדען געוואוקס פון

מדבר! פון געצעלט צו געצעלט זאָלט איהר געהן און אויסראַמען די שקלאַפען, וואָס שטעהען אין דעם וועג פון דעם פאָלק'ס אויפבויאונג! אין אייערע געצעלטען, שקלאַפען! איהר וועט צו די טרייע דינער פון גאָט אַ חשבון אָפּגעבען, צי איהר ווילט פאָראויס געהן אָדער צוריק.

(דער עולם געהט זיך פאַנאַנדער און די באוואָפענטע אידען מאַרשירען אוועק צו די געצעלטען).

מ ש ה (לאָזט אַראָפּ זיין שווערד און זעצט זיך אין אונמאַכט אויף דעם איבערגעקערטען גאָלדענעם קאַלב): גאָט! מיט דיין האַנט האָב איך אויף די לוחות אָנגעשריבען, „לא תרצח" — דו זאָלסט ניט מאָרדען, און איך אליין האָב פון דיין נאָמען וועגען געדאַרפט שוין דעם ערשטען טאָג דעם געבאָט איבערטרעטען, און האָב גע־הייסען אָהן רחמנות צו מאָרדען אַלע וואָס שטעהען דיר אין וועג. איז דאָס דיין ווילען? איז דאָס דיין געבאָט? אויב איך קען ניט זיין קיין פיהרער, פאַרוואָס האָסטו ניט אָפּגעמעקט פון דעם געזיכט פון דער ערד? אויב דו האָסט פון מיר דיין געזיכט אומגע־קערט, פאַרוואָס האָסטו מיך ניט אַ טויטען געלאָזט אין די זאַמדען פון מדבר? אַ גרויסען פייער האָסטו אין מיין הארצען אָנגעצונדען, און איך אליין קען איהם ניט פאַרלעשען. דו האָסט צו מיר געזאָגט, אַז מיינע ברידער, די אידען, זאָלען פריי זיין, און איך וויל אַז זייער פרייהייט זאָל אַ וואהרע פרייהייט זיין! איז דאָס דיין ווילען? איז דאָס דיין געבאָט, גאָט פון אברהם, גאָט פון יצחק, גאָט פון יעקב?

(פון ערגעץ לויפט דורך מרים, קניהט פאַר משה'ן און באהאַלט איהר געזיכט אין די פאַלדען פון זיין קלייד).

מ ר י ם (שלוכצט, טרייסלענדיג זיך פון געוויין): משה, משה...

פ אָ ר ה אַ נ ג.

(ביים ירדן. נאקעטע בערג הויבען זיך פון אלע זייטען און פון יעדען הויכען פלאץ זעהט זיך די וואונדערליכע פאנאראמא פון ארץ ישראל אויפ'ן צווייטען זייט טייך. אין די טאלען צווישען די בערג טוליען זיך אומצעהליגע געצעלטען. די זון האלט ביים פארגעהן, און א בלוטיגע רויטקייט באווארפט בארג און טאל. ביי איינעם פון די געצעלטען, וואס איז גרעסער פון די איבעריגע, קלייבט זיך צוזאמען אן עולם).

א י י ן א י ד : די בענשונג פון גאָט אויף אייך. צוליב וואָס האָט אונז דער נביא באפוילען אהער צו קומען?

א צ ו ו י י ט ע ר א י ד : קיינער וויים ניט, נאָר ער האָט געבעטען אז די עלטסטע פון אלע שבטים זאָלען זיך צוזאמענ־קומען מיט יהושע בן נון.

ד ר י ט ע ר א י ד : באהאלטען איז פאר אונז דער גע־דאנק פון משה, און קיינער קען לעצטענס ניט זאָגען מיט וואָס ער געהט ארום.

ע ר ש ט ע ר א י ד : לאנג זאָלען זיין זיינע יאָהרען.

צ ו ו י י ט ע ר א י ד : זאָלען די קינדער פון יעקב שטענ־דיג געניסען דעם ליכט פון זיין געזיכט.

(דער עולם ווערט אלץ גרעסער און ביסלעכוויים צוזעצען זיי זיך אין א ראד. מיט לאנגזאמע אבער פעסטע טריט אנגעשפארט אויף א שטעקען, געהט אריין משה. זיינע האר זיינען איינגאנצען גרוי, אבער זיינע אויגען פול מיט געטליכען ליכט).

מ ש ה : די בענשונג פון גאָט אויף די עלטסטע פון ישראל.

א ל ע (נייגען זיך טיף) : די בענשונג פון גאָט אויף משה אונזער נביא.

מ ש ה : איך בין געקומען צו די עלטסטע פון ישראל, ווייל גאָט האָט מיר געזאָגט : „געה צו די עלטסטע פון ישראל און זאָג זיי, אז היינט דארפסטו שטארבען".

א ל ע (ערשיטערט) : שטאַרבען?!

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ע ל ט ס ט ע : משה דארף ניט

פאַרצוקען די הערצער פון די עלטסטע. זאָל דער נביא ניט מאַכען קיין שפּאַס מיט די עלטסטע פון זיין פאָלק.

מ ש ה : עס איז ניט קיין שפּאַס, און ניט אום אייך צו פאַר־ביטערען בין איך געקומען צו אייך. אונזער גרויסער גאָט, דער גאָט פון ישראל האָט געזאָגט, אז משה האָט גענוג געלעבט, און אז די צייט איז געקומען ער זאָל געהן צו זיינע עלטערן. (ווענדעט זיך צו יהושע). יהושע, דו וועסט פארנעמען מיין פּלאַץ. דיין הארץ איז נאָך ניט פארוואונדעט, און דו האָסט נאָך די ביטערע וואסערען פון חרטה און יאוש קיינמאָל ניט געטרונקען.

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ע ל ט ס ט ע : צוזאמען מיט דיר, גרויסער נביא בין איך געגאנגען פון מצרים איבער די זאמדיגע וועגען פון מדבר. צוזאמען מיט דיר האָב איך גאָט'ס פּאָהן גע־האַלטען איבער די קינדער פון יעקב, און קיינמאָל האָב איך אין געדאנק אפילו גאָט ניט ווידערשפּעניגט. אבער גאָט! (שטעלט זיך אויף), גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב! איך זאָג דיר היינט, אז דו ביזט אומגערעכט אוועקצונעמען משה'ן, דעם פיהרער פון די אידען, נאָר איין טאָג גאנג פון דעם צוגעזאָגטען לאַנד.

א ל ע : נאָר איין טאָג גאנג פון צוגעזאָגטען לאַנד.

מ ש ה (מיט א שמייכעל) : צוויי טעג גאנג וואָלט איך ניט געשטאָרבען. דעם פיהרער דארף מען נאָר ווען שטייניג זיינען די וועגען און ביטער די טעג. משה האָט נאָר גאָט'ס ווילען געטאָן. גאָט האָט צו איהם געזאָגט: „טהו וואונדער", און ער האָט וואונ־דער געטאָן. גאָט האָט צו איהם געזאָגט: „פארשטיק די וואונדען פון דיין הארץ און געה פאַראויס", און ער איז געגאנגען. גאָט האָט צו איהם געזאָגט: „ליב זיי און האס זיי; קעמף פאר זיי און שטראָף זיי; שילט זיי און בענש זיי; וויין מיט זיי און לאך מיט זיי". און משה האָט גאָט'ס וואָרט געפאָלגט. אבער איצטער דארפען די קינדער פון יעקב ניט האָבען משה'ן. איהר זייט ביי דער שוועל פון צוזאָג. ווי שעהן עס זעהען אוים די בערג פון יהודה, ווי מילד די טאָלען פון שרון! און ווי בלוי און טיף איז דער הימעל, וואָס שפּרייט זיך איבער'ן הייליגען לאַנד! נאָר איין טאָג און איהר וועט זיין דאָרטען.

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ע ל ט ס ט ע : מיר וועלען אלע שטארבען מיט דיר, גרויסער נביא. דאָס פאָלק קען ניט געהן אָהן דיין צייכען און אָהן דיין וואָרט.

מ ש ה : זאָרג ניט, זיי וועלען געהן. קיינער געהט ניט צוריק פון אַזאַ וואונדערבארען לאנד...

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ע ל ט ס ט ע : גערעכט איז דער ווילען פון גאָט, און גערעכט איז אלעס וואָס ער טוט. אבער איידער אונזער נביא, דו געהסט פון אונז אוועק, מיט וואָס קענען די קינדער פון ישראל דיר דאנקען פאר דיין טרייהייט און דיין וועה?

מ ש ה : די קינדער פון ישראל וועלען מיר דאנקען אויב זיי וועלען געדענקען, אז משה האָט פאר זיי געליטען, אז משה האָט פאר זיי געלעבט און איז צוליב זייער רוה געשטאָרבען. יהושע בן נון, קענסט אפשר אָפּשטעלען די זון אין מערב, אז משה'ס אויגען זאָלען נאָך בעסער זעהן דאָס הייליגע לאנד אויפ'ן צווייטען זייט ירדן? ניין... משה דארף שוין טאקע שטארבען, משה איז שוין אלט. משה דארף גאָט'ס גערולד ניט פּרובירען. פארגעה וואָס שנעלער, זון. זאָלען די שאָטענס פאלען וואָס לענגער איבער די טאָלען פון יהודה (פארטראכט). גיכער ווי דער וואָלקען נאָך א שטורם פליהט די צייט. אזוי פיל מלחמות אין אַזאַ קורצער צייט! אזוי פיל זיגען און אזוי פיל מפּלות. מלחמות מיט פּרעה, מלחמות מיט די עמלקים, מלחמות מיט זיך, און נאָך מעהר מלחמות מיט די קינדער פון ישראל... א שלעכט און פאר'עקשנ'ט פאָלק. א פאָלק פון צולאָזענע קינדער, וואָס האָבען שטענדיג א בייטש געדארפט אומגעהן פּאָראויס... און אפשר? אפשר בין איך ניט גערעכט. (הויבט אויף די אויגען צום הימעל). גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, אויב איך האָב דיין פאָלק צופיל געשטראָפט, זיי מיר מוחל. זיי זיינען דאָך אָט ערשט שקלאפען געווען. עס איז אזוי שווער דעם גוף און די נשמה באַ־פרייען צוגלייך. (פּאָוזע). נו, די זון איז שוין וויט הינטער די בערג. איך זעה דאָרטען ווייטער וויט אין טאָל פון שרון קערט זיך א סטאָדע שעפּסען אום פון פעלד. נאָך איין קוס, נאָך איין איינציגען קוק... איך הער דיין שטימע, גאָט! איך געה... זייט געבענשט, עלטסטע פון ישראל! (קערט זיך אום און הויבט אָן ארויפצוגעהן אויפ'ן בארג. קערט אום זיין געזיכט צוריק צו מערב און צו די

עלטסטע). זיי געבענשט אלמעכטיגער גאָט פון ישראל. (הויבט זיך אויף העכער; קערט זיך נאָך אמאָל אום מיטין געזיכט צו מערב און צו די עלטסטע, און טרינקט מיטין בליק די פארשאָטענטע בערג און טאָלען פון ארץ ישראל. הויבט זיך אויף ווידער ביזין רעכטען שפיץ. קערט זיך אום מיטין געזיכט צו מערב, צושפרייט זיינע הענט). ביז'ן ירדן זאָלסטו קומען און מעהר זאָלסטו ניט געהן... ביז'ן ירדן זאָלסטו קומען און מעהר זאָלסטו ניט געהן...

(א לייכטער וואלקען צושפרייט זיך איבער'ן בארג און משה ווערט אין איהם פארהילט. די עלטסטע פאלען אויף די קניה אין געבעט).

פ אָ ר ה א נ ג .

פון נאָטיץ בוך

מאַרקס'ס צימער

ער איז געקומען אין דעם קליינעם שטעטעל, וואָס ליגט ביים ריזיגען און טונקעלען „לייק הוראָן", ביי א צוועלף־דרייצעהן יאָהר צוריק און האָט געדאַרפט אַרבייטען שווער און אונאויפהערליך, ביז ער האָט זיך אַרויפגעאַרבייט צו זיין איצטיגער סטאָר אויף „מעין" סטריט. ער האָט געשלעפּט שווערע באַנדעלס איבער די שטויביגע וועגען, האָט געהאַנדעלט מיט אַלטוואַרג און שמאַטעס, האָט פאַרקויפט אויף אויסצאָלען, האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצען גיהנום פון פּעדלעריי. אָבער דורך אָט דער גאַנצער צייט האָט ער אויף קיין איין טאָג ניט פאַרגעסען די מאָדנע און נייע לעהרע, וואָס ער האָט אויפגענומען נאָך ביי זיך אין שטעדטעל פון אָן אָנגעפּאָ־רענעם אַגיטאַטאָר. ער איז א סאָציאַליסט. דעם ערשטען מאָל, ווען ער האָט לייכטזיניג פון דעם דערצעהלט איינעם פון זיינע בעסטע און פריינדליכסטע „קאַסטימער", האָט ער ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס יענער האָט אָנגעהויבען צו קוקען אויף איהם אַזוי קרום און אויפ־געהערט ביי איהם צו קויפען. ער האָט זיך אָבער באַלד דערוואוסט, אַז סאָציאַליזם איז אין אַמעריקע א טריפה זאַך, און האָט זיך שוין ווייטער געהיט קיינעם, קיינעם פון דעם ניט דערצעהלען.

דערווייל זיינען ביי איהם אויסגעוואַקסען קינדער, די ביזנעס האָט זיך ווייטער אַלץ פאַרגרעסערט און איהם איז געווען שווער צו דענקען, אַז זיינע אייגענע קינדער זאָלען ניט וויסען פון זיין שעהנס־טען אידעאַל. דאַן איז עס איהם איינגעפאַלען דער געדאַנק פון „מאַרקס'ס צימער". פון איינעם פון זיינע צימערען האָט ער אַרויס־גענומען די גאַנצע פּעדלער־וואַארע און די מעבעל, האָט עס איבער־געפאַרבט און אויסגעקלעפּט אויפ'סניי, האָט פון א ניו־יאָרקער ראַ־

דיקאַלען בוך־סטאָר אויסגעשריבען אַ גרויסען פּאָרטרעט פון קאַרל מאַרקס, האָט עס איינגעפּאַסט אין אַ שווערע גאָלדענע ראַהם, און אויפגעהאַנגען אַלס די איינציגע און טייערסטע צירונג פון זיין הויז אין דעם באַזונדער צימער. יעדען פריהמאָרגען און אָווענט, אַוועק־געהענדיג און קומענדיג, געהט ער אריין אין „מאַרקס'ס צימער", אַמאָל מיט די קינדער, און שלאָגט זיך אין הארצען על־חטא, פאַר־וואָס דער שווערער קאַמף פאַר'ן לעבען האָט איהם אָפּגעריסען פון זיין אידעאַל. די קינדער ווייסען, אַז דאָס איז „פּאַפּאַ'ס גאָד" און די שכנים זיינען זעהר צופרידען, וואָס זייער מר. שאַפּירא האָט געהאַט אַלס זיידען „סאָטש עי גרענד אָלד מען"...

זיצענדיג מיט איהם אויף זיין לייכטער באָגי, וואָס האָט זיך גראַציעז און אנגענעם געקייקעלט איבער דעם גלאַנציגען שאָסעע, האָט ער מיר אויסדערצעהלט זיין הארץ.

— איצט איז שוין אביסעל בעסער. פאַראַנען שוין דאָ אויך אַ פּאָר גוים סאָציאַליסטען, און זיי ווייסען פון מיר, ווייל איך העלף זיי גאַנץ אָפּט ארויס, אָבער די ערשטע צייט האָב איך זיך געפיהלט ווי די מאַראַנען אין דער צייט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. עך, שוין לאַנג ניט געווען ביי אונז אין וואַלד, וואו סאַלאָמאָן האָט די שטעטעלדיגע בחורים געמאַכט פאַר סאָציאַליסטען! די סאָסנעס האָבען זיך געהויבען אַזוי הויך, דער הימעל און דאָס הארץ — אַזוי ריין!

אָבער שיינט אייך ניט לעכערליך די ביזנעס מיט „מאַרקס'ס צימער"? איך וויים, אַז ס'איז אַ נאַרישקייט און כמעט אַן אונ־גלויבליכע זאַך, אָבער מענשען באַגעהען אַפּולע נאַרישקייטען! נו, איהר וועט שוין מסתמא דערצעהלען ערגעץ וועגען מיר, און דער עולם וועט קוועטשען מיט די פּלייצעס — אַ טשודאַק עפּעס! יע־יע... געט אַפּ, ביל!

מיר האָבען פאַרויכערט, און דאָס זאַטע פערדעל איז אוועק שנעלער.

געבאַקטע בולבעס

קריסטמעס־נאַכט האָב איך געזאָלט האַלטען א לעקטשור אין א שטעדטעל פון די מידל־וועסט. מיין צוג האָט פאַרשפּעטיגט, קיין קאָמיטע האָט מיך ניט אָפּגעוואַרט און איך האָב נאָר געהאַט איין אדרעס פון א פריינד, צו וועמען איך האָב געקענט פאַרפאָרען. און כאָטש אימיצער אויפ'ן דיפּאָ האָט מיר געזאָגט, אז עס איז א צו ווייטער מהלך צו געהן, האָב איך מיר דאָך געלאָזען מיין פּעקעל אין „פּאַרסעל־רום" און בין אוועק זוכען דעם אדרעסאַט.

עס איז געווען א רוהיגער, פּראָסטיגער, דערקוויקענדער אָוונט. א פּול אויסגעשטערענטער הימעל איז געהאַנגען איבער דער יום־טוב'דיגער שטאָדט און פון יעדען פענסטער און שפּאַרינע האָבען ארויסגעקוקט העלע שטראַהלען פון יום־טוב'דיגען ליכט. אלע זיינען געווען אין זייערע הייזער, ארום יאָלקעס באַהאַנגען מיט מתנות, צו־קערקעס און ליכטלאַך און ס'האָט געשיינט אזוי ווי די הייזער אליין וואָלטען זיך געפיהלט פרעהליך און פייערליך.

פון א קליין הייזעל אויפ'ן צווייטען זייט גאַס האָט געשלאָגען א באַזונדערס שטאַרקע ליכט און איך האָב זיך ניט ווילענדיג צוגע־שטעלט. דורך די מיט דינע פאָרהאַנגען באַדעקטע פענסטער האָב איך דאָך געקענט זעהן די פּאָעזיע פון דעם קריסטליכען יום־טוב. ארום דעם הויכען טונקעלען בוים מיט צווייגען האַלב געבויגען, ווי די רעהרען פון א מנורה און מיט א מאַיעסטעטישען שפּיץ זיינען געשטאַנען טאַטע־מאַמע און דריי קינדערלאַך און האָבען געלאַכט. דאָס בוים איז געווען באַהאַנגען פון כל־טוב און די קינדערלאַך האָבען צוגעשפּרונגען און צוגעפּאַטשט מיט די הענטלאַך, יעדעס מאָל ווען די צאַצקעס האָבען זיך א דרעה געטאָן אָדער אָפּגעקלונגען אין די שטעכעדיגע נאָדלען. עס איז געווען פון יענע בילדער, וועלכע סענ־

טימענטאלע ביזנעסלייט דרוקען אויף זייערע פּרעזענטען־קאַלענדערס, און כאָטש פאַרנינפטיגע מענשען איז ניט ערלויבט צו זיין סענטימענ־טאַל, האָב איך זיך דאָך אין גאַנצען פאַרגעסען אויף דעם, וואוהין און צוליב וואָס איך געה, האָב זיך אָנגעשפּאַרט אָן א צוים, אונטער וועלכען עס זיינען געשטאַנען דריי הויכע נאַקעטע באזילבערטע דובען און האָב ארויסגענומען צו פאַררויכערען מיין ליולקע, אזוי ווי איך וואָלט האָבען באשלאָסען צו בלייבען דאָ נעכטיגען.

אָבער אויסקלאַפּענדיג די אש פון שווארצליכער טרייבעל, האָט מיר פּלוצלונג א קלאַפּ געטאָן אין דער נאָז דער ריח פון געבאקטע בולבעס. איך זאָג „בולבעס" ניט פּאַטייטאָס, ווייל געבאַקטע פּאָטיי־טאָס האָבען פאר מיר קיין אנציאונגס־קראַפט, וועהרענד דער ריח פון געבאקטע בולבעס האָט מיר געמאכט צו פאַרשפּעטיגען א לעקטשור, לעקטשורען ערגער ווי געוועהנליך און ענטוישען א גרויסען עולם.

איך האָב דערזעהן איבער'ן סטריט מיין קינדערשע היים אין דעם קליינעם ליטווישען שטעטעל. עס איז שבת צו נאכט און אין דרויסען איז קאַלט, ווייל עס איז שוין נאָהענט צו חנוכה. די קינדער דרעהען זיך ארום טיש און ווארפען די אויגען צום קיך. באלד ווייזט זיך דאָרט די מאַמע מיט א גרויסע רעשעטע איןביידע הענט, געהענ־דיג גלייך צום טיש. די קינדער ווערען אויסערגעוועהנליך פרעהליך און מען לאָזט זיך צו די בענק. די מאַמע שטעלט אוועק די רעשעטע אויף'ן טיש און מיר שטופּען אהין די הענטלאך און שרייען, ווייל די בולבעס זיינען נאָך באדעקט מיט גליהענדען אש. אָבער ווער קען איינשטעהן דעם נסיון? מיט צוברענטע פינגער רייסען מיר אראָפּ די צוברענטע שאָלעכץ און שטופּען די רונדע געלבלאכע בול־בעצקעס אין די מיילכלאך — די גליקליכסטע קינדער אין דער וועלט. די מאַמע שרייט: ווארט א ווײלע, זאָל זיך אָפּקילען! אָבער מיר קענען ניט ווארטען, מיר קענען ניט, איהר פארשטעהט!

געבאקטע בולבעס.

און דערפאַר טאַקע האָב איך ניט געקענט געבען דעם עולם ריכטיג צו פאַרשטעהן, וואָס עס טוט זיך אין אמעריקע, ווייל די פּלוצלונג אויפגעלעבטע אלטע היים האָט מיר געמאכט אָן אלץ פארגעסען.

דער „היפּאָקריט"

אין די ביכלאָך ווערט א היפּאָקריט מייסטענס געשילדערט הויך, דאַר, מיט קאַלטע איינגעפאַלענע אויגען. דער היפּאָקריט וועגן וועלכען איך וועל אייך דערצעהלען און וועלכען איך האָב באַגעגענט, איז גראָדע פון נידעריגען וואוקס, מיט ברייטע געזונטע פּלייצעס און מיט א פּאָר בלאָהע פולע קינדערשע אויגען, וואָס שמייכלען צו אייך זעהר פריינדליך. דאָס מאַכט דאָך אויף א האָר ניט קלענער זיין היפּאָקריטסטווע, ווייל ווי אלע באַווייזע צייגען האָט ער ווי א שוואַכ־לינג געזינדיגט געגען פרייען געדאַנק און סאָציאַליזם. א מענש, וואָס איז א מעמבער פון ארבייטער רינג, איינער פון דער סיאַטעלער ראַדיקאַלער יוגענד און זאָגאַר א סאָציאַליסט, האָט געשטעלט אין שוהל א יאָהר־צייט ליכט נאָך זיין מאַמען!

זיין „דיעלע" איז פאַר מיר פאַרגעבראַכט געוואָרען באַלד ווי איך בין אָנגעקומען אין שטאָדט, און מיר, דעם ניו יאָרקער לעקטשור־רער, איז עס געגעבען געוואָרען צו פּסק'ענען, אויב „אונזערער" א מענש דאַרף זיך אזוי אויפפיהרען. יע, אין דעם טאָג פון דער מאַמע'ס יאָהרצייט איז ער געגאַנגען אין שוהל, האָט מיט זיינע פולע רויטע פריי־דענקערשע ליפּען געזאָגט קדיש און האָט געשטעלט א ליכט. — דאָס איז היפּאָקריטסטווע! — האָבען ברוגז, געשריען די ראַדיקאַ־לען, דאָס מאַכט אונז צו שאַנדע און צו שפּאָט פאַר די רעאַקציאָ־נערע שוהל־מעמבערס! דאָס איז א פאַרראַט!

איך האָב אויסגעהערט אויך דעם צווייטען צד, אָבער קען דען זיין א באַרעכטיגונג פאַר אַזאַ עולה?

— איך האָב מיין מאַמען — האָט ער געזאָגט — זעהר ליב געהאַט. זי איז געשטאָרבען איינע אליין אין דער היים, ווען איך בין שוין געוועזן דאָ און פאַר'ן טויט האָט זי אלץ געשעפּטשעט מיין

נאָמען: שמואלקע, קדיש מיינער, קרוין מיינער, וואו ביזטו נעבאך איצטער? (דאָ זיינען די בלויע אויגען זיינע געווארען פייכט און די ליפּען האָבען אָנגעהויבען צו ציטערען ווי ביי א באליידיגט קינד.) נו, אז ס'איז געקומען יאָהרצייט, זאָגט מיר מיין בעל־הבית'טע, וואו איך בין געוועזען לאָזשי: סעם, „איי'ל בעטשיו", אז ווען ביי אייך איז יאָהרצייט איז גלייך ווי א קאַץ וואָלט גע'פּגר'ט. וואָרים איהר געהט דען אין שוהל, איהר האַלט דען פון קדיש? זאָג איך: „איי'ל בעטשיו", אז איך וועל געהן אין שוהל און אפילו שטעלען א יאָהר־צייט ליכט! זאָגט זי, אדרבא, מיר ווילען זעהן! זאָג איך: איהר וועט שוין זעהן, נעווער מיינד! איך בין געגאַנגען אין שוהל און געשטעלט א ליכט. דענקט איהר אז איך האָב עס ניט געטאָרט?

און איך בין זיך מודה אין דער אייגענער שוואכקייט — איך האָב גע'פּסק'נט: יע, כשר.

אַן אַמעריקאַנער אידעאַליסט

אין דעם רויך־צימער פון דעם „פולמאַן" זיינען מעהר ווי מיר צוויי ניט פארבליבען. אַלע איבעריגע פּאַסאַזשירען זיינען שוין געווען אין זייערע בעטלאך, וועלענדיג זיך אביסעל אויסשלאָפען, איידער דער אימיגראַציאָנס־בעאמטער וועט קומען דורכקוקען די זאכען פאר דער קענעדער גרענעץ.

ער האָט געהאַלטען אין איין רויכערען שטאַרקע ביליגע סיגארען, האָט אָפט ארויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער אין דער שווארצער טרייסט־לאָזער נאַכט, וואָס איז געהאַנגען איבער די פלאַכע אונענדליכע שווארצע פעלדער פון נאָרד מינעסאָטע, און האָט גערעדט: — איהר פארשטעהט.. דאָס וואָלט געמאַכט די גרעסטע רעוואָלוציע אין אינדוסטריע, וואָלט פארזיכערט די מענשהייט מיט ברען־מאטעריאַל אויף טויזענדע יאָהרען און וואָלט מיר געמאַכט פאר א מיליאָנער! איהר פרעגט אויב ס׳איז מעגליך? איך זאָג אייך, אז יע, און גאָר אין גיכען וועל איך יעדען אין דעם איבערצייגען. די נפקא מינא פון ווייכע קוילען און הארטע באשטעהט נאָר אין דעם, וואָס ווייכע קוילען האָבען פילע גאַזען. איך וויים ווי אזוי די גאַזען ארויסצונעמען, און מיט דעם מאַכען זיי עקאָנאָמיש, ביליג און ריין. איך האָב שוין געמאַכט אַ פּאָר עקספּערימענטען — עס וועט זיין אָל־רייט. וואָס טו איך איצטער, פרעגט איהר? איך בין אַ קלוירק אין אַ וויניפּעגער באַנק. עס איז קיינעמס ביזנעס וויפיל איך פארדין, אָבער איך פארזי־כער אייך, אַז דאָרט איז ניט מיין פּלאַץ! אָפּשאַפען די אונאַנגענעמ־ליכקייט פון ווייכע קוילען דאָס איז מיין מיסיע!

ער האָט געהאַט גרויסע שווארצע אויגען, איבערהאַנגען מיט לאַנגע געדיכטע ברעמען און יעדעס מאָל, ווען ער האָט גערעדט וועגען

זיינע עקספּערימענטען, האָבען זיך די אויגען געצונדען מיט אַן עקשנות'דיג פייערל און זיינע פויסטען האָבען געציטערט.

ווען איך בין אוועק איז ער נאָך געבליבען זיצען מיט א פרי־שען סיגאַר אין מויל. נאָר ער האָט אראָפּגעלאָזען דעם פאַרהאָנג פון פענסטער, האָט ארויפגעלעגט די פיס אויפ'ן באַנק געגען איבער און איז מיט האלב געשלאָסענע אויגען פארזונקען אין געדאַנקען.

צום „טייוועל"

ווען איך קום אין סינסינעטי, פארפאַר איך שטענדיג אין א האָטעל, וואָס שטעהט היבש אָפּגערוקט אָן א זייט פון דער שטאָט. א ריינער, שטילער, זאַטער פלאַץ פאר ניט זעהר רייכע פאמיליען און פּראָפעסיאָנאַלען. עס קאָסט דאָרט פארהעלטענמעסיג ביליגער, ווייל דער געגענד ארום איז באזעצט מיט פרעמד־געבוירענע און ניגערס, און איז אויך סינסינעטער ביליגער טענדערלאָין. ווען איך האָב אמאָל געזאָגט אין א געזעלשאפט, אז איך שטעה ניט ווייט פון סענטראל עווענױ, האָבען די מענער קוים איינגעהאַלטען א מיטלייד שמייכעל און די פרויען זיינען געוואָרען רויט.

עס פארשטעהט זיך, אז מיר קומט אויס זעהר אָפּט צו געהן צום האָטעל שפּעט אין אָוועגט, נאָך די לעקטשורס און גלייך דעם ערשטען מאָל ווי איך בין יענעם געגענד פארבייגעגאנגען, האָב איך באַמערקט אויף א ווינקעל־גאַס, אונטער א „שאו־קייס" פון א סטאָר, א גאַסען־פרוי, וואָס איהר אויסזעהן איז מיר פארבליבען אין זכרון. פון מיטעלען וואוקס, מיט א מאַסע פאלשע בלאָנדע האָר אונטער'ן גרויסען באפעדערטען העט, מיט בלוט־רויטע געפארבטע ליפּען און טונקעלע ברעמען, שטארק געפּוידערטע באקען און א צו־פולע טאַליע, האָט זי דאָך ניט געקענט באהאַלטען איהר עלטער, און איהרע אויגען זוכענדיג „קאַסטימער", האָבען אויסגעדריקט מעהר ווי אַלעס געבעט. פון אונטער די קאָקעטישע בליקען און שעלמיש־חוצפה'דיגע וואונקען האָט געשיינט א בקשה, א פאָדערונג פון הילף. אין א רוסישער טורמע האָב איך אָפּט די טיפען נאָכגעפאָלגט פון מיין פאַרגראַטעטען פענסטער, שפּאַצירענדיג איבער'ן הויף, זייענדיג ציניש מיט אנדערע און בעל־הבית'יש־אנשטענדיג צווישען זיך, די אמת'ע

פארקערפערונג פון הונגער־פראָסטיטוציע, פון זינד, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט קיינע פּראָבלעמען, נאָר מיט ברויט.

יעדען אָווענט געהענדיג צו און פון האַל, פלעגט איך זי טרעפען אויף דעם זעלבען פּלאַץ און שטענדיג האָט מיך נאָכגעפאָלגט און פארפאָלגט איהר נידעריגע, אונאַנגענעמע, האַלב מאַנסבילשע שטימע:

— העלאָ, באַי! קאַם אָן!

צום צווייטען זיין מיינעם אין סינסינעטי האָב איך זי ווידער געטראָפען. זי איז די גאַנצע צייט אָפּגעשטאַנען אויפ׳ן זעלבען פּלאַץ מיט די זעלבע תחנונים אין די אויגען נאָר די אָסטריטש־פעדער צום וויפילטען מאָל איבערגעפארבט.

ווען איך האָב זי פאראיאָהרען ווינטער ווידער באַגעגענט אויפ׳ן זעלבען פּלאַץ, ווי דער סימבאָל פון דער האָפנונגסלאָזיגקייט פון דער גרויסער שטאָדט, האָט עס מיר אביסעל איבעראשט. ווי עס איז דער שטייגער פון לעקטשורערס, האָב איך אויסגענוצט די מעשה אָפּט צו אילוסטרירען די שרעקען פון פּראָסטיטוציע, פיהלענדיג דערביי אַז איך בין א נאָבעלער מיטפיהלענדער און דורכדרינגענדער מענש.

נאָך עלף מאָנאַטען בין איך ווידער געקומען אין סינסינעטי און בין, פארשטעהט זיך, ווידער פארפאָרען אין מיין האָטעל. גלייך דעם ערשטען אָווענט, געהענדיג צו מיין ערשטע לעקטשור, האָב איך זיך פארדרעהט אין סענטראַל עווענוי און האָב זי געגצליך אונער־ווארטעט דערזעהן אויפ׳ן זעלבען פּלאַץ, אונטער דער גלעזענער „שאָו־קייס״. געוויס בין איך געבליבען איבעראַשט און בין געבליבען אין פארלעגענהייט איין סעקונדע שטעהן, קוקענדיג איהר גלייך אין די אויגען. אז איך האָב איהר אָפּגעטראָטען דעם וועג און געלאָזט זיך געהן ווייטער, האָב איך אונטער מיר דערפיהלט איהרע טריט. זי האָט געמיינט אַז איך וויל זי קויפען און באַצאָלען פאר די לאַנגע, קאַלטע שטונדען ווארטען אין סטריט.

איך האָב מיינע טריט ניט געביטען און בין געגאַנגען ווייטער פארביי סטאָרס, סאַלונס און גאַסען. איהר גאַנג האָט מיר נאָכגע־פאָלגט זיכער און אין טאַקט. די קליינליכקייט אין מענשען האָט אין מיר ערוואַכט און איך האָב האַלב־אונרוהיג, האַלב־שמייכלענד געקלערט, אַז זי קען מיר נאָכגעהן אין האַל, און דאָס וואָלט געווען זעהר אונאַנגענעם. איך האָב איבערגעשניטען די סטריט און זיך

געלאָזט געהן צו א סיגאר סטאָר, צו קויפען רויך־מאַטעריאל. צו זי איז מיר שוין צופיל נאָכגעגאַנגען, צו דורך א געהיימניספולען וועג האָט זי געלעזען מיין געדאַנק, אז זי איז מיר איבעריג, נאָר זי האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט אויסגעשריען הויך איבער'ן גאַנצען גאַס:

— „צום טייוועל!" — — —

און איז מיט שנעלע טריט אוועק צוריק.

אויפ׳ן עלעווייטאָר

מיט א דרייצעהן־פערצעהן יאָהר צוריק זיינען מירביידע געווען אינגלאַך און האָבען ביידע געלערענט אין דער טאַטערישער שול. די שול איז געווען א אידישע און ביי א הונדערט אידישע קינדער האָבען דאָרט געלערנט גמרא מיט פוסקים, נאָר טאַטערישע האָט זי זיך גערופען, ווייל זי איז געשטאַנען אויף דער טאַטערישער גאַס, און די גאַס האָט זיך גערופען טאַטערישע, ווייל א גרויסער שטאַרקער טאַטער האָט דאָרט געוואוינט און האָט געמאַכט ציטערען אַלע אידען ארום פאַר זיין אייזערנעם פויסט און עכט־טאַטערישע בויאַנסטווע. ער איז געווען א שטאָדטיגער און איך א „קלויזניק”, אבער אזוי ווי איך האָב געקענט בעסער לערנען פאַר איהם, האָט זיין טאַטע מיר גע־צאָלט דריי רובעל א זמן פאַר לערנען מיט איהם דעם „שיעור”, זאָל דאָס א הונד אויפ׳ן עק פאַרטראָגען, וואָס ער האָט פון מיר געלערנט, אָבער איך שווער אייך, אז עס איז ניט געווען מיין שולד. ער איז איינפאַך געווען א גרויסער שטיפער און איך האָב מיט איהם גאָר־נישט געקענט מאַכען.

פון דער טאַטערשער שול זיינען מיר ביידע ארויס אין דער גרויסער ברייטער וועלט אריין און זיינען מיט דער צייט געוואָרען רעוואָלוציאָנערען. איך — א בונדיסט און ער אן „איסקראָוועץ”. מיר האָבען זיך דאָך קיינמאָל ניט געזעהן, כאָטש איינע פון די אַנדערע געהערט. שפּעטער האָט מען איהם ארעסטירט מיט א טרפה׳ר רעוואָלוציאָנערע דרוקעריי און מען האָט איהם אריינגעוואָר־פען אין טורמע. אזוי ווי אָבער ער איז פאַרבליבען א שטיפער, האָט ער זיך איינמאָל איבערגעטאָן אין ווייבערשע קליידער און איהם איז געלונגען אויף אַזאַ שטייגער צו אַנטלויפען.

אז מען האָט עס מיר דערצעהלט, האָט עס מיר הנאה געטאָן

— ניט אומזיסט האָב איך מיט איהם געלערנט דעם „שיעור" אין דער טאָטערשער שול, אָבער וואו ער איז אהינגעקומען האָב איך ניט געוואוסט.

לעצטען פריהלינג איז מיר אויסגעקומען צו זיין א אמאהא, נעבראסקא. איך האָב עפּעס באדארפט און איך בין אריין אין אַן עלעוויטאר, וואָס האָט מיר געזאָלט אויפהויבען צום פערטען פלאָר.

ווהאָט פלאָר, פּליעז?

איך האָב זיך אוועקגעקערט, געזאָגט: „פאָורטה!" און האָב דערקענט אין דעם עלעווייטאָר באַי מיין אמאָליגען תלמיד, „איס־קראוועץ", רעוואָלוציאָנער און לויפער פון טורמע.

„אָלד בילליי״ *)

אין דער שיינער קולטורעלער שטאָדט באָסטאָן איז פאראן א מוזעאום פאר נאַטור־געשיכטע, אין יענעם מוזעאום זיינען פאראן פילע אינטערעסאנטע זאכען, אָבער דאָס אינטערעסאנטסטע איז גע־ווים „אָלד בילליי״.

אונטער א הויכען ריינעם גלאָז שטעהט אן אויסגעבויגענער סקעלעט פון אן אלטען, נאָר קלוגען און מערקווירדיגען פערד, וועל־כען מען האָט ביי זיין לעבען גערופען: „דער אלטער בילליי״.

אויב איהר ווילט וויסען מיט וואָס ער האָט פארדינט אזא כבוד אריינגעשטעלט צו ווערען נעבען די גרעסטע נאַטור־מיוחסים, אלס א מוסטער פאר די קומענדע דורות, בויגט זיך עטוואָס איין און לעזט פון געדרוקטען פאפיר זיין מערקווירדיגע ביאָגראפיע.

ערשטענס, האָט ער געלעבט 42 יאָהר! א געוועהנליכער האָרע־פאשנער פערד זאָל לעבען 42 יאָהר איז ווירקליך א וואונדער און ניט אָהן שטאָלץ קענען מיר איינשטימען מיט זיין ביאָגראף, אז ער איז געווען דער עלטסטער פערד אין באָסטאָן.

אָבער מען קען אָפלעבען 42 יאָהר און שטארבען א טויגעניכטס. א זינדיגער און נארישער פערד קען אין 42 יאָהר צוברעכען הונדערט פאָר דישלען, 400 הונדערט רעדער, טויזענד בייטשען, צובריקען און ממית'ען צעהנדליגער מענשען, מאָלע וואָס א האָנאָראָווער פערד קען אָפטאָן! —

דעם אלטען בילליי האָט מען קיינמאָל ניט געשמיסען!

ער האָט געהאַט דאָס שטארקע און מאָראלישע באוואוסטזיין,

---

*) די גרונד־פאקטען פון דעם ארטיקעל, ווי אויך דעם סקעלעט פון „אָלד בילליי״ האָב איך געזעהן אין באָסטאָנער מוזעאום אוו נאטשורעל היסטאָריע. ב. וול.

אז אַ פערד דאַרף אַרבייטען און שלעפּען דעם וואָגען, אַז עולם הזה איז ניט קיין דזשאַב פאַר פערד און אַז דער עיקר זין און באַרעכ־טיגונג פון אַ פערד'ס לעבען איז — פאַרשטעהן מיט'ן וואונק דעם ווילען פון בעל־הבית און ניט וואַרטען אויף דער בייטש!

און פינף און צוואַנציג יאָהר נאָכאַנאַנד האָט דער אַלטער בילי געשלעפּט אַ האָרס־קאַר פון באָסטאָן ביז איינער פון די פאָרשטעטט, איך זאָג „נאָכאַנאַנד", ווייל אין דעם משך פון אָט דער לאַנגער צייט האָט ער ניט פאַרפעלט קיין איין טאָג!

און מיר דאַרפען עס צושרייבען דער עניות און באַשיידענקייט פון זיין לעבענס־באַשרייבער, וואָס אָט דער פאַקט איז אָפּגעדרוקט מיט געוועהנליכען טינט אויף ווייסען פּאַפּיר און ניט מיט גאָלדענע בוכשטאַבען אויף אַ מאַרמאָר־ברעט!

אין פינף און צוואַנציג יאָהר וואָלט קיין איין פערד ניט ביי־געשטאַנען דעם נסיון עטוואָס אויסצורוהען—אַ זינדיגער פערד, וואָלט איהם דער קאָפּ וועה געטאָן, דער בויך וועה געטאָן, אָדער אפשר גאָר די פיס — פון מידקייט — די קאַר־קאָמפּאַני וואָלט געהאַט היזיקות! דער מענעדזשער — עגמת נפש! פּיליכט וואָלט איהם אַ היציגער דרייווער גאָר אָנגערופען: פוילער!

בילי איז תמיד געווען דער לעבעדיגער ביישפּיל פון איבער־געבענקייט און באַוואוסטזיין! בילי'ס סוביעקטיווע פיהלונגען און שטימונגען טאָרען ניט שטערען די איינגעפירטע אָרדנונג פון דער קאַר־קאָמפּאַניע!...

און בילי'ס שטילע העלדישקייט האָט געשאַפען וואונדער. אין זיין ביאָגראַפיע שטעהט, אַז מאַכענדיג אין דעם משך פון 25 יאָהר איינעם און דעם זעלבען קורס נאָך דער פאָרשטאָט, האָט ער דורכ־געשלעפּט זיין קאַר הונדערט און פינף און צוואַנציג טויזענד מייל!

זיינע פעסטע, אבער אונערמידליכע פערדישע קאָפּיטעם האָבען איהם דורכגעפירט אַ שטרעקע, וואָס איז ביי אַ פינף מאָל לענגער, איידער די לענג פון'ם עקוואַטאָר!

מאַנכע אידישע שרייבער און רעדאַקטאָרען, וואָס קענען נאָר פויזען דאַרפען זיך פּאָזיטיוו לערנען ביי דעם אַלטען בילי!

פינף מאָל דורכשפּאַצירען די לענג פון עקוואַטאָר און ניט וויסען, אַז די קאַר קען שלעפּען עלעקטרישע קראַפט, אַז פערד זיינען

באשאפען געוואָרען ניט נאָר צוליב עולם הבא, איז ווירקליך א גבורה!

ווייל אפילו ווען בילי איז גאָר, גאָר אַלט געוואָרען און האָט שוין מעהר ניט געקענט ציהען די קאַר, האָט ער אויך קיין אומזיסטען ברויט ניט געוואָלט. פענסיעס פאַר אַלטע און מושב זקנים האָבען אויסגעטראכט די יונגע פערד, וואָס האָבען פארלאָרען די פערדישע טראַדיציעס און גלויבען אין יענער וועלט — ער איז געבליב'ען אין שטאַל, דאָרטען האָט ער ארויסגעפירט די מיסט, געשלעפט וואסער און אין דער נאכט געלערענט תורה מיט די אינגערע חברים!

און היות אפילו קלוגע און פאַרנינפטיגע פערד לעבען ניט אייביג אין גוף, איז אויך דער אלטער בילי, אין איין שעהנעם פריהמאָרגען געשטאָרבען!

געשטאָרבען אויפ'ן פאָסטען, מיט אויגען פארגלאָצטע צום הימעל, מיט א הארץ פול גלויבען...

— און זאָלען עס וויסען די קומענדיגע דורות! — דער אלטער בילי האָט געדינט דער קאר־קאָמפּאני אפילו נאָכ'ן טויט.

זיין גראָה־געוואָרענע פעל האָט מען פארקויפט און פון דעם וועט מען מאַכען ניצליכע און נויטיגע זאכען, זיין פלייש האָט מען אוועקגעשענקט כשר'ע איבערגעגעבענע הינט און נאָר מיט זיינע ביינער האָט זיך געמאַכט אַ מיספארשטענדניש: פרומע, גאָטספאָרכטיגע פערד האָבען זעהר טרוקענע ביינער, אָהן זאפט און אָהן טעם, די הינט האָבען עס ניט געוואָלט אפילו פארזוכען, האָט מען עס אָפּגעוואשען, דורכגעצויגען מיט דראָט, און... אוועקגעשענקט אין מוזעאום פון נאַטור־געשיכטע...

דרך אגב, איז עס אויך ניט קיין שלעכטער אדווערטייזמענט פאַר דער קאר־קאָמפּאני...

אויב איהר ווילט פון דער מעשה'לע ארויסנעמען א מוסר, איז אָט איז ער: די טוגענד איז אונשטערבליך, פרומע פערד האָבען השארת הנפש. נאָר איין עצה וויל איך אייך געבען, טייערע לעזער: אויב ווער פון אייך חלום'ט אויך ווענען אן אָרט אין מוזעאום, איז עס גאַנץ אומזיסט: מעהר ווי פאר איין פערד איז דאָרט ניטאָ קיין אָרט...

פון מיין טאָג-בוך אויף דער רייזע

32 טעג אייראָפּע

אויגוסט 16—23טען, 1935

זיבען טעג גן־עדן! מ׳קען שלאָפען ווי לאַנג מ׳וויל; מ׳קען עסען וואָס מ׳וויל; און מ׳קען לעזען ווי מען דאַרף לעזען — ווי א פראַנצויז טרינקט וויין: פּאַוואָליע, רוהיג, מיט א טראָפּ אויף יעדען זופּ. און דאָס וויגען זיך פון שיף דרינגט דורך אין דיין גאַנ־צען וועזען און דו וויגסט זיך מיט׳ן ריטם פונ׳ם ים. און די וואָס מ׳ליבט ווערען נעהענטער און טייערער, און די וואָס מען האַסט ווערען קליין און וויט, העט אויף יענער זייט האָריזאָנט.

אָבער אַט ווייזען זיך ים־פויגעל; לאַנד־ריחות קיצלען דעם נאָז; א געלאַטעטע זעגעל־שיף ווינקט פון דערווייטען, און נאָכדעם א לאַנד־וואָלקען רעכטס און א פייערל לינקס, און — מען וואַרט שוין אויף מיר ביים אראָפּגאַנג פון שיף!

אויגוסט 24טען

דער געהילפס־סעקרעטאר פון אינטערנאַציאָנאַלען געווערקשאַפ־טען־בונד ווייזט מיר די צימערן. עס האָט פאַרנומען א סך מעהר פּלאַץ, אָבער זינט דייטשלאַנד און עסטרייך זיינען פאַשיזירט געוואָ־רען זיינען עטליכע צימערן אָפּגעפּאַלען. איבער מיין גאַנצער רייזע וועל איך יעדען טאָג טרעפען די לעבער וואָס היטלער האָט געמאַכט אין דער ארבייטער־באַוועגונג. און די ערשטע געשפּרעכען וואָס איך האָב מיט אייראָפּע שניידען ווי א קאַלטער ווינט אויף דעם אויבערשטען דעק — אייראָפּע צאַפּעלט זיך צווישען פאַשיזם און קריג און קיינער ווייסט ניט וואָס ס׳וועט זיין.

אויגוסט 25טען

א גאנצען טאָג צווישען דייטשע פליכטלינגע. אלע אריער, בלאָנדע, קורץ־האלזיגע, קורץ־געשאָרענע, פעסט־געבויטע. זיי זיינען אינטעליגענט, שארף און טרויעריג. וואָס ראדיקאלער, אלץ פעסי־מיסטישער; וואָס פעהיגער — אלץ דערשלאָגענער. איך רייד מיט זיי שעה נאָך שעה, און קלער: אויף יעדען דייטש מיט וועלכען איך רייד זיינען דאָ א מיליאָן פונקט אזעלכע אין דייטשלאנד: פונקט אזוי אינטעליגענט, פונקט אזוי אנאליטיש, פונקט אזוי פריינדליך — ווי האלטען זיי עס אוים? ווארום לאָזען זיי זיך ניט הערען?

אויגוסט 16טען

, נאָך א צוזאמענקונפט מיט די פירער פון דער אינטערנאציאָנא־לער ארבייטער־באוועגונג פיהלט זיך בעסער אביסעל: דזשוא, דע־ברוקיער, סקעווענעלס, סיטרין — אזוי סאָליד, געזונט און נאַטירליך. נאָר פריטץ אדלער, מיט'ן געזיכט פון א אידישען גאון, דערמאָנט אָן די שטורעמס וואָס בלאָזען דרויסען. ער איז זעהר קורצזיכטיג, אבער די אויגען זיינען שארף און פארטראכט. דע־ברוקיער און זשואָ זיינען א פונדאמענט, סיטרין און סקעווענעלס — זיילען וואָס קענען אויף זיך פיל האלטען. ס'איז א בנין! אדלער איז די פאָהן.

אויגוסט 27טען

איך כאַפּ זיך אויף אין דייטשלאנד. איך קוק ארוים דורכ'ן פענסטער. די פעלדער גרין, מענש און אָקס ארבייטען פלייסיג, דער הימעל בלאָה, די זון שיינט, די בערג בעוואלדט מיט גרינס און ברוינס, אָבער די גאנצע צייט שטעהט פאר מיינע אויגען א פיגור מיט א שווערד וואָס זאָגט צו מיר: ניט פאר דיר!

קארלסרוהע, שטוטגארט, און, ס'הארץ ציטערט, נירענבערג! עס הונגערט, אָבער עפּעס אן אינסטינקט לאָזט מיר ניט עסען. דער קאָפּ זאָגט: באָיקאָט, דו טאָרסט ניט געבען דייטשלאנד צו לייזען, אָבער דאָס הארץ זאָגט, א הארץ וואָס האָט גע'ירשנ'ט א סך צרות: שעהם זיך ניט, פאסט! א איד דארף פאסטען ווען ס'שיינט, אז קיין אויסוועג איז ניטאָ. און איך ברעך ניט דעם תענית ביז טשעב, דעם טשעכישען גרעניץ, שפעט נאָכמיטאג. קיינער האָט מיר ניט

געשטערט, קיינער ניט פארפאָלגט, און דאך ווילט זיך געבען דעם טשעכישען קאָנדוקטאָר די האנט און זאָגען: זיי געבענטשט.

אויגוסט 28טען

פראג איז א היים. איך וויים, אז א גרויסע פארגאנגענהייט באגלייט מיר אויף יעדען שריט. און אלטע כחות קוועלען אין מיר אויף. איך ארבייט אכטצעהן שטונדען דעם ערשטען טאָג און עס ווילט זיך ניט געהן שלאָפען. א קאַלעידאָסקאָפּ פון געזיכטער און פאקטען און מיינונגען. פון סוקופ, דעם פרעזידענט פון סענאט און איינער פון די פינף גרינדער פון דער רעפובליק, ביז דעם ארבייטער־פליכטלינג, וואָס האָט זיך ערשט ארויסגעריסען פון קאָנצענטראַציאָנס־לאגער. און וועלז, און שטאמפּפער, און הערץ און פאָגעל און ארנאָלד, און דער מילדער זשוואווער טאוב און דער פעסטער סאָלי־דער עסטרייכער שארש, און פראשעק. א נייער גלות, אן ארבייטער־גלות, וואקסט ארום מיר ווי א שרעקליכער חלום, און וואָס מעהר איך זעה איהם, אַלץ מעהר ווילט זיך זעהן. גיט מיר נאָך וואונדען, נאָך שמיץ — איך וועל עס דארפען פארקויפען!

אויגוסט 29טען

א כ ט א ז י י ג ע ר פ ר י ה. א באזוך ביי וו. מ., איינעם פון די בראוועסטע אָנפירער פון אונטערערדישען קאמף אין דייטש־לאנד. ערשט צוריקגעקומען. יונג, מוטיג, אונערשראָקען, א געווע־זענער אָפיצער, א געבאָרענער אָרגאניזאטאָר, ווי צוויי טראָפּען ענליך אויף א פּאָר באקאנטע העלדען פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

נ י י ן א ז י י ג ע ר. א שטונדע מיט׳ן פירער פון דער טשעכישער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פּארטיי. זאָרג, זאָרג, זאָרג. ארבייטסלאָזיגקייט, פּאשיזם, פליכטלינגע, קריג־מעגליכקייט. „אונזער גרעסטע רעטונג וואָס מיר מוזען נאָכאנאנד ארבייטען".

צ ע ה ן א ז י י ג ע ר. סאָפּאָדע. ערנסטקייט. אָרגאני־זאציע. פעסטקייט, מאָפּעס. קאָנפידענציעלע אינפאָרמאציע. מיר האָבען פיליכט ניט געטאָן דאָס בעסטע, אָבער איצטער טוען מיר דאָס בעסטע. אונטער א האָגעל פון אטאקעס אויפגעבויט די בעסטע אונטערגרונד־באוועגונג אין דייטשלאנד!

צוועלף אזייגער. א באזוך ביי ב., איינער פון די בארימטעסטע אינטערנאציאנאלע פאליטיקער אין אייראפע. פריינד־ליך, טרויעריגלאך, אבער פעסט. דער גורל פון דער וועלט הענגט נאך אלץ אין באלאנס, אבער די ערשטע אטאקע איז באשטימט צוריקגעשליידערט. און מיר וואלטען געוועו א סך זיכערער ווען אמעריקע האלט זיך ניט אזוי פון דערווייטענס.

איינס נאכמיטאג. פריהשטיק אין פאלקס־הויז. א שעהן נידריג הויז, געבויט ארום א גרינעם סקוועער מיט טישלאך. אלץ וואס דו זעהסט דא — פארלאגען, באנק, רייזע־ביורא, יוניאן־העדקוואדערס, — אלץ באלאנגט צו די מאדנע סלאווען, וועלכע האבען געשאפען די פרייסטע רעפובליק אין אייראפע.

צוויי נאכמיטאג. עמק הבכא. א צוואנציג מייל פון פראג איז דער „ריטץ", איינע פון די היימען פון די דייטשע און עסטרייכישע פליכטלינגע. בלאהע אויגען, בלאנדע האר, שארפע נעזער, יונגע פנימ'ער, יעדער איינער האט א רעקארד. פילע, אין פאל פון צוריקקער, דראהט דער טויט, ווילען דאך אהיים. זיי זיצען ארום מיר, שמייכלען טרויעריג, אבער פרעגען שטילערהייט: פארוואס און ווי לאנג? ! א פאר בלאנדע קינדער־קעפלאך פלאנטערען זיך אינמיטען מיט שטיפעריי און געלעכטער, און ס'פרעגט זיך ניט־ווילענדיג, וואס וועלען זיי זיין? הערשער אדער אלץ נע־ונד'ניקעס? ס'איז פינסטערלאך ווען מיר פאהרען צוריק. פינסטערלאך דרויסען און אינוועניג.

אכט אוונט. א הויז אויף א בארג, אויף יענער זייט פראג. מיר זיינען זאלבעדריט און מיר נעמען אינווענטאר פון דער וועלט, פון אלץ וואס ס'איז געוועו און אלץ וואס מ'קען ערוואר־טען ס'זאל זיין. די שטונדען לויפען שנעל. ניין, צעהן, צוועלף, איינס. מען מוז שוין געהן. פינף אזייגער פריה דארף איך אויפשטעהן צו כאפען דעם עראפלאן נאך ברין. אבער ס'ווילט זיך ניט געהן. דער חשבון איז נאך ניט געענדיגט. צוריק אין האטעל, אבער ס'לוינט זיך שוין ניט געהן שלאפען. איך זיץ ביים פענסטער און ווארט אויף די ערשטע סמנים פון זונאויפגאנג און כ'ווייס ניט צי די זון געהט אויף, צי זי געהט אונטער.

30טן אויגוסט

אן ערָאפּלאַן פֿאַר 22 פּאַסאַזשירען, אָבער איך בין אליין. ס'רעגענט דרויסען און אין עטליכע מינוטען פֿליהען מיר אריין אין אן אומדורכדרינגליכען טומאַן. איך זעה ווי דער מיטער הויבט זיך צו 1,000 מעטער, 1,500, 2,000, 2,500, 2,800 — שוין באלד 9,000 פוס אויבען, און דער טומאַן איז אַלץ געדיכט. מיר פֿליהען „בלינד". פון אויבען און פון אונטען און פון אַלע זייטען — חשך. די פּילאָטען רופען מיר אריין צו זיך אין קאַבינע און זאָגען: דאָ וועסטו פיהלען היימישער — באלד אין ברין, און — מיר וועלען טרעפען! אָבער נאָך א האלבע שטונדע רייסען מיר דורך דעם טומאַן און ווייט אונטען זעהט זיך ברין. עס גיסט א קאַלט־דריבנער רעגענדעל, אָבער עס איז מיר גוט און פרעהלאַך, און ווי נאָר דער עראָפּלאַן שלאָגט אָן מיט די רעדער אן דר'ערד, זעה איך א שמייכלענדיגען יוליוס דויטש. איילען מיר זיך צו באגעגענען:

— פריינדשאפט!

אין פינף שטונדען — צוריק אין 1905! מיין דייטש איז שלעכט, אבער מיר פארשטעהען זיך גוט. זיי לאַכען איבער מיינע פראגען — אזוי ענליך איז זייער ארבייט אויף אונזערער מיט דריי־סיג יאָהר צוריק. דיזעלבע פלאַמיגע יוגענד, דיזעלבע ערליכע מאַר־טירערישע אויגען, דיזעלבע אומבאגרעניצטע טרייהייט. אָבער שאַ. קיין פולע טאָר איך ניט דערצעהלען. נאָר אנשטאַט צו פאָהרען צוריק נאָך פּראג, אָרדער איך מיין באגאַזש דירעקט פּראגע־ווארשע און נעם דעם צוג נאָך וויען!...

דורכגעפירט מיין מיסיע פאָהר איך צו די קאוטסקים. הונדערט־און־צוויי־און־פופציג יאָהרביידע צוזאַמען, און דאָך יוגענדליך און זשוואווע. און מיין אַלטע געליבטע לואיזע איז די גאַנצע צייט אויף די פיס, מיט איהר שטענדיגען שמייכעל. די ווינטען פון דרויסען קומען אהער ניט אריין. מיר פארברענגען ווי מיט ניין יאָהר צוריק. קארל קאוטסקי גלויבט, אז אַלץ וואָס מיר לעבען איצטער דורך, איז נאָר אן אינצידענט. ס'וועט אַריבער. די סאָציאַל־דעמאָקראטיע וועט ארויס זיגרייך. איך וויל מיט איהם גלויבען. שפּעטער אין אָוונט וואַנגעל איך ארום די ריזיגע הויפען פון קארל־מארקס־האָף. ערשט אין דער פריה בין איך געוועזן מיט די, וועלכע האָבען עס געבויט.

איצטער זיינען זיי פאַרוואָרפען און די הייזער זיינען פאַר׳חתמ׳ט. ווענינ פייערען אין די פענסטער. כמעט ניט קיין דורכגעהער. א קאַלטער ווינט בלאָזט דורך די אַרקען, און די בלומען, שוין האַלב־פאַרוועלקטע, שאָקלען זיך ווי זיי וואָלטען געוויינט. וואַקלען אויבען, וואַקלען אונטען. ניין, מיר טאָרען ניט רוהען ביז די בויער וועלען צוריקקומען אהער און די אַרקען וועלען זיין באַפּוצט מיט זיגעס־קראַנצען.

סעפּטעמבער 1טען

ס׳איז זעהר ליכט צו דערקענען, אז דאָס איז פוילען. באָרוויסע פויערים אויף די וועגען, האַלב־איינגעפאַלענע כאַטקעס, פעלדער ווי פליכעס. די נעמען פון די סטאַנציעס זיינען ווי מייל־שטיינער אויף א באַקאַנטען וועג. אויף פילע פון די נעמען פלאַטערען יאָהרען פון מיין יוגענד. און דאַן — וואַרשע און וואַרימע ליבע געזיכטער פון חברים. א פּאַרטיי־מיטינג, און איך בין איבערראַשט פון דער גרויסער צאָל יונגע פּנים׳ער — די עהרליכע, ליכטיגע פּנים׳ער פון א קעמפּפענדער יוגענד. אין אָווענט, א באַזוך ביי יוזעפ׳ן מיט א סך אייגענע גערייד און אייגענע וואַרימקייט, און

סעפּטעמבער דער 2טער —

גאַנץ פריה אין ווילנע. די ערשטע זאַך אין דער פריה צום בית־עולם. אַזויפיל ערעלקייט און באַלערנטקייט און אידעאַליזם אויף דעם בית־עולם! פון וואַנען נעמט זיך ביי אַזא פאַרקריפּעלט פאָלק, דורכגעגעסען פון דעם ראָסט פון אַזויפיל דורות, אַזויפיל שטאָלצער בטחון, אַזויפיל גלויבען אין מענשען, אַזא גרייטקייט פאַר קרבנות? איך לעג בלומען אויף די נאָהנטע קברים — דר. שאַבאַד, וויטער, דער ברידער־קבר — זיי ריידען צו מיר שטיל און פריינדליך, און איך ווייס, אַז אויך דער בית־עולם איז אונזער קאַפּיטאַל, אַז ס׳איז ניט מעגליך איינגאַנצען אָוועק פון איהם און זיין גאַנץ. און דאַן דער טעכניקום — און דאַן דער „איוואָ“, ליכטיג און יוגענדליך, און דאַן —

א פיגור אויף א בעט, זיצענדיג, און פאַרוויקעלט אין באַנדאַזשען, מיט דעמזעלבען געזיכט און דיזעלבע אויגען ווי מיט 11,

ווי מיט 27, ווי מיט 30 יאָהר צוריק — די פיגור פון א פויער, דער קאָפּ פון א גאון, און צוויי אויגען ווי מעסער — אַרקאַדי!

קיינמאָל קראַנק ניט געווען, און איצטער האַלט זיך עס אין איין טשעפּען. פון איין חולאת ניט פּטור, ווי ס'קומט א צווייטע — וואָס פאַר א „ניוסענס" דאָס איז! און גלייך בליציגע באַמערקונגען, איבער דער וועלט, איבער דער באַוועגונג. אָט דער מענש וואָס איך וויים, אַז זיינע טעג זיינען געצעהלט, ווייסט מעהר און זעהט מעהר ווי אירגענד־וועלכער פירער וואָס איך האָב ביז אהער געטראָפען. איך וויל געהן, די אָנשטרענגונג זאָל ניט זיין צו־גרויס, אבער ער לאָזט ניט—וואָס לויפט איהר? עלף יאָהר זיך ניט געזעהן, און דאָס—דאָס לעצטע מאָל . . . עס געהט זיך אַרוים פּאַמעלאַך ווי פון א טעמ־פּעל, ווי פון א פּלאַץ פון נסים — גוד־באַי, אַרקאַדי...

און דאַן — ווידער געזיכטער, אַלץ אונזערע, אַלץ ווילנער, אַריסטאָקראַטישע, עקשנות'דיגע ווילנער געזיכטער, וואָס בויען און בויען און בויען אַלץ מיט דיזעלבע ציגעל, אַלץ מיט דיזעלבע וואָפּנע. און צווישען אַלע געזיכטער, די גלייכע, שעהנע פיגור פון דובנאָוו'ן מיט די מילדע יוגענדליכע אויגען, מיט דעם עניגמאַטישען שמייכעל...

און דאַן —

סעפּטעמבער דער 3טען —

און ווידער ווארשע.

איך זיץ אין ליכטיגען דרויסען אויף א באַנק, אַרומגערינגעלט פון חברים, און פּאָלג נאָך א פאָרשטעלונג פון די קינדער פון מעדעם סאַניטאָריום. דאָס גאָלד פון קינדערשען געלעכטער! דאָס זילבער פון קינדערשע שטימען! די פרייד, אַז אויך דו האָסט בייגעטראָגען צו דער ווייסקייט און ריינקייט און בליהונג פון פּלאַץ!

אָבער דעם גאַנצען טאָג קען איך זיך ניט באַפרייען פון א שטימע, וואָס פּאָלגט מיך נאָך. אין א קליין הויז, אין א פּאַרוואָרפען ווינקעל פון ברוקלין ליגט אין גסיסה וולאַדימיר מעדעם. אין צימער איז טונקעל און דער צודעק הויבט זיך מיט'ן שווערען אָטעם. צו־געגורעט צו זיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויףביידע לאַפּעס איז „טאַממי".

איך שטעה דערביי און הער אן אונאויפהערליכען געבעט פון הייסע ליפען:

— יא כאַטשו דאָמאָי, יא כאַטשו דאָמאָי (איך וויל געהן אהיים, איך וויל געהן אהיים!...)

אָט בין איך אין דיין היים, מעדעם, א שעהנע היים, און דו ביזט דאָ!

סעפטעמבער 4טען

פלענער! אלע האָבען פלענער! יעדער גלויבט, אז זיין פלאַן איז דער איינציגער צו ראַטעווען די פוילישע אידען, און אלץ, וואָס איז נויטיג, איז מיין הסכמה!

דריי אזייגער פארטאָג זיץ איך אין א דראָשקע, וואָס פיהרט מיך צוריק אין האָטעל פון באַנקעט. ס'איז א גום רעגען. דאָס וואַסער רינט אראָפּ אויף מיינע שיך, און ס'איז מיר אזוי אומעטיג, אזוי אומעטיג. געווען א נאַכט „אין דער היים". געהערט און גערעדט מיין שפראַך, גערעגט געוואָרען פון התלהבות און דביקות, געקוקט אין אזוי פיל מוטיגע און יונגע געזיכטער; און איצט פאָהר איך צוריק אין דער וועלט אריין, א גרעסערע און א קליגערע וועלט, אבער א קאַלטע און צובראָכענע. אין געדאַנק בעט איך זיך ביים דראָזש־קאַרזש ער זאָל פארבלאָנדזשען צוריק, אבער דאָס פערדעל געהט פאָראויס — צוריק צו צוויי שפראַכען, צוויי וועלטען און צוויי מיליאָן פראַגען און ספקות.

סעפטעמבער 5טען

פאַבריקען. הייזער ווי פאַבריקען. גלייכע גאַסען פול מיט באַוועגונג. בלאָטע. קאַשקעטלאָך. קאַוויאַרניעס — לאָדז!

מיטגעהן מיט מיר אויף די גאַסען פון לאָדז האָט געזאָלט 1905. אָבער, די קראַפט פון קונסט! 1905 שלעפט זיך נאָך אין דער זייט, געהן געהט מיט מיר זינגער פון „ברידער אשכנזי". ווי וואונדערליך ער האָט פאראייביגט אָט דעם געוואלדיגען סמעטניק פון רוסיש־פּוילישען קאַפּיטאַליזם!

א קוק אויפ'ן „מאַניעזש" — די ביזאַנטישע ציבעלעס זיינען די זעלבע ווי דאַן, אָבער דורכ'ן פענסטער קוקט אויף מיר א אינגערער

איד, מיט שווארצע האָר, פולערע באַקען און אויגען ניט אזוי קלאָר, אָבער מיט מעהר גלאַנץ.

א קוק אין „אַרט"-פאַך־קורסען, קאָאָפּעראַטיווע וועבערײַ — אויסגעמוטשעטע, אײַנגעבויגענע פיגורען איבער די מעכאַנישע שטול־לען. פערצעהן שטונדען א טאָג, פערצעהן שטונדען מאָנטאג, דינסטאג, מיטוואָך, דאָנערשטאג, פרײַטאג, אַלץ איבער'ן שטול, אַלץ צוליב פינף זלאָטעס!

און דאָן — א קליין צימער אין גראָסער ביבליאָטעק און צוויי באַקאַנטע פּנים'ער. דרײַסיג יאָהר ניט געזעהן — מלחמות, רעוואָלו־ציעס, פאַשיזם, די וועלט וואַקעלט זיך שכור אויפ'ן שפּיץ פון א וואַל, און זיי זיינען אַלץ דאָ אויף דעם זעלבען פּלאַץ, מיט דער זעלבער פּאָהן.

פּאָזנאַנסקי, און —

א קליין שוואַרץ, פּייעריג מיידעל מיט געקרײַזטע האָר, — ראָזע. היינט אַ אַנדער נאָמען, אַ אַנדער אויסדרוק, אָבער פאַר מיר איז זי די פון דרײַסיג יאָהר צוריק.

און דאָן — ווידער דער ווינער וואָקזאַל, ווידער ליבע פּנים'ער, וואָס שמייכלען א זײַ־געזונט און —

סעפּטעמבער 6טען

דער צוג גאָך הוק פאָן האָלאַנד ווערט געביטען אויפ'ן שלעזישען באַנהאָף. ביים ארונטערגאַנג צום גאַס, קוקט דער קאָנדוקטאָר אויף מיין בילעט און גריסט מיר:

— העיל היטלער!

גלייך ביים ארויסגאַנג א הויכער שטורמיסט מיט א האַקען־קרייץ ארום זיין אָרעם.

אַנטקעגען באַהן־הויף א גרויסער טראַנספּאָרט: „נאַצי אר־בייטס־פראָנט"!

ס'איז מיר ענג! נעהמט מיך צו פון דאַנען! איך געה איבער'ן גאַס און מיר דוכט זיך, אז ניט דער ווינד, נאָר דער טויער פּלאַקערט איבער מיין קאָפּ. נאָר אין נײַ־קעלן, אַ ארבייטער־קוואַרטאַל, פּיהל איך היימישער. קיין האַקענקרײַצער, קיינע שטורמיסטען, און די געשעפטען —אָרעם, אין די שפּייז־קראָמען — נאָר קאַרטאָפעל און

קרויט. אָרימקייט, איך וויס, אז דו וועסט אמאָל צוריק אויפשטורמען און איך וואַרט!

א פאַרדעכטיגע פאַרשווין זעצט זיך לעבען מיר אין קופּע און וויל פאַרפיהרען א געשפּרעך. ס'רעגענט דרויסען, און איך הער ניט איהם, ניט דעם רעגען. וואָס איך וויל איז א פּראָל טאָן די דרויסענ־דיגע טיר און אויסשרייען: שפוך חמתך על הגוים אשר לא ידעוך!

אויפ'ן שיף איבער דעם ענגלישען קאנאַל שלאָפט זיך ניט.

סעפּטעמבער 7טען

אַן אַלטער פריינד, אין אַן אַלטען הוט מיט א זאַנטיק אין האַנט וואַרט אויף מיר אויף דעם ליווערפּולער וואָקזאַל אין לאָנדאָן. און א פּאָר שטונדען שפּעטער בין איך אין מארגייט ביים ים, אין א גרויסען לופטיגען זאַל, וואו די ארבייטער פון ענגלאנד האָבען זייער יעהרליכען צוזאַמענקונפט. אלץ איז זאַכליך, ערנסט, געזעצט. נאָר פּלוצים קומט אָן א ווינט, און דער צוזאַמענפאָהר ווינט זיך פאַנאַנדער.

א יונגע פרוי אויף דער פּלאַטפאָרמע רעדט געלאַסען:

— אַז אונזערער א פיהרער נעהמט אָן א טיטול פון קעניג, טיילט ער זיך פון אונז אָפּ. קעיר האַרדי האָט עס ניט געטאָן (היר, היר!). דעם גרעסטען כבוד אונזערע פיהרער קענען מיר געבען, מיר און ניט קיין אנדערע (היר, היר!). מיר האָבען צופיל „סירס" און צו־ווייניג פיהרער (היר, היר!).

און א צווייטער, און א דריטער.

אָבער ענגלאַנד איז ענגלאַנד. אַז מען האָט א קעניג איז א טיטול זיינער א כבוד. דורכלופטערען זיך איז גאַנץ פיין, „אריינ־זאָגען" איז אין פּלאַץ, אָבער קיין איינגלאַך זיינען מיר ניט.

אין אָוועגט פאָהרען מיר נאָך לאָנדאָן אין אַן אַטאָמאָביל מיט די סיטרינ'ס. פאַר'ן אָווענט־ברויט שטעלען מיר זיך אָפּ אין קענ־טערבערי. מיר באַקוקען דעם אַלטען קאַטעדראַל, די פעסטונג, די אַלטע הייזער, די קרומע, שמאָלע געסלאַך. סיטרין פאַרטייטשט אלץ און איז זיך מחיה, וואָס זיין פאָלק איז אזוי אַלט און אזוי יונג.

מיין פאָלק איז עלטער פון זיינעם און דאָך בין איך איהם מקנא. זיין פאָלק וואַקסט פון די בית עולם'ס און אַרום די בית־

עולם׳ס, מיינס לאָזט די בית־עולם׳ס שטענדיג אהינטער, שטענדיג אהינטער...

שפּעט ביינאכט קומען מיר אָן אין לאָנדאָן און איך וואַרף זיך אריין אין בעט און ווער אנשלאָפן. אָבער אין חלום רעדט צו מיר ענגלאנד: זיי ניט אויפגערעגט און זיי ניט ענטוישט און זיי ניט ביטער. דאָס לעבען וועט אָנגעהן און די וועלט וועט אָנגעהן און ענגלאנד וועט אייביג אָנגעהן, אייביג, לעולם ועד, אמן.

סעפּטעמבער 8טען

א טאָג אין וואַיטשעפּעל. מיינע און ניט מיינע. אָרימקייט, אָבער א געלאַסענע און פּרעהליכע. אידישקייט, אָבער א געפּאַל־מעסטע און טויטע. אידישע צייטונגען, אָבער זעהען אויס ווי א זכר לחורבן. אידישע שולען, אן ארבייטער רינג, א מאַנטעל־מאַכער יוניאָן, אָבער אויף אַלץ איז ווי אָנגעשריבען: מיר זיינען נאָך פּאַראַן. וואו איך קער זיך, זעה איך א האַנד מיט א פינגער געטיי־טעלט אויף מיר:

היט זיך, אז ניט, וועט דאָס זיין דיין סוף!
כ׳האָב ניט ליב וואַיטשעפּעל.

סעפּטעמבער 9טען

איינער אליין וואַנדער איך ארום איבער די שטילע גאַסען פון דער באַריהמטער גאַרטען־שטאָדט וועלין גאַרדען סיטי. אן אמעריקאַנער פון דער טומעלדיגער און צוטומעלטער שיקאגא האָט אויס־געטרוימט און אויסגעפּלאַנט אָט דעם ישוב פון ברייטע גאַסען, שעהנע שטילע הייזער, געשמאַקפולע סקווערען און קול־דע־סאַק׳ס, באַבוימט און באַבלומט און באַשטראַהלט מיט רוה און רחבות.

נאָך וואַרשע און וואַיטשעפּעל איז עס א גן־עדן. איך געה, און געה, און געה. איך פאַרצייכען אין געדאַנק יעדע שעהנע הויז, יעדען ווינקעל, יעדען בוים. איך בין אין א וועלט, וואָס גלויבט אין זיך און גלויבט אין אייביגקייט. שפּעט נאָכמיטאָג דערקלייב איך זיך צו דער „קאַרשען־בוים קרעטשמע״ און זעץ מיך אוועק אויף דער אָפענער טעראַסע, ארומגערינגעלט מיט וואַלד און בלומען. איך עס מיין לאָנטש אָהן אַפּעטיט. עס איז צו־שטיל, צו־שעהן, צו־גוט. ס׳איז ניט מיינס. איך וועל דאָ אויסגעהן פון לאַנגווייל. איך מוז אנטלויפען.

דער באָס ברענגט מיך צוריק אין לאָנדאָן און איך גיה ארונטער ביים האיד פּארק. פּלאַטפאָרמעס, רעדנער, פאָהנען, כל׳ערליי עולמ׳ס, באוועגונג, קאָמוניסטען, אטעאיסטען, פאשיסטען, ציוניסטען, סאָציאַליסטען, סאַלוועישאָן ארמי — די וועלט האָט אָנגענומען צוריק א באקאַנטע פאָרמען — מיין וועלט.

אימפּעט און אומעט באוועגען מיר אויף דעם לאַנגען וועג צום האָטעל — פארוואָס האָט אונז גאָט געשאָלטען מיט אזוי פיל אומרוה, מיט אזא היימישקייט אין טומעל, מיט אזא פלאַטער אין אלע חושים? איך זעץ מיך צו אויף א באנק און באטראכט ענגלאַנד א זונטאג אווענט, ווי עס געהט פארביי געמיטליך, יום־טוב׳דיג זיכער. דאכט זיך, זיי געהען ערגעץ ניט און דאָך דערגעהען זיי, דאָך קומען זיי שטענדיג ערגעץ אָן.

סעפּטעמבער 10טען

א געשפּרעך מיט מידלטאָן, סעקרעטער פון דער לעיבאָר פּארטיי; מיט אלבערט גרינוואוד, געוועזענעם געזונדהייטס־מיניסטער; מיט דזשאָרדזש טאָמאס, רעדאקטאר פון „הערא̈לד"; מיט הערבערט מאָריסאָן, לעיבאָר „באָס" פון לאָנדאָן — אלע געלאַסענע, קאָמפּעטענטע, פריינדליכע. מיט אלעמען געשפּרעכ׳ן איבער ענגלישע און אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק — זאכען, וואָס מען קען דערצעהלען און וואָס מען קען ניט. מאָריסאָנ׳ס ביורא איז אין נייעם לאָנדאָן קאָונטי האָל. איך רעד און הער, אָבער אהינטער די רייד באוואונדער איך דעם פּראכטפולען צימער מיט די ווערטפולע בילדער און טראָפּען, די סאָלידע טייערע מעבעל, די פיינע אויסשטאַטונג און — מאָריסאָנ׳ס אָפּגעריבענעם קאָלנער פון העמד. סאַנקציעס, באָיקאָט, קומענדע וואהלען, אמעריקע — ווייסט ער, אז זיין קאָלנער איז אזוי אָפּגעריבען? איז עס אפעקטאציע, נאכלעסיגקייט אדער די בלויז 400 פונט א יאָהר, וואָס ער קריגט אלס געהאלט? דער קורצזיכטיגער מאַן מיט דעם אָפּגעריבענעם קאָלנער, וועט אין פינף יאָהר פון איצטער (און אפשר פריהער) זיין דער פּרעמיער פון דער בריטישער אימפּעריע!

און א געדאַנק: אזוי ווי אַן אמת שעהנע שטאָדט דארף ניט קיין שעהנע הייזער, אזוי דארף ניט אַן אמת גרויס פאָלק קיין גרויסע מענשען.

סעפּטעמבער 11טען

אין דער באַגלייטונג פון סיטרין פאָהרען מיר ארויס באַטראַכ־טען די נייע שטאָדט, וואָס מען האָט לעצטענס אויסגעבויט ארום לאָנדאָן פאר די ארבייטער און אָרימע מענשען. דער וועטער איז שעהן און די ענגלישע לאַנדשאַפט שטראַלט. דער סאַמעט פון ענג־לישע לאַנקעס, די ווייכע ליניעס פון ענגלישער ערד, די שטאָלצע עלטער פון ענגלישע בוימער — די זויבערקייט, די פולקייט און די לירישקייט פון האַריזאָנט! באַלד פאָהרען מיר אריין אין דאַנהעם, ציכטיגע קליינע הייזער, ברייטע גאַסען, בלומען און גראָז. קיין פאַרשטעלונגס־קראַפט, קיין זאַך, וואָס זאָל פאַרכאַפּען, קיין שטעמ־פּעל פון קונסט, אבער סאָליד, פּראַקטיש אויסגערעכענט — ענגליש. באַלד פיר מיליאָן ארבייטער האָבען זיך איבערגעקליבען אין אזעלכע הייזער פאר די לעצטע פופצעהן יאָהר.

מיר באַזוכען אויך בעלינגהעם דערביי — די גוואַלדיגע סאָציאַלע פּאַנאָראַמע פון „האוזינג" ווערט מעהר און מעהר איינדרוקספול. נאָר מייסטענס ענגלישע פּרויען האָבען ניט קיין געשמאַק. אין די צימערען איז צופיל אָנגעשטעלט, און זעלטען־וואו מען טרעפט א וואוינונג, וואָס זאָל זיין אויסגעשטאַט ווי א היים...

אין אָוונט געהען מיר צו א באַנקעט, וואו ס׳ווערט געפייערט דער 75־יאָהריגער יובילעי פון בען טילעט — דער פייער־בראַנד פון די לאָנדאָנער דאָקס, איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פיגורען אין דער געשיכטע פון דער ענגלישער ארבייטער באַוועגונג. עס ווערען פאַרגעלעזען טעלעגראַמען, צווישען זיי איינער פון סנאָודען (געלעכ־טער); איינע פון רעמזי מעקדאָנאַלד (א טויטער שטילשווייגען). אָט דער טויטער שטילשווייגען איז געווען דער אָנזאָג פון דער טראַגעדיע פון 14טען נאָוועמבער.

סעפּטעמבער 12טען

פינף אינדערפריה נעהם איך א טעקסי צו דעם עראָפּלאַן־אָפּיס. זעקס אזייגער געהט אָב דער „באָס" צו דעם קראָידאָן פליה־פעלד. עס רעגענט אונטער אביסעל. עס קומען פּאַסאַזשירען, צווישען זיי א פרוי מיט א שלאָפעדיג עופה׳לע אין א געפלאָכטען קערבעל. ווען מיר זעצען זיך אריין אין באָס איז ליכטיג און ס׳באַווייזט זיך אַן

אַנזאַג אויף זון. לאַנדאַן אין די פריהע שטונדען איז שווערוואַגיג, ניט־אינטערעסאַנט. מיר שטייגען ארויס. דאַס עופה׳לע שלאָפט נאָך. א ריזיגער זילבער־פויגעל ווארט אויף אונז, אַנסטראַיענדיג דעם טאָן. אין א פּאָר מינוט הויבט זיך דער פויגעל אויף מיט אונז אינעווייניג, הויבט זיך פּאמעליך, אָבער זיכער אויף אַלץ העכער, העכער, העכער, און — מיר פליהען אנטקעגען דער זון!

פון עטליכע טויזענד פוס אין דער הויך זעהט ענגלאנד אויס פּראַכטפול. ביים פליהען אין שלעכטען וועטער איז יעדע מינוט א שעה. אין גוטען וועטער איז יעדע שעה א מינוט. אָט זיינען מיר שוין ביים קאנאל, און אָט אריבער דעם קאנאל, און מיר פליהען שוין איבער האַג! איך דערקען די שטאָדט לויט דעם נייעם „האוזינג" פּראַיעקט, וואָס זיי האָבען ערשט פארענדיגט. איך שמיד מיך צו מיט׳ן געזיכט צום פענסטער — ווי וואונדערליך האָלאנד איז פון דער לופט!

אונטען איז האָלאנד א פלאַך בלאַטיג לאנד מיט קאנאלען, אָפּט באַדעקט מיט גרינעם געמויזעכטס, מיט בהמות און ווינד־מילען. פון אויבען איז עס א געטליכע פּראַבלעם אין געאָמעטריע. די ארבייט פון הונדערטע יאָהרען, די קולטיווירונג פון לאנד און וואסער שטראַלט אנטקעגען פון יעדען ווינקעל. דאַס אויג זעהט פאר פילע מיילען און יעדער אינטש איז א מאָנומענט צו פליים, צו ארבייט, צו פרידען. אין דעם ווייכען שיין פון אן אויפגעהענדער זון בענטש איך דאַס לאנד פון ספּינאָזא און אין וועניגער ווי צוויי שטונדען פון לאָנדאָן לאָזען מיר זיך אראָפּ אויף דעם פליה־פעלד פון אמסטער־דאַם.

שוועסטער און ברידער פון דעם פויגעל, וואָס האָט מיך געבראַכט פון לאָנדאָן, פילען אָן דעם ריזיגען פעלד. יעדע מינוט קומט אזא צו פליהען אָדער הויבט זיך אויף. עס ווילט זיך ניט פארלאָזען די לופט־דעפּאָ — אזוי פיל לעבען, אזוי פיל שעהנקייט, אזוי פיל שטאָלץ פון דערגרייכונג. אָבער דאַס עופה׳לע, וואָס שלאָפט נאָך אַלץ אין קערבעל, איז שוין אדורך מיט איהר מוטער און די באַאמטע ווארטען אויף מיר. און איידער ס׳איז צייט פאר פרישטיק בין איך שוין אין האָטעל.

שפינאָזאַ און מנשה בן־ישראל באַאומרוהיגען מיך אין אמס־טערדאַם, וואו איך גיי און וואו איך שטיי פאָלגען זיי מיר נאָך. איך קוק אויפ׳ן אַמסטעל אָנגעפילט מיט שיפען און איך זעה א גרויס שער־בלאַט: „נדפס באמשטרדם״. איך רייד מיט ע. קיופערס, דעם קרעפטיגען פיהרער פון די האָלענדישע געווערקשאַפטען, און איך זעה הינטער איהם א מאַן איבערגעבויגען אויף א שלייף־גלאָז. ביז שפּעט נאָכמיטאָג זיץ איך אין די ביוראָס פון די טראַנספּאָרט־ארבייטער, שניידער־ארבייטער, געזאמטס־פאַרבאַנד, פאַבריק־אָנגע־שטעלטע, סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, און הינטער אַלע געשפּרעכען און זוכענישען זינגט די אידישע פאַרגאַנגענהייט. ווי היימיש און נאָהענט און באַקאַנט איז די שטאָט, וואו איך בין צום ערשטען מאָל! ווער פון מיינע זיידעס איז דאָ געווען פאַרנומען אין הייליגען טראַכטען? דורך וועמען איז אַמסטערדאַם אריין אין מיין בלוט?

נאָכמיטאָג פאָהר איך ארוים אין די באַריהמטע האָלענדישע „האוזינג״ און איך פיהל נאָך מעהר אין דער היים. גיט א פראַנ־צויז א קופּע ציגעל און א קופּע שינדלען, וועט ער מאַכען אַן אויס־שטעלונג; גיט עס אַן ענגלענדער, וועט ער דערפון מאַכען א הויז; גיט עס א האָלענדער, וועט ער דערפון מאַכען א היים. וואו וואָהנט רייך און וואו וואָהנט אָרים? קיינער קען עס דאָ ניט זאָגען. ווייל א אמת׳ע היים איז ניט געבויט נאָר פון מאַטעריאַלען, נאָר אויך פון דעם, ווי מענשען, הימעל און ערד פּאַסען זיך אין דעם אריין.

צוריק אין האָטעל און — אַלץ איז פאַרשוואונדען. א סעקרע־טאַר פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער יוניאָן דערצעהלט וועגען דייטשלאַנד. אַלץ פאַרשווינדט, אויסער די דייטשע שיפען, וואָס איך האָב געזעהן לאָדען אין דעם אַמסטעל, און דער געפיהל, אַז א גליטשיגער, העס־ליכער אָקטאָפּוס רינגעלט ארום מיין ליבע שטאָט.

שפּעט ביינאַכט שפּאַציר איך אליין ביי די ברעגען פון טייך און אין אידען־קוואַרטאַל, און אַלץ פּלאָנטערט זיך אין קאָפּ; אַלע איינדרוקען, געשפּרעכען און טראַכטעענישען ווערען פעדים פון איין קנויל, פון איין פראַגע: פאַרוואָס זאָל א וועלט, וואָס האָט אזוי פיל געשאַפען, זיין אין געפאַהר פון א מאַכט, וואָס האָט אזוי פיל פאַר־ניכטעט?

13 סעפטעמבער

א טאָג פון מאָדערנער ארכיטעקטור און וואוינונגען. גאנץ פריה אין הילפערזאָם, וואו עס שטעהט דיוראק׳ס באריהמטע ראט־הויז, א געביידע פון לויטער „ענגעלס״, א סימפאָניע פון גראדע ליניעס און פארביגע פלאַכקייטען אָפּגעשפּיגעלט אין א שטילען וואסער! איינע פון די וואונדערליכסטע געביידעס אין דער וועלט, אין א שטאָט געבויט פון ארבייטער פאר ארבייטער. און א שפּאַציר דורך דער „בלומען־קווארטיר״, דעם נייעם קווארטאל פון ארבייטער־וואוינונגען — רחבות, בלומען, ווייכקייט, היימליכקייט און קאָמפאָרט פאר פינף גילדערס א וואָך.

אָבער מיין גרעסטע סענסאציע איז, וואָס דאָס איז די ערשטע שטאָט, וואו איך האָב ניט קיין אדרעס. פינף און זיבעציג טויזענט מענשען און קיינער קען מיך ניט און איך קען קיינעם ניט. דאָס איז פרייהייט! דאָ קען איך זיין קלוג אָדער נאריש, שעהן אדער מיאוס, גוט אָדער שלעכט; דאָ דארף איך ניט אויסשטעהן דעם בזיון פון קריטיק און די פיין פון לויב; דאָ בין איך נאָר איינער פון פינף און זיבעציג טויזענט.

איך פארלאָז די שטאָט מיט פארדרוס און קום אין ראָטערדאם צו פארברענגען א נאָכמיטאג אין אָנקוקען נאָך מעהר און מעהר „האוזינג״. א לעבעדיגע שטאָט, א שעהנע שטאָט; אָבער מיין עמפּפינדליכקייט איז שוין פארטעמפּט. דערצו איז ראָטערדאם צו־נאָהענט צו א גרענעץ, צו־קאָסמאָפּאָליטיש, און ווען דער צוג ברענגט מיך שפּעט אין אָוונט קיין אנטווערפּען אין א גוס־רעגען און אויפ׳ן וואָקזאל באגעגענט מיך טאָני סענדער מיט די גרויסע שווארצע אויגען און וועהמיטליכען שמייכעל, בין איך ווידער אין דער היים. ביז שפּעט אין אָוונט ריידען מיר וועגען אמעריקע און איי־ראָפּע, אין שאָטען פון הייליגען פּאָול׳ס קאטעדראל, אין פראָנט פון דער אלטער־אלטער שטאָט־הויז און אין די גאסען וואָס ציהען זיך ביים טייך, און עס איז באזונדערס ווארים און היימליך; ווייל פון אלע ווינקלען ווארפען זיך אין די אויגען די פּראָקלאמאציעס פון מעיאָר קאמיל הויזמאנס, געוועזענער סעקרעטאר פון סאָציאַליס־טישען אינטערנאציאָנאל.

סעפּטעמבער 14

אויפ'ן גרויסען רינג־בולוואר פון ברוסעל שפּאַצירען לאַנגזאַם, אָפּשטעלענדיג זיך און מאַכענדיג מיט די הענט, צוויי מענשען. איי־נער איז פון מיטעלען וואוקס, עטוואָס איינגעבויגען, מיט א ריזיגען קאָפּ, הויכען שטערען און גרויסע בולט'ע ברוינע אויגען, א מאַן פון אייראָפּע; דער צווייטער — א הויכער, א דארער, און אויסערליך געלאַסענער, א מאַן פון אַמעריקע. איינער פרעגט קורץ, אָפּגעהאַקט; דער צווייטער ענטפערט לאַנגזאַם אָבער גרינדליך. מען רעדט האַלב־ענגליש, האַלב־דייטש, האַלב־אידיש, אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך פון סאָציאַליסטען; אָבער הינטערביידען ציהען זיך לאַנגע פּעדים צוריק אין דער פאַרגאַנגענהייט, און הינטער דעם געשפּרעך — אידישער אומרוה וועגען אידען אין א בייט פון ענדערונג און שטור־רעם. צוריק, שפּעט־שפּעט ביינאַכט, געה איך אליין, אבער פרידריך אדלער'ס גרויסע אויגען פאָרשען מיינע געדאַנקען און טראַכטען מיט.

סעפּטעמבער 15, 16, 17

א קאַליידעסקאָפּ פון פּנים'ער און געביידעס, א פּראָצעסיע פון געשפּרעכען און דיסקוסיעס. באַזוכען אין הויפּט־ביוראָ פון אינ־טערנאַציאָנאַל, אין די געווערקשאַפטען, אין דער פּאַרטיי, ביי וואַנ־דערוועלדע. א פּאָר שטונדען פאַרנאַכט אויף דער וועלט־אויסשטע־לונג, וואו די איטאַליענישע געביידע לויערט מיט איהרע אכצעהן טורמע־עטאַזשען און צוויי שווארצע פליגעל... לאַנגע געשפּרעכען מיט וו. מ., דעם באַריהמטען דייטשען רעוואָלוציאָנער, מיט א פּנים פון א סאָלדאַט און א גייסט פון זשעליאַבאָוו. און א באַזוך אין א שפּיצען־פאַבריק, וואו געשיקטע פינגער שטריקען טרוימען אויס אין דעליקאַטע שפּיצען... איך קויף א קליין דין שטיקעלע ווי א געטליכע שפּינוועבס און יעדעס מאָל וואָס איך קוק אויף דעם, באַוואונדער איך די קונסט פון דעם און באַוויין די פינף וואָכען, וואָס עס האָט גענומען דאָס צו מאַכען. די פינגער וואָס האָבען געמאַכט פון פאָדים אָט די איידעלע פאָעמע, וועלען נאָך אפשר אמאָל בויען א בריק צו א נייער וועלט.

ביינאַכט נעם איך דעם צוג נאָך דער שווייץ.

סעפטעמבער 18

דער טראַמוויי פון טונערזועע צו דעם דערפעל, וואו איך דאַרף זיך באַגעגענען מיט עטליכע געגאַסען פון דייטשלאַנד, געהט לאַנגזאַם פאַרביי דער וואונדערליכער אַזיערע, באַוואַכט פון מאַיעסטעטישע בערג. שווייץ איז ניט מיין לאַנד. עס איז שעהנקייט פאַר זיך אליין. קוקענדיג אויף דער שווייצאַרישער לאַנדשאַפט, מוז מען טראַכטען פון די געטער — און זיי זיינען אַזוי גרויזאַם! זאַכען וואָס מען קען ניט באַוועגען זיינען פיינדליך צו מיר...

פאַרברענגען מיר אַ גאַנצען טאָג צוזאַמען — פינף אַריער און איך. און איך קען אַלץ ניט פאַרשטעהן, ווי אַזוי אַזאַ אינטעליגענט, געזעצט און עהרליך פאָלק קען דולדען אַזאַ גרויזאַמקייט. זיי פאַר־שטעהען עס אויך ניט און דאָס מאַכט אַ ביסעל היימישער. שפּעט נאָכמיטאָג קער איך זיך אום אין בערן. איך שטעה אַ ווײַלע ביים פּאַרענטש פון בונדעס־ראַט־הויז, באַוואונדער דעם וואונדערליכען טאָל מיט'ן טייך אין מיטען, קויף זיך אַ פּאָר שעהנע פּאָסט־קאַרטס־פּייזאַזשען, וועלכע איך האָב קיינמאָל קיין צייט ניט צו אַדרעסירען, און פאַרברענג דעם גאַנצען אָווענט ביז צוג־צייט מיט געגאַסע ראַ־בערט גרים, דעם פיהרער פון די שווייצאַרישע סאָציאַליסטען. אין קאַפע איז טומעלדיג און אָנגערויכערט, אָבער אונזער געשפּרעך איז ווייט־ווייט פון דער קאַפע.

סעפטעמבער 19

דער צוג פליהט דורך די פאַרשטעט פון פּאַריז און עס איז אומעטיג. מיין רייזע איז פאַרענדיגט, אָבער די אַרבייט איז ערשט אָנגעפאַנגען און — אַזוי פיל באַקאַנטשאַפטען ניט־פאַרקניפּטע, אַזוי פיל נייעסען ניט־דערפאַרשטע, אַזוי פיל קאָנטאַקטען ניט־פאַרצעמענ־טעוועטע!

פּאַריז איז שוין די פאַרהויז צו ניו יאָרק, און זעקס טעג שווינד־לען דורך ווי אַן ענדלאָזער חלום. מיטינגען, טרעפעגישען, דיסקו־סיעס, קבלת־פּנים'ס. עס ווילט זיך אַזוי פאַרברענגען אַ גאַנצען אָווענט מיט אייגענע און נאָהענטע — מיט אַש'ן, מיט אַבראַמאָ־וויטש'ן, מיט שניאור'ן, מיט פראַנץ'ן, מיט די גלאַזערס, מיט אייג־האָרנ'ען, מיט לאַנגע, מיט די „אַרט"־חברים; אָבער די ניו יאָרקער צייט־מאַשינקע אַרבייט אָהן רחמנות, צוטרענצעלט די טעג און די

שטונדעז אויף שטיקלאך און ברעקלאך גאָרנישט, און איך בלייב אומבאַפרידיגט.

ווען די שיף ריהרט זיך ארויס פון דעם האפען אין האוור, בלייב איך אין קאבינע. פארצייכענט אלס פּאסאזשיר בין איך אויף דער „לאפאיעט", אָבער אין תוך פאָהר איך נאָך אלץ אויף צוגען און שיפען און עראָפּלאנען פון שטאָט צו שטאָט, פון לאנד צו לאנד, פרעגענדיג און ענטפערענדיג, זוכענדיג און פאָרשענדיג —

איירָאָפּע, ווי איך האָב דיך ליב און ווי איך האָב פאר דיר מורא!

בריוולאַך צו אַ פריינד

מיין ליבער פריינט:—

אין קיין איין צייט האָב איך אזוי שטאַרק ניט געפיהלט אז איך בין א איד ווי איצט. יענער באַזונדער אידעאַלער געפיהל פון שטאָלץ און וועהטאָג, וואָס האָט באַוועגט מיינע אבות אבותי, באַוועגט איצט אויך מיך, און ס'געהט קיין טאָג ניט אריבער, אז איך זאָל ניט דענקען וועגען דעם, ווי איך זאָל די אידישקייט מיינע איינפאַסען אין מיין איבעריגען איך און ניט ווערען דערביי צובראָכען. גאַנץ אָפט, אין חלום און פארחלום'טען וואָהר, זעה איך מיין אָרימע, בלאַסע ליטע מיט איהר פלאַכער רחבות זיך שפּרייטען פאַר מיינע אויגען רעכטס און לינקס: דינע שלאַנקע בעריאָזעס און נידעריגע יאָלקעס שומען צווישען פעלד און פעלד, איינזאַם און דאָך שעהן; שמאָלע טייכען ציהען זיך דורך נידעריגע לאָנקעס, באַוואַקסען מיט גראָז און איער; זאַמדיגע און קויטיגע וועגען ווערען פארלאָרען צווישען נידעריגע קוסטען, און קראָהען קראָען איבער הויכע בוימער, דרעהענדיג זיך אין ברייטע מיסטישע צירקלען... און איך געדענק און ליב מיין שוהל און מיין בית עלמין, מיין חדר און מיין רבי'ן, און דעם גרויסען פּוסטען מארק, וואו איך האָב סטעזשקעס אויסגעטראָטען, געהענדיג אין בית המדרש.

אָבער דאָס אַלץ אהינטער און איז פארשוואונדען מיט מיין יוגענד. עס ווילט זיך מיר אמאָל קומען צוריק צו אָט די וויאָרסטשטיינער פון מיין פארגאַנגענהייט, און רוען ווידער אין זייער שאָטען, אָבער בעפאָר מיר, באַלייכטענדיג מיין וועג אמאָל מיט זונענליכט און אמאָל מיט בליץ, פירענדיג מיך פאָרווערטס אמאָל דורך באַשמעקטע שטעגלאַך און אמאָל דורך שמוציגע שווערע וועגען, זעה איך דאָך נאָר איין זאַך — אמעריקע.

ווען איך בין אָנגעקומען אין ניו יאָרק מיט א יאָהר זיבען צוריק, האָט זיך געבויט דער קווינסבאָראָ בריק. דער צופאָר פון ביידע זייטען איז געווען פארוואָרפען מיט שטאָהל, אייזען, האָלץ און שמוץ. דער בריק אליין איז נאָך ניט געווען געפארבט און פילע טיילען נאָך ניט פארענדיגט, אבער איבער די טונקעלע וואסערען פון איסט ריווער (טייך) האָט ער זיך שוין געהויבען ווי דער טרוים פון דער ריזיגער שטאָדט, ווי דער שליאַך פון א שטאָלצער מענש־הייט. דו האָסט דאָסזעלבע אויך געקענט זעהן מיט א יאָהר צוויי צוריק, ווען דער פרעכטיגער מאנהעטען בריק האָט זיך געהאלטען אין פארענדיגען, ווען פון אהינטער בערג אונאָרדנונג און געשמאַק־לאָזיגקייטען האָט זיך שוין געהויבען זיין שטאָלענע מאסע אזוי גראציעז און אזוי מעכטיג!

אָט די ניט־פארענדיגטע שטאָהל־מאסע איבער די שנעלע, טיפע וואסערען פון ניו יאָרקער טייכען, אָט די שעהנקייט וואָס האלט אין געבארען ווערען דורך ארבייט און ערפאהרונג פון צווישען כאָאָס און געשמאקלאָזיגקייט, אָט דער שטרעבען אריבערצושפאנען די גרעסטע טיפענישען, אריבער וועגען פון שטאָהל, אייזען און וויסענ־שאַפט, דאָס איז פאר מיר אמעריקע.

האָסטו אמאָל געבלאָנדזשעט אויף דער ניו יאָרקער וועסט־סייד, מיט'ן פלוס פון האָדסאָן? האָסטו אמאָל בעאָבאכטעט די בויערי ארום צוויי־דריי פארטאָג, פון אהינטער אן עלעוויטאָר סלופ פון טשעטהעם סקווער? האָסטו אמאָל גוט געזעהן די וואולוואָירטה געביידע? האָסטו אמאָל געשטופט זיך מיט'ן עולם פארנאכט אויף ריווינגטאָן און עסעקס גאסען? ביזטו אמאָל בכיון געפאָרען מיט דעם פאראָם פון האָבאָקען ביינאכט, כדי צו זעהן די מיליאָנען פייערן פון דאון־טאַון און באוואונדערען זייער נייע און מעכטיגע שעהנהייט? האָסטו אמאָל געשפאצירט ווייט מיט די פעליסיידס, מיט דעם האָדסאָן צו רעכט און ניו דזשוירזי צו לינקס? האָסטו זיך אמאָל געדרעהט גלאָט אזוי, א בליאסק אויף א טאָג, אין די גאסען פון א גרויסער אמעריקאנער שטאָט, ווען דאָס פאָלק עפענט ערשט די אויגען און הויבט זיך אָן צו טשוכען פון דער נאכט?

האָסטו אמאָל באוואונדערט דעם פּלאַץ בעפאָר דער פאָלקס־ביבליאָטעק אין באָסטאָן? די „גרין" פון ניו הייווען, דעם אלטען

איינגעלעבטען צוויבער פון קעמברידזש, די לעבעדיגקייט פון פּראָווי־דענס, די הויכע עלם־בוימער פון סטעמפּאָרד, די שטעדט און שטעטלאך פון דעם ניו־ענגלאַנד ברעג? באַפאַלאָ, קליוולאַנד, דע־טראָיט, דולוטה — די טרוים־שטעדט פון די ריזיגע אָזיערעס, דער האַרץ־פּולס פון דער פּראָגרעסיווער אמעריקע? אָדער די פאַרשאָל־טענע, געבענשטע, וואונדערבאַרע שיקאַגאָ, די מיסטישע, פאַררוי־כערטע, פאַרוואָלקענטע, דאָך לעבעדיגע, איינגעגאַרטיגע פּיטסבורג?

האָסטו אַמאָל געשפּאַצירט אַרום די קאַפּיטאָל־הויז אין דענווער פאַרביי די קליינע, לעבעדיגע אָזיערעס פון מינעאַפּאָלים, און די זויבערע, צוריקגעצויגענע גאַסען פון סאָלט לייק סיטי? איבער די בולוואַרען פון קענזעס סיטי?

האָסטו נאָכגעפאָלגט ביי זונענאונטערגאַנג דעם שפּיל פון פאַר־בען איבער דעם פּאַסיפיק פון אַ באַנק אין סוטראָ האַיטס אין סאַן־פראַנציסקאָ? ביזטו געווען אַמאָל פאַר׳שיכור׳ט פון די ריחות פון אָרענדזש, בליטהען אין די פאָרשטעדט פון לאָס אַנדזשעלעס? האָסטו געקוקט אויף גאָט׳ס וועלט פון צווישען די פּאַלמען פון סאַן דיעגאָ אָדער דזשעקסאָנוויל אָדער סאַוואַנאַה?

האָסטו געדאַווענט שטיל אין האַרצען, שטעהענדיג אָהן אַ היטעל פאַר דעם אינדעפּענדענס האָל אין פילאַדעלפיאַ? האָסטו געפיהלט שטאָלצער און שטאַרקער באַטרעטענדיג די מאַרמאָר־פּאַלאַצען פון וואַשינגטאָן ווי אַ בירגער און ניט ווי אַן אונטערטאַן?

די ערשטע זאַך אין אַ היים מוז מען ליבען אַליין דאָס הויז. די קאָמבינאַציע פון טויטען מאַטעריאַל, דעם באָדען און מאַטע־ריעלע אומגעבונג. און איך האָב ליב די אַמעריקאַנער שטעדט און די אַמעריקאַנער נאַטור. איך געפין (איך פאַרגעס עס קיינמאָל ניט) אַז אָנשטאָט די קאָלירלאָזיגקייט און בלוטלאָזיגקייט פון דער ליטאַ האָט מיר דער שיקזאַל באַשענקט מיט אַ נאַטירליכער אומגעבונג, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכען אין דער וועלט. און איך ליב זיי ניט ווי אַן אַרטיסט, נאָר צוליב די קאָלירען, נאָר ווי אַ בירגער, פיהלענדיג אַז דאָס איז מיינע.

צי איך פאַרנעם די געזאָלצענע ריחות פון ים, שפּאַצירענדיג אויפ׳ן באָרדוואָק אין אַטלאַנטיק סיטי אָדער פישענדיג אין שיפּסהעד בעי; איך קען זיך ניט אָנקוקען אויף די צויבער־וואַסערן פון סוסקע־

האנא, די ברעגען פון האָדסאָן, די ראָמאַנטישע גרויסקייט פון דער מיסיסיפּי, די געטליכע קאָנטורען פון קאָלאָמביא ריווער; צי איך שטעל אָן מיין קאָלנער אנטקעגען די ווינטען וואָס בלאָזען אראָב אויפ'ן טאָל פון די פעלזען־בערג און קאַסקאַדען בערג; צי איך באַוואונדער נאַטור'ס אייביגע פּראַכט צווישען די פּאַלמען און רויטע „פּאַפּיס" פון קאַליפאָרניאַ; צי איך באַטרעט מיט מיינע פיס די געהיימניס פון דער גרענד קעניאָן אָדער די קליינע קינדער־פּאַרקס אין א גרויסער שטאָדט — אומעטום און שטענדיג פיהל איך אז דאָס אלעס איז מיינע און וועט זיין מיינע קינדער'ס.

אין ליטע איז נאָר מיין אָרימע שטעטעל געוועזן מיינע, און דאָס אויך נאָר ווען די גוים זיינען אהין ניט געקומען א זונטאָג אדער צו א יריד; אין בערלין האָב איך אלעס געטאָרט טאָן נאָר אונטער עמיצענס אויפזיכט; אין פּאַריז און לאָנדאָן האָב איך געזעהן מעהר בית־עולם'ס און מאָנומענטען ווי איך האָב געוואָלט, און איעדע שעהנע גאַס אין פּאַריז האָט געהערט צו די פּאַרפּאָלגער פון דרייפוס'ן — דאָ צום ערשטען מאָל פיהל איך פריי צו זעהן די וועלט ווי איך וויל זי זעהן.

און דעריבער קען איך פאַרגעמען זעהר גוטמוטיג געג. צביונ'ס געלונגענע וויצען איבער מיר, ווייל קיין חוזק קען ניט צושטערען מיין פיהלען, אז איך האָב א היים, און דערפאַר בין איך אָפט אזוי סענטימענטאַל, ווייל איך לעב ערשט דורך דעם האָניג־מאָנאַט פון אמת'ן בירגערטום.

דיין וולאדעק

די נייע וועלט, ניו יאָרק, פעברואַר 4טען, 1916

מיין טייערער פריינט:—

טאָמער וועט דאָס בריוועל צו דיר ניט קומען וועט עס זיכער זיין די שולד פון פּאָסטמאַן, אָדער פון דעם ווערטען רעדאַקטאָר וועלכער וועט הייסען דעם פּאָסטמאַן נעמען דעם בריף צוריק.

איך רייד אנטקעגען דעם, וואָס איך גלויב, אז דער ווערטער רעדאַקטאָר פון „וועקער" איז געוואָרען פאַר מיר צו פרום. איך אליין

בין בטבע ניט פון די גרויסע צדיקים און איך האָב א צדיקים־וועלט ווי דעם טויט. ווען חס ושלום נאָך דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע זאָלען אַלע מיט אמאָל ווערען צדיקים, וועל איך אדער בא־געהן זעלבסטמאָרד, אדער איך וועל פאַדערען, אז די סאָציאַלע רעוואָלוציע זאָל אָפּגעשאַפט ווערען.

איך קען זיך ניט פאָרשטעלען וואָס דאָס איז פאר א פאר־געניגען צו האָבען אַלע מענשען גלייך פאָלקאָמען, אדער אַלע מייד־לאך גלייך שעהן. מיר, צום ביישפּיל, אַרט גאָר ניט וואָס „אלף׳ן" האָט מען ניט ליב. איך בין כמעט ווי זיכער, אַז זיין ווייב ליבט איהם. און דאָס איז געגוג אפילו פאר אן אָנהענגער פון דריטען אינטערנאַציאָנאָל. מיך אַרט אויך ניט ווי אזוי „בית" שרייבט, צי ער שרייבט אליין צי ער שרייבט ווי אנדערע הייסען איהם. אויב דאָס איז אן אַנדערער, וואָס פיהרט מיט „בית׳ס" פעדער, וואָלט איך וועלען אויסגעפינען ווער ער איז און בעטען דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" ער זאָל איהם אריינגעמען אלס מיטארבייטער. „גימל" אפשר האָט טאַקע אַלעס באַגראָבען צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט, אבער די אָנדערטייקער ביזנעס (לויה־אויסשטאַטונג) אין אמעריקע איז א גאַנץ גוטע און איך זעה ניט איין פאר וואָס אירגענד ווער זאָל פאר איהם רעקלאַמירען א געשעפט.

איך האָב ניט קיין שום פארגעניגען פון באַקעמפען קאַליקעס. די איינציגע אורזאכע פארוואָס איך שלאָג ניט מיינע קינדער איז ווייל איך ווייס, אז זיי קענען מיר ניט שלאָגען אזוי גוט צוריק. און איך זעה ניט איין וואָס דאָס איז פאר א געוואַלדיגער כבוד פאר אונז צו באַזיגען מענשען וועלכע זיינען גאָרניט ווערט.

אין דעם געשעפט פון חטאים זוכעריי איז נאָך דאָ אויך די אומבאַקוועמליכקייט, וואָס עס איז ניטאָ דער מענש אין וועמעס חטאים מען זאָל זיך קענען דערגרונטעווען. אָט געהט זיך א מענש מיט א שטריימעל און זשופּיצע און מיט ווייסע זאָקען, ערשט פון מקוה ארויס. ווייבער פארקוקען זיך אויף איהם און מענער לאָזען אראָפּ די אויגען, פארשעהמט פון זיין קדושה. נאָר איהר שפּילעט פאַרנאַנדער די זשופּיצע און איהר זעהט גאָר א טענצערקע פון א בורלעסק. וויפיל שלאַנגען און ווערים און שרצים עס לעבען אין כבוד און רחבות אין די הערצער פון רביאים און צדיקים! איז

דאָך דאָס א מעשה אָהן א סוף. דו געפינסט אויס, אז איינעם ליבט מען ניט און דענקסט, אז דו האָסט ערפונדען אמעריקע און רעקלאמירט דאָס פאר דער גאנצער וועלט. נאָכדעם לאָזט זיך אויס, אז דאָס איז יענעמס קלענסטער חסרון, אז אויסער דעם וואָס קיינער ליבט איהם ניט האָט ער אויך גע׳גנב׳עט א פּאָר קאשטאנאָווע פערד און האָט צוויי מאָל געשטימט אויף דעם נאָמען פון א טויטען אירלאנדער.

אָדער, דו געפינסט אויס, אז דאָס וואָס איינער שרייבט איז ניט אויפריכטיג און דו מיינסט, אז דו קוילעסט יענעם אוועק, נאָכ־דעם לאָזט זיך גאָר אויס, אז אויפריכטיג איז דאָס דוקא יאָ, נאָר עס טויג גלאַט אויף כפּרות מיט דער גאַנצער אויפריכטיגקייט.

דערפאר האלט איך פון כלל, אז אלע מענשען זיינען גוט און וואויל. בין איך מן הסתם אויך גוט און וואויל, און אויב מיר דארפען קעמפען, זאָלען קעמפען צווישען זיך גוטע און וואוילע, און ניט קאַליקעס אדן באנדיטען, ווייל אפילו אין קאמף פון גוטע און וואוילע איז אויך דאָ א היבש ביסעל שטויב און — פארפיום אין גענזענפיסלאַך.

איך גלויב, אז „אלף״, „בית״ און „גימל״ זיינען די פיינסטע מענשען אויף דער וועלט און דערפאר איז פאר מיר א פארגעניגען צו וויסען, אז איך בין גערעכטער פון אָט די פיינסטע מענשען, פאר־שטעה בעסער פאַר זיי, זעה מעהר פאַר זיי און טו נוצליכער פאַר זיי.

איבערהויפּט בין איך דאַנקען דיין פרומקייט צוליב דעם, וואָס זי איז ניט אָריגינעל. דו האָסט זי ניט אָנגעפאנגען. טאָ פאַרוואָס זאָלסטו זיי נאָכמאַכען.

מיין פריינט, איך וויל שלאָפען אין א ריינעם בעט, מיט אָפענע פענסטער און מיט א ריינעם געמיט.

דיין וולאַדעק

דער וועקער, ניו יאָרק, אָקטאָבער 29טען, 1921

מיין טייערער פריינט:—

איך וויל דיר אָפּגעבען א מזל טוב מיט א ביסעל הארצוועהטאָג איבער דער באַפרייאונג פון דעבס'ן.

מיר דאכט זיך שטענדיג, אז פאר אונז אידישע אימיגראנטען איז דעבס ווי פאר אירגענד וועמען פון די אמעריקאנער. מיר זיינען געקומען אהער מיט אונזערע קישענס, מיט אונזערע סאמאָ־ווארען, מיט אונזערע ווייבער, מיט אונזערע קינדער און — מיט אונזערע געטער. פאר פילעס, וואָס מיר האָבען מיטגעבראכט האָבען מיר קיין אָרט ניט געפונען. און וויניגער פאר אלץ האָבען מיר פלאַץ געפונען פאר אונזערע געטער. אמעריקע האָט זיי ניט געוואָלט אריינגעמען. קיינער האָט ניט געוואָלט אונז פאר זיי א דירה פאר־דינגען. איז געקומען דעבס, און אויף איהם האָבען מיר אונזערע געטער אויפגעהאנגען.

ער פאסט זיך אזוי אין דער פּאָרטרעטען גאַלעריע פון פּע־ראָווסקי, זשעליאבאָוו, קיבאַלטשיטש, גרשוני! ער איז אזוי פול מיט יענעם גייסט, וואָס האָט געמאכט רוסלאנד גרוים און הויך אָהן א וואָלוואָירטה בילדינג און אָהן א ברוקלין ברידזש. ער איז אזוי דורכגעקנאָטען מיט יענער פאראכטונג צו דאָס וואָכיגע און מיט יענער טרייהייט צו דאָס יום־טוב'דיגע וואָס מאכט הייליגע און רעוואָלוציאָנערען. און אז דעבס איז אריין צום צווייטען מאָל הינ־טער די שווערע טירען פון דער פעניטענשערי (טורמע) אין אטלאַנ־טאַ איז ער נאָך ביי אונז העכער און ליבער געווארען. פון דיר אדער פון מיר וואָלט מען ניט ערווארטעט, אז מיר זאָלען דאָס טאָן, און ווען מיר וואָלטען דאָס יאָ געטאָן, וואָלט מען געהאט מיט אונז רחמנות און מען וואָלט געמאכט א קאָלעקשאָן פאר אונזערע פאמיליעס. מיט דעבס'ן איז דאָס געווען נאַטירליך, אזוי נאַטירליך, אז מיר האָבען זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אז עס קען אנדערש זיין. דעבס האָט ניט אריינגעקוקט אין ביכער, וואָס מען טאָר זאָגען און וואָס מען טאָר ניט, וואָס מען מעג און וואָס מען מעג ניט, און אין געריכט האָט ער זיך ניט פארטיידיגט, ווי עס האָבען זיך

פארטיידיגט אנדערע סאָציאַליסטען און קאָמוניסטען. ער האָט זיך ניט פארטיידיגט, ווייל ער קען ניט זיין קיין באשולדיגטער; ווייל שטענדיג און אימער, פאר טויזענדער יאָהרען איז ער געווען דער אמת'ער בעל הבית. און איצט איז ער ארוים מיט דעם זעלבען שמייכעל און מיט דער זעלבער ליבע, ארוים אין א וועלט פון גע־נאָסען וואָס יעדער איינער איז גרייט צו קושען זיינע הענט און דעם שטויב פון זיינע פיס מיט גרוים פרייד.

אָבער א פרייד מיט הארצוועהטאָג. ווייל אין דער גרויסער שמחה פון זיין באפרייאונג ווייזט זיך מעהר ווי אלע מאָל ארוים דער טרויער פון אונזער צוברעקעלטקייט און באשרענקטקייט. אנ־שטאָט פרעגען זיך אליין: איז דעבס שטארק גענוג, איז דעבס גע־זונט גענוג ווידער צו נעמען דעם פאקעל און געהן באלויכטען דאָס לאנד, פרעגען מיר זיך: „דער צד און יענער צד, מיט וועמען איז ער? און הינטער אונזער פרייד איז שוין אָנגעגרייט דער מעסער מיט וועלכען איהם צו שטעכען אויב עס זאָל זיך ארויסווייזען אז ער איז מיט איין צד אָדער מיט דעם אנדערען. דעבס איז ארוים פון געפענגניש אין א משוגע'נער וועלט און צווישען אָט די משוגעים וועט ער דארפען זוכען יענע ווארימקייט און צוטרויען אָהן וועלכע ער קען ניט לעבען און ווירקען.

דיין וולאדעק

דער וועקער, ניו יאָרק, 31טען דעצעמבער, 1921

מיין טייערער פריינט:—

מיט א פּאָר מאָנאַטען צוריק בין איך געפאָרען א פארנאכט פון שיקאגא קיין מילוואָקי און האָב געזעהן איינעם פון די וואונ־דערבארסטע זונען־אונטערגאנגען, וואָס מיינע אויגען האָבען ווען עס איז פארנומען. דעם וואונדערבארסטען און טרויעריגסטען איינ־דרוק האָט אויף מיר געמאכט א גרויסער שטיק וואָלקען, וואָס האָט גערוהט אין מיטען דעם וועג פון דער אונטערגעהענדער זון. פאר א דריי־פערטעל שטונדען נאכאנאנד האָט די זון געוואָרפען אויף דעם וואָלקען אלערליי קאָלירען און ער האָט געלעבט און געאָטעמט ווי א פיינע און ריזיגע לעגענדע. און דאָן, ביסלעכווייז זיינען די פאר־בען אָפּגעשטאָרבען ביז עס איז פון איהם גאָרניט מעהר געבליבען ווי א שטיק רויהע טונקעלע מאסע, וואָס האָט פארפלעקט די קלאָר־קייט פון דעם נאכטיגען הימעל.

דער וואָלקען איז געשטאָרבען. און דעם גאנצען וועג קיין מילוואָקי האָב איך אלץ געטראכט וועגען אָט דעם וואָלקען, וואָס האָט אזוי פיין און פארביג געלעבט און איז נאָך אזא קורצען לעבען געוואָרען טויט און שווארץ. און איצט, ווען איך שרייב אָט דעם בריוועל, רוהט אין מיין הארץ ווידער א פיינער פארביגער וואָל־קען אויף אונזער האָריזאָנט, וואָס די נאכט האָט אויסגעלאָשען און געמאכט טויט.

ווי לעבעדיג און בונטיג אָט דער וואָלקען האָט זיך געשפּילט; מיט וויפיל ווירדע און לעבענס־לוסטיגקייט און שטאָלצער עקשנות ער האָט זיך באוועגט; וואָס פאר א פיינעם פּלאַץ ער האָט פארנומען אויף דעם הימעל פון אונזער עפענטליכען לעבען! נאָר עס איז געקומען דער מלאך המות און האָט אָפּגעהאַקט אלע ליכטער און פון דעם, וואָס איז געווען דער פיהרער און דער דענקער און דער ליבהאָבער און דער קינסטלער און דער שרייבער איז געוואָרען ניט מעהר ווי א טויטער אויסגעצערטער קערפּער. זיין נאָמען איז געווען מערדעם — א קורצער, אָפּגעהאַקטער, שארפער נאָמען. אבער אהינ־טער דעם נאָמען האָט געלעבט א רייכע טייערע פּערזענליכקייט, וואָס

האָט זיך ליב געמאכט דורך איהר שטאָלץ און געהויבענקייט. א שעהנע דעקאָראציע פון אונזער הימעל איז פארשוואונדען, א שעהנע לעגענדע האָט זיך אויסגעוועבט. איז דען מעגליך צו שרייבען מעהר, צו זאָגען מעהר?

זיי געזונט, שעהנער וואָלקען! זיי געזונט, פראכטפולער און טרויעריגער אונטערגאנג! דיין שאָטען וועט אויף אייביג פארבלייבען אויף דעם פאר'יתומ'טען הימעל פון מיין הארץ.

דיין וולאַדעק.

דער וועקער, ניו יאָרק, יאנואר 20טען, 1923

נאַטור־וואונדער פון אמעריקע

באַרג ווילסאָן

דער באַרג ווילסאָן געפינט זיך אין א שטונדע רייזע פון לאָס אנדזשעלעס און איז דער העכסטער באַרג אין סאַוטהערן קאַליפאָרניא — 6500 פוס הויך. אויפ'ן שפּיץ פון דעם באַרג געפינט זיך די רעגירונגס אָבסערוואַטאָריע און מען האָט אונז דערצעהלט וועגען דער וואונדערבאַרער סצענערי, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר יעדען, וואָס קלעטערט איהם ארויף.

ווען מיר האָבען אָנגעהויבען ארויפצוגעהן איז אויפ'ן הימעל געשטאַנען א פולע ליכטיגע לבנה מיט א גרויסער ראָד — אן אָנזאָג פון רעגענס. ארום איהר און אויף די שפּיצען פון די בערג האָבען געשלאָפען העלע זילבערנע וואָלקענדלאַך. די בערג האָבען געשיינט צו זיין נאָהענט און געמיטליך, און ס'האָט זיך ניט ווילענדיג געלאַכט און געזונגען.

אָבער באַלד איז דאָס וועגעל געוואָרען קרומער, העכער און שמעלער און ווען איך האָב א קוק געטאָן אונטען, האָב איך זיך ניט ווילענדיג צוגעטוליעט צו א פעלז. גלייך פון דער שמאָלער סטעזשקע אראָפּ האָט געשאָסען אן אָפּגרונד, הונדערטער פוס טיף. איין גליטש פון פוס און דו מיט עטליכע שטיינער, אָפּגעריסען דורכ'ן פאַל וועט אייך אָוועקקייקלען אין דער פינסטערער אייביגקייט.

— הו־הו! הו־הו! ע־קאָ!

און די בערג ענטפערען ברוגז און אזוי דערשטיקט. אין דער טיף הערט זיך ווי דאָס רוישען פון א וואסער, אָבער עס טרייסט אייך ניט, נאָר מאכט די פוס נאָך פאַרזיכטיגער.

און מיר געהען און געהען ביי דעם שיין פון דער לבנה און יעדער טריט איז אויסגערעכענט און פאַרזיכטיג. די לבנה איז א פאררעטערין. זי פארפולט דעם אָפּגרונד מיט בלאַסען ליכט און מען

דארף שטארק אָנשטרענגען די אויגען אום זיך פון איהר ניט לאָזען פארפירען.

אמאָל איז דאָס שמאָלע שטעגעל פארלייגט מיט אן איינגעפאַ־לענעם בוים, אָדער די ערד איז אײנגאנצען אויפגעריסען און מען דארף דעם תהום איבערשפרייזען. און וואָס ווייטער מען געהט, אַלץ וועניגער קוקט מען זיך אַרום, נאָר פאַר זיך און דער ציל ווערט דאָס געהן אליין.

מיר געהען שוין דריי שטונדען, אמאָל דערהערט זיך א שנייַ־דענדער האַ־האַ, דאָס פרעגט אָן די פארטי, וואָס איז פאר אונז אָדער הינטער אונז, אויב מיר האָבען ניט פארבלאָנדזשעט. מיר ענטפערען און הערען זיך איין מיט פארוואונדערונג צו די אייגענע שטימען:

— הו־הו־ו! הו־הא־א!

ווי הויך זיינען מיר? ווער ווייסט. די לבנה ווערט שוין באַלד פארשוואונדען און די שפּיצען פון די בערג שיינען נאָך העכער, ווי פריער. אמאָל זעצט מען זיך אביסעל צו אָפּרוען. אָבער איהר הייסט די פיס געהן ווייטער, ווייל ס'ווילט זיך דורך דער נאַכט דערגעהן ביז צו ענדע. די צוויי פרויען אין אונזער פארטי פירען זיך העלדיש און שטעהען פון אונז ניט אָב. נאָר דער יונגער מאן, וואָס וועגט אריבער 200 פונט, סאָפּעט צו, שפּארט זיך שטארק אָן אויף זיין שטעקען און זעצט זיך אָפטער צו. מיר לאַכען פון איהם און פיהלען איהם מיט, און כאָטש מיר געהען אזוי לאנג, האָבען מיר נאָך אפילו ניט דערגרייכט די האלב וועג־הויז. אָבער אָט פינקעלט דורך א קליינער פייערל. דאָס איז זי. די פיס הויבען אָן צו געהן שנעלער און באַלד זיינען מיר אין הויז. אייגענטליך איז עס ניט קיין הויז, נאָר א קרעטשמע, א גרויסער, שמוציגער צימער מיט א פּאָר פאררויכערטע לאָמפּען און א פארשלאָפענעם בעל־הבית. מיר טרינקען געדיכטע שווארצע קאָפע פון בלעכענע קאָפּס, ווער עס בייסט איבער מיט א סענדוויטש, וואָס איז אזוי אַלט ווי די בערג און מיר געהען ווייטער. אָבער די לבנה איז שוין פארגאנגען און די צווייטע העלפט וועג איז נאָך קרומער, העכער און געפערליכער. געהען מיר און טאַפּען. אמאָל האַלטען מיר זיך אָן די הענד, אמאָל טאַפּען מיר די פעלזען וואנד צו לינקס און אמאָל שטעלען מיר זיך אָב, זוכענדיג די

ריכטונג. מען רעדט זעהר ווייניג. עס איז ניט קיין צייט צו ריידען. אַט איז פון דיינעם א טריט אראָפּגעפאַלען א שטיינדעל אין אָפּגרונד און פאַר צעהנדליגע סעקונדען הערט איהר עס פאַלען ניט דערגריי־כענדיג קיין ברעג. פריער איז דער „טרעיל", די שמאָלע ווענעל געווען פון זאמד, איצט איז זי פון פעלז. איהר געהט שוין ניט מיט די פיס, נאָר מיט'ן קאָפּ, ווייל איהר דאַרפט שמעקען און הערען און גוט זיך איינקוקען איידער איהר שטעלט א פוס. ווען דאָס ווענעל פירט צווישען קוסטעס איז אזוי פינסטער, אז איהר קענט גאָר ניט זעהן, האַלט מען זיך איינע אָן די אנדערע, ווי א סטאַדע צושראָ־קענע שעפּסען און ניט מען געהט נאָר מען פויזעט. נאָך דריי שטונ־דען זיינען שוין די פיס ווי קלעצלאָך און יעדער איז באַגאָסען מיט שוויים. ווען אין מזרח האָט שוין אָנגעהויבען צו בלייכען זיך האָבען מיר דערגרייכט די דריי פערטעל וועג קרעטשמע. און דאָס ערשטע ליכט פון פרימאָרגען האָט ענטדעקט פאַר אונז א נייע און צויבערענדע פּראַכט.

אין דער טיפעניש פון טאָל, פינף טויזענד פוס טיף, איז גע־לעגען לאָס אנדזשעלעס מיט איהרע פאַרשטעט איינגאַנצען באַגאָסען מיט פייער. ווי א ריזיגע אָזערע פון רויטע פלאַמען האָט די גרויסע שטאָט געלויכטען מיט איהרע פייערען און האָט געשיינט צו זיין מעהר א געטליכע פאַנטאַזיע, א הימעלשער טרוים, איידער א ווירק־ליכקייט.

ווי פּרעכטיג א גרויסער מענשליכער ישוב איז ווען דו קוקסט אויף איהם פון אויבען אראָב! עס איז געוואָרען נאָך עטוואָס ליכ־טיגער און די פייערען ווערען בלייך און זילבערדיג, און נאָך עטוואָס ליכטיגער — און די פייערען ווערען געל און אָפּגעזונדערט, אזוי ווי דער קומענדער טאָג וואָלט צוריסען די מאַכט, וואָס האָט זיי געהאַלטען אין איין פלאַם.

אָבער פאַרקוקט זיך ניט! די זון וועט באַלד אויפגעהן און איהר קענט זי זעהן נאָר פון שפּיץ באַרג. צום גליק איז דער וועג דאָ ברייט־טער און גלאַטער און מיר לאָזען זיך שנעל צום שפּיץ. די פיס האָבען געקראָגען נייע קראַפט און זיי געהען שנעל. עס בלאָזט א קילער מאָרגען־ווינטעל און דיין פאַרשוויצטער קערפּער קען לייכט קריגען א שווערע פאַרקילונג, אָבער ווער קוקט עס אויף דעם?

—הו־הו־הו־ה! געהט שנעלער, פארשפעטיגט ניט די זון!

אין מערב־זייט איז נאָך אַלץ דונקעל. אָבער דער מזרח צינדט זיך שוין אָן מיט דעם ערשטען מאָרגען פלאַם. מיר געהען שוין ניט, נאָר מיר לויפען. א איבערנאַטירליכע קראפט טרייבט אונז העכער, העכער, העכער. טראָפענס שוויס באַצייכענען אויפ׳ן זאמד אונזער גאַנג און אָט־אָט זיינען מיר שוין ביים ציל. דורך די געדיכטע הויכע סאָסנעס פינקלען מאָדנע פארבען. נאָך אביסעל, גיכער, אָט אזוי.

מיר זיינען אויף מאָונט ווילסאָן. און — נעמט אראָב דאָס היטעל און זייט גליקליך, וואָס איהר האָט אויגען צו זעהן!

ווייט אין מזרח איז א ריזיגער פייער. א מאָדנער פייער. ער האָט אַלע קאָלירען און אַזוי פיל, אַז איהר ווייסט ניט ווי זיי אָנצו־רופען. קאָלירען אזעלכע צארטע, אזעלכע ליבע, אזעלכע איידעלע, אז עס ווילט זיך וויינען פון נחת.

און איבער׳ן הימעל איז פארשפרייט א ריזיגער פאָכער פון וואָלקענס און יעדער וואָלקענדעל האָט זיין פארב. און זיי בייטען זיך מיט יעדער סעקונדע און אייך דוכט זיך, אז פון דער טיפעניש פון דער ערד הויבען זיך טויזענדער מחנות פון מלאכים מיט גרויסע גאָלדענע טרובעס אין די הענט און זינגען שירה. צווישען אונז און דער זון איז א אונענדליכקייט פון בערג, און כאָטש זייערע ריזיגע גופ׳ן זיינען נאָך איינגעהילט אין פיאָלעטווע טומאַנען, זיינען דאָך זייערע שפיצען באגילדעט מיט א גאָלדענעם זוים — דער ערשטער קוש פון דער זון.

די גאנצע מידקייט און צובראָכענקייט איז פארשוואונדען, פאר א האלבע שטונדע האָט זיך קיינער ניט צוגעזעצט, נאָר מען איז געשטאנענ און געשמייכעלט. די טויזענדער פארבען האָבען געשפילט אין יעדענס אויגען און די גאנצע וועלט האָט געשיינט אונגעהויער ווייט און פאַנטאַסטיש.

נאָר ווען די זון איז אין גאנצען ארויף און האָט אראָפגעריסען אַלע געהיימניספולע שלייערען פון דער נאַכט, האָבען מיר דערפיהלט ווי מיד מיר זיינען...

עס איז געפעהרליך צו קלעטערען אויף בערג, אבער איהר האָט קיינמאָל קיין חרטה ניט, ווען איהר דערגרייכט דעם שפיץ.

קאַליפאָרניע

Sweep ! Sweep ! Sweep !
O ye heaven-born and deep
In one dread unbroken chorus !
We may wonder or may weep—
We may wait on God before us;
We may shout or lift a hand,
We may low down and deplore us—
But may never understand. . .

—Yosemite, Joaquim Miller.

פאַר פילע צעהנדליגע טויזענדע יאָהרען איז דאָ געלעגען אן אונגעהויער־ריזיגער „גלעטשער", א פראַסטיגע אָבער לעבעדיגע מאַסע פון אייז. פון די הויכע שפיצען פון די סיעררא נעוואדא („די שנעעאיגע בערג") האָט זיך די אייזיגע מאַסע דאָ אריינגעגליטשט צווישען די מאַיעסטעטישע פעלזען און איז געבליבען ליגען מיט איהר קאַלטען בלאַנקען רוקען אנטקעגען דער זון און די בערגיגע שטורעמס.

אזוי פרעסענדיג אויף דער ברוסט פון דער ערד, האָט דער „גלעטשער" געגראָבען און געשניצט, געריסען און געשאפען, ביז א נייע געאָלאָגישע עפּאָכע האָט איהם צושמאָלצען און איבערגעלאָזען פון איהם זיין אונשטערבליכע ווערק — די טהאָלען פון יאזעמיטע.

דעם מענשליכען קאָפּ איז שווער צו פארנעמען ווי אזוי ברעקע־לאך שנעע, די אונבאדייטענדע בלימעלאך פון דעם ווינטער'ס שטור־רעמס — און א גלעטשער איז דאָך ניט מעהר ווי א מאַסע שנעעלאך — ווי אזוי אָט די לייכטפליגעלדיגע שנעען האָבען עס געקענט אויס־בויען אָט די צויבער־טאָלען — די קרוין פון נאַטור'ס וואונדער!

דער הויפּט־טאָל פון יאזעמיטע איז א ריזיגער טעמפּעל, כמעט א מייל טיף, זיבען מייל לאַנג און פון איין ביז צוויי מיילען ברייט.

דער גרונד פון דעם טעמפּעל איז א גרינער טאָל באוואקסען מיט פּרעכטיגע באַרג־ און זון־בלומען און אויסגעזעצט מיט הויכע

שלאַנקע קאָלאָנען־בוימער — סאָסנעס און צעדערן. דורכ'ן מיטען פליסט דער טייך מערסעד, די וואסערן פון „רחמנות" — דאָס באַוועגליכע קינד פון די בערג.

דער סופיט פון אָט דעם וואונדער־טעמפּעל איז דער הימעל, און זיינע ווענט.

פון אלע זייטען הויבען זיך די ריזיגע פעלזען — בערג — די ווענט פון יאזעמיטע. פון דריי ביז פינף טויזענד פוס די הויך, דאָ גלייכע און שלאַנקע, ווי די בוימער וואָס וואקסען זיי צו־פוסען, דאָ עטוואָס צוריק געבויגען אין אַ פּאָזע פון אייביגער רוה; דאָ נאקעטע און געלבליכע פון די סאמע פאַנטאַסטישע פאָרמען און דאָ באפלעקטע מיט גרינע קוסטען און דונקעלע וועלדלאַך.

ווי געטרייע וועכטער, וועמען גאָט אליין האָט אָנפאַרטרויט די זיכערקייט פון זיין ליבסטען קינד; ווי ריזען־ריזיגע קאָלאָנען פון גאָט'ס טעמפּעל, קוקען זיי אראָב אין דעם טאָל פון יאזעמיטע— אייביגע עדות פון נאַטור'ס פּראַכט.

„על קאפּטעין" און די „קאטהעדראל־שפּיצען", „דער וואכמאן" און די „דריי ברידער", די „קעניגליכע ארקען" און דער „האלבער קופּאָל", „וואשינגטאָן'ס קאָלאָנע" און דעם „אדלער'ס־שפּיץ" — וואָס פאר אַ פארשידענע פאָרמען, וואָס פאר אן אייגענאַרטיגע געשטאַלטען, וואָס פאר אַ ריזיגע רעטענישען פון דער וועלט'ס שאַפען!

און פון זיי און איבער זיי טאנצען און זינגען אראָב די פאַנטאַסטישע וואסערפאלען — דאָ שטורעמדיגע, דאָ זינגענדיגע, אבער שטענדיג מעכטיגע, שטענדיג פּרעכטיגע וואָסערפאלען פון דעם טאָל פון יאזעמיטע!

אָט איז דער וואָסערפאל פון יאזעמיטע — דער גרעסטער און קעניגליכסטער פון זיי אלע. ער פאַלט פון ניין הונדערט פוס די הויך, ברייט, פול, און שטורעמדיג, און ס'דוכט זיך, אז ער שטראָמט גלייך פונים ריינעם הימעל אראָב.

דער גייסט פון באוועגונג אויף דעם הינטערגרונד פון אונבאוועגליכקייט; דער אייביגער פּראָטעסט פון שעהנהייט, וואָס איז איינגעשלאָסען צווישען פעלזען — דאָס איז דער וואָסערפאל פון יאזעמיטע!

אָט איז „דהי בראַידעל וועיל" — דער כלה־שלייער. פון באלד אַ האלבע מייל די הויך טאנצט ער אראָב טיף אין טאָל אריין, קושענדיג

די נאַקעטע בלאַנקע פעלזען, פאַרוויקעלט אין זילבערנע שטויבען, באַגלייט פון נאַטור׳ס זיסטער מוזיק.

און ווען די זון שטעלט זיך אַנטקעגען דעם „בראַידעל וועיל״ און איהרע שטראַהלען ברעכען זיך איבער מיט אַלע קאָלירען פון רעגען־בויגען, אויף דעם שווימענדען וואַסער, דוכט זיך, אַז דאָס קושט דער שליח פון הימעל די פּראַכט פון דער שטערבליכער ערד.

אַזוי געהענדיג פון פעלז צו פעלז, פון וואַסערפאַל צו וואַסער־פאַל, דורך די גרינע לאַנקעלאַך און איבער דעם וואַסער פון מערסעד ריווער, שטויסט איהר זיך פּלוצלונג אָן אויף „מיראָר־לעיק״, די שפּיגעל אָזערע. קושענדיג די פיס פון א ריזיגען פעלז ליגט עס רוהיג, קריסטאָל־ריין אין א זוים פון בלומען און בוימער, און איהר דער־זעהט א צווייענדיגען וואונדער — די גאַנצע פּאַנאָראַמע אַרום אָפּגע־שפּיגעלט אין דעם קלאָרען וואַסער! אויב איהר זייט אויפגעשטאַנען פריה און נאָך דערכאַפּט אין דער אָזערע די אויפגעהענדע זון, האָט איהר דאָס גרעסטע גליק, וואָס א מענשליך אויג קען האָבען — א יום־טוב פון די שעהנסטע פאַרבען, א שטילע אָבער געטליכע פּייע־רונג פון דעם טאָג׳ס געבורט!

נאָך א שטורעם אין ווינטער פאַרשווינדען אַלע קאָלירען, און עס בלייבט נאָר איין קאָליר — ווייס. דער גאַנצער טאָל, זעהט דאַן אויס, ווי אויסגעהאַקט פון איין ריזיגען שטיק זילבער. און די זון ווען זי שפּאַצירט אַרום איבער׳ן טאָל נאָכ׳ן שנעע־שטורעם צינדט אָן די שנעעלאַך מיט גאָלד און אָפּאַל און אַלעס שיינט צוגעפּוצט און אָנגעגרייט פאַר א רייכען און פאַנטאַסטישען ווינטער־פעסט.

אַמאָל דערהערט זיך דאָ א שרעקליכער קלאַנג, אַזוי ווי די דונערן פון אַלע וועלטס שטורעמס וואָלטען זיך פאַראייניגט אין איין מעכטיגען קלאַפּ. דער דונער טראָגט זיך פון קעניאָן צו קעניאָן, פון באַרג צו באַרג, אַריבער די גרויסע און קליינע טאָלען און ווערט פאַר־שווינגען מיט א קאָנוואולסיווען ציטער.

דאָס איז ניט קיין ערד־ציטערניש — דאָס איז נאָר א ריזיגע אייז־ליכטעל, עטליכע פוס די לענג און א פוס די גרעב, וועלכע איז אַראָפּגעפאַלען פון ערגעץ א באַרג־שפּיץ אין טיפען תהום אריין. און לאַנג נאָכדעם, ווי דער קלאַנג האָט פאַרשטומט אין דער לופטען, וויברירט ער נאָך לאַנג אין האַרצען, וועקענדיג שרעק און ציטער.

די סיעררא נעוואדא

די טאָלען פון יאזעמיטע זיינען א טייל פון א געבירג, וואָס ציהט זיך 500 מייל פון סאוטה צו נאָרטה — די סיעררא נעוואדא אדער „שנעעאיגע בערג".

דזשאהן מיוהר, דער באוואוסטער נאַטור־פאָרשער פון קאַלי־פאָרניע, זאָגט, אז ווען ער האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן די בערג פון דער ווייטענס זיינען זיי געווען „אזוי וואונדערליך געקאָלירט און בלאַנקענדיג, אז זיי האָבען געשיינט צו זיין ניט אָנגעטאָן אין ליכטיגקייט, נאָר אין גאַנצען צוזאַמענגעשטעלט פון ליכט ווי די ווענט פון עפּעס א פאַנטאַסטישער שטאָט".

די סיעררא'ס אויך ווי די יאזעמיטע זיינען באשאפען געווארען א דאַנק דער ארבייט פון ריזיגע גלעטשערס, וועלכע האָבען באדעקט קאַליפאָרניע אין דער גלעטשער־עפּאָכע.

צוזאַמענגעשטעלט פון שטיין און גראַניט, טיטאַנען פון אָפּט 14 טויזענד פוס די הויך, שטענדיג באדעקט מיט פּערל־ווייסען שנעע, איינגעפלאָכטען איינער אין דעם אנדערן, הויבען זיי זיך אויף אין אן אונענדליכער לאַין פון דער וויסטעניש פון דער איסט — א פרייד פאַר דעם אויג. די בערג זיינען כמעט אלע פון איין הויך און די גלייך־שלאַנקע בערג־שפּיצען שיינען ווי טרעפּ פאַר עפּעס א קעניגליכער מאַכט. נאָר פוןביידע זייטען און אין מיטען טיילען זיך אוים דריי ריזיגע שפּיצען, אלע איבער 14 טויזענד פוס די הויך — די נאָבעלע וועכטער פון די בערג. דאָס איז מאונט וואהיטני — דער העכסטער באַרג אין אמעריקע — אין דרום, מאונט ריטער אין מיטען און דער מאַיעסטעטישער שאסטא־באַרג אין צפון.

---

*) די פּאַנאָראַמאַ פון שאסטאַ־באַרג אויפ'ן פאָדערבלאַט.

און אין אָט דער פיינער בערגען־קייט איז יעדער טריט — א וואונדער, יעדער ווינקעל א מייסטערווערק!

שעהן איז די אזערע טאהאָן, וואָס ליגט טיף אין די בערג, ארומגערינגעלט פון שנעעאיגע שפּיצען און דאָך קיינמאָל פארפראָרען.

אונהיימליך אָבער פון ווילדער פּראכט זיינען די שמאָלע שטעגעלאך, וואָס דרעהען זיך צו די קעניגליכע שפּיצען דורך פעלז און וואַלד.

רייך אין קאָלירען און פאָרמען זיינען די פארשידענע זייטען פון דעם געבערג — א מאָנומענטאַלע ארבייט פון אַן אייביגקייט.

אָבער פאַנטאַסטישער און וואונדערבארער פון אַלע זיינען די „שנעע־בענערס”, די ווייסע פלעגס, וואָס פלאַטערן איבער דעם סיערא־ריעז אין דער צייט פון א שטורעם!

דער דינער פארפראָרענער שנעע־שטויב ליגט געוועהנליך רוהיג אויף די גלאַטע שפּיצען — א בלאַנקע ווייסע מאַסע. עס טרעפט אָבער אָפט, אז א גרויסער ווינד קומט צו פליען צו די בערג, הויבט אָט די זילבערנע שטויב־מאַסע אויף אין דער לופט און יאָגט זי פאַר א הונדערט מייל הויך איבער די בערג, הויך איבער דער ערד.

א ריזיגע פאָהן — הונדערט מייל די לענג און פילע הונדערטע פוס די ברייט, ווייס, פלאַטערנדיג און באוועגליך — זעהט איהר פאר די אויגען פיליכט דעם אייגענארטיגסטען שפּיל פון דער נאַטור, די סאַמע פאַנטאַסטישע שטיפעריי פון דער וועלטס סטיכיע!

אין די טיפע טאָלען און קעניאָנס (בערג שפּאַלטען) שפּיגלען זיך שטילע אָזיערעס און אויף די בערג רוקענס שפּרייטען זיך די געדיכטעסטע, רייכסטע וועלדער, וואו עס וואקסט אויך די „סעקוואָיאַ”, אָדער דער „גרויסער בוים”, — בוימער וואָס הויבען זיך אַמאָל ביז 400 פוס די הויך און אויף וועלכע דזשאָהן מיור זאָגט, אז זיי זיינען אַלט ניט ווייניגער פון פינף טויזענד יאָהר!

פון די שפּיצען פון די סיעראס זעהט איהר צוויי שטיקער לאַנד, וואָס איינע איז דער טויט און איינע דאָס לעבען, איינע די פארקערפּערונג פון מרה־שחורה און האָפנונגסלאָזיגקייט, די צוויי־

טע — געלעכטער, יוגענד און גליק. אין קיין איין פּלאַץ פון דער וועלט האָט די נאַטור ניט צונויפגעבראַכט אזעלכע שאַרפע מאָדנע קאָנטראַסטען, ווי דאָ אויף ביידע זייטען פון די בערג.

צו מזרח פון די בערג ליגט דער טויטער געלבליך־גראָהער מדבר — די וויסטעניש פון מאהאווע. אויף דעם טויטען פעלזיגען גרונד פון דער וויסטעניש וואַקסט דער שטרענגער נידריגער „סיידזשבראַש", — דער טרויעריגער קוסט פון פרוכטלאָזיגקייט, — הויבט זיך צום הימעל אַ האַרטער, מיאוס'ער קאַקטוס־בוים אדער די אָריגינעלע שטעכיגע „יוקקאַ". קיין בלום אָדער בוים, קיין קאָליר און באַוועגונג — טויט און מדבר.

אָבער צו מערב פון די בערג ליגט דהי „סענטראַל וואַלעי", דער צענטראַלער טאָל, די ריזיגע לאַנקע, וואָס איז איינגעשלאָסען צווישען די סיערראַס און די בערג פון דעם פּאַסיפישען ברעג — דער שטאַלץ, דאָס לעבען, דאָס רייכטום פון דעם גאָלדענעם סטייט.

דאָ איז אַלץ בליהונג, וואוקס און לעבען. דאָ הויבען זיך צום קלאָרען הימעל די פּרעכטיגסטע ביימער און שעהנסטע בלומען־קוסטען. דאָ וואַקסט די מאַגנאַליע מיט איהרע ווייסע בלומען און דער פּעפּער־בוים מיט זיינע לאַנגע צעפּ; דאָ שמייכעלט פון אייבי־גער יוגענד די שלאַנקע הויכע סאָסנע. דאָ וויגען זיך די בלעטער פון די פּאַלמען און עס שטאָלצירען די מאָדנע יוקאַליפּטעס, דאָ וואַקסען די וויינטרויבען און די פייגען, די עפּעל און די פלוימען, די אַפּעל־סינען און ציטראָנען — דאָס גאַנצע פּרוכט־רייכטום פון לאַנד.

עס זיינען דאָ פּלעצער אין די סיעראַס, וואו איהר קענט שטעהן צווישען שנעע, שטורעם און פראָסט און קוקען אַראָב אויף די טונקעל־גרינע אַראַנדזש־וועלדלאַך! אַרום אייך און אַריבער אייך די ווייס־קייט און ווילדקייט פון דעם צפון און אונטען די פילפּאַרביגע פּראַכט פון קאַליפאָרניער פלאַנץ־לעבען!

ווער עס האָט ניט געזעהן אַן אַפּעלסינען וועלדעל אין דער צייט, ווען די פּרוכט האַלט שוין ביי ווערען פּאַרטיג! די קיילעכ־דיגע געלע אַפּעלסינען שיינען ווי טויזענדער קליינע זונען אויף דעם גרונד פון פרישער גרינקייט. היינט די פּערפיומען פון די אַראַנדזש־בליטהען! דער בייסענדער געדיכטער פאַר'שכור'ענדער ריח פון די

דאָזיגע בליעכצען, די לופט, וואָס מאַכט אייך אַזוי ווילד און אַזוי גליקליך!

און צווישען וועלדעל און וועלדעל, פעלד און פעלד — קאַלי־פאָרניעס בלומען. זיי וואַקסען וואו נאָר זיי האָבען פּלאַץ, אַרום הייזער און בוימער, ביי די ראַנדען פון די וועגען, אויף די זייטען פון די בערגלאַך, ביי די ברעגען פון די שטראָמען, אויף די לאָנקעס און אין די גערטנער. וויפיל פאַרשידענע ליליען, פיאַלעס, ווילדע ראָזען און „פּאַפּיס", מאַרגעריטקעס און זון־בלומען! און די שעהנס־טע פון זיי — די ראָזע — גרויס, הערליך מיט איהרע סאַמעטענע בלעטלאַך, אַ וואונדער פון קאָליר און פאָרמע, און די גאָלדענע קאַליפאָרניער „פּאַפּי" — דאָס איינפאַך געל בלימעל, וואָס באַשיט קאַליפאָרניע מיט גאָלד — איהרע טאָלען און בערגלאַך, איהרע שטעדט און פאַרמען. אַ פּאַלמע צווישען אַ ים פון „פּאַפּיס", איז די שעהנסטע פּאָעמע פון פאַרבען, וואָס די נאַטור האָט ווען געזונגען.

און מען דאַרף האָבען אַליין געשפּאַצירט איבער דעם צענט־ראַלען טאָל'ס בלומען־וועג, מען דאַרף האָבען אַליין געשמעקט די טויזענדער פּערפיומען און אַליין געזעהן די טויזענדע קאָלירען, אום צו קענען די גאַנצע פּראַכט פון דעם לאַנד צווישען באַרג און באַרג.

קאַליפאָרניע, דאָס איז אַ גן־עדן צווישען צוויי בערגען־קייטען, — די סיערראַ נעוואַדאַ אין מזרח און „דהי קאָוסט רענדזש" אדער די בערג־געבירגע אין מערב. דער קאָוסט רענדזש ציהט זיך, ווי די סיערראַ נעוואַדאַ פון סאַוטה צו נאָרטה — מיט די בלויע וואַסערען פון דעם פּאַסיפישען מעער. זיי זיינען וועיט ניט אַזוי הויך, ווי זייערע ברידער אין מזרח, פיליכט ניט אַזוי מאַיעסטעטיש, ניט אַזוי שטאַרק דערמאָנענדיג אן בייזער גבורה, אבער שעהן זיינען זיי — מיט זייערע פילע פאַרבען, רייצענדע טאָלען, גרינע שאָטענדיגע וועלדלאַך און די אַראַנדזש־גראַווס, וואָס וואַקסען זיי צופוסען. אַמאָל רוקען זיי זיך צו הארט צום וואַסער, ווי איבער דעם אויסגוס פון סאַן־פראַנציסקאָ און דאַן באַשאַפען זיי אַ זיסען טרוימערישען לאַנדשאַפט, וואָס מאַכט אייער הארץ אַזוי מילד און וועהמיטליך, ווי די פיאַלעטאַווע טומאַנען איבער זייערע טונקעלע שפּיצען. אַמאָל ווידער רוקען זיי זיך אָב אביסעל פון די וואַסערן, ווי אַרום לאָס־

אנדזשעלעס, אזוי ווי וואַלטען אייך וועלען געבען די געלעגנהייט צו זעהען פון דער ווייטען דעם וואונדערליכען זונען־אונטערגאַנג אויף דעם פּאַסיפיק.

און דער, וואָס איז אמאָל געקראָכען איבער זייערע פאַרדרעהטע שמאָלע שטעגעלאַך, וואָס האָט געטרונקען וואַסער פון די קיהלע שטראָמען, וועלכע זינגען צווישען די פעלזען, און איז כאָטש איינמאָל געשטאַנען אויף דעם רעכטען שפּיץ פון זייערע בערג — דער איז שוין אויף אייביג באַצויבערט, פאַר׳כשופ׳ט אויף לעבען לאַנג. וואָס פאַר א גאָלדענע טרוימען!

איך דערמאָן זיך א זונען־אויפגאַנג אויף דעם באַרג ווילסאָן, באַלד 8 טויזענד פוס די הויך — דעם העכסטען באַרג אין דעם „קאוסט־רענדזש”.

מיר האָבען דערגרייכט דעם שפּיץ נאָך א נאַכט קלעטערן ארויף — א לעגענדארישע נאַכט פון לבנה־ליכט, מורמלען פון וואַסערן אין די טאָלען און פאַנטאַסטישע פּאַנאָראַמען.

מיר האָבען דערזעהן אין מזרח, הינטער די בערג פון סאַן־בערנארדינא, א ריזיגען פייער. ער האָט אלע קאָלירען, דער פייער, און זיי זיינען אזוי פיל, אז דו ווייסט ניט ווי זיי אָנצורופען.

און איבער׳ן הימעל איז פאַרשפּרייט א ריזיגער פּאָכער פון וואָלקענס און יעדער וואָלקענדעל האָט זיין באַזונדער פאַרב. אָבער עס בייטען זיך די פאַרבען מיט יעדער סעקונדע און אייך דוכט זיך, אז פון דער טיפעניש פון דער ערד הויבען זיך אונצעהליגע מחנות פון מלאכים מיט גרויסע גאָלדענע טרובעס אין די הענד, און זינגען שירה — איך הער, דוכט זיך, די שטילע און פייערליכע מוזיק. צווישען אונז און דער זון איז אן אונענדליכקייט פון בערג און כאָטש זייערע ריזיגע מאַסען זיינען נאָך איינגעהילט אין דורכזיכטיגע פיאָלעטעווע טומאַנען, זיינען דאָך זייערע שפּיצען באַגילדעט מיט א גאָלדענעם זוים — —דעם ערשטען קוש פון דער זון!

און, עס פאַרדריסט דיר באַלד, וואָס דו ביזט אין גאַנצען ניט איין גרויס אויג מיט א שוואַרצאַפּעל גרויס ווי דיין הארץ — מינוט נאָך מינוט אנטפּלעקט זיך די פּאַנאָראַמע ארום: טיף אונטען לאָס־אנדזשעלעס מיט איהרע צוויבער־פאַרשטעדט אין א טאָל פון אפּעל־

סינען־וועלדער און בלומען, ווייט אין מערב — א בלאָע לאנגע סטעגגע, די וואסערן פון ים, און אנטקעגען דיר אין זייער גאנצער פּראכט, די בערג פון סאן בערנארדינא!

* * *

דאָס איז דאָס לאנד פון דעם „פּאסיפיק", די „גאָלדענע וועסט", דאָס לאנד פון אוואנטיורען און גאָלד, נאטור־פּראכט און ראָמאנ־טיקס. ריזיגע בערג און צארטע בלומען, ווייטע וואונדערליכע פּאנאָ־ראמען און טיפע שרעקליכע איינזאמע קעניאָנס.

יעלאָוסטאָון פּאַרק

צו געצעהלטע מענשען — אינדיאַנער, יעגער און אוואַנטו־ריסטען — איז יעלאָוסטאָון פּאַרק געווען באַקאַנט נאָך מיט העכער אַלס הונדערט יאָהר צוריק. די אינדיאַנער האָבען דעם פּלאַץ באַ־טראַכט אַלס דעם גיהנום, און די ווייסע זיינען פּשוט געווען ער־שטוינט און דערשראָקען. טאָמער פלעגען זיי אַמאָל דערצעהלען פון דעם פאַנטאַסטישען וואונדערלאַנד — פון די זודיגע קרעניצעס, מאַיעסטעטישע „געיזערס" און אַנדערע וואונדער — האָט זיי קיינער ניט געגלויבט.

ערשט מיט אַ פערציג יאָהר צוריק האָבען איינינגע סוחרים און אוואַנטוריסטען פון דעם סטייט מאָנטאַנאַ באַשלאָסען די געגענד אויסצופאָרשען, און די ערשטע אָרגאַניזירטע עקספּעדיציע, אונטער דער פיהרערשאַפט פון גענעראַל וואַשבורן, האָט זיך געלאָזען איבער די געדרעהטע און געפעהרליכע באַרג־וועגען פון די „פעלזען־בערג" אין געהיימניספולען יעלאָוסטאָון.

דער באַריכט פון אָט דער ערשטער עקספּעדיציע האָט אויפגעע־רודערט דאָס לאַנד. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט דאַן אַוועקגעשיקט אַ צווייטע ווימענשאַפטליכע עקספּעדיציע מיט דעם געלערענטען דר. היידען אַן דער שפּיצע און אין 1872 האָט דער קאָנגרעס ערקלערט דעם יעלאָסטאָון פּאַרק אַלס נאַציאָנאַלען אייגענטום „פאַר דעם פאַרגעניגען און געניס פון פאָלק".

יעלאָוסטאָון פּאַרק איז אַ הויכע בערגיגע געגענד אין האַרץ פון די פעלזען־בערג (ראָקי מאַונטעינס) און געפינט זיך כמעט אויס־שליסליך אין דעם נאָרד־וועסטליכען טייל פון דעם שטאַאַט ווייאָמינג, אַרומגערינגעלט פון דריי זייטען מיט מאַיעסטעטישע שנעע־באַדעקטע

בערג. דער פּארק זעלבסט איז ביי א פופציג מייל די ברייט און א זיבעציג מייל די לענג. אָבער ארום איהם געפינען זיך געדיכטע בערגיגע וועלדער, וועלכע פאסען איין אין א ראַם פון טונקעל־ברוין דעם דימענט, דעם פּארק. אַט די געגענד ארום און ארום איז אויך נאציאָנאַלער אייגענטום און ווערט געהיט פון דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען.

דער ארייגפאָהר אין פּארק איז ווי אן אווערטיור פאר א גלענ־צענדער אָפּערא. פון דער סטאנציע סינאבאר זעצט איהר זיך אריין אין דעם באקוועמען און שטארקען „סטיידזש־קאוטש“, געפיהרט פון פיר און אמאָל זעקס געזונטע וועסטערן פערדלאַך, און דער וועג פיהרט אייך דורך דער גארדינער קעניאָן — א פּרעכטיג־געמאָלטע פאנאָראמע פון הויכע דונקעלע פעלזען, באדעקט מיט וואַלד, און א שטורעמדיג טיעף טייכעל, וואָס בורטשעט אין דער טיפעניש.

נאָך עטליכע מייל פאָהרען קומט איהר צום ערשטען וואונדער פון יעלאָוסטאון — „דהי מאממאטה האט ספרינגס“ — די הייסע וואסער־קוואלען.

איהר געהט אונטער צו די „טעראסען“ און איהר שפּרינגט צוריק אין ערשטוינונג. א פאנטאסטישע בילד! איינע איבער די אַנדערע הויבען זיך אונצעהלבארע טעראסען, געקאָלירט אין אַלע פארבען פון רעגענבויגען, געבויט אין אַלע מעגליכע סטאילס, און איבער זיי גיסט זיך איבער פון די הייסע קוואלען דאָס הייסע, אמאָל זודיגע וואסער. דורך די דינע קלאָרע וואסער־שטראָמען זעהט איהר די ווענד פון די טעראסען, וואָס יעדער אינטש פון זיי איז א קונסט־ווערק פאר זיך. איין טעראסע זעהט אויס ווי א ריזיגער ארגעל, וואָס געטער האָבען געבויט פאר זייער געטליכער מוזיק, די צווייטע איז ווי דער דאַך פון אן אונטערערדישען טעמפּעל, די דריטע, ווי דער באלקאָן פון א קעניגליכען פּאלאַץ. זיי הויבען זיך העכער און העכער ביז די טונקעלע שלאנקע סאָסנעס נעמען אריין זייער פּראכט צו זיך און דאָס וואסער, וואָס פליסט איבער זייערע ברעגען, זעהט אויס, ווי זייער נשמה, זייער באלעבענדער גייסט.

איהר קענט זיך אויפהויבען און אריינקוקען אין א הייסער קרעניצע. איהר פיהלט דאָן, ווי איינער וואָס קוקט אריין אין דעם

סוד פון מעשה בראשית. קיפּלינג באשרייבט זיין איינדרוק פון א הייסען קוואַל אין די פאָלגענדע ווערטער:

„עס איז געווען געמאַכט פון בלאַנקען זילבער, און עס איז געווען אָנגעפילט מיט א וואַסער אזוי ריין ווי דער הימעל. איך וויים ניט ווי טיעף אַט דער וואונדער איז. דאָס אויג האָט ארייננגע־קוקט אהינטער הוילען און גראָטען פון דימענטען אין אן אָפּגרונד, וואָס האָט זיך פארקערט דירעקט מיט די מעכטיגע פייערן פון דער ערד".

פון וואנען נעמען זיך דאָ די הייסע קוואַלען, וואָס צעהלען זיך אין פּאַרק ביז פיער טויזענד, און וואָס פליסען און זשורטשען אויף באַרג און טאָל, אין וואַלד און פעלד, אין אפּגרונד און אויפ'ן בארג־שפּיץ? פון וואנען נעמען זיך די טעראַסען מיט זייערע לעבעדיגע קאָלירען פון רויט, געל, פורפור, שוועבעל און ברוין?

די גאנצע געגענד פון דעם יעלאָוסטאָון פּאַרק איז מיט פילע צעהנדליגע טויזענדער יאָהרען צוריק געווען דער קאלך־אויווען פון דער ערד. ארום און ארום האָבען גע'שרפה'עט, געציטערט און געשאָטען מיט לאַוואַ און שוועבעל אונצעהליגע וואולקאַנען. כמעט אלע בערג ארום דעם פּאַרק זיינען אָדער אליין געוועזען וואולקאנען אָדער זיינען אויפגעבויט פון א וואולקאנ'ס זודיגער לאַוואַ. דער גאַנ־צער באָדען פון יעלאָוסטאָון איז דורכאוים פון פארהאַרטעוועטער לאַווא, און וואָס פאר א שרעקליכע וואולקאנען דאָס זיינען אמאָל געווען קענט איהר זעהן דערפון, דאָס אין איינינגע פלעצער איז די לאַווא צוויי טויזענד פוס דיק!

נאָך דער פּעריאָדע פון די וואולקאנען איז אָנגעקומען דער אייז־פּעריאָד. דאָרט, וואו אין דעם געאָלאָגישען נעכטען האָבען געשטורעמט די העלישסטע פייערן און שרעקליכסטע קאַטאַסטראָפען, איז איצט געלעגען א טויטע, שווערע, דיקע מאַסע פון אייז, — ריזיגע „גלעטשערס", — וואָס האָבען מיט זייער קאַלטער, טויטער ברוסט געקיהלט דעם צאָרן פון דער ערד. איהר קענט אין פּאַרק נאָך איצטער געפינען עדות פון יענער צייט. אין איין פלאַץ זעהט איהר א גרויסען דונקעלען שטיק פעלז, פון ארום 7 טויזענד קובישע פוס, ליגען צווישען בוימער, ווי א ריזיגע חיה הינטער שטאָלענע גראַטען. דער פעלז האָט געהערט צו די בערג, וואָס זיינען פילע

מײַלען װײַט פֿון דאַנען. די מאַסע איז האָט איהם פֿאַרשלעפּט מיט זיך, װען זי האָט זיך פֿון די בערג אַרונטערגערוקט אַהער.

די ריזיגע גלעטשערס האָבען אָבער נאָר אָפּגעקילט די איבער־פֿלעכע. די װולקאַנישע טעטיגקײט לעבט נאָך טיף אין דער ערד ביז הײַנטיגען טאָג, און דער גאַנצער יעלאָוסטאָון פּאַרק איז נאָר אַ ריזיגער דעקעל פֿון אַ ריזיגען קעסעל, װאָס האַלט נאָך אין בושעװען מיט זײַנע װילדע קרעפֿטען.

אָט די װולקאַנישע טעטיגקײט איז עס די אורזאַכע פֿון די הײסע קרעניצעס. דאָס װאַסער פֿון רעגען, שנײע און אונטערערדישע טײַכען שטויסט זיך אָן אויף צוגליהטע פֿעלזען, הויבט אָן צו זידען און שפּאַרט אַרויס צוריק, װאו נאָר עס געפֿינט אַ טירעל. אָבער הויבענדיג זיך פֿון די טיפֿענישען פֿון דער ערד דורך פֿעלזען און לײַמען, נעמט דאָס װאַסער אײַן זיך אַרײַן פֿאַרשידענע מינעראַלישע שטאָפֿען. װען דאָס װאַסער שפּאַרט אַרויס, קיהלט זיך עס אָב און די מינעראַלישע שטאָפֿען װערען אָפּגעזעצט און באַשאַפֿען די װאונ־דערליכע טעראַסען.

די גאַנצע פּראַכט פֿון „די האָט־ספּרינגס”, אַלזאָ, װערט באַ־שאַפֿען פֿון דעם װאַסער זעלבסט. אַזוי װי אַלץ אין דער נאַטור, איז די טעראַסע — דעם װאַסער'ס קינד — אַמאָל אויך דעם װאַ־סער'ס קבר. דער ברונעם אַרום װערט צו הויך און דאָס װאַסער קען איהם מעהר ניט איבערפֿליסען. אָהן דער װירקונג פֿון איהר שאַפֿער פֿאַרלירט די טעראַסע ביסלעכװײַז איהרע קאָלירען און װערט פֿאַרװאַנדעלט אין שנײע־װײַסען שטויב. אַזעלכע טויטע טעראַסען געפֿינט איהר פֿיעל אַרום די לעבעדיגע קװאַלען און זײ מאַכען דעם אײַנדרוק פֿון אַ בית־עלמין...

די פֿאַנטאַסטישע טעראַסען זײַנען אָבער ניט דאָס גרעסטע װאונדער פֿונ'ם פּאַרק. דאָס איז נאָר אַ גועניאַל־געצײכענטער פֿאָרער־בלעטעל צו אַ גועניאַל־געשריבענעם בוך.

דעם נעקסטען פֿריהמאָרגען זעצט איהר זיך װידער אַרײַן אין „סטעידזש־קאָוטש” און איהר הויבט אָן אײַער אײַגענטליכע רײַזע דורכ'ן פּאַרק. דער װעג פֿון די הײסע קװאַלען פֿיהרט דורך דעם „גאָלדענעם טויער” — „דהי גאָלדען גײט” — ריזיגע ברוינליך־געלע פֿעלזען, װאָס הויבען זיך משופּע'דיג אַרויף צום הימעל צו.

דער וואָגען פאַרקערט זיך און איהר פאַהרט פאַרביי דעם נארים „בייסין" — דעם גיהנום פון דער ערד. ווען דאַנטע וואָלט געזעהען אָט דעם טייל פון יעלאָוסטאָון פּאַרק וואָלט ער צוגעגעבען נאָך א צירקעל צו זיינע זיבען צירקלען פון גיהינום.

עס איז א ווייסע טויטע שטרעקע, באַדעקט מיט זידענדע וואַסער־קוואַלען, שיפּענדע דאַמף־געיזערס און פאַרשידענע אַנדערע צווישעטע נאַטור־קרעפטען. דאָ איז דער „שוואַרצער בורטשאַדלע", — „דהי בלעק פראָולער" — א פאַנטאָן פון דאַמף, וואָס שיסט פון אונטער דער ערד מיט הייסער פּאַרע, שרייענדיג דערביי ווי א ריזי־גע פארוואונדעטע חיה. דורך טאָג און נאַכט, דורך ווינטער און זומער, שיסט ער ארויף זיין ווייסליך־הייסען אָטעם, אָנפילענדיג די געגענד ארום מיט שווידערליכע קלאַנגען. ניט ווייט פליסט דער „פייערהאָול ריווער" — דער אַמעריקאַנער סמבטיון. עס איז אמת, אז ער ווארפט ניט מיט שטיינער, אָבער די וואַסערן פון דעם טייך זיינען זודיג פון דעם איבערפלוס פון די הייסע קוואַלען און געיזערס.

נאָר מיר פאָהרען ווייטער צו דעם „אַפּפּער געיזער בייסין", צום קעניגרייך פון די וואונדערליכע געיזערס.

פאַרביי פאָהרען מיר דורך דעם „אָבסידיאַן בליף" — דעם גלאָז־באַרג. א ריזיגער פעלז, וואָס באַשטעהט אינגאַנצען פון דונקעלען שטאָל — הארטען גלאָז! די אַמאָליגע וואולקאַנען האָבען דאַ ארום וואַרשיינליך געשפּייט מיט צושמאָלצענעם גלאָז און נאָך דעם, ווי ער איז אָפּגעקילט און פאַרהאַרטעוועט געוואָרען, איז עס געבליבען שטעהן — איינער פון די געאָלאָגישע וואונדער פון דער ערד. ווען די ערשטע פאָרשער פון פּאַרק זיינען געקומען צו דעם באַרג, איז זיי געווען פאַרשטעלט דער וועג. זיי האָבען אבער אונטערגעצונדען ארום איין טייל פון באַרג ריזיגע פייער־הויפענס, און ווען דאָס גלאָז האָט זיך גוט אָנגעוואַרעמט האָבען זיי עס באַגאָסען מיט קאַלטע וואַסער. דער עק פון באַרג האָט געפּלאַצט און געמאַכט א וועג פאַר דער עקספּעדיציע.

אָט דער באַרג איז אויך די אורזאַכע פון איינעם פון די גרעסטע ליגענס וועגען יעלאָוסטאָון פּאַרק. א יעגער האָט דער־צעהלט, אז איינמאָל האָט מיט איהם אין פּאַרק געטראָפען דאָס

פאָלגענדע: ער האָט דערזעהן פון ווייטען א הירש און האָט אין איהם אויסגעשאָסען. דער הירש האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט. ער האָט אויסגעשאָסען נאָך אמאָל, דער הירש בלייבט אונבאוועגליך. האָט ער זיך צום הירש געלאָזט געהן און האָט זיך אָנגעשלאָגען מיט'ן קאָפּ אָן א דורכזיכטיגער גלעזערנער וואנד. ווען ער איז די וואנד ארומגעגאנגען האָט ער דעם הירש ניט געטראָפען; דער גלאָז האָט גערינט אלס א ריזיגער טעלעסקאָפּ און דער הירש איז גאָר געווען 25 מייל ווייט... דער ליגנער האָט גענומען אלס גרונד פון ליגען דעם ווירקליכען בארג פון גלאָז.

אויפ'ן וועג זעהען מיר פילע גייזערס, אָבער מיר איילען זיך ווייטער. און אזוי ווי מיר דערנעהענטערען זיך צו דעם „אפּפּער גייזער בייסין", אזוי דערזעהען מיר ווידער א פאנטאסטישע בילד: פון א קליינעם שטח פון עטליכע צעהנדליג אקער גרינעם לאנד, באוואקסען מיט פּרעכטיגע בלומען, הויבען זיך ארויף פאָנטאנען פון די פארשידענסטע פאָרמען, אָפּט איינגעהילט אין א גרויליכען מאנטעל פון דאמף.

דאָס זיינען די באוואוסטע יעלאָוסטאָונער „גייזערס". א גייזער — דאָס איז א נאטירליכער פאָנטאן פון הייסע וואסער, און אויף דעם גאנצען ערד־קוגעל זיינען זיי פאראן נאָר אין 3 פּלעצער: אין איס־לאנד, אויף איינעם פון די אינזלען פון ניי־זעלאנד און אין יעלאוס־טאון פארק. די לעצטע זיינען אי די גרעסטע, אי די שעהנסטע. די פּלעצער, פון וועלכע זיי שיסען ארויף, זיינען פארשידען ווי זיי זעלבסט. איין גייזער הויבט זיך אויף פון א קליין אָזיערקע, א צווייטער שפּריצט פון א קיילעכדיג אָדער לענגליך שיסעל, א דריטער שפּרינגט ארויס פון א שמאָל טיף לעכעל, א פערטענס אָנפאנג איז א פּראכטפול־געבויטע, קינסטלעריש־געפּארבטע וואזע פון פארשידענע מינעראלען. און ווי פארשידען זייער קוואל איז, אזוי פארשידען זיינען זייערע מאנירען. איינער, צום ביישפּיל, דער „עקסעלציאר", הויבט אויף צום הימעל זיינע וואסערן איין מאָל אין פילע יאָהר, און דערביי רייסט ער ארויס מיט זיך דעם באָדען ארום און ווארפט אין דער הויך א גאנצע אָזיערע; א צווייטער — „דער ריז", צ. ב. — פארוואנדעלט זיך אין א גייזער יעדע דריי וואָכען אונגע־

פעהר, און הויבט זיך אויף אמאָל ביז 258 פוס די הויך; א דריטער — „די ריעזין" — לעבט אויף יעדע עלף טעג און דאן ווערט אלעם ארום באשפריצט מיט איהר הייסען ליידענשאפטליכען שוים, אבער שטענדיג זיינען עטליכע, פון די איבער הונדערט „געיזערס" אין פּארק, אקטיוו, און וועמען־וועמען, איהר קענט אבער ניט פארפעלען צו זעהן דעם „אַלט־געטרייען", — „דהי אָלד פעיטפול" — דעם באַליבסטען און באוואוסטעסטען געיזער אין פּארק. דעם נאָמען האָט מען איהם געגעבען דערפאר, וואָס ער וויים ניט פון סורפּרייזען און שפּריצט ארויף רעגעלמעסיג ווי א זייגער יעדע פיער און זעכציג און א האלבע מינוט. אלע געיזערס ווערען אייך אָפּגעראָנען אויסער דעם „אַלט־געטרייען". אָט באווייזט זיך פון זיין טיפקייט א הייסער געדיכטער דאמף. דאָס איז דער אָנזאָג, אז זיין אקטיוויטעט פאנגט זיך אָן, און באלד רייסט זיך ארויס מיט א רעש און אונגעהויערער שטראָם פון א הונדערט פופציג פוס די הויך, איינגעוויקעלט אין זודיגען דאמף. באלד ווערט דער דאמף פארשוואונדען און עס פערלט זיך אנטקעגען דער זון דער הוילער בלאנקער וואסער, ווי א ריזיגער גייסט אין ווייסע תכריכים, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון קבר. דער שטראָם האַלט אָן א פּאר א פינף־זעקס מינוטען און דאן זינקט ער אריין צוריק אין דער ערד, און די לעצטע שטראָמען פאלען אראָפּ אין פּערלען און דימענטען צום גרונד.

און פּונקט אזוי ווי עס זיינען פּרעכטיג די וואסער־געיזערס, אזוי זיינען העסליך און עקעלהאפט די „בלאָטע־געיזערס", אָדער ווי מען רופט זיי — די „פּארב־טעפּ". אין איינציגע פלעצער זיינען, ווי עס שיינט, די לעבער פון די געיזערס פארשטאָפּט מיט בלאָטע. די היץ אונטען הויבט עס אויף. די בלאָטע ארום די געיזערס בלעזעלט זיך און שאַפט דערביי די לעבערליכסטע פיגורען, וועלכע פּלאצען באלד, און אָט די לעבערליכע עקעלהאפטע פיגורלאך, וואָס שיינען צו זיין געמאַכט פון טייוועל אליין, מיט דעם שוועבעל עפּוש ארום, פארוואנדלען די געגענד אין דעם אָריגינעלסטען אָבער אונאנגענעמסטען פלאַץ פון גאנצען פּארק.

פון וואנען נעמען זיך די געיזערס? ביז מיט א קורצע צייט צוריק זיינען וועגען דעם געווען נאָר השערות. לעצטענס האָט זיך די וויסענשאפטליכע וועלט פון די אַלטע השערות אָפּגעזאָגט, און

כמעט אלע נעמען איצט אָן די טעאָריע פון פּראָפעסאר בונסען, וועל־כער האָט זיין גאנצען לעבען שטודירט די געיזערס אין אלע עקען וועלט.

זיין טעאָריע איז גאנץ איינפאך און באשטעהט אין פאָלגענדען:

ניט אומעטום נויטיגט זיך וואסער אין דער זעלבער היץ אום אָנצוהויבען זידען. געוועהנליך פּאָדערט זיך א טעמפּעראטור פון 212 גראד. אָבער אויף א הויכען בארג וועט וואסער אָנפאנגען צו קאָכען פון א פיעל קלענערע היץ און, פארקערט, אין א טיפער מיין, וועט וואסער ביי 212 גראד ניט זידען און עס וועט זיך צו דעם פּאָדערן א פיל העכערע טעמפּעראטור. פארוואָס איז עס? ווייל וואָס גרעסער דער דרוק איז אויפ'ן וואסער אלץ שווערער איז עס צו מאכען זידען. אויף א הויכען בארג איז די לופט שיטער און דער פרעס פון דער לופט ניט זעהר שטארק, דארום וועט דארטען וואסער זידען פון א קלענערע היץ, ווי ס'איז נויטיג אין א הויז, אָבער אין דער טיפעניש איז די לופט געדיכטער, דער דרוק שווערער און דארום נעמט עס לענגער דאָס וואסער אויפצוזידען. איצט שטעלט אייך פאָר דאָס פאָלגענדע: דער חלל אָדער לאָך פון א געיזער דאָס איז א זייל וואסער, וואָס האָלט אמאָל הונדערטע פוס טיף. דער עק פון אָט דעם זייל וואסער קומט אין באריהרונג מיט אָנגעגליהטע פעלזען און ווארעמט זיך אָן. ביז אָבער דאָס וואסער הויבט אָן צו זידען, מוז עס זיך פאנאנדערוואָרימען זעהר שטארק, ווייל דאָס וואסער אויבען מאכט דעם פּראָצעס פון זידען זעהר שווער. אין א באשטימטער צייט ווערט דאָך דאָס אונטערשטע וואסער אזוי הייס, אז עס ווערט פארוואנדעלט אין דאמף און דער דאמף רייסט זיך דאן דורכ'ן וואסער דרויסען. דער דרוק פון דעם אויבערשטען וואסער ווערט דאן אָפּגעשוואכט, דער טייל וואָס איז נעהענטער צו די הייסע אונטערערדישע פעלזען ווערט פּלוצלונג פארוואנדעלט אין דאמף, וועלכע שיסט ארויס דרויסען און הויבט דערביי אויף דאָס גאנצע וואסער, וואָס שטעהט איהם אין וועג.

אז פּראָפעסאר בונסען'ס ערקלעהרונג איז ריכטיג, קען מען ברענגען פילע באווייזע. דער בעסטער באוויז איז, וואָס ער באווייזט צו מאכען א געיזער ביי זיך אין הויז. ער האָט אויפגעבויט א מאַ־שינקע, וואו דאָס וואסער איז אין דערזעלבער פּאָזיציע ווי אין

דעם לאַך פון געיזער, און ער באווייזט, אז ווען גוט אַנגעוואַרעמט פון אונטען פליהט דאָס וואסער ארוים פונקט ווי אין א געיזער.

אבער איהר ווייסט, אז מיט די געיזערס איז נאָך דער אינטערעס און די וואונדער פון יעלאוסטאון ניט פארגאנגען. איהר ווילט נאָך זעהן דעם פּרעכטיגען „יעלאוסטאון לעיק" — אַן אַזיערע פון איבער הונדערט סקווער מייל, וואָס געפינט זיך 8000 פוס אין דער הויך! דאָס איז אַן אָפּגרונד פול וואסער!

די אַזיערע איז אויך זעהר רייך אין פיש און איהר קענט דאָ האָבען דעם פארגעניגען פון אויפהויבען מיט אייער אודקע אַן אָפּגע־קאָכטע פיש גלייך צום עסען. עס איז קיין שפּאָס. ארום אַזיערע געפינען זיך פילע זודיגע קרעניצעס און אזוי ווי דאָס פיש איז נאָך אויפ'ן ענגעל קענט איהר עס אראָפּלאָזען אין איינעם פון די הייסע קוואלען און ארויסנעמען אָפּגעקאָכטערהייט.

* * *

צולעצט קומען מיר צו דעם יעלאוסטאון ריווער און זיינע אונבאשרייבליך שעהנע ברעגען. דער טייך פון יעלאוסטאון איז מעהר ווי 1000 מייל די לענג און איז איינער פון די וויכטיגסטע אַמעריקאנער טייכען, און דורכגעהענדיג יעלאוסטאון פּארק האָט ער זיך דורכגעשניטען א וואונדערליכען וועג.

די וועסט איז בכלל זעהר רייך מיט „קעניאָנס" — אָפּגרונדען צווישען פעלזען. דער ריזיגער קעניאָן פון קאָלאָראַדאָ איז איינער פון אמעריקע'ס גרעסטע וואונדער, אָבער דער קעניאָן פון יעלאָסטאָון איבערשטייגט זיי אַלע.

ווען איהר זיצט איבער'ן אָפּגרונד פון קעניאָן ביי זונענאונטער־גאנג און אייערע אויגען באנעמען די געטליכע פּאַנאָראַמע אַנטקעגען אייך מיט דעם יעלאוסטאון טייך זינגענדיג אין דער טיפקייט, דוכט זיך אייך, אז איהר זעהט גאָט אליין — אייער העכסטען אידעאַל פון שעהנקייט, פון רוה און פון אייביגקייט!

און פאַרלאָזענדיג דעם פּאַרק, אויפ'ן וועג צוריק צו אַלטעגליכ־קייט און קליינליכקייט, מורמעלט איהר שטיל א געבעט:

„געלויבט זיי, גייסט פון לעבען און דער ערד, וואָס דו האָסט מיר געגעבען אויגען צו זעהען דיינע מעכטיגע וואונדער."

„דער גרענד-קעניאָן"

אין דער וועלט פון נאַטור־וואונדער, ווי אין דער וועלט פון מענשען, עקזיסטירט א זאָנדערבאַרע פאַרשידענאַרטיגקייט.

אָט איז דער גרויסער געוואַלד־מאַכער — דער וואַסערפאַל פון ניאַגאַראַ. איהר הערט דעם דונערן פון די וואַסערן, איידער איהר זעהט זיי; זיי שפּריצען מיט צאָרן, איבערראַשען מיט קראַפט.

אָט איז דער לירישער דיכטער — יאָסעמיטע. נאָבעלע שעהנ־קייט, האַרמאָנישע קאָלירען, טיפקייט און דאָך צערטליכקייט מיט ליבע.

אָט איז דער וואונדערליכער קונצען־מאַכער — יעלאָוסטאָון פּאַרק. ער שיסט ארויף מיט אַזיערעם הייסע וואַסער, ער בריהט אייך די פיס מיט אונטערערדישע פייערן, ער אַמוזירט אייך מיט די קונצען פון די בלאָטע־געיזערס און דער קונסט־אַרבייט פון די טעראַסען.

אָט איז דער מאַהלער — זיד־קאַליפאָרניע — הימעל, זון, גרינס און בלומען.

אָבער דער גרעסטער פון זיי אַלעמען, אין דעם לאַנד און אין אַלע לענדער, אין דער צייט און אין אַלע צייטען, איז דער געטליכער נאַטורס אַרכיטעקט, גאָטס בוימייסטער — די גרעסטע תהום׳ען פון אַריזאָנאַ, אָדער ווי זיי זיינען באַקאַנט דער גאַנצער וועלט — דהי גרענד קעניאָן אָוו אַריזאָנאַ.

שטעלט אייך פאָר אַן אָפּגרונד, א שניט אין דער ערד׳ס בוזעם, צוויי הונדערט אַכטצעהן מייל די לענג, פון פיגף ביז דרייצעהן מייל די ברייט און איין מייל טיף. שטעלט אייך ווידער פאָר אָט דעם אונ־געהויערן אָפּגרונד אָנגעפילט מיט די מערקווירדיגסטע אַרכיטעקטור־

אַרבייטען פון ריזיגער גרויס און איבער־מענשליכער פאַנטאַזיע, שטעלט אייך ווייטער פאָר, אַז דער מאַטעריאַל, פון וועלכען אַט די וואונדער־געגענד איז געבויט, איז רויטליך און בלוט־רויט, איבער־געמישט דאָ און דאָרטען מיט שוואַרץ, גרוי, בלוי, ברוין און געל — און דאַן וועט איהר האָבען עטוואָס אַ באַגריף וועגען דער ווילדער אייגענאַרטיגקייט, דער פאַנטאַסטישער ריזיגקייט פון אַט דעם נאַטור־וואונדער פון דער וועלט.

די ניאַגאַראַ דערקענט איהר נאָך איהר שטים, דעם יעלאָוסטאָון נאָך די ריזיגע גייזערס, די ראָקי־מאַונטעינס נאָך דער העל־פּיאָלעטאָ־ווער ליניע, וואָס שניידט דורך דעם הימעל פון עק צו עק — דעם גרענד־קעניאָן פיהלט איהר ניט און דערקענט ניט, ביז איהר זייט ביי זיין רעכטען ברעג, ביי דעם לעצטען טראָט פון ערד. עס איז דאָס קעניגרייך פון אייביגען שווייגען, און ווען איהר דערזעהט עס צום ערשטען מאָל, אונגעריכטערהייט, אָהן קיין שום וואָרנונג, ווערט איהר דערשראָקען און צומישט.

עס איז אַזוי אונעהנליך צו אַלעס, וואָס מיר האָבען אַמאָל געזעהען! עס איז אַזוי פּרעכטיג! עס שטימט אַזוי ווייניג מיט אונזער מעסטען אויפ'ן יאַרד און וועגן אויפ'ן פונט!

פון אַלע זייטען הויבען זיך אין דעם תהום אונטען מאָדנע ריזיגע געשטאַלטען. דאָ זיינען כינעזישע און אינדישע טעמפּלען, ווי אויך פּרעכטיגע קאַטוילישע קלויסטערס מיט גאָטישע שפּיצען און טורעמס; דאָ זיינען ריזיגע קריגס־שיפען און אונגעהויערע פעס־טונגען; דאָ זיינען אַלטע גרויס'ע שטעדט און רואינען און נייע מאָדערנע ישובים מיט פּאַלאַצען פון דער לעצטער אַרכיטעקטור; דאָ זיינען אַמפיטעאַטרען, וואָס קענען אַריינעמען צו אַ מיטינג אָדער פאַרשטעלונג די גאַנצע באַפעלקערונג פון ברוקלין, און עספּלאַ־נאַדען, אויף וועלכע עס איז דאָ פּלאַץ פאַר די אַרמייען פון דער גאַנצער וועלט מיט זייערע אַרטילעריע, קאַוואַלעריע, האָספּיטעלער און פּראָוויאַנט; דאָ זיינען פּיראַמידען צעהן מאָל גרעסער, ווי די וואָס פּרעה האָט געבויט, און אבעליסקען הויך גענוג צו קאָנקורירען מיט דער וואָלוואָרטה בילדינג; דאָ זיינען פּאַלאַצען פון פינפטע עוועניו און קליינע אָרימע הייזקעס פון דעם וועסטערן „קאָו־באָי". איהר קענט דאָ לערנען די געשיכטע פון אַרכיטעקטור און די איני־

זשענערען־קונסט, און איהר קענט דאָ ענטפּלעקען וואונדערבאר־נייע אידעעס אין דעקאָראַציע און מאָהלעריי. און אַלעס איז געבויט דורך אייביגע אייביגקייטען, אַלעס ארומגענומען פון א דורכזיכטיגען בלאָהליכען טומאַן און באַפארבט מיט אלע קאָלירען פון רעגענ־בויגען!

אין רעכטען מיטען פון אַט דעם פאנטאַסטישען לאַנד פליסט, דרעהענדיג זיך ווי א שלאַנג, דער טייך קאָלאָראַדאָ — דאָס ריזען־וואַסער פון דער וועסט. ניט פון אלע פונקטען זעהט איהר דאָס וואַ־סער, וואָס פליסט א מייל טיף אין דעם בוזעם פון דער ערד, אבער אפילו דאַן, ווען איהר זעהט עס ניט, פיהלט איהר עס, דורך די פעלזען און בערג, וואָס קומען זיך אונטען צוזאַמען, אזוי ווי ריזען פארנומען מיט א מערקווירדיגען שפּיל.

דער קאָלאָראַדאָ איז, ווי מיר וועלען זעהען ווייטער, די מוטער פון דער גאנצער קעניאָן־געגענד און איז עלטער פאר גאָט. עס איז דער געאָלאָגישער־עלטסטער טייך, און פון אַלטקייט זיינען זיינע וואַסערן געוואָרען געל, כאָטש די גבורה פון אמאָל רוישט נאָך אין זיינע קעסעל־גריבער, וואַסערפאַלען און שטייניגען בעט. אָנפאַנ־גענדיג זיך אין יוטאה פליסט עס אראָפּ צום אויסגוס פון קאליפאָר־ניא דורך העכער טויזענד מייל, רייסענדיג און שלעפּענדיג די פעלזען ארום, גראָבענדיג און דרעהענדיג — אַן אונגעהויערע פארוואונדעטע שלאַנג!

און אזוי ווי אין יעדער אונגעהויערליכער זאַך, זיינען די שעהנ־קייט און ריזיגקייט ניט די איינציגע שטריכען פון דעם גרענד־קעניאָן. אויסער דעם אינטערעס, וואָס עס האָט פאר יעדען ליבהאָבער פון דער נאַטור, פאר יעדען דיכטער און דענקער, האָט עס נאָך א גרעַ־סערען אינטערעס פאר דעם געלערענטען געאָלאָג, פאר דעם וואָס שטודירט די געשיכטע פון דער ערד.

דהי גרענד קעניאָן — דאָס איז א שטומע אָבער קלאָרע גע־שיכטע פון מיליאָנען־מיליאַסען יאָהרען, דעם ערד־קוגעל'ס געשיכטע.

מיט אונצעהליגע אייביגקייטען צוריק איז גאנץ אמעריקע ווי די גאנצע איבעריגע וועלט געווען באדעקט פון א מעכטיגען אָקעאַן. נאָך נייע אונצעהליגע אייביגקייטען האָבען פון דעם ים זיך אָנגע־

פאַנגען אַרויסצואַווייזען שטיקלאַך יבשה — די שפּיצען פון די „ראָקי־מאַונטעינס". דאָס וואַסער אַרום זיי האָט געבושעוועט, די ווינטען האָבען זיי געביסען, די רעגענס געוואַשען, זיי האָבען זיך געבּרעקעלט און אין זאַמד און שטיין געפאַלען צוריק אויפ'ן דעק פון ים. מיט ווער ווייס וויפיל מיליאָנען יאָהרען שפּעטער איז די געגענד וועסט פון די ראָקי־מאַונטעינס, אַזוי ווייט נאָרטה ווי נע־וואַדאַ, געווען אַ ריזיגע אָזיערע. איהר קענט נאָך איצטער זעהן אין אייניגע פלעצער, וואו די ברעגען פון יענער אָזיערע זיינען געווען, און איהר קענט אַמאָל געפינען די שעלם און ביינער פון די באַשע־פענישען, וואָס האָבען דאָרט געלעבט. מיט דער צייט האָט זיך די יבשה אויפגעהויבען, עס זיינען צוגעקומען אַלץ נייע און נייע שיכטען ערד. און די איינציגע איבערבלייבעניש פון אָט די אייביג־קייטען איז דער טייך קאָלאָראַדאָ, וואָס איז געבליבען אויף זיין אַמאָליגער פלעכע, כאָטש די געגענד אַרום איהם האָט זיך געהויבען. מיט דער צייט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַ מייל טיף אין דר'ערד מיט בייזע ריזיגע שומרים אַרום איהם. איצט איז דער קלימאַט פון דער געגענד זעהר טרוקען, דאַרום האָבען זיינע קינדער־טייכלאַך כמעט אַלע אויסגעטריקענט. אַמאָל אָבער זיינען אין איהם פון אַלע זייטען געפלאָסען שטורמדיגע שטראָמען, וועלכע האָבען אויך זיך געריסען און געשניצט די פעלזען און בערג, דורך וועלכע זיי זיינען דורכגע־לאָפען. רעגענס, ווינטען, ערד־ציטערנישען און וואולקאַנען האָבען אין דער אַרבייט צוגעהאָלפען, אַזוי אַז אַם ענדע איז באַשאַפען געוואָרען דער גרענד־קעניאָן.

קורצע עסייען

גערדאַנקען איבער דער פּאַריזער קאָמונע

אויף איין אויגענבליק, אויף איין רגע שטעלט איך פּאָר, אז די פילע מיליאָנען, וואָס זיינען אין דעם משך פון טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער יאָהרען געפאַלען אין קאַמף פאַר גערעכטיגקייט און רעכט, פאַר פרייהייט און ברויט, אז זיי אַלע מיט דער גאַנצער פארשידענהייט פון זייערע געשלעכטער, קערפּער בוי, כאַראַקטערע, עמפּפינדליכקייט און לעבענס-אומגעבונג זיינען אויפגעשטאַנען פון זייערע קברים און האָבען זיך געלאָזען אין אונזערע שטעדט, גאַסען און הייזער, זיינען אריינגעדרונגען אין אונזערע ווערקשטאַטען און פּריוואַטע צימערן און זיינען דאָרט געבליבען פארשטיינערטע, טויטע און שטומע מיט א פאַרגליווערטען שרעק אין די אויגען, מיט סמנים פון שטריק אויף די העלזער, מיט לעכער פון קוילען אין ברוסט, מיט בלוטיגע קווייטען פון ריטער אויף די קערפּערס . . .

וואָלטען דען אונזערע הערצער ניט אָנגעהויבען צו שטורמען? וואָלטען דען פאַר אונז ניט אויסגעוואַקסען אונענדליכע פראַגען וועגען לעבען און קאַמף, בלוט און גערעכטיגקייט? וואָלטען מיר דען געקענט עסען אונזער ברויט, טאָן אונזער ארבייט, קוקען אויף אונזערע קליידער, קושען אונזערע געליבטע, לעבען מיט דעם אונזיניגען לעבען פון א באַטויבטען שקלאַף, פון אַן אָקס אין דער גרויסער וועלט-יאַטקע? אדער מיר וואָלטען די אויפגעשטאַנענע מאַרטירער פאַרטריבען צוריק אין זייערע קברים מיט בייטשען און שפּאָט אום זיי זאָלען ניט בונטעווען אונזער געוויסען און זאָלען ניט וועקען קיין געפעהרליכע פראַגען?

אבער זיי זיינען דאָך פאַראַן! ס'איז א ליגען פון אונזער זכרון, אַז זיי זיינען געגנגליך און אייביג טויט, אז דער טראַכט פון דער ערד

— פון דער גוטער און בייזער ערד — האָט זיי פאַרשלונגען אויף אייביג! די געשיכטע איז ניט קיין סעמעטערי און די פאַקטען פון דער געשיכטע זיינען ניט קיין אָפּגעמעקטע מצבות אויף עלענדע פאַר־לאָזענע קברים...

די געשיכטע איז אַ שפּיגעל און אַ שווערע התראה, אַ לערער און אַ וואָרנונג — זאָל זי אונז לערנען, זאָל זי אונז געבען די גאַנצע פאַרוויקעלטקייט און אומגערעכטיגקייט פונ׳ם לעבען, וועלכע מיר קענען ניט גוט זעהן אין דעם אַנאַרכיסטישען מישמאַש פון דעם „היינט”! זאָלען איהרע פאַקטען פון קאַמף און ווילען קלינגען ווי מעכטיגע גלעקער איבער שטאָדט און דאָרף!

* * *

מיר לעזען און לעזען די געשיכטע פון דער פּאַריזער קאָמונע, „די פּראָלעטאַריער פון פּאַריז האָבען איינגעזעהן, אַז זיי האָבען ניט וואָס צו האָפען אויף די רעגירענדע קלאַסען, און האָבען זיך אַליין גענומען ראַטעווען פון דער קריטישער לאַגע, אַריינכאַפּענדיג די קהל׳שע אַנגעלעגענהייטען אין די אייגענע הענד”.

„פאַרגעסט ניט, אַז דינען וועלען אייך נאָר די מענשען, וועלכע איהר וועט אויסקלייבען פון אייערע אייגענע רייהען; זיי וויסען אייער לעבען, זיי וויסען אייער נויט, אייער לייד און פרייד”...

„טרויט ניט די, וואָס לעבען גליקליך: איהר וועט זעלטען געפינען אַ פּריווילעגירטען, וועלכער זאָל באַטראַכטען דעם אַרבייטער, ווי אַ ברודער”...

„מיט דער קאָמונע וועלען פאַרמינדערט ווערען די שטייערען, קהל׳שע געלד וועט ניט פאַרשווענדעט ווערען, ס׳וועלען געגרינדעט ווערען די סאָציאַלע איינריכטונגען, אויף וועלכע די אַרבייטער וואַר־טען, ס׳וועט געלינדערט ווערען דער עלענד און נויט, די סאָציאַלע מכה פון אָרעמקייט וועט אין גאַנצען פאַרשוואונדען ווערען”...

וואַקסען אָט די ווערטער ניט אַרויס אויך פון דעם איצטיגען לעבען? פּלאַטערן זיי ניט, ווי אָדלערס, אויך איצטער איבער יעדען שאָפּ, און יעדער שטוב, וואו עס וואָהנט דער שקלאַף פון קאַפּיטאַל?

די קאָמונע האָט געקעמפּט מיט 38 יאָהר צוריק, אָבער פאַר דער צייט זיינען די ווערטער פון פּראָטעסט געגען עקאָנאָמישער עקספּלואַ־טאַציע און פּאָליטישער רעכטלאָזיגקייט נאָך שאַרפער, נאָך זאַפטי־

גער, נאָך פולער געוואָרען, און דאָס לעבען האָט זיי אינהאלטס־רייכער געמאכט... די קאָמונארען האָבען געקעמפט פאר דאָס רעכט צו לעבען, די קאָמונארען האָבען געוואָלט איינפלאנצען די רייכע בלומען פון פרייהייט אין יעדער שטאָדט און יעדען הויז —

איצט פוילען זיי אין דער פינסטערער ערד און דער היסטאָריקער פארשרייבט:

„פינף און צוואנציג טויזענד מענער, ווייבער און קינדער זיינען געטויטעט געווארען אין קאמף מיט די ווערסאילער און אין די מאסענשלאַכטען פון די געפאַנגענע; דריי טויזענד (צום ווענינגסטען) זיינען אויסגעשטאָרבען אין די געפענגניסע און פעסטונגען; דריי־צעהן טויזענד זיבען הונדערט זיינען פאר׳משפט געוואָרען, דאָס רוב אויף אייביגע געפענגנים; זיבעציג טויזענד פרויען, קינדער און אַלטע זיינען געבליבען אָהן שטיצע"...

פאַרוואָס איז ערגעץ ניט דערמאָנט, אז דער היסטאָריקער, וואָס האָט עס אַלעס מיט אַזאַ פינקטליכקייט אויסגערעכענט, איז פון זינען ארונטער; אָדער איז געוואָרען א קעמפער פאר דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג?

און וואָס זאָלען מיר טאָן, אויב מיר ווייסען, אז אָט די הונ־דערט מיט עלף טויזענד זיינען נאָר א טראָפען, אז פאר די 38 יאָהר זיינען נאָך הונדערטער טויזענדער אומגעקומען אין דעם נאָמען פון מענשהייטס באפרייאונג?

פיהלען מיר דען ניט, ווי טרוקענע ביינינע הענד קלאפען אין אונזערע פענסטער, קלאפען אין אונזערע טירען און זייערע פינגער קלאפען אוים א קללה פאַר די, וואָס אנטלויפען פון לעבען און זיינע קעמפע? זיי זאָגען צו אונז די ליבע העלדען פון דער קאָמונע: — מיר האָבען געקענט שטארבען — קענט איהר לעבען! אונז האָט מען צוטראָטען — זיינען אבער אונזערע ביינער ווייניג פאר א פונ־דאַמענט פון נייעם קאמף?

מיר זיינען באזיגטע, איהר האָט דאָך אָבער מעהר וואפען און מעהר מעגליכקייטען — קענט איהר ניט קיין זיגער ווערען?

וואויל וועט זיין צו די, וואָס וועלען זייער שטימע דערהערען — אָבער נאָר טויבע קענען זיי ניט דערהערען.

„אידישע ארבייטער וועלט"—שיקאגא, מערץ 19, 1909

ערשטער מאַי

עס פרעגט דאָס קינד ביים פאָטער:

— טאַטע! וואָס איז פאר א יום־טוב, וואָס קיינע תפלות ווערען אין איהם ניט געזאָגט, עס ברענען ניט קיין ליכט, און די לעהרער אין די שוהלען דערציהלען ניט פון זיין באדייטונג?

איז אין דעם טאָג א גרויסער מענש געבאָרען געווארען, אדער האָט זיך צו אימיצען גאָט באוויזען, אָדער האָט ווער אין דעם טאָג א שלאכט געוואונען, אדער ווערען אזוי פריה אין דעם פרילינג פרוכטען צייטיג?

און עס ענטפערט דער פאָטער:

— ניט קיין גרויסער מענש איז אין דעם טאָג געבאָרען, נאר א נייע מענשהייט, און ניט גאָט האָט זי געזאלבט, נאָר דער גייסט פון גערעכטיגקייט, און קיינע שלאכטען האָט זי נאָך ניט געוואונען, אָבער די פאָהן פון זיעג פלאַטערט איבער איהר קאָפּ, און פרוכטען ווערען טאקע אין דעם טאָג צייטיג, און זאפטיג זיינען זיי, ווי די בריסטען פון אונזער מוטער...

די ערד איז אין דעם טאָג אונזער טעמפעל, דער הימעל — אונזער פאָהן, די זון אונזער ליכט און מיר, מיר אליין, געפאנגענע, וואָס האָבען פארהאַסט זייער תפיסה — א מעכטיגע, שטורעמדיגע תפלה...

און עס שטראַהלען מיט נאַאיווער פרייד די קלאָרע אויגען פון דעם קינד, און זיינע הענטלאַך ציען זיך צו דעם רויטען זייד פון דער ארבייטער־פאָהן.

ווירקליך, איך וויים ניט קיין איין יום־טוב, וואָס זאָל זיין אזוי יוגענדליך־פריש, אַזוי קרעפטיג־שעהן, ווי דער טאָג פון ערשטען מאַי — דער פייער־טאָג פון ארבייטער און סאָציאַליסטען.

עס דוכט זיך מיר, אַזוי ווי דער טאָג וואָלט געווען דער ערשטער יוגענדליכער שמייכעל פון דער געשיכטע, אזוי ווי די מוטער־ערד וואָלט דערפיהלט דאָס הייסע לײדענשאַפטליכע אָטעמען פון נייע נאָך ניט געבאָרענע זונען...

ווייל אין דער גאנצער געשיכטע פון דער מענשהייט איז עס צום ערשטען מאָל, אז איבער דער גאנצער וועלט זאָל קלינגען איין ליד, זאָל זיך באַוועגען איין פאָהן, זאָל שטורמען איין ווילען —

דאָס ליד, די פאָהן און דער ווילען פון דער נייער מענשהייט — דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער ארבייטערשאַפט.

זאָלען אונז פארשפּאָטען די סקעפּטיקער, זאָלען אונז פרעמד באַוואונדערען די אָפּגעשטאַנענע — זיי וועלען קיינמאָל ניט וויסען פון דעם גליק צו פיהלען אלס בירגער פון א נייער וועלט.

עס איז אזוי:

אין דער גאַנצער וועלט הערשט א אָרדנונג פון ליגען, צביעות און זנות. ס'איז געשענדעט די ערד, וואָס איז באשאפען געוואָרען פאַר אלעמען צוגלייך און וואָס מענשען האָבען עס פארדאמט און צוריסען אויף שטיקער, די מענשהייט סקריעט מיט די ציינער פ[...] וועהטאָג — און קנאה, און בלוט, און קליינליכקייט, און הונגער האָבען זיך באזעצט אין אונזערע הייזער — איז געקומען דער סאָציאַליסטישער געדאנק, האָט געזאלבט דעם פּראָלעטאריאט פאַר זיין נביא און פאָהנען טרעגער, און האָט געזאָגט:

— זאָל פארשווינדען דאָס אונרעכט פון דער ערד און זאָלען אלע קינדער־מענשען קענען טרינקען פון די טיפע קוואַלען פון לעבען, זאָל דער מענשליכער גייסט ניט באשמוצט ווערען פון הונגער, זאָל די ליבע ניט ווערען פאַר'מיאוס'ט דורך אָרעמקייט, די פריינדשאַפט דורך קאָנקורענץ, דעם מענשענס טרוים דורך ווילדע קאָשמארען!

און עס וועלען מוזען פאַלען די ווענט פון דעם אלטען טורעם— דער נעסט פון רויבער, שענדער און פארשייטע!

ס'מוז זיך באפרייען דעם מענשענס גוף, וואָס ווערט מיאוס און צוקריפּעלט פון אונזיניגער נויט און דעם מענשענס גייסט, וואָס קלאַפּט ווי א פארוואונדעטער פויגעל אָן די פארראָסטעטע גראַטעס פון דער בורזשואזער קולטור!

און אין דעם טאָג פון ערשטען מאַי, דעם איינציגען טאָג, וואָס געהערט צו אונז, זאָל זיך לאָזען הערען די שטימע פון די מאַסען, וואָס ווילען פרייהייט און רעכט. זאָלען די פיינד ניט האָבען דעם מוט צו לאַכען און די נאַראָנים — צו שאָקלען מיט'ן קאָפּ...

עס ווילט זיך, אז אין דעם טאָג זאָלען אלע טויבע און בלינדע אָנהויבען צו ריידען:

— שטילער! הערט און זעהט! די ארבייטער און סאָציאַליסטען מארשירען מיט זייערע פאָהנען...

„אידישע ארבייטער וועלט"—שיקאגא, מאַי 1, 1909

דער פּאָרטרעט פון קאַרל מאַרקס

לאַסאַל שטעהט אין זיין גאַנצער הויך אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אָן א טיש, און צוזאַמען מיט זיין קערפּער זעהען זיך זיינע שעהנע קליידער, זיין הויכער קראַגען. בעבעל זיצט ביים שרייב־טיש אויף וועלכען עס ליגען פּאַפּירען און ביכער, און איהם זעהען מיר אויך איגאַנצען, מיט א סביבה, ארומגערינגעלט מיט אַלטעגליכע קלייניגקייטען.

אָבער פון מארקס'ען איז אונז נאָר פארבליבען א קאָפּ. א גרויסער, רונדער קאָפּ אין א ראַהם פון גרויע האָר, מיט צוויי קליינע אָבער שאַרפע אויגען אין מיטען. א קאָפּ וואָס איז רונד ווי א זון, שטאַרק־געבויט ווי א פעלז, פּאַרטיפט און עטוואָס כמאַרנע ווי א גרויס און אויפגעשטורעמט וואַסער. מאַכט ארום אָט דעם קאָפּ א רינג פון שטראַהלען, א „האַלאָ", און עס איז אַפּאָסטאָל פּעטער, אָדער דער הייליגער קיריל...

אזוי איז דער נאָמען מארקס פון שטענדיג אָן א נאָמען מיט א כשוף, א גייסט מיט א צויבערליכען קלאַנג... וואָס האָט געמאַכט מעגליך און אפשר נויטיג אָט די לעגענדע פון מארקס'ען ? וואָס האָט ארומגעוועבט ארום זיין נאָמען אזא גאָלדענעם געוועב ? זיין שטורמיגער וואַנדער־לעבען ? זיין אַנטייל נעמען אין רעוואָלוציעס ? זיינע קעמפּע מיט באַקונינ'ען ? דער פייערדיגער סטיל פון זיינע ארטיקלען ? ניין, זיין ביאָגראַפיע איז צו די ברייטע קרייזען כמעט ווי אונבאקאַנט. פון אלע סאָציאַליסטישע פירער קען דאָס פאָלק אמבעסטען די ביאָגראַפיע פון לאַסאַל'ן צוליב זיין שטורמדיגער ליבע און טראַגישען טויט. וועגען בעבעל'ן האָבען אויך אלע געוואוסט, אז ער האָט אָנגעפאַנגען אלס געוועהנליכער ארבייטער,

אלס שניצער, און אז ער האָט דערגרייכט צו זיין דער פירער פון די דייטשע סאָציאַליסטען מיט זיין געבאָרענער געניאַליטעט. אָבער מארקס'עס ביאָגראַפיע איז ווייניג באַקאַנט.

דער ברייטער עולם ווייס אויך זעהר ווייניג וועגען זיין מערהר־ווערט טעאָריע און זיין עקאָנאָמישען דעטערמיניזם. ניט קוקענדיג אויף אלע פארזוכען צו פּאָפּולאַריזירען מארקס'ען, צו באַקענען דעם ברייטען עולם מיט דעם גענויען אינהאַלט פון זיינע עקאָנאָמישע און פילאָזאָפישע לערען, זיינען זיי דאָך פאַר דער גאָר גרויסער מאַיאָריטעט פאָרט ניט מעהר ווי א פאַרזיגעלט בוך.

צוויי געדאַנקען אָדער פאַקטען אדער לעהרען אין צוזאמענהאנג מיט מארקס'עס פילאָזאָפיע, אין אן אלגעמיינער און פילייכט אויך ניט גענויער פאָרמע, זיינען, שיינט מיר, די איינציגע ערקלערונג פאַר זיין גוואַלדיגע ווירקונג, פאַר זיין פאַנטאַסטישען, מען קען זאָגען רעליגיעזען איינפלוס.

צוערשט זיין אָפּטימיזם. די וועלט געהט שטענדיג צו בעסער און פריער אדער שפּעטער וועט זיך פון דעם בלוטיגען פלאָנטער פון דער געשיכטע אויסוויקלען אן אָרדנונג פון אמת'ער פרייהייט און גליק, א סאָציאַליסטישע אָרדנונג. זאָלען זיי, די קאַפּיטאַליסטען, די בורזשויען, מיט אלע זייערע געלערענטע און פירער, טאַפּען אין דער פינסטער. זאָלען זיי זיך איינשפּאַרען מיט אלע כחות ניט צו דערלאָזען קיין פאָרטשריט, קיין בעסערונג — זיי וועלען ניט אויספירען. די געשיכטע האָט איהר אָנגעצייכענטען וועג, איהר געזעצמעסיגען פּלאַן, און קיינער קען זי פון וועג ניט אראָפּפירען.

און ווי דערשלאָגען און בארויבט און אָפּגעלאָזען די ארבייטער זאָלען ניט זיין, און ווי שלעכט און האָפנונגסלאָז אלץ ארום זאָל ניט אויסזעהן, און ווי אונבאגרעניצט און ברוטאַל דער „היינט” זאָל ניט הערשען — די גערעכטיגקייט, און די פרייהייט מוז ארויס טריאומפירענד, און די וועלט מוז ווערען באפרייט.

קיין רעליגיאָן האָט נאָך אזוי פיל ניט באפליגעלט דערשלאָגענע, הילפלאָזע מענשען, קיין לערע האָט נאָך אזוי פיל ניט באַטהויט און באפרישט די פאַר'חלש'טע נשמות פון די ארבייטער־מאַסען ווי אָט דער אָפּטימיזם פון דער מאַרקסיסטישער לערע.

„זייט געדולדיג און איהר וועט קריגען באצאָלט". קריכט אריין אין דעם טריאומף־וואָגען פון דער געשיכטע, בינדט זיך אָן צו דער היסטאָרישער גויטיגקייט, — און איהר וועט זעהן ווי די נייע זון געהט אויף...

און ווי אזוי וועט די ערלייזונג קומען? ווי וועלען זיך די גאָלדענע טויערען עפענען?

דורך דעם ארבעטער־קאמף!

דאָס איז די טרייב־קראפט פון די געשעהענישען, די איינגעווייד פון דער געשיכטע. דער קאמף פון דעם בארויבטען געגען רויבער, דעם שקלאף געגען הערשער, דעם פויער געגען פריץ, דעם ארבייטער געגען באַלעבאָס, כאָטש פון דרויסען זיינען זיי ברוטאַל און זינלאָז, און אויסוועגלאָז, זיינען זיי דאָך די אמת'ע דאמף פון דעם ריזיגען לאָקאָמאָטיוו פון לעבען.

און אלע קרבנות פון דיזען קאמף האָבען געמאכט און מאכען א וועג פאר א נייער וועלט, און די פארגאנגענהייט ווערט פלוצלונג באלויכטען מיט א געוואלדיגען לייכטענדען פלאַם.

קלאַסען־קאמף! דער בונד פון די שוואכע און דער זיג פון די שוואכע!

יעדעם מאָל וואָס אן ארבייטער געהט ארויס אין א סטרייק, אָדער פייערט דעם ערשטען מאי, אָדער לעזט א סאָציאליסטיש בוך, אָדער שטיצט א פרייהייטס־באוועגונג וואו זי זאָל ניט זיין, יעדעם מאָל וואָס ער ענטוויקעלט אדער דריקט אוים זיין „קלאַסען־באוואוסטזיין", ווערט צוגעגעבען נאָך א ציגעל, נאָך א שמיר פלאַסטער צו דעם טעמפעל פון דער צוקונפט, פון דער מענשהייט'ס גליק.

איך, דער גארבער פון סמארגאָן, דער בערשטער פון וועלקאָווישק, דער שניידער פון בזשעזין, דער וועבער פון לאָדז, דער מעכאַנישער שוסטער פון מינסק; איך, דער קוילען־מינען־גרעבער פון דאָנעצקי באסיין, דער „זאוואדסקאָי" פון פעטערבורג, דער פליטען־ארבייטער פון דער וואָלגא, דער מויערער פון מאָסקווע — מיר זיינען ניט גלאַט אזוי דערשלאָגענע מענשען, אָרימע מענשען, ווערים, איבער וועלכע יעדער איינער קען טרעטען מיט די פיס, נאָר מיר זיינען מיטגלידער פון דעם ארבייטער־קלאַס, טיילען פון אלוועלט־

ליבען פראָלעטאריאט, סאָלדאטען אין דער מענשהייט'ס באפרייאונגס־ארמעע!

„קלאסען קאמף" און סאָציאליזם זיינען דארום ניט א טעאָריע, גלאט אזוי א געדאנק, נאָר א פליכט, א גאָטעס־דינסט, א באפעהל פון דער געשיכטע. אנדערע מעגען האנדלען און האווען, וואנדלען און שמייען, פירען געשעפט און בויען זייער אייגענעם שיקזאל — מיר שטארקע אין אונזער אייניגקייט און קלאסען־סאָלידאריטעט, וועלען בויען פאר דער וועלט, פאר אלעמען, פאר די צוקונפט. און וואָס מעהר און וואָס גלויביגער אלץ בעסער.

די רעוואָלוציאָנערע קינדער וואָס האָבען געסטרייקט געגען זייערע אייגענע טאטעס; די איינציגע בעל מלאכות וואָס האָבען ערקלערט גענעראל־סטרייקס אין זייער פאך, די שטילע מארטירער וואָס האָבען זיך אויף אייביג צוקריגט מיט זייער ארט לעבען אום צו קענען זיין גוטע, פרומע סאָציאליסטען — זיי זיינען אלע געוועזען באוועגט פון דעם צויבער פון קארל מארקס, פון דעם גאָלדענ'עם כשוף פון זיין קאמפסלוסטיגער, אָפטימיסטישער לערע. דער סטרייק האָט פארנומען דעם פלאץ פון א תענית, די פארזאמלונג — דעם פלאץ פון דאוונען; דאָס סאָציאליסטישע ביכעל — דעם פלאץ פון עין יעקב...

און כאָטש פינף און דרייסיג יאָהר זיינען שוין פאָריבער זינד דער גרויסער רונדער קאָפ איז ארייגעלעגט געוואָרען אין דער ערד, און כאָטש אלעם וואָס איז פון מארקס'ען פארבליבען, איז שווערע אָפּהאנדלונגען און נאָר איין בילד, קוקען דאך זיינע אויגען נאך אראב פון פילע טויזענדע ווענט און זיין פאָהן וועהט נאך אלץ אויף די שלאכטפעלדער פון דער וועלט.

ארויסגענומען פון:
„קארל מארקס, זיין לעבען, זיין ווירקען און זיינע לעה־רער", ארויסגעגעבען פון די פאראייניגטע אידישע אר־בייטער אָרגאַניזאַציעס, ניו־יאָרק, 1918.

דעבס און פּאָליטישע ארעסטירטע

קיין פּאָלק קען ניט מאַכען קיין פּאָרטשריט אויב עס האָט ניט אין זיך אן אָדער פון אידעאַליזם, די פעהיגקייט און דעם ווילען צו מקריב זיין זיך פאר אן אידעאל; אויב עס האָט ניט קיין מענשען וואָס זיינען גרייט אויפצוגעבען זייער פּערזענליכען קאָמפּאָרט און זייער פּערזענליכע קאַריערע פאר דעם וואָהל און בעסטען פון זייערע מיטמענשען. יעדעם פּאָלק, וואָס האָט עפּעס דערגרייכט, איז געקור־מען צו דער דערגרייכונג דורך דעם שווערען וועג פון פּערזענליכער זעלבסט־אויפאָפּפערונג. ביז לעצטענס איז אמעריקע אין דעם הינ־זיכט ניט געוועזן קיין אויסנאַם. פיליייכט האָט אמעריקע געהאט נאָך אַ שטאַרקערען אונטערערדישען שטראָם פון אידעאַליזם ווי אנדערע לענדער. די געשיכטע פון אמעריקע איז פול מיט ביישפּילע פון פּערזענליכע אָפּפערווייליגקייט, און פון נאָבעלע מאסען באוועגונגען. פון דעם טאָג מיט דריי הונדערט יאָהר צוריק, ווען ראדזשערס וויליאמס איז אוועק פון מאסאטשוזעטס, ווייל ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגען די היפּאָקריטססטווא פון זיינע שכנים, און האָט געגרינ־דעט אן אייגענע און פרייערע קאָלאָניע. ביז די טעג פון בירגער־קריג פאר דער באפרייאונג פון שקלאפעריי, איז די אמעריקאנער געשיכטע פול מיט טראַגישע אָבער באַצויבערענדע ביישפּילען פון העלדענשאפט און אידעאליזם.

איך טראכט וועגען דעם, און עס קומען ארויף אין מיין געדאנק די בילדער פון טייערע און העלדישע קעמפּער. איך זעה דעם זאָטעל מאכער בענדזשאמין לאנדי, ווי ער וואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט מיט אַ זאַק אנטי־שקלאַפעריי ליטעראַטור אויף זיינע פּלייצעס, ווי גענגען אלע אומשטענדען קעמפּט ער איינער אליין געגען דער שקלאַ־

פעריי פון די שווארצע, באליידיגט און געשלאָגען. איך זעה פאר מיינע אויגען ווענדעל פיליפס, וואָס האָט אויפגעגעבען א גלענצענדע קאריערע, ווייל זיין געוויסען האָט איהם ניט ערלויבט צו זיין רוהיג און זאָט ווען א גאנצע ראַסע איז פארשקלאפט. איך זעה פאר זיך טהעאָדאָר פארקער, דעם גלח וואָס האָט געטראָגען אלע פארבען פון הימעל אין זיין אייגענעם הארץ, און די גאנצע גלענצענדע גרופּע אמעריקאנער פון יענער צייט. און איך זעה אויך דאָס מאָדנע אבער איינדרוקספולע געזיכט פון אייבערהעם לינקאָלן, דעם וואונדערבאַרען כאראַקטער, וואָס איז געפאלען א קרבן פון די זעלבע אינטערעסען און די זעלבע סאָרט מענשען וואָס זיינען די אנפיהרער פון רעאקציע אין אמעריקע היינטיגען טאָג.

אָבער פאר די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהר, צוזאמען מיט דעם ווי דער קאַפּיטאליזם אין אמעריקע האָט זיך פארשטארקט און איינגעפונדעוועט, האָט אמעריקע אָנגעהויבען צו פארלירען אלץ מעהר און מעהר אָט די נשמה איהרע וואָס האָט שטענדיג געערדט דורך איהרע בעסטע מענשען. אין די וועסט, וואו דער קאפּיטאליזם איז נאָך ניט אלהערשענד, זיינען נאָך דאָ און דאָרטען פאראן אידעאַליסטישע שפּראָצונגען און רייהען אידעאליסטישע שטראָמונגען, אבער אין דער גרויסער און מעכטיגער איסט האָבען די קוימענס פון די ריזיגע פעקטאָרים פאררויכערט און פארשמוצט די ריינקייט פון דעם לעבען. אָנשטאָט צו געבען די קינדער ביישפּילע פון אמעריקאנער מאַרטירער און פרייהייטס-קעמפּער, גיט מען זיי ביישפּילע פון קאפּיטאליסטען, פון ערפאָלגרייכע געשעפטסלייט. דער גאָלדענער קאלב הערשט אין די געזעצגעבענדע אנשטאלטען, אין די צייטונגען, אין די שולען, אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען. ווי נאָר עס וואקסט אוים א מענש וואָס שיינט צו האָבען זיין אייגענעם שכל און זיין אייגענעם געדאנק, ווערט ער קאָרופּירט און אָפּגעטויטעט. ווי נאָר עס ווערט געשאפען אן אינסטיטוציע וואָס קען פארשטאַרקען דאָס געדעכטע און דאָס עהרליכע, ווערט עס גלייך אריבערגענומען אין די גרויסע הענט וואָס מויערען אריין די נשמה פון דער אינסטיטוציע אין רייכערע און העכערע ווענט. אמעריקע צעהלט ניט מעהר און שטאָלצירט ניט מעהר מיט איהרע גרויסע שרייבער, מיט איהרע טיפע קינסטלער, מיט איהרע בראווע אמת זאָגער, מיט איהרע נאָבעלע

מארטירער, נאָר זי צעהלט און איז שטאָלץ מיט איהרע דאָלארס. דער דאלאר, דער סימבאָל פון מאטעריעלע רייכקייט איז געוואָרען דער טרויעריגער אידעאָל פון דער אמעריקע פון היינטיגען טאָג.

די פארטיי וואָס האָט אמשטארקסטען געקעמפט געגען אָט דער פארביליגונג און געגען אָט דער גייסטיגער פאראָרמונג פון אמעריקע, איז די סאָציאליסטישע פארטיי. און דער מאַן וואָס האָט אמשטארקסטען און אמנאָבעלסטען פאָראויס געטראָגען די פאָהן פון פראָטעסט, איז יודזשין וו. דעבס.

פילייכט זיינען דאָ אין דער סאָציאליסטישער פארטיי געלערענטערע פון איהם, און קליגערע פון איהם, אבער באשטימט זיינען ניטאָ קיין הארציגערע פון איהם. ער איז געקומען צו אונז ווי עס פאסט פאר א פיהרער פון דעם באוואוסטזיניגען ארבייטער קלאס, פון די רייען פון די ארבייטער. א פייערמאן איז ער געווען, וואָס האָט געשאָטען קוילען אין לאָקאָמאָטיוון. ער איז געשטאַנען טאָג איין טאָג אויס, נאכט איין נאכט אויס צווישען פייער פון איין זייט און די פרייע ווינטען פון לאנד פון דער אַנדער זייט. צוזאמען מיט זיין לאָקאָמאָטיוו האָט ער זיך געטראָגען איבער די טאָלען און בערג פון אמעריקע אין שטורם און זונענשיין, און ער האָט געוואוסט, אז ווי שווארץ און ווי הארט די קוילען זאָלען ניט זיין, וועלען זיי דאָך ווערען צונטער רויט, און וועלען שאפען ווארימקייט און קראפט, אויב מען לייגט זיי צווישען פייער. און דאן האָט ער געשוואָרען, אז כל זמן ער וועט לעבען, וועט ער ווארפען די שווארצע און די הארטסטע נשמות אין דעם פייער פון דעם סאָציאליסטישען אידעאָל, אין קאלך אויווען פון זיין הייליגער ליידענשאפט.

מיט עטליכע און צוואנציג יאָהר צוריק אין דער צייט פון דעם גרויסען ערשטען אייזענבאַן סטרייק, איז געווען נאטירליך, אז ער זאָל זיין א פיהרער, און דאן איז געווען אויך נאטירליך, אז מעהר ווי אלע זאָלען די אייזענבאַן מאגנאטען פון יענער צייט איהם האסען און פרואווען באַשטראָפען. מען האָט איהם פארשפארט אין געפענגנים. אבער פאר דעם אמת'ן אידעאליסט איז די געפענגנים נאָר א מיטעל צו זעהן, אז די אינוועניגסטע ליכטיגקייט קענען קיינע גראַטעס און קיין טורעם־דונקעלקייט ניט פארשטעלען. ווען איינער טראָגט די וועלט אין זיין הארצען, — וואָס פאר א פנים האָבען

פאַר איהם שלעסער און הויכע מויערן. און דעבס איז ארויס פון זיין געפענגנים מיט א גרעסערען ליכט ווי ווען עס איז פריהער. אזוי ווי דער העלד פון איינע פון גאָרקי׳ס ערצעהלונגען, האָט ער זיין פלאַמענדע הארץ געטראָגען פאָראויס אום צו באלייכטען דעם וועג פאר אלע וואָס האָבען איהם נאָכגעפאָלגט.

עס איז ניט קיין וואונדער וואָס די קאַפּיטאַליסטישע אמעריקע האָט איהם ווידער אריינגעוואָרפען אין געפענגנים, און עס איז ניט קיין וואונדער וואָס זי האָט אויך אנדערע אריינגעוואָרפען, וואָס זיינען געגאנגען אין זיין וועג. דער וואונדער איז נאָר וואָס זיי האָבען עס ניט געטאָן פריהער, ווייל זיין גאנצער לעבען און אלע זיינע באגריפען פון לעבען זיינען א פולער היפּוך צו אונזער לעבען, צו אונזערע באגריפען ביי היינטיגען טאָג.

און דעריבער ווער איך ניט באגייסטערט פאר דעם געדאנק, אז מען וועט דעבס׳ן אָדער אירגענד וועלכען אנדער פּאָליטישען געפאנגענעם ארויסלאָזען אויף דער פריי. מען קען דעם אָדער יענעם צוואווארפען א טהאַט פון רחמנות. דער אָדער יענער איינפלוסרייכער פּאָליטישען קען האָבען מיטלייד מיט דעבס׳עס אלטע יאָהרען און שוואכען גוף. אבער אויב ער זאָל זאָגאר ארויסגעהן פריי, וועט ער נאָר ארויסגעהן פון א קלענערע געפענגנים אינא גרעסערע געפענגנים. און מיר מוזען זיך פרעגען: זיינען מיר ווערט, אז דעבס זאָל פריי זיין? מיר אליין שטעהען אין דער געפאהר איינגעשלונגען צו ווערען אין דער קאַפּיטאַליסטישער בלאָטע, אין איהר ריזיגער מאכט. די גרעסטע געפאהר פאר דער סאָציאליסטישער און ארבייטער באוועגונג אין אמעריקע איז ניט אין סוויט׳ן אדער אין סענאטאר לאָסק, אָדער אין די פארשידענע רעאקציאָנערע געזעצע וואָס ווערען יעצט דורכגעפירט. די גרעסטע געפאהר איז אין דער מעגליכקייט, אז די ארבייטער פון אמעריקע זאָלען זיך שטעלען צופרידען מיט עטליכע דאָלאר מעהר און העלפען די קאַפּיטאַליסטען פון אמעריקע, אז דאָס לאנד זאָל ווערען דער פאָרמאַן און סאָב־קאָנטראקטאָר פאר די קאַפּיטאַליסטען פון דער גאנצער וועלט. וואָס איך האָב מורא איז, אז מיר אליין זאָלען ניט אויסבייטען אונזער אידעאַליזם אויף דעם גאָלדענעם קאלב. אז מיר אליין זאָלען ניט ערלויבען, אז אמעריקע זאָל זיך באנוצען מיט דעם חורבן פון דער וועלט אום אויף דעם חורבן

אויפצובויען א נייעם און א שווארצען אינטערנאציאָנאל פון דער הערשאפט פון דאלאר.

אויב מיר ווילען גערעכט זיין צו דעבס'ען און צו אלע אנדערע פּאָליטישע געפאנגענע, דארפען מיר פריהער פאר אלעם זייער פריי־הייט ווערט זיין, און מיר דארפען באשליסען צו ארבייטען מיט אלע כוחות, אז אמעריקע זאָל זיך צוריקקערען צו די פּאָליטישע טראַדי־ציעס פון איהר פארגאנגענהייט, און זאָל שטעלען דעם גליק פון פאָלק און הערשאפט פון גערעכטיגקייט העכער פון איהרע העכסטע פעקטאָרי קוימענס, העכער פון איהרע העכסטע מאָנומענטען פון שטיין און גראַניט. לאָמיר ניט באטראכטען די אמנעסטי פאר דעבס'ן און פאר אלע פּאָליטישע געפאנגענע נאָר אלס א פראגע פון זייער פערזענליכען קאָמפּאָרט, נאָר לאָמיר העלפען מאכען אמעריקע ווידער פריי, ווידער אידעאליסטיש, ווידער אָנגעצונדען מיט האס געגען אירגענד וועלכע פאָרמע פון שקלאפעריי, אזוי, אז ווען אונזערע געפאנגענע וועלען ארויסגעהן פריי, זאָלען זיי ניט דארפען ארויסגעהן פון איין טורמע, אום אריינצוגעהן אין אן אנדערע, נאָר זאָלען האָבען פאר זיך א פרייע וועלט מיט פרייע מענשען.

„צוקונפט", ניו יאָרק, מאַי 1920

מאיר לאַנדאָן

הונדערטער טויזענטער מענשען זיינען געקומען צו לאַנ־דאָנ'ס לויה. די גאַנצע שטאָט האָט זיך געוואונדערט. שונאים האָבען געקלעמט. פריינד האָבען שטאָלצירט. וואָס האָט פּאַסירט? לאָיערס זיינען דאָ פעהיגערע פון לאַנדאָנ'ען, סאָציאַליסטען געלערענטערע, אָרגאַניזאַטאָרען געשיקטערע. אמת, ער איז געווען א גלענצענדער רעדנער. אָבער אויף א רעדנערס לויה קומט מען קוקען, ניט וויינען. און אויף לאַנדאָנ'ס לויה האָט מען געוויינט...

* * *

א טוער אין א פּאַרטיי איז ווי א שטאָלענער שרייפעל אין א שטאָלענער מאַשין. מען דאַרף עס האָבען, אָבער ליב האָבען איז עס ניט שייך. אפילו ווען די שרייפעל איז א וויכטיגע, געפינט מען אויך אנדערע. די מאַשין סקריפּעט א ווייַלע, הוסט, וואַרפט, ביז מען דרעהט אריין א נייע שרייפעל, און — פאַרטיג. וואָס עס בלייבט איז נאָר א גרויסע מצבה און א פּאָר דאָקומענטען פאַר א נודנעם היס־טאָריקער. אלס א שרייפעל אפילו איז לאַנדאָן ניט געווען וויכטיג, ער האָט זיך אָפט ניט געלאָזט דרעהען. ער איז זעהר אָפט ארויסגעשפּרונ־גען פון זיין געאוילטען בעט און — געדרעהט זיך איינער אליין. ווען ער איז געווען אין קאָנגרעס האָבען די גוטע און פרומע שרייפלאַך אָפט געערדט וועגען איהם מיט אַן אקסעל־צוג, מיט פאַרצווייפלונג אָדער כעס. דאָך האָט די פּאַרטיי מעהר געקלאָגט אויף לאַנדאָנ'ס טויט ווי זי האָט ווען עס איז געקלאָגט בעפאָר.

* * *

ווייל לאַנדאָן איז פריהער ווי אלץ געווען לאַנדאָן. א פּערזענ־ליכקייט, אודאי, א פעהיגער, אודאי, א שאַרפזיניגער, א בריליאַנטע־

נער, אודאי. אָבער דערצו איז ער געווען נאָך עפּעס, און עפּעס וואָס מען קען מיט איין וואָרט ניט באצייכענען, ווייל ווערטער זיינען גראָה און צו אָפּגעלעבט צו באצייכענען יענע פרישע, לעבעדיגע, צאַפּלדיגע אייגענשאפטען וואָס לאָנדאָן האָט פארמאָגט.

* * *

עס איז דאָ איין וואָרט וואָס מען וואָלט פּיליכט געקענט געברוי־כען — „אַ הייליגער". אָבער וועלכער הייליגער זאָגט „גאָד דעם", שפּילט אין אַ ליידיגען אווענט פּינאָקעל, און געהט ארום אין אַ זונטאג אין פּארק צו לעזען טשעכאָוו'ן? וועלכער הייליגער האָט אַזעלכע אונרוהיגע אויגען און אַזאַ טעמפּעראַמענט?

* * *

ניין, לאָנדאָן איז ניט געווען קיין הייליגער, נאָר — מיט אַ צייט צוריק האָט ער פאַר איינער פון אונזערע גרויסע יוניאָנס געמאכט אַ גרויסען „דזשאָב" וואָס איהם האָט גענומען מאָנאַטען לאַנג און אויף וועלכען ער האָט היבש געלט געדאַרפט אויסלעגען פון זיין אייגענער קעשענע. די יוניאָן האָט איהם אריינגעשיקט אַ טשעק פאַר 5 טויזענט דאָלאר. יוניאָנס דארפט איהר וויסען ליבען בעסער צו צאָלען גרויסע טשעקס צו טעמעני לאָיערס, ניט צו גענאָסען. לאָנדאָן האָט פון דעם טשעק אראָפּגענומען פופצעהן הונדערט דאָלאר און אפּגעשיקט 35 הונדערט דאָלאר מיט אַ קורץ בריוועלע: טייערע יוניאָן, פאַר קהל'שע געלט זענט איהר צו ליבעראל. מיין דזשאָב איז מעהר ניט ווערט.

* * *

זיין ברודער דערצעהלט מיר:

איך האָב איהם איינמאָל באוויזען, אַז ער דערלעגט בוכשטעבליך געלט צו זיין ארבייט פאַר'ן דזשאָינט באָארד פון די ———. ער האָט זיך מיט מיר געדונגען ווי אַ קושנירקע, און ענדליך האָב איך איהם איבערצייגט. אָבער בעטען מעהר? ניט ביי איהם! ביז איך בין אליין אוועק און זעהר לייכט אויסגעווירקט אַ העכערונג...

* * *

אין אריסטאָקראַטישער קלאָב פון ארויפגעקומענע גבירים האָט איינגעלאדען לאָנדאָן'ען ריידען. זיי האָבען איהם אָנגעבאָטען אַ היבשע סומע. לאָנדאָן האָט גערעדט און קיין געלט ניט גענומען. מייער, זאָגט מען איהם, וואו איז דער שכל? מילא פון סאָציאַליסטען, פון

ארבייטער קיין געלט ניט נעמען, זעהר שעהן! אָבער פון די אָלראַיט־ניקעם?

— וועלל, זאָגט מייער, איך וויל ניט די ס.—ב.—זאָלען זאָגען, אַז זיי האָבען מיר באצאָלט פאר א סאָציאַליסטישע רעדע...

* * *

לאָנדאָן איז שטענדיג געווען דער ערשטער צו געבען, דער לעצטער צו נעמען. ער האָט געגעבען דער פּארטיי, דעם פאַרבאַנד, דעם בונד — ווער עמען איהר ווילט. איינמאָל, געהענדיג צו א באנקעט, האָט ער זיך מיר באקלאָגט, אז ער מאכט קוים א לעבען. זיינע זעקס יאָהר אין וואשינגטאָן האָבען רואינירט זיין פּראַקטיס. ביים באנקעט האָט מען געמאכט א קאָלעקשאָן. לאָנדאָן האָט געגעבען הונדערט דאָלאר. נאָר אין קעשענע האָט ער שטענדיג געטראָגען דריי גאָלדשטיקער — א צוואנציגער, א צעהנער, א פינפער. אמאָל האָט ער זיך געכאפּט, אז ער איז געבליבען בוכשטעבליך אָהן א גראָשען, האָט ער זיך באזאָרגט מיט — פינף און דרייסיג דאָלאר...

* * *

אמאָל האָט ער מיר געזאָגט: וואָס בין איך פאר א לאָיער? קיין קייסעס געגען ארבייטער נעהם איך ניט. קיין קייסעס געגען אָרימע־לייט נעהם איך ניט. קיין קייסעס, וואָס זיינען אומגערעכט, נעהם איך ניט. קיין גט־קייסעס נעהם איך ניט, קיין באנקראָט־קייסעס נעהם איך ניט, היינט געה זוך א קייס, וואָס איז גערעכט און וואָס איז ניט געגען ארימעלייט!

און די ניו־יאָרקער אָרימעלייט ווייסען עס קענטיג און זיי ווייסען אויך, אז נאָך אזעלכע זיינען ניטאָ.

* * *

אָבער וועגען געלט־זאכען האָט לאָנדאָן זעהר זעלטען גערעדט. ער האָט בכלל ניט פיל גערעדט. ווי אלע רעדנער, איז ס'ריידען ביי איהם געווען א הייליגע זאך, וואָס טאָר ניט פארשווענדט ווערען אויף קליניגקייטען. אָבער ער האָט וואונדערליך גיט גערעדט! זיינע שטי־מונגען זיינען געווען ווי הייסע פּארע אין א פארמאכטען קעסעל — עס האָט איהם געהויבען! ער איז קיינמאָל אויף איין אָרט ניט איינגעזעסען קיין צוויי מינוט. ער האָט זיך געדרעהט, ער איז אומ־געגאנגען. און זיינע טרויעריגע, מאָדנע אויגען, וואָס אָט האָבען זיי

געבליצט מיט הומאָר און אָט זיך געצאַפּעלט ווי ביי א געשאָכטען קעלבעל, — זיינע אויגען האָבען געזוכט, געגישטערט, געגרעדט.

* * *

לאָנדאָנ'ס שטימונגען האָבען אמבעסטען אויסגעדריקט זיין מענש־ליכקייט, די שעהנקייט פון זיין נאַטור. לעצטענס זיינען די שטימונגען זיינע געווען שווערע, טרויעריגע. אָבער אפילו אין זייער שווערקייט און טרויער זיינען זיי געווען דורכגעלויכטען מיט אַן אמת'קייט, א טיפקייט, וואָס האָט געווירקט און באצוואונגען אנדערע. און דאָס אויך נאָר ביז וואַנען ער האָט זיך ניט געשטעלט ריידען. באַרירונג מיט מיטמענשען האָט איהם אָנגעצונדען מיט א זודיגען ברען. איז ער געווען אויף די פיס פאר אַן עולם, האָט ער געזעהן א נייע וועלט, אַן אמת'ע, א גערעכטע, א ליכטיגע. מענשען האָט ער ליב געהאַט און פיינט געהאט, די מענשהייט אבער איז געווען זיין מזבח. זי מוז ארויסקומען אויפ'ן גלייכען וועג.

* * *

אלע האָבען איהם געליבט און אלע רעספּעקטירט. מען האָט איהם גערופען „מייער" און אינעווייניג צוגעגעבען: „לאָנדאָן". אלע האָבען געוואוסט, פריינד און שונאים, אז אהינטער זיין דארען גוף, זיין אויסגעצויגענעם געזיכט, ליגט א פּערזענליכקייט, אַן אדם גדול. אין דעם, וואָס איז געווען מייער לאָנדאָן, האָט זיך צונויפגעפּאָרט באַשיידענהייט מיט פעסטקייט, קינדערשקייט מיט רוח הקודש, שטי־מונג און וויסען.

„צוקונפט", ניו יאָרק, יולי 1926

דער דורכשניטליכער מענטש

ווי גוט און ווי וואויל דיר איז, דורכשניטליכער מענטש!
דיין הארץ איז פעלז, דיין קאָפּ איז מארמאָר.
קיין ווינד קען דיך ניט צושלאָגען און קיין שטורעם צו־טרייסלען.

דו געהסט אין דיין שטענדיגען אָנגעצייכענטען וועג, וואָס דער גרויסער קאָפּ איבער דיין ציימונג זאָל ניט זיין.

צו מען האָט געפונען א טויטע מיידעל פּארפּאקט אין א פעסעל, צו א וועלט־רעוואָלוציע ברויזט פון פּאָל צו פּאָל — אלץ איינס, דיינע געשמאקען, דיינע האָפנונגען זיינען שטענדיג דיזעלבע.

דו ווייסט וויפיל צוקער דו דארפסט צו דיין קאווע, וויפיל דאָ־לערם פאר דיין ווייב, וויפיל טענץ און וויצען אין דיין „שאָו".

דו ווייסט, אז וואָס עס זאָל ניט פּאסירען, ווער עס זאָל ניט הערשען, וועסטו בלייבען דער אמת'ער באלעבאָס, דער פונדאמענט פון לעבען, די גאראנטי פון אָרדנונג.

זאָלען אלע שטורעמס זיך צונויפקנוילען אין איין גרויסען שטורעם; זאָלען אלע וועה־געשרייען און אלע בלוט־קעמפּע צונויפ־גיסען אין איין ריזיגען וואָיענדען טויט־קרעכץ פון דער וועלט — דו וועסט סיי ווי סיי אויסקויפען שבת אוונט אלע פרעהליכע „שאָוס", דו וועסט סיי ווי סיי האָבען אויסגערעכענט וויפיל נאָך דו דארפסט צאָלען אויף דיין „ענדאָומענט פּאליסי"; דו וועסט אלץ זיך קריגען מיט דיין ווייב איבער א נייע קלייד.

דו ביזט גרעסער פון אלעם, העכער פון אלעם, שטארקער פון אלעם, געמיטליכער פון אלעם, דו פעלז און מארמאָר, דו — דורכ־שניטליכער מענטש!

דער ניט־דורכשניטליכער מענטש

דו ביזט לעבעדיק און באדויערנסווערט, ניט־דורכשניטלי־כער מענטש!

דו ביזט ווי א גרעזעל אין שטורעם, ווי א פונק אין א ווינטיקער שריפה.

דו וואקעלסט ווי א שכור און רעאגירסט ווי א בייבי מיט יעדן נייעם טאָג, מיט יעדן פרישן בלאָז פון לעבן.

דו ביזט ניט פארטרויענסווערט ווי אן אמאָליקער אינדיאנער און ניט באשטימט ווי א פרוי.

אלע שטורמען פון דער וועלט שפילן אָב ביי דיר אין האר־צן און די צווייגן פון אלע אויסגעריסענע בוימער לעבערן דורך דיין לייב און לעבן.

דו עסט און טרינקסט און שלאָפסט און ליבסט דיין ווייב ווי אין א חלום — אָהן פעסטקייט, אָהן געזעצטקייט. אין דיינע מוטנע טעג זעהסט דו בלאָטע פון דער וועלט, און אין דעם ליב־שמייכל פון דיין ווייב — נאָר באגרעניצטע אונוויסענהייט.

ליכטער צינדן זיך און לעשן זיך אין דיין הארצן א טויזנט א מינוט און א צוג־ווינט טרייבט פון אלע זייטן.

דו ווילסט טרעפן אין וועלכן לאַנד עס וועט זיין די נעקסטע רעוואָלוציע און קענסט ניט טרעפן ווי דו וועסט אָפצאָלן דיין רענט (דירה־געלט).

דו ביזט גרייט צו בלוטן און ליידן פאר דער גאנצער וועלט, און דיינע אייגענע הויזן זיינען שוין דריי וואָכן ניט געפרעסט!
אומגליקליכער, ניט־דורכשניטליכער מענטש!

הושענא-רבה מעשה

דער אתרוג איז געלעגען אויף א ווייכען פלאַקס-געלעגער אין א אָפענער זילבערנער פושקע, דער לולב מיט׳ן הדס—אויפ׳ן ווייסען פרישען טישטוך און דאָס פעקעל הושענות — אין דעם דיקען פאר־פעטסטען קרבן־מנחה צוזאמען מיט דער בעל־הבית׳טעס שפאַקולען און די תחינות. און היות די בעל־הבית׳טע איז געווען פארנומען מיט קרעפּכען מאַכען, דער הימעל דורכ׳ן סכך האָט געקוקט ריין און פון דער זילבערנער פושקע האָט זיך געטראָגען א געשמאַקער ריח, זיינען אלע מינים — יעדער אין זיין גראַד — געווען זעהר אויפגע־לעגט און מען האָט פארפיהרט צווישען זיך א שמועס.

אָנגעהויבען האָט, פארשטעהט זיך, דער הדס:

ווייסט איהר, וואָס מעהר איך לעב, אלץ מעהר פארשטעה איך ווי ס׳איז גוט צו זיין א הדס. דו ווייסט, אז דו ביזט שעהן, צאַרט, אז גרינע סאַמעטענע בלעטלאך הילען איין דיין איידעלען גוף; אז פּאָעטען פאר־גלייכען זייערע שעהנסטע כלות מיט דיר; אז בליקען פון ליבשאפט און איבערגעבענקייט ווארימען דיין גייסט... ס׳איז גוט צו זיין א הדס! דו ווייסט, אז דו האָסט פאַרדינסטען; אז די געטין פון שעהנקייט איז דיינס א ליבליכע שוועסטער־קינד; אז דו ביזט די שעהנקייט, די צארטקייט אליין!

דער אתרוג האָט פונ׳ם פּיטום אהער אראָפּגעקוקט אויף זיין היבש, זאפטיג בייכעל און האָט צוגעשמייכעלט:

— פון דעסטוועגען ליג איך אין דער זילבערנער פושקע און ניט דו — דיין פארדינסט איז אין רוחניות און מיינער אין גשמיות, כע־כע... אָהן מיר וואָלט אפשר גאָר קיין זילבער און גאָלד פאברי־קאַציע ניט געווען, ווייל אויף וואָס ציקאוועס׳ן דארף מען עס האָבען

גאָלד און זילבער, אויב ניט פאר מיין קעניגליך געצעלט! וויפיל אינגלאך זיינען עס שוין געשמיסען געוואָרען נאָר דערפאר, וואָס זיי האָבען געוואגט צו צורירען זיך צו מיין גאָלדענעם קאָפּ? און אתרוג בינדט מען ניט מיט א לולב צוזאמען, כע־כע...

דער לולב האָט זיך קענטיג שטארק באלײדיגט, האָט זיך אויס־געהוסט און האָט מיט זיין געוועהנליך הייזעריגער שטים ווי מעגליך געלאַסען ארויסגערעדט:

— און דאָך איז דער עיקר דער לולב. דארף מען עפּעס אין צפון — דער לולב איז אין צפון; אין דרום, איז אין דרום — אפילו אז מען דארף זיך א הויב טאָן ארויף און זעהן, צי איז מען אין הימעל עפּעס ניט צופרידען — הויבט מען אויך דעם לולב. מיינע הערען, אלזייטיגקייט און פאָלגזאמקייט זיינען אין אונזערע צייטען פון אנארכיע דער גרעסטער פארדינסט.

און כאָטש דער אתרוג איז געווען ניט גאָר מסכים מיט'ן לולב, האָט ער דאָך פארשוויגען — א לולב און נאָך מיט א שטעכיגען שפּיץ קען אמאָל טאָן א טובה...

דער הדס אָבער האָט זיך ניט געקענט בארוהיגען.

— עי, הושענות, דאָרטען? וואָס זאָגט איהר? אפשר האָט איהר אויך עפּעס פארדינסטען?

דאָס פּעקעל הושענות האָט א פליסטער געטאָן מיט די געלע בלעטלאך און האָט פארשעהמט אויסגערעדט:

אָ, געווים... מיט אונז שמייסט מען...

— הי־הי־הי — האָט זיך צולאכט דער לולב.

— כע־כע־כע — האָט שיער געפּלאַצט דער אתרוג.

— כאַ־כאַ־כאַ! האָט אויסגעשאָסען דער הדס. די הושענות האָבען זיך פארשעהמט און געבליבען שטיל.

נאָר איין הושענא א מאָגערינקע, א געלינקע, האָט שטיל און מיט הכנעה מוסיף געווען:

— און מיט אונז שמייסט מען אויך...

ליטעראַרישע נאָטיצען

וועדטער

עס דערצעהלט זיך אין די פאָלקס־מעשה׳לאך וועגען קליינע טייוואָלים, דראָבנע געשיקטע לצים, וואָס זייער עובדא איז געווען נאָר אראָפּצופירען פון וועג און פארפירען גוטע פרומע לייט. געהט א פרומער ישוב׳ניק אין שטעדטעל אריין און טוט זיך א קלער, אז ס׳וואָלט ניט שאדען צו האָבען א קעלבעל אויף שבת, אָדער אן אינדיק אויף פּסח אדער עס באהערשען איהם גלאַט שלעכטע געדאנקען, און מיט אמאָל דערזעהט ער, אז אויפ׳ן וועג ליגט זיך א חיה, אן עוף אָדער טאקע א שעהנע נקבה. מיינט ער, דער נאַר, אז דאָס איז טאקע אָנגעגרייט פאר איהם און הויבט אָן צו געהן גיכער פארכאַפּען די מציאה. רוקט זיך עס פאמעליכקע אָב אלץ ווייטער און ווייטער, ביז עס פארפירט צו אלדי שווארץ יאָהרען. אין א טיפען וואלד אָדער א גרוב אָדער אין א גוי׳שער געגענד פלעגט עס פלוצלינג אויסשיסען א געלעכטער און אנטפּלעקען דאָס אמת׳ע געשטאלט. דאָס קאלב איז קיין קאלב ניט, דאָס עוף קיין עוף ניט, דאָס מיידעל קיין מיידעל ניט — נאָר פשוט א קליין פּאסקודנע שד׳ל, מיט א שפּיציג עקיל און מאוסע העויות.

פילע פיינע לייט זיינען אויף אזא אופן פארפירט געווארען, ניט פאר אונז און ניט פאר היינט געדאכט!

צייטען בייטען זיך און דער קליינער טייוועל איז געבליבען. מעהר ניט ער האָט אָנגענומען א נייעם גלגול און האָט זיך פארוואנדעלט אין א וואָרט. געהט זיך א יונגער מאן און עס דוכט זיך איהם, אז ער האָט טיפע איבערלעבונגען און זעהר ערנסטע שטימונגען. באלד פארווילט זיך איהם אויסדריקען זיי אין לעבעדיגע קלאנגען, אָנטאָן א שעהן פּאסענד בגד און לאָזען פון דעם וויסען די גאנצע

וועלט. און דאָ גראַד דערזעהט ער אויפ'ן וועג א שעהן, געשליפען וואָרט. דאכט זיך, אזוי שעהן איז עס, אזוי טיף, אזוי פאסיג. הויבט ער עס אויף, צאצקעט זיך דערמיט און שטעלט עס אריין אין א ליד, און נאָך א וואָרט, און א צווייטען און א דריטען און א פערטען, און זיי קלינגען און גראַמען זיך און פלעכטען זיך צוזאַ־מען און שמייכלען איהם צו פון פאפיר אזוי ליבליך, ביז וואנען זיי געהען ארויס פון זיין שליטה, ווערען אָפּגעדרוקט און פארשפּרייט און ס'לאָזט זיך אויס, אז עס איז גאָר קיין שעהנקייט ניט און קיין נייקייט ניט און קיין טיפקייט ניט, נאָר פשוט א קליין מיאוס שד'ל, א לאָכמאַטער און מיאוסער.

און אזוי ווי דער נסיון פון וואָרט איז זעהר גרויס און צו־ציענד, און ליידען און ארבייט פארשפּאָרט עס זעהר פיל, גיבען זיך אונזערע דיכטער אָב אָט די קליינע טייוואָלים מיט ליב און לעבען, פארקויפען זיי זייערע נשמות און — טאקע איין גאָט זאָל זיך אויף זיי מרחם זיין!

יצחק-לייבוש פרץ

צו זיין 60־יעהריגען געבורטסטאָג

(מאַי 18, 1852 — אפר. 3. 1915)

מיט אונגעפעהר א דרייסיג יאָהר צוריק האָט שלום עליכם ארויסגעגעבען אייניגע אידישע זאמעל־ביכער אונטער דעם נאָמען „די אידישע פאָלקס ביבליאָטעק". אין איינעם פון אָט די ביכער איז געווען אָפּגעדרוקט א גרויסע ליד מיט דעם נאָמען „מאָניש", אונ־טערגעשריבען י. ל. פּרץ. דאָס ליד איז געווען אזוי שעהן, אזוי ניי און אינהאלטסרייך, אז יעקב דינעזאָהן, דער פארפאסער פון דעם „שווארצ'ען יונגעמאנטשיק", האָט געהאלטען פאר נויטיג אָנצו־פרעגען, ווען דער פּרץ איז.

אָה, עפּעס א פּוילישער רב'ל! — האָט געענטפערט שלום עליכם.

דערביי ווייזט זיך ארויס, אז שלום עליכם איז א בעסערער שרייבער, איידער א רעדאקטאר, ווייל די בעסטע שטעלען פון „מאָ־ניש" האָט ער ארויסגעוואָרפען...

פון יענעם פּוילישען רב'ל איז אויסגעוואקסען דער גרויסער אידישער שרייבער, וועמעס זעכציג־יעהריגער יובילעאום עס ווערט איצט געפייערט.

„מאָניש" איז געווען פּרץ'ס ערשטע אידישע ווערק. פאר דעם האָט ער געפּרואווט שרייבען אייניגע לידער אין העברעאיש, וואָס זיינען ערשינען אין דעם העברעאישען זשורנאל „השחר", וואָס דער באוואוסטער משכיל, ראָמאניסט און העברעער פּרץ סמאָלענסקין האָט ארויסגעגעבען. יענע לידער צייכענען זיך אבער מיט גאָר נישט אוים. עס ווערט אין זיי אָפּגעלאכט פון די חסידישע רבי'ס ניט

בעסער און ניט ערגער, ווי אַנדערע משכילים פון יענער צייט האָבען עס געטאָן. ווען אָבער מען זאָל פאַרגלייכען „מאָניש" מיט אַנדערע פּאָעזי, וואָס איז צו יענער צייט געשריבען געוואָרען, קען מען גלייך זעהן א געוואַלדיגען אונטערשיד. קיין מליצה, קיינע אָנגעבלאָזענע און פאַלשע טענער און צו דער זעלבער צייט אַזוי אויסדרוקספול און שטאַרק. נאָכדעם ווי זיין ערשטע אידישע זאַך איז געווען אָפּ־געדרוקט, איז פּרץ געקומען פון זיין שטעדטעל זאַמאָשץ נאָך וואַרשע מיט א פּעקעל שריפטען אונטער'ן אָרעם.

— ווי נאָר ער איז אריין צו מיר אין צימער, — דערצעהלט דער זעלבער דינעזאָהן, — האָב איך דערקענט, אז דאָס איז פּרץ.

א פּאָר פון זיינע פריינד האָבען זיך צונויפגעלייגט און אָפּגע־דרוקט אויף זייער אייגענעם חשבון זיינס א ביכעל, אין וועלכען עס זיינען אריין „דער משוגענער בטלן", „וואָס איז נשמה" און דער „משולח". אָבער קיין מוכר ספרים'ניק האָט עס ניט געוואָלט קויפען. זיי האָבען געדענקט, אז ס'וועט קאַליע מאַכען זייער ביזנעס. עפּעס ניט קיין ראָמאַן און ניט קיין תחינה, אפילו ניט קיין וויץ־ביכעל, נאָר „גלאַט אַזוי". די צוויי טויזענד ביכלאך האָט מען דארום פאַרטיילט אומזיסט צווישען פריינד און באַקאַנטע... זינט יענער צייט איז שוין פיל וואַסער איבערגעפלאָסען און זינט דאַן איז פּרץ די אָנגעזעהענ־סטע פיגור אין דער אידישער ליטעראַטור.

וועגען פּרצ'ן אלס שרייבער האָט מען שוין פיל געשריבען. איך וויל פּרואווען צו דערצעהלען וועגען פּרצ'ן אלס מענש. עס זיינען דא שרייבער, וואָס אויסער זייערע ווערק זיינען זיי זעהר ניט אינטערע־סאַנט. אלץ וואָס זיי פאַרמאָגען אין חכמה אָדער געפיהל, גיבען זיי אריין אין זייערע ביכער אַזוי, אז פאַר זיי זעלבסט בלייבט גאָר־נישט. ניט אזוי איז פּרץ. ער איז דער מערקווירדיגסטער אידישער מענש, וואָס דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגט איצט. ווען ער וואָלט געלעבט מיט עטליכע טויזענד יאָהר צוריק, וואָלט ער געווען א צווייטער שלמה המלך. פול מיט טיפען וויץ און ערנסטען געדאַנק, רייך אין געפיהל און הויך געבילדעט, וואָלטען אלע זיך געבוקט פאַר איהם און צוגעהערט זיך צו די שעהנע שטורמדיגע געפיהלען פון שיר־השירים, די געזעצטע געדאַנקען פון משלי און דעם טרייסטלאָזען טרויער פון קהלת. שוין זעכציג יאָהר אַלט און מיט היבשער לעבענס־

ערפאהרונג איז ער דאָך אָהן קונצען, איינפאַך, ווי א קינד; ער איז א גרויסער אריסטאָקראַט אין זיינע מאַנירען און געשמאַקען, און דאָך אַן אמת׳ער פאָלקס־מענש מיט א טיפען פארשטאַנד פון דעם פאָלק׳ס נשמה, ׳ער איז שטענדיג פול מיט געדאַנקען און בילדער און ער וואַרפט זיי מיט פולער האַנט אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי א ספּאָרטישער מיליאָנער מיט גאָלדענע מטבעות.

דאָס אַלץ, וואָס פּרץ האָט אָנגעשריבען איז מעהר ניט ווי א שוואַכער אָפּגלאַנץ פון דעם אמת׳ן ליכט פון זיין גייסט. אַזוי ווי א קעסעל פול מיט זידענדע וואַסער און צוגעדעקט מיט א שווערען דעק לאָזט ארויס נאָר דינע וואָלקענדלאַך פּאַרע פון די קליינע שפּאַ־רינעס, אזוי זיינען פּרצ׳עס ווערק נאָר צופעליגע אויסדריקע פון זיין שטענדיג אונרוהיגער נשמה. דאָס זיינען נאָר ברעקלאַך פון א רייך געסאַרווירטען טיש, וואו נאָר פּרץ אַליין זיצט ביי דער סעודה, ווען ארום איהם וואָלט שטענדיג געווען א מאַן, וואָס קען איהם און ליבט איהם, און ער וואָלט פארשרייבען אַלע געדאַנקען־בליצען, וויצען, כאַראַקטעריסטיקעס, פּאָעטישע בילדער און שאַרפע ווערטער, וואָס פּרץ וואַרפט ארויס טאָג־טעגליך, וואָלטען מיר איצט געהאַט אין דריי מאָל מעהר ווערק פון פּרצ׳ן, ווי מיר האָבען און אַלע וואָלטען זיי געווען אונגעהויער אינטערעסאַנט.

פאַר דער לעצטער צייט הערט מען אָפט קלאָגען זיך אויף פּרצ׳ן, וואָס אין זיינע לעצטע ווערק איז ער צו טונקעל און אונפארשטענד־ליך. פילע זאָגען, אז זיי פארשטעהען איהם ניט און ווייסען ניט וואָס ער וויל. איז עס דערפאַר וואָס פּרץ איז ווייט פון פאָלק און רעכענט זיך ניט מיט איהם? ניין. אויב די אידישע ליטעראַטור האָט ווען עס איז געהאַט אַן אמת׳ן דעמאָקראַט, איז עס פּרץ. ווען ער האָט ארויסגעגעבען זיינע זאַמעל־ביכער און יום־טוב־בלעטלאַך, איז קיין זאַך פאַר איהם ניט שווער געווען דאָס פאָלק צו באַלערנען. ער האָט אַליין געשריבען פּאָפּולערע ארטיקלען איבער מעדיצין און טעכ־ניק און האָט שטודירט נאַטור־וויסענשאַפט מיט דעם איינציגען צוועק צו לערנען אַנדערע. דאָס וואָס זיינע לעצטע ווערק זיינען ניט אַזוי איינפאַך און קלאָר ווי זיינע ערשטע ערצעהלונגען, נעמט זיך פון א גאַנץ אַנדער אורזאַכע. פּרץ האָט אַזוי פיל צו זאָגען און אַזוי ווייניג צייט, אז ער פיהלט זיך אין דער לאַגע פון איינעם, וואָס

שרייבט זיין צוואה אויפ׳ן טויטען־בעט. קען יעדער גוסס נאָכקוקען זיין האַנטשריפט, עס זאָל זיין קלאָר און זיינע געדאַנקען—אין אָרדנונג? איהם אַרט ניט ווי אַזוי ער זאָגט נאָר וואָס ער זאָגט, כאָטש אָפט קען מען צוליב דער שווערער האַנטשריפט פילעס ניט פאַרשטעהן. אַזוי איז פּרץ. ער מאַכט אפילו זיינע פינטעלאַך ריידען. ער האָט קיין צייט ניט. זאָלען איהם פאַרטייטשען אַנדערע.

אין זיין גרויסער ליבע צו דער אידישער ליטעראַטור איז ער שטענדיג געווען דער ערשטער צו אַנערקענען אַ נייעם אידישען שריי־בער און אַריינפירען איהם אין דער ליטעראַטור. רייזען און נאָמ־בערג, אַש און ווייסענבערג, יהואש און פילע אַנדערע דאַרפען פאַר־דאַנקען זעהר פיל פּרצ׳ן פאַר דעם פאָטערליכען אינטערעס, וואָס ער האָט גענומען אין זיי. קיין איין שורה געשריבען אין אידיש, קיין איין נייער נאָמען געהט פאַר איהם ניט פאַרלאָרען. אָפּזיצענדיג גאַנצע שטונדען אין דער וואַרשעווער „גמינע”, וואו ער „מאַכט זיין לעבען”, שרייבענדיג אַליין פיל און זייענדיג דערצו אָפט אַ רעדאַק־טאָר, געפינט ער דאָך צייט צו לעזען אין פאַרשידענע שפּראַכען און אָנצומערקען דאָס אינטערעסאַנטע.

זיין איינציגער אָפּרו איז אַ „גיים” שאַך מיט נאָמבערג׳ן אָדער אַ זעלטענער שפּאַציר צו דינעזאָהנען.

פּרץ האָט דער ערשטער געמאַכט די אידישע ליטעראַטור גרויס און שטאַרק. ער איז שוין ניט מעהר דער פּוילישער רב׳ל אָדער דער מחבר, וואָס די מוכר ספרים׳ניקעס ווילען ניט קויפען זיינע ווערק — ער איז היינט דער אַנערקענטסטער און באַוואוסטער פון אַלע אידישע שרייבער און איז דער גייסטיג רייכסטער איד.

„פאָרווערטס”, ניו יאָרק, יוני 11, 1911

צו זיין טויט

די וואָס קענען פּרצ׳ן נאָר פון זיינע שריפטען קענען איהם נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עטוואָס קען געקענט ווערען נאָך זיין שאָטען. אַלעס וואָס ער האָט געשריבען איז נאָר געווען אַ פאַר־זוך פון איהם צו דערקענען זיך זעלבסט, צו דערגרונטעווען זיך

אין זיין אייגענער נשמה, צו אויסדריקען די פילארטיגקייט און געטליכקייט פון זיין קינסטלערישען גייסט.

אזוי ווי דער דאָרן, וועלכען משה האָט געזעהן אין מדבר, האָט געברענט און געברענט און ניט געקענט פארברענט ווערען, אזוי האָט פרץ זיין גאנצען לעבען געברענט נאָר אום צו איבער־לאָזען אין זיך מעהר פייער ווי ער האָט פארשוועדעט.

ער האָט זיך געוואָרפען פון איין פאָרמע צו דער צווייטער, פון איין זשאנר צום צווייטען, און פון איין אידעאל צום צווייטען, זוכענדיג אן ענטפער פאר זיך, ווי א געפאנגענער טיגער ווארפט זיך צווישען די גראַטען פון זיין געפענגנים, און ער האָט דעם אויס־וועג ניט געקענט געפינען.

ער האָט געשריבען לידער און פראָזע, ערצעהלונגען און פעליע־טאָנען, ארטיקלען און דראמעס, עטיודען און קריטיק.

ער איז געווען א רעאליסט, א ראָמאנטיקער, א ראציאָנאַליסט, א מיסטיקער, א פאַטאליסט און אַן אינדיווידואַליסט.

ער האָט זיך באגייסטערט דאָ פון סאָציאליזם, דאָ פון נאציאָ־נאַליזם, דאָ פון קולטור־טרעגעריי, דאָ פון דעם גדאַנק פון איבער־מענש.

ער איז געווען א סקעפטיקער און א גלויביגער, א ציניקער און א פאַנאַטיקער, א קליין קינד מיט בלאָהע אונשולדיגע אויגען, און אַן אַלטער זקן פון ערפאהרונג און גלייכגילטיגקייט. ער האָט מענ־שען פארגעטערט און געהאסט, און — האָט זיך ערגעץ ניט געקענט אָפּשטעלען, האָט דאָך ערגעץ ניט געפונען זיין היים.

וואָס ער האָט ניט געשריבען און וואָס ער איז ניט געווען, האָט איהם שטענדיג געצויגען אַלץ צום היפוך פון דעם וואָס ער איז געווען אין דעם אָדער יענעם מאָמענט, ווייל אין זיין גייסט האָבען געוואוינט אַלע מעגליכקייטען, אַלע האָריזאָנטען, אַלע פאָר־מען און אינהאַלטען.

עס איז געווען זיין אידעאל — ער האָט צו מיר וויפיל מאָל וועגען דעם גערעדט — צו שרייבען די לעבענס־געשיכטע פון שלמה המלך.

איך זעה און פארשטעה אַלע שלמה'ס — דעם פון שיר השירים, משלי און קהלת — אינאיינעם. און איך קען עס דערווייזען.

צווישען זיינע כתב־יד'ן וועלען זיך געווים געפינען שטיקלאך און ברעקלאך פון שלמה'ס מאָנאָלאָגען און עפּיזאָדען פון זיין לעבען, ווייל ער האָט וועגען דער ארבייט פיל געקלערט.

אָבער קלערענדיג וועגען דעם האָט ער דערווייל געשריבען פאָלקסטימליכע געשיכטען „די גאָלדענע קייט", „ביינאכט אויפ'ן אלטען מארק" און „אין פּאָליש אויפ'ן קייט".

די מיסטישע און סימבאָלישע שטימונגען פון זיינע לעצטע יאָהרען זיינען נאָר געווען א אינסטינקטיווער פּרואוו איינצושפּארען די וועלט אין סימבאָלישע צייכענס, אפשר וועט זיך איהם איינגעבען זי אויסדריקען אדער פארנעמען.

אזוי האָט ער געלעבט אין שטענדיגען זוכען, אין שטענדיגען וואַנדערן, ברענענדיג מיט א העלישען פייער, באַלויכטענדיג דעם וועג פאר אנדערע, בלאָנדזשענדיג אליין.

יע, מיר האָבען פארלאָרען ניט א גרויסען שרייבער, וואָס האָט אפשר געקענט נאָך באַרייכערען אונזער ליטעראטור, מיר האָבען פארלאָרען א מאַן, דעם מערקווירדיגסטען מאַן און טראגישסטע נאַ־טור, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פארמאָגט פאר די לעצטע עטליכע יאָהרהונדערטע.

און עס ווילט זיך גלויבען, אז זיין גייסט איז ניט אויסגעגאנגען מיט זיין אָטעם, נאָר לעבט, און שוועבט אום אין דער וועלט, נאָך וועלכער עס האָבען געלעכצט פּלאטאָ און אויגוסטין, דער רמב"ם און דער בעש"ט.

דער אידישער סאָציאליסט, מאַי 1915

צו פּרץ'ס יאָהרצייט

פאַר די וואָס האָבען פּרצ'ן געקענט פּערזענליך איז זיין טויט נאָך אלץ אונגלויבליך, כאָטש געווים איז שוין פון זיין קערפּער גאָר נישט געבליבען — נישט פון זיינע וואונדערליכע אויגען, ניט פון זיין ליידענשאפטליכען מויל, ניט פון זיין פעסטען קעניגליכען קאָפּ.

עס וואָלט זיך גיכער געגלויבט, אַז אין איין טאָג איז פון „טאַימס סקווער" געוואָרען אַ פאַרם איידער אַז דער הערליכער פלאַם־און־פייער, וואָס האָט זיך גערופען „פרץ", איז פלוצלונג אויסגעלאָשען געוואָרען.

פרץ איז געווען אַ טיפזיניגער דיכטער, אַ גלענצענדער פעליע־טאָניסט, אַ סימפּאַטישער דענקער, אַ גרויסער קינסטלער. אָבער זיינע לידער און אַרטיקלען, זיינע דראַמען און סאַטירעס, זיינע פאָלקסטימליכע געשיכטען און חסידישע מעשה'לאך דריקען אויס נאָר איין טייל פון זיין פערזענליכקייט, פונקט ווי אַ ליכטיגע אַזיערע אין אַ זוניגען פרימאָרגען דריקט אויס נאָר איין טייל פון דער קראַפט און פראַכט פון דער זון. הינטער דעם גלייכמעסיגען זאַץ פון זיינע שריפטען, הינטער די נערוועזע געדאַנקען־בליצען און בייסענדער סאַטירע פון די מייסטע פון זיינע ווערק איז געלעגען אַ וואונדערבאַר'ע ריזיגע מענשליכע קראַפט, אַ קראַפט וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבען ניט אויפגעהערט צו ברעכען און צו בויען, צו ברעכען און צו בויען, וואָס מעהר ער האָט זיך געפּרואווט באַפרייען פון זיינע פראַגען און צווייפלען דורך איבערגעבען זיי צום פּאַפּיר, אַלץ מעהר זיינען זיי געוואַקסען און אַלץ מעהר איהם באַאומרוהיגט. און וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען אויף דעם וועג פון לעבען, אַלץ געדיכטער, ניט שיטערער זיינען געוואָרען די בוימער פון ביידע זייטען, אַלץ טיפער די שאָטענס, אַלץ ווייטער — דער ציל. ביי גאָרקי'ן איז דאָ אַ העלד אָרלאָוו וועלכער האָט געוואָלט געפינען אַ פאַרקערפערונג פון כאָליערע און געבען איהר אַ האַנט־צו־האַנט שלאַכט, אַזוי אויך האָט פרץ אַלע זיינע לעצטע יאָהרען געזוכט איין געדאַנק, איין זאַך, איין טהאַט, וואָס זאָל פאַר איהם אויסדריקען דעם זין פון לעבען און פון דער וועלט.

„צווישען קאָרן און צווישען זאַנגען,
„זיינען אידעלאך שפּאַצירען געגאַנגען,
„די קאָרנדלאך — צו הויך, די אידעלאך צו קליין,
„האָבען זיי ניט געקענט דערלאַנגען.

אַט דאָס לידעל פּלעגט פּרץ ניט אויפהערען צו זינגען, ווען איך האָב איהם געקענט גאַנץ נאָהענט, מיט אכט־ניין יאָהר צוריק, און ער דריקט אויס די גרעסטע און טיפסטע פון זיינע שטימונגען. „די אידעלאַך צו קליין", דאָס איז געווען זיין גרעסטע פּיין און גרעסטע איבערלעבונג. אלע „אידעלאַך" — אידישליכע און ניט־אידישליכע, ראַדיקאלע און קאָנסערוואטיווע, באַגאַבטע און ניט באַגאַבטע, זיי זיינען אלע געווען „צו קליין" פאר איהם, צו דראבנע, צו פארנומען מיט קליינליכע אונוויכטיגע זאכען.

דארום האָט ער אין גאנצען פארלאָזען יעדען רעאַליסטישען טיפּ, יעדע רעאַליסטישע סיטואַציע און אין זיינע לעצטע יאָהרען איז ער אוועק צו ר' שלמה פון דער „גאָלדענער קייט", צו די העלדען פון די „פּאָלקסטימליכע געשיכטען". ווען ער לעבט וואָלטען מיר פּי־ליכט געזעהן די פארווירקליכונג פון זיין גרעסטער אמביציע, אָנצו־שרייבען אין דראמאַטישער פאָרמע דאָס לעבען פון קעניג שלמה. אויך האָט ער געארבייט פיל אין געדאנקען איבער דעם לעבען פון איסוס'ען, און האָט אפילו געהאט אָנגעשריבען אייניגע קלייניגקייטען אין פאר־בינדונג מיט אָט דעם געפּלאַנטען גרעסערען ווערק.

דאָס אלץ איז נאָר צו דערווייזען, אז מעהר ווי א שרייבער איז פּרץ געווען אַן אוואַנטוריסט, א פּיאָניר, אן אייביגער זוכער נאָך נייע אמת'ען און גרויסע, נאָך נייע שעהנהייטען און טיפע, איהם האָט ניט געאַרט צו ער וועט דעם נייעם אמת דערגאַפּען דורך א פעליעטאָן אָדער א ליד, א דראמע אָדער אפילו א לעקציע; איהם האָט ניט געאַרט צו די נייע שעהנהייט וועט זיך צו איהם אַנטפּלעקען דורך א בוך אדער דורך א מענשען, דורך א זונען־אויפגאַנג אדער דורך דעם שמייכעל פון א פרוי, אָבער וואָס איהם האָט שטענדיג יע געאַרט איז צו האָבען אן אָנהאַלט, צו האָבען א גלויבען, א אידעאַל, א גרויסען, גרויסען גאָט...

איך דערמאָן זיך איצט אויף יענע חדשים, ווען איך האָב גע־האַט די געלעגענהייט איהם צו לערנען נאָהענט. איך זעה איהם ביי איהם אין הויז, האלב־זיצענדיג אויף זיין שרייב־טיש, מיט זיינע צוויי דורכדרינגענדיגע אויגען שיינענדיג ווי זונען, אדער ריידענדיג ביי א פענסטער מיט אש'ן, אדער שפּילענדיג פארטיפּט שאַך מיט נאָמבערג'ן; איך זעה איהם אין זיין לייכטער פּעלערינע און יעגער־

הוט ביי אַ טישעל אין קאַפּע אָסטראָווסקי, ווען יעדער האָט זיך אָפּ־געשטעלט צו באַקוקען זיין שטאָלצען אויסזעהן; איך זעה איהם אין אַ ראַטהסקעלער אויף יערוסאַלימסקאַ אין אַ קרייז פון שרייבער, וואו איבער אַ גלעזעל וויין האָט געבליצט אָהן אויפהער זיין קלוגער קאָפּ; איך זעה איהם שפּאַצירענדיג איבער די גאַסען פון וואַרשע, אַמאָל איינגעבויגען און פאַרעלטערט ווי אַ געשלאָגענער גענעראַל און אַמאָל שטאָלץ און לייכט ווי אַ יונגער זיגער.

און אומעטום, אין אַלע פּאָזען, אונטער אַלע סיטואַציעס, איז ער שטענדיג געבליבען דאָך איינער און דערזעלבער — אַ וועקער פון געדאַנק, אַ ליבהאָבער פון שעהנהייט, אַ קעמפּער פאַר דאָס נייע, אַ אידעאַליסט, וואָס האָט מורא צו גלויבען אין זיך, אַ רעאַליסט וואָס די וועלט איז צו קליין פאַר זיינע פּלענער — יצחק לייבוש פּרץ.

„פאָרווערטס", ניו יאָרק, אפּריל 22, 1916

שלום עליכם'ס צוואה

(מערץ 2, 1859—מאי 13, 1916)

„טראגט מיט עהרע מיין פאר־
הארעוועטען אידישען נאמען"

בכלל גערעדט איז יעדע צוואה א פאזע. א מענש פארשפילעט דעם ראק פון זיין נשמה אויף אלע קנעפלאך, טוט אויף איהר אן א צילינדער־הוט, און הויבט אן צו לערנען און איינצוארדנען, אזוי ווי ער וואלט טאקע געוואוסט גענוי, אז אויפצופירען זיך אין איין וועג איז בעסער ווי אויפצופירען זיך אין אן אנדער וועג; אזוי ווי ער אליין וואלט שוין לאנג דערגרייכט אלע אמת'ן. די גרעסטע טייל צוואות פון אונזער צייט דעריבער האבען צו טאן נאר מיט געלט־אנגעלעגענהייטען, און דריקען נאר אויס דעם מענשענס באגריפען וועגען דעם, מיט וויפיל איינער איז רייכער פון דעם אנדערען, און באשטעטיגען נאר, אז אין די אויגען פון דעם וואס מאכט די צוואה איז חיים ווערט צעהן דאלאר און זרח — פינף.

אן אויסנאם, און א מערקווירדיגער אויסנאם פון אלערליי צוואות, איז שלום עליכם'ס צוואה, און זי וועט פארבלייבען א מערק־ווירדיגער דאקומענט ניט נאר אין דער קאריערע פון שלום עליכם'ען, ניט נאר אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור, נאר אין דער געשיכטע בכלל. א מאן האט אפגעלעבט א גייסטרייכען, באוועג־לאכען, אינטערעסאנטען לעבען פאר זיבען־און־פופציג יאהר; א מאן האט זיך דערהויבען צו זיין איינער פון די עטליכע גרעסטע שרייבער פון א פאלק, וואס איז גאנץ אויסקלייבעריש, און ביים ענדע איז ער פעהיג צו געבען א פולע אפשפיגלונג פון זיין נשמה אין עטליכע זייטלאך! ווייל וואס זיין צוואה זאל ניט זיין איז זי פריהער

פון אלץ א מיניאַטור פון שלום עליכם׳ן, א פֿאָלשטענדיגער סך־הכל פון זיין סטיל, זיין פילאָזאָפיע, זיין טאַלאַנט, זיין לעבען.

איך שטעל מיר פאָר ווי ער האָט די צוואה געשריבען. אלס א געבאָרענער הומאָריסט, אלס איינער וואָס מוז אין יעדער זאך זעהן אויך דאָס קאָמישע, האָט אפילו דער טויט איהם ניט אָפּגעשראָקען מיט זיין שווארצער רעטעניש; און אלס ארטיסט, וואָס דענקט נאָר אין בילדער, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט זאכען וואָס וועלען געשעהן נאָך זיין טויט, און האָט זיי גלייך אויפ׳ן פלאַץ אויסגעלאַכט.

„קיין שום דעבאטען און דיסקוסיאָנען פון מיינע קאָלעגען וועגען פאראייביגען מיין נאָמען, וועגען אויפשטעלען מיר א מאָנומענט אין ניו יאָרק א. ד. ג. זאָל ניט זיין. איכיל נישט קענען איינליגען רוהיג אין קבר, אז מיינע חברים וועלען זיך נאַריש מאַכען".

אָדער:

„מיין וואונש איז, אז מיינע יורשים זאָלען זיך איינאָרדנען אזוי, אז מיינע ווערק און מיינע פיעסען זאָלען לצמיתות ניט פארקויפט ווערען... סיידען עס וועט קומען אזא צייט, אָדער עס וועט זיך געפי־נען אַזאַ שוטה, וואָס וועט אָפּצאָלען פאר׳ן זכות אזא סומע, וועלכע זאָל קענען זיין גענוג אויף אויסצוהאַלטען א משפחה"...

דאָס באטראכטען דעם טויט אלס א זאך וואָס איז גאָר ניט אזוי פייערליך און שרעקליך שפיגעלט זיך אָב אין דעם גאַנצען סטיל פון דער צוואה. שלום עליכם שרייבט פאר גאָט און פאר דער אייביג־קייט מיט דעם זעלבען ניט־געקינצעלטען סטיל, מיט דער זעלבער נאַכלעסיגער ברייטהערציגקייט, מיט וועלכער ער האָט געשריבען „אי־דיש־דייטש פאר ווייבער און פאר׳ן פּראָסטען פאָלק." ער פארטייטשט און קלייבט זיך פאַנאַנדער אין יעדער זאך אזוי, אז עס זאָל ניט זיין קיין צווייפעל וועגען דעם וואָס ער מיינט. „וואו איך זאָל ניט שטאר־בען", זאָגט ער, „זאָל מען מיך באַהאַלטען ניט צווישען אריסטאָ־קראַטען, מיוחסים, אָדער גבירים, נאָר גראָד צווישען פּראָסטע אידען ארבייטער, מיט׳ן אמת׳ן פאָלק"... אַלץ אויסגעטייטשט. טאָמער ווייסט איהר ניט נעגנוי וואָס איך מיין מיט׳ן וואָרט „אריסטאָקראַטען", נאָט אייך „מיוחסים", „גבירים", און מיט „פּראָסטע אידען ארבייטער" מיין איך „דאָס אמת׳ע פאָלק". אדער: „קיין שום טיטלען מיט לוי־בענישען, מיט מורו־מורינו", און כאָטש אין דער צוואה זיינען דאָ

גאַנצע צעהן פּונקטען, און כּמעט אַ היבשער טייל פון זיי זיינען פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, איז דאָך ניטאָ קיין צווייפעל וואָס שלום עליכם וויל האָבען.

פריער פון אַלץ איז ער געווען אַ איד. ניט קיין איד לויט דער פילאַדעלפיער קאָנפערענץ אָדער לויט אַן אַנדער מאָדערנעם נוסח, נאָר אַ איד ווי אונזערע גוטע טאַטעס זיינען געווען, און ווי פילע וואָלטען געוואָלט זיין, נאָר קענען ניט. די אַלע פּלעצער אין זיין צוואה וואָס האָבען צו טאָן מיט קדיש, אידישקייט א. ז. וו., זיינען אַזוי נאַטירליך־קונציג איינגעפלאָכטען אין דער צוואה, אַז קיינעם קען גאָר ניט איינפאַלען צו פרעגען: ס'טייטש, שלום עליכם אין זיינע ווערק איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי שטאַרק רעליגיעז.

אויסער דעם איז ער געווען אַ קלוגער איד: קענט איהר ניט זאָגען קיין קדיש, קלייבט זיך כּמעט אַזוי צוזאַמען; צאָלט מיינע חובות, אויב אַזעלכע וועלען זיין, „ביי גוטע אומשטענדען", ווייל למאי זיך נאַריש מאַכען און זאָגען, גלאַט אין דער וועלט אריין, „צאָל", ווען ס'איז ניטאָ מיט וואָס?

און נאָך אַלעמען, נאָך זיין אַ איד און אַ קלוגער איד, איז ער געווען דאָס, וואָס יעדער איד מוז זיין, אַ היבש שטיק מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ. אַ שרייבער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געמאַכט געגנוג פון זיינע ווערק צו זיין זיכער מיט אַ חודש פריער; אַ שרייבער, וואָס האָט געמוזט ארבייטען אין אַ צייטונג פאַר פּרנסה, — מאַכט ער פּלוצלונג אַ חשבון וועגען די גרויסע הכנסות וואָס וועלען אריינקומען פון זיינע ווערק, רעכענט עס אויף פינף טויזענד און אַכט טויזענד רובעל אַ יאָהר, באַשטימט פינף פּראָצענט און צעהן פּראָצענט, און פאַרטייטשט, און לעגט אוים אַזוי ווי ער וואָלט עס געהאַט שוין ביי זיך אין קעשענע; אָדער זיין האָפנונג אויף „מעצענאַטען", אַ האָפנונג אפילו נאָך זיין טויט, וועלכע איז אַזוי „מנחם־מענדעליש".

אַזוי איז זיין צוואה אַ שטיק שלום־עליכם — דאָס בעסטע פון טביה'ס חכמה, מענדעלי'ס ריזיקעס, סטעמפּעניו'ס סענטימענטאַליטעט און שלום־עליכם'ס סטיל. און פּונקט אַזוי ווי אַלע זיינע העלדען האָבען זיך זייערע פּאַראַגראַפען אין זיין צוואה, אַזוי האָבען זיי אַלע איין פּאַראַגראַף בשותפות, אַ פּאַראַגראַף וואָס דאַרף פאַר־

בלייבען א קלאַסיק פאַר זיין שעהנקייט, הארציגקייט, חבר׳קייט און איידעלקייט פון סטיל. איך מיין דעם צעהנטען פאַראַגראַף, וואָס לעזט זיך:

„מיין לעצטער וואונש צו מיינע נאָכפאָלגער און מיין בקשה צו מיינע קינדער: אָפּהיטען די מאַמע, באַשעהנען איהר עלטער, פאַר־זיסען איהר ביטער לעבען, היילען איהר געבראָכען הארץ, נאָך מיר ניט וויינען, נאָר אדרבה, דערמאָנען מיך מיט פרייד, און דער עיקר — צווישען זיך לעבען אין פרידען, ניט טראָגען קיין שנאה איינס אויף דאָס אנדערע, אויסהעלפען זיך איינער דעם צווייטען אין א שלעכטער צייט, דערמאָנען זיך אמאָל אין דער משפחה, רחמנות האָבען גלאַט אויף איין ארעמאַן, און ביי גוטע אומשטענדען צאָלען מיינע חובות, אויב אזעלכע וועלען זיין. קינדער! טראָגט מיט עהרע מיין פאַרהאָרעוועטען אידישען נאָמען, און דער גאָט וואָס אין הימעל זאָל אייך זיין צו הילף. אמן.״

מיינט עס אז שלום עליכם האָט אינגאַנצען אויסגעמידען די פּאָזע, דאָס וועלען כאָטש עטוואָס צו צופּוצען זיך פאַר דער אייביג־קייט? ניין. דער צווייטער טייל פון ערשטען פאַראַגראַף, וואו ער רעדט וועגען זיין מצבה, ווי זי וועט באַשיינען די ארומיגע קברים און ווי די ארומיגע קברים וועלען באַשיינען זיינע, אָט דער טייל איז דורכאויס פּאָזע, ווייל עס איז אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען אז שלום עליכם זאָל מיט אמאָל אָנהויבען האַלטען פון פּאַראַדאָקסען. עס איז טאקע אפשר אזוי אמת: זיין מצבה וועט טאקע באַשיינען די ארומיגע — און נאָך ווי! — און די ארומיגע וועלען אפשר אויך זיינע באַשיינען, אָבער דאָס דאַרף מען ערשט אויסטייטשען און אויף דעם איינשטימען, און עס איז ניט אין שלום עליכם׳ס נאַטור צו דרעהען מיט׳ן גראָבען פינגער אדער זאָגען שעהנע ווערטלאך גלאַט אין דער וועלט אריין.

די „עפּיטאַפּיע״ איז פיל וועניגער, אויב מען קען אזוי זאָגען, „שלום־עליכם׳יש״, ווארשיינליך צוליב דעם, וואָס דער סטיל פון א ליד איז איהם לאַנג ניט געווען באַנוצט און דאָס גראַמען „אַ פּשוטער״ מיט „האָט ער״ ציהט גלייך אוועק איינעמס געדאַנקען פון דעם אינהאַלט צו דער פאָרמע. דערצו אונטערשעצט ער זיך

זעלבסט אין די ערשטע פיר שורות, אונטערשעצט זיך באוואוסט־זיניגערהייט. ער איז געווען מעהר ווי „א איד א פשוטער", וואָס האָט געשריבען אידיש־דייטש פאר ווייבער און פאר'ן פראָסטען פאָלק" — ער איז געווען שלום עליכם, דער מאַן וואָס האָט געטראָגען אין זיין הארצען געגוג שמייכלען, געגוג זונען־שטראַהלען און גענוג לעבען צו באַרייכערען די גרעסטע און עלטסטע ליטעראַטור.

„צוקונפט", ניו יאָרק, יוני 1916

יעקב דינעזאָהן

(1856—אויגוסט 29, 1919)

פאר יאָהרען און יאָהרען זיינען געווען אין ווארשע צוויי אדרעסען, וואָס האָבען געוואָרעמט דאָס הארץ פון יעדען אידישען שרייבער. איין אדרעס איז געווען צעגליאנא 1, די וואוינונג פון י. ל. פרץ, און דער צווייטער איז געווען דזעלניא 15, די וואוינונג פון יעקב דינעזאָהן. מיט העכער ווי פיער יאָהר צוריק איז אויסגעלאָשען געוואָרען דער ערשטער אדרעס. און איצט ברענגט דער קייבעל די טרויעריגע ידיעה, אז אויך דער צווייטער אדרעס איז אויסגעלאָשען געוואָרען. ווען פרץ איז געשטאָרבען, האָבען די אידישע שרייבער פון ווארשע נאָך אלץ געהאט א היים, האָבען נאָך אלץ געהאט א טאטען, יעקב דינעזאָהן. אָבער איצט, אז אויך ער איז געשטאָרבען, בלייבט די אידישע ליטעראַרישע ווארשע פאר׳יתום׳ט ווי א שטיין.

ערשט נעכטען, א מינוט איידער די טרויעריגע נייעס איז אָנגעקומען, האָב איך באקומען פון יעקב דינעזאָהן א בריף, איינעם פון זיינע לאנגע, הארציגע, פאָטערליכע בריף, וואָס ער האָט אליין געשריבען מיט זיין אלטער האנט, מיט א ליבע און זאָרגפעלטיגקייט, פון וועלכע דער יונגער דור וויים ניט. ער דערצעהלט אין דעם בריף וועגען דער טרויעריגער אידישער לאגע אין פוילען און וועגען זיין ארבייט אין די קינדער־שולען וואָס געהען אויף זיין נאָמען. און דער בריף ענדיגט זיך מיט גרוסען און קושען און גליקוואונשע צו פילע אידישע שרייבער, צו וועלכע דינעזאָהן האָט שטענדיג ארויסגעוויזען אן אונענדליכע ליבע און אינטערעס.

איך זעה דעם אלטען, קליינגעוואוקסיגען דינעזאָהן ליגען אין זיין צימער, אויף דזעלניא 15, ארומגערינגעלט מיט דער אטמאָספערע, וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט צוויי דורות אידישע שרייבער. דאָרט

שטעהט אויף דעם קליינעם אויוועלע דער גרויסער טשייניק, אין וועלכען דינעזאָהן האָט געקאָכט טהיי פאר יעדען איינעם, וואָס האָט אריבערגעטראָטען זיין שוועל. דאָרט שטעהט דער טיש, מיט א באנק פון איין זייט און א פּאָר שטוהלען פון דער אנדער זייט, ביי וועלכען עס זיינען איבערגעזעסען יעדער איינער, וואָס איז עפּעס ווערט אין דער אידישער ליטעראַטור. דאָ האָט דינעזאָהן דערצעהלט פּרצ׳ן די חסידישע מעשה׳לאך, וועלכע פּרץ האָט נאָכדעם פארוואנדעלט אין ליטעראַרישע בריליאנטען. און דאָ האָט ער איהם גע־מוסר׳ט וואָס ער גיט אויף זיך ניט אכטונג און היט ניט אָפּ זיין געזונט. דאָ האָט ער צוגעגעבען מוט רייזענ׳ען, דאָ האָט ער געצער־טעלט אש׳ן, דאָ האָט ער געגעבען עסען און טרינקען יעדען בלודנעם אידישען יונגען מאַן, וואָס איז געקומען אין ווארשע מיט א קאָפּ פול טרוימען און אמביציעס און א קעשענע ליידיג ווי ביי א אידישען שרייבער.

איינער, וואָס איז אמאָל איבערגעטראָטען זיין שוועל, אָדער וואָס זיין נאָמען איז פארבונדען מיט דער אידישער ליטעראַטור, איז שוין געווען דינעזאָהנ׳ס א זוהן אויף אייביג. ער האָט ניט געקריטיקירט, ניט גע׳מוסר׳ט, ניט געוויזען קיין גדלות, נאָר ער האָט גע־טאָן, וואָס עס טוען אלע, וועלכע האָבען אין הארצען א גרויסע, וואַ־רימע זון — ער האָט געוואַרימט.

ווען די קלעפּ פון דער מלחמה האָבען אָנגעהויבען צו צוטרייס־לען דאָס אידישע לעבען, ווען עלענדע יתומים פון גאַנץ פּוילען האָבען אָנגעפאנגען ארייַנצופליסען אין ווארשע, האָט דינעזאָהן אָפּ־געגעבען זיין גאַנצע צייט, זיין לעצטע שטונדע, זיין ליעב און לעבען צו זיי. ער האָט געגרינדעט פאר זיי שולען און היימען און האָט אונטערגעהאַלטען זייער חיות, מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט. און איצט, אז זיין ליבער געזיכט וועט מעהר איבער זיי ניט וואַכען, וועט מען דארפען צעהנדליגע און צעהנדליגע מענשען צו פארנעמען דעם פּלאַץ פון איהם אליין.

פאר די לעצטע יאָהרען האָט דינעזאָהן זיך ווייניג אָפּגעגעבען מיט שרייבען און פילע קענען איהם מעהר אלס כלל־טוער. אבער אייגענטליך האָט דינעזאָהן געטאָן אין דער אידישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט געטאָן צו די אידישע שרייבער, און ער איז געווען

דער ערשטער אריינצוטראָגען אין דער אידישער ליטעראטור פון זיין צייט א נאָטקע פון יענער ליבע און מענשליכקייט, פון וועלכע ער איז געווען אויסגעקנאָטען.

די טרערען, וואָס אונזערע מאַמעס און עלטערע שוועסטער האָבען פארגאָסען אויף דעם „שווארצען יונגענמאנטשיק" אָדער אויף „יאָסעלען", זיינען געווען טרערען פון ערוואכטער סימפאטיע, פון אַן אויפגערודערטען מענשליכען אינטערעס. דער „אבן נגף" און „יאָסעלע" זיינען געשטאַנען אין ספרים־שראַנק צוזאמען מיט'ן קב הישר און דער צאינה וראינה, כאָטש זיי זיינען נאָר געווען מעשה ביכלאך, און דאָס פאָלק, וואָס האָט אויך געלעזען בלאָטשטיינ'ען און שמ"ר'ן, האָט דאך געפיהלט אז עפּעס איז דאָ א גרויסער אונטערשיד צווישען זיי. אז איינס איז נאָר א באָבע־מעשה, אויפצורייצען די געפיהלען און פאר'שיכור'ען, און אז דאָס צווייטע איז ארויסצו־ברענגען דאָס בעסטע און איידעלסטע, וואָס איז דאָ אין א מענשענ'ס נשמה. און קיין טאטע האָט קיינמאָל ניט געשלעפּט פאר די צעפּ אָדער געפּאטשט זיין טאָכטער פאר לעזען דינעזאָהנ'ס ראָמאנען.

„פאָרווערטס", ניו יאָרק, סעפּט. 3, 1919

מאָריס ראָזענפעלד

(דעצ. 28, 1862—יוני 22, 1923)

בלייפעדער נאָטיצען

ניט יעדער געשליפטע, גלאַנציג שטיינדעל איז אַ דימענט, ניט יעדער ווייטער פּייערל איז אַ שטערן, און ניט יעדעס ליד — זאָגאַר גלאַטיג, זאָגאַר קלינגענדיג — איז דיכטונג. זיי אַלע זיינען ווירקליך שעהן און אמת, ווען זיי באַזיצען אַ אינוועניגסטען כח, ווען די פאַר־ב'ען און קלאַנגען זיינען נאָר אויגען, דורך וועלכע עס קוקט ארוים די נשמה פון דער זאַך. ביים אמת'ן דיכטער זיינען די ריפמען און דער קלאַנג פון די ווערטער נאָר קליידער אין וועלכע ער טוט אָן זיין געדאַנק, זיין בילד, זיין טרוים. דאָס אמת'ע, געזונטע, זאַפטיגע ליד איז יענעס, אין וועלכען ס'גיסען זיך צוזאַמען די טענער מיט די בילדער, די קלאַנגען מיט די געדאַנקען. נאָר יענעס ליד איז פּאָעטיש, אין וועלכען יעדעס וואָרט איז אַ געזונטער אבר, יעדע שורה — אַ פון בלוט אָנגעשטרענגטער אָדער. נאָר, ווייל די געדאַנקען אין בילדער ווערען דאָך ארויסגעזאָגט דורך ווערטער, איז ניט אימער גרינג אונטערצושיידען, וועלכעס וואָרט לעבט און גליהט, וועלכעס—טויטליך, קאַלט. די מוזיק פון די ווערטער פאַרשטעלט אָפט פונ'ם לעזער די קליינליכקייט פון געדאַנקען, די פאַלשקייט פונ'ם בילד. און וועה איז צו יענעם דיכטער, וועלכער האָט ניט קיין שליטה אויף זיין ערגסטען פיינד און בעסטען פריינד—דעם וואָרט. דאַן ווערט ער אויס זינגער, אוים „קרוין פון דער מענשהייט"; דאַן איז ער אַ גראַמען־מאַכער, בדחן — ניט מעהר. די אמת'ע קונסט איז דאָרט, וואו ס'איז דאָ אַ אינוועניגסטע איבערלעבונג, אַ נגון פון דער נשמה, אַ ריטם פונ'ם הארץ... און אויב דער בדחן פאַרנעמט נאָך עד היום

א בכבוד'ען אָרט אין דער דיכטונגס־קונסט איז עס נאָר א דאנק דעם, וואָס דער גרויסער טייל פון זיינע צוהערער און לעזער ליבען מעהר דאָס טאצען־פויק איידער די איידעלע, פיינע פידעל...

2.

נאָך אָרים, נאָך קליין איז דער טעמפּעל פון דער אידישער דיכטונג. ניט צום פרייען פעלד, צום שטאָלצען וואלד, צום שעהנעם ברייטען טייך קוקען ארוים זיינע שויבען פון טייערע, פיל־פאַרביגע שטיינער, נאָר צום ווערקשטאַט, צו דער פאַבריק, צום שוהל און צום גרויסען פּאַרמיסטיגטען מארק פונ'ם אידיש־שטעטעל. נאָך האָבען די רירעוודיגע שוואַלבען פון פּאַעטישען לעבענספרייד און לעבענסלוסט זיך ניט אויסגעבויט קיין אייביגע נעסטען אונטער זיינע סטרעכעס, נאָך האָט די פרייע זון ניט באַגילדט איהרע שטראַהלען זיין גרויען שינדעל־דאַך; נאָך געפינט איהר אין איהם מעהר איינפאַכע צווייגלאַך, איידער דופטיגע בלומען, און רייצענדע פיגורען פון לעבענס־זודיגע פרויען באַצירען ניט זיין פאָדער־האַנד. און אלע זיינע כהנים — זיי מעגען אין יאָהרען יונג זיין — קוקען דאָך, ווי זקנים, ערנסטע, סאָלידע, מיט אָפּגעוואַקסענע בערד, מיט טיפע דורכדרינגענד־פרעגענדע בליקען, מיט בלאַסע, א, בלאַסע געזיכטער; ביי זיי איז דאָ פיל, פיליכט צו פיל געפלאַצטע גאַל. פיל צאָרן און טרויער, אבער וועניג, פיליכט צו וועניג פּאַעטישע לייכטזיניגקייט און קינדערשע אונמיטעלבארקייט; קיין איין ליב־שעהנעם אפּאָלאָן, קיין איין לעבענס־שכור'ן באַכוס, קיין איין קונדעס־גאָט וועט איהר צווישען זיי ניט געפינען.

„ניט זוך מיך, וואו די מירטען גרינען...
„געפינסט מיך דאָרטען ניט, מיין שאַץ" . . .

נאָר אויב אין דעם כום פון אייער נשמה זיינען פאראן נאָר ביטערע טראָפּען פון צווייפעל, פּאַרצווייפלונג און וועהמוט, דאַן געהט אין דעם אָרימען, קליינעם טעמפּעל פון דער אידישער פּאָעזיע— איהר וועט דאָרט ביים מזבח פון די מוזען די גרעסטע כהנים פון שמערץ און פיין געפינען...

3.

וועגען איינעם פון דיזע כהנים—פיליכט דעם כהן־גדול—מאַרים ראָזענפעלד — וויל איך איצט ריידען.

ניט אימער איז ער כהן־גדול. אָפט איז ער מעהר גראַמען־מאַכער, אלס דיכטער, מעהר עם־הארץ, אלס כהן, מעהר בּאַראַבּאַנ־שטשיק, אלס מוזיקער, מעהר בעל־מלאכה, אלס קינסטלער, מעהר שרייער, אלס נביא; אָפט רוישען זיינע לייכטע קלינגענדע גראַמען, ווי דאָס ראָד פון א מיהל, וואָס דרעהט זיך, גאָר נישט מאָהלענדיג, און זיינע ווערטער זיינען מעהר ווי אַלץ דעקאָראַציעס, וועניגער פון אַלץ פּייזאָזשען.

דאָך ניט וועניגער אָפט איז ער דער אמת'ער קינסטלער, דער ווירקליכער דיכטער־טראַגיק. אין פיל פון זיינע לידער — און פאר די וועלען מיר איהם שענקען די ניט־וועניגע פּסולת זיינע — ערשיינט ער פאר אונז אין זיין גאַנצען גרויסען וואוקס, מיט א שטורמיג הארץ, א באַלעבּטען בליק און א נשמה, א צאַרטע, ווי דאָס קלונג פון א סטרונע, און א ברויזענדע, ווי די תהום'ען פון ים.

„איך ליב דעם ווינד, איך ליב דעם ים,
„דען ווי דער ערשטער בין איך עלענד
„און ווי דער צווייטער רוישט מיין האַרץ"...

און ווען איהר הערט, ווי ער קרעכצט:

„קראַנק איז איינער פון אונז ביידען,
„זאָגט: בין איך עס, צי די וועלט?—"

פיהלט איהר דעם שעהנעם וועלט־שמערץ זיינעם, און עס ווערט פארוואונדעט דאָס הארץ, ווי עמיץ וואָלט אין איהם מיט א שאַרפען שטיין געטראָפען...

אָ, ניין, ניט ער איז קראַנק, נאָר די וועלט, די וועלט, אין וועל־בער דיכטער, די בירגער פון אַלע וועלטען און אַלע פעלקער, דאַרפען נייהען הויזען, און די „שניידער־באַסעס" געהערט די קונסט...

4.

זיין גאַנצע מוזע ראָזענפעלד'ס איז „פון צער און צאָרן". איך וואָלט נאָך זאָגען פון גאַל...

ביי איהם איז דאָ א כאַראַקטעריסטיש ליד. עס איז פון די לידער, וועלכע שרייבען זיך ביי דיכטער, בעת זיי שטעהען אויפ'ן גרענעץ פון משוגעת איבער אָנמעכטיגען צאָרן און בלוטיגע פאַר־צווייפלונג. ווי די אידישע פרויען, וועלכע האָבען אין דעם באַלאַ־גערטען ירושלים געגעסען זייערע אייגענע קינדער, אַזוי טרעט ער מיט די פיס און באַגיסט מיט גיפטיגען גאַל זיינע „ליבעם איינציגע פאַרטרויטע קאַמעראַדען" — די בלומען, וועלכע האָבען אין זומער געבליט און געדומפט נאָר פאַר די צופרידענע און זאַטע:

„אייער גלאַנץ נאָר שמייכעלט צו די זאַטע ברואים,
„וואָס דער מזל האָט באַעהרט מיט טויזענד גליקען;
„דעם וואָס דער לאַזורנער הימעל חנפיעט, גלאַנצט איהם,
„קומט איהר חניעוודיג נאָך, בלומען, און באַקראַנצט איהם,
„פרעמדע בלייבט איהר דעם, וואָס באָדט זיך אין ענויים,
„דאָרטען, וואו דעם לעבענס שווערע לאַסטען דריקען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

„דאַרום אַרט מיך יעצט ניט, ווען איך זעה אייך שטאַרבען,
„קימערט מיך ניט, ווען איך הער דעם הערבסט־ווינד ברומען,
„ניט פאַר מיר האָט איהר געבליהט אין ליבען זומער,
„ניט צו מיר האָט איהר געשמייכעלט אין מיין קומער, —
„סיי ווי סיי פאַרבלייבען מיר פרעמד איירע פאַרבען —
„וועלקט! כיהאָב פאַר אייך קיין טרער, איהר שעהנע בלומען!"

5.

אָבער אויך דאַן, ווען ער, „דער טרערען־מיליאָנער" וויינט, שיל־דערענדיג דאָס ארבייטער־לעבען, וועט איהר עס מעהר פיהלען איי־דער זעהן מיט די אויגען. ער איז צו שטאָלץ, אום צו גיסען וואַסער־טרערען — עדות פון אונבאַהאָלפענקייט—ער איז צו אַן ארבייטער, צו וועניג זיס־זויערער בעל־רחמים, ווייכהערציגער פילאַנטראָפּ, אום

דורך די טרערען לייכטער מאכען זיין פיין. מעהר ניט — ער שטשי־רעט אויס די ציינער, פירט צוזאמען די ברעמען, פרעסט צונויף די פויסטען און שרייט פון וועהטאג און באליידיגונג:

„וואס רוקט איהר אלץ די פלייש אין זיך
„און שמייסט צו מיר די ביינער?
„וואס מיינט איהר, וואס? א הונד בין איך,
„א הונד מיט קהלישע ציינער?"

מארים ראזענפעלד, דער שניידער, פארשטעהט א סך בעסער די פסיכאלאגיע פונ'ם ארבייטער, איידער אלע געלערנטע באזיננער פון דעם ארבייטערס־נויט. ער אפעלירט ניט צום יושר און רחמנות, ער מאכט ניט קיין בעטלער־אויגען צום רייכען טיש, ווי דאס קומט אויס אפט, למשל, ביי רייזען'ען, ער וויל ניט ארויסרופען קיין טרערען פון חרטה און תשובה ביי זיינע אונטערדריקער. ער זאגט ניט: „גיט מיר אויך", „איך דארף", ער זאגט: „מיר קומט, איך וויל".

„און איז אונזער וועלטעל א שלאפצימער נאר
„און איז נאר א חלום דאס לעבען,
„דאן זאלען מיר, וויל איך, אויך מיינע פאר יאהר
„אין גוטע חלומות פארשוועבען"...

ער בעט ניט אפילו דאן, ווען „זיין גליק, זיין טרייסט, זיין גאל־דענער שיין" — זיין הייסעסטע געליבטע קומט צו איהם אין שאפ. ער טרייבט זי פון זיך און שיקט איהר אהיים. מיט עכטען גיפטיגען ארבייטער־שטאלץ זאגט ער איהר: געה!

„פארדונגען זיינען מיינע הענד,
„איך טאר דיך ניט אומארמען — ניין!"

אין זיינע וועהמיטליך צארנדיגע ארבייטס־לידער וועט איהר עס געפינען אזא פערל, ווי „מיין אינגעלע".

6.

מיט בלוט און גאַל שפּריצט און באַשפּריצט זיין דיכטערישע פּעדער, דאַרום איז ער אַזוי שטאַרק אין דער סאַטירע — דער קונסט צו מאַכען אַ שמייכעל, אום בעסער אָפּצונאַרען דעם רוהיגען און געלאַסענעם און לייכטער טרעפען דעם אונפּיהלבאַרען.

אייגענטליך איז דער גרעסטער טייל פון זיינע לידער אין תוך סאַטירישע לידער. כמעט אַלע זיי באַשיינט, ווי דער זונענאויפגאַנג אין הערבסט, אַ קרענקליכער שמייכעל, אַ האַלב־וויינענדיגער האַלב־לאַכענדיגער גלאַנץ.

„האָב פיל געלאַכט, דאָך זעהר פיל געוויינט,
„אָ, שטענדיג איז ביי מיר געווען פאַראייִנט
„מיין לאַך מיט מיינע טרערען...
„נישטאָ וואָס צו הערען !...

7.

דאָס איז מאָריס ראָזענפעלד, דער גרויסער שניידער, וואָס שטעפּט אויס אויפ׳ן גרויען פאָן פון דער גרויער אַלטעגליכקייט פונ׳ם אַרבייטער־לעבען די קינסטלערישע, בלוטיגע קווייטען פון ענוים און שמערץ...

ער איז אַבער אויך אַ גרויסער מאָלער. ער האָט די זעלטענע גאַבע אין אייניגע קורצע שורות צו געבען אַ פאַרענדיגטעס, בולט׳עס בילד. אָט האָט איהר אין זעקס שורות דאָס בילד פון דער געבונדע־נער פרייהייט :

„א בלאָנדע, שעהנע ווייב,
„ווי שניי איז וויס איהר לייב,
„נאָר בלאַס די באַקען, בלאַס ; —
די שולטער פעסט און קלאָר,
„פאַרצירט מיט גאָלדענע האָר,
„נאָר נאַס די אויגען, נאַס"...

אָדער פון „דעם אידישען מאַי״:

„ווידער נעמט דער פריהלינג מאָהלען
„מיט זיין פינזעל; וואו ער שמירט
„ווערען בערגער, ווערען טאָלען,
„ווערט די ערד מיט גרין פארצירט״.

אויך דער הערליכער, שעהנער „ווינטער״...

8.

אָפט, ווי איך האָב׳ שוין געזאָגט, לאָזט ער זיך פאַרפירען פון וואָרט, פון גראַם און פיל פון זיינע שילדערונגען פאַרלירען צוליב דעם אין גאַנצקייט און קראַפט, נאָר אין דעם איז פיליכט שולדיג זיין זאָנדערבארער מוזיקאַלישער אויער. זינגענדיג, אַקאָמפּאַנירט ער זיך זעלבסט אויף א כלי־זמר־אינסטרומענט. אין איינינע לידער, איבערהויפּט אין די לירישע און נאַציאָנאַלע, דערגרייכט אָפט די מוזיק פונ׳ם וואָרט איהר העכסטע שטופע און עס דוכט זיך, דו הערסט פאר זיך א ריזיג־מאַסיווען וואַסער־פאַל, וואָס אָט יאָגט ער מיט זיין גאַנצער ברויזענדער מאַסע אין א שטיינערנעם געלעגער, אָט ווערט ער צוקלאַפּט אויף מילי־מיליאַסען שפּריצען, אָט קייקעלט ער ווידער רואיג זיינע וואַסערן, אָט קלאַפּט ער מיט טויזענדער האַמערן, רוישט און ברויזט מיט טויזענדער קרעפטען...

„די האָפנונג״, נומ. 35, ווילנע. אָקט. 21, 1907

צו מאָרים ראָזענפעלד׳ס טויט

מאָריס ראָזענפעלד האָט ניט באַשאַפען קיין נייע שולע אין דער אידישער פּאָעזיע, האָט ניט אָנגעצייכענט קיין נייעם וועג. און דאָך האָט ער איבערגעלאָזען אַזאַ טיפען דויערענדען איינדרוק

אויף אונזער דיכטונג אז כל זמן אידיש וועט זיין די שפּראַך פון די אידישע מאַסען, וועט ער ווערען באַטראַכט אַלס איינער פון די גרעסטע פּאָעטען וואָס מיר האָבען פאַרמאָגט.

ער האָט אָנגעפאַנגען און געענדיגט זיין געזאַנג אין א צייט און אונטער אומשטענדען וואָס זיינען ניט גינסטיג פאַר א זינגער. די ערשטע פאַר צעהנדליג יאָהר פון דער אידישער אימיגראַציע זיינען געווען יאָהרען פון שווערער האָפנונגסלאָזער ארבייט, ביטערע יאָה־רען פון צופּאַסען זיך צו א ניי לעבען און א ניי לאַנד. דער ווערק־שטאַט פון דעם אימיגראַנט איז געווען דער סוועט־שאָפּ, זיין קלוב — דער סאַלון, זיין היים — דער טענעמענט. דאָס לעבען איז געווען מאָנאָטאָן און ברוטאַל, און אַלע פאַרזוכען צו שאַפען א קולטורעלע אַטמאָספערע זיינען געווען קליין און אונפּרוכטבאַר. ווען דאָס אימי־גראַנטען לעבען האָט זיך אַנטוויקעלט, ווען די גרונדשטיינער זיינען געלייגט געוואָרען פאַר א בעסערען און רייכערען לעבען, און עס האָט זיך שוין אויסגעבילדעט א אינטעליגענץ און א לעזע־פּובליקום, איז ראָזענפעלד׳ס וואולקאַן שוין געווען כמעט אויסגעלאָשען, און נאָר רויך און אש האָבען זיך געצויגען וואו פריהער האָט געשאָסען צום הימעל א פלאַם פייער.

מען טאָר דעריבער ניט פאַרגעסען, ריידענדיג וועגען ראָזענ־פעלד׳ן, דעם הינטערגרונד אויף וועלכען זיין פּאָעטישע קראַפט האָט געווירקט, די אוידיענץ וועמענ׳ס טרובאַדור ער איז געווען!

און אפשר איז טאַקע זיין אונגליקליכע סביבה געווען די אורזאַכע פון זיין קראַפט. אפשר טאַקע זיינען די באַליידיגונגען און קעמפּפע פון זיין סוועט־שאָפּ געווען דער אויל וואָס האָט געמאַכט אזוי ברע־נענדיג און פערזענליך־ליידענשאַפטליך זיין שטים און זיין סטיל, ווייל ראָזענפעלד איז פריער פון אַלץ ניט קיין פּאָרטראַכטער דיכטער, ניט קיין שטילער פארטיפטער באַאָבאַכטער, ניט קיין פילאָזאָפיש־גלייכגילטיגער קינסטלער, וואָס לעגט אריין אין געטאָקטע גראַמען זיין פאַראַכטונג אָדער מיטפיהל מיט דער וועלט. ראָזענפעלד איז הויפּטזעכליך א טריבון, א רעדנער, איינער וואָס רעאַגירט באַלדיג אויף דעם לעבען ארום איהם, ניט אַנאַליזירענדיג עס, און ניט פּרואווענדיג עס צו פאַרשטעהן אדער צו באַרעכטיגען. ער האָט ניט קיינע ניואַנסען, קיינע שאַטירונגען. ער האָט ניט קיין פּינטעלאַך, קיין

נאָכדענקען. און אונטער די אומשטענדען אונטער וועלכע ער האָט געשריבען וואָלט געווען אומנאַטירליך צו ערוואַרטען פון איהם א פאַרענדיגטען סטיל, א ליבע צו דער פאָרמע פון קונסט. מיט דער אויסנאַמע פון נאָר עטליכע ריין לירישע לידער האָט ער ניט קיין שאָטען, קיין נאָכקלאַנג.

און דאָך נאָך דעם אַלעמען איז ער אין תוך געווען אן אמת׳ער דיכטער פון העכסטען ראַנג. ער איז עס געווען, ווייל ער האָט געהאַט א גוואַלדיגען טעמפעראַמענט און א פיינע פאַרשטעלונגס־קראַפט, די צוויי וויכטיגסטע זיילען אין דעם טעמפעל פון יעדער פּאָעזיע. פאַר איהם און נאָך איהם איז נאָך ניט געווען קיין אידישער שרייבער וואָס זאָל באַזיצען אזוי פיל זודיגע ליידענשאַפט, אזא פולבלוטיגקייט ווי מאָרים ראָזענפעלד. די ווערטער און די גראַמען אין זיינע ערשטע און בעסטע לידער קייקלען זיך ווי הייסע שטיינער אַראָפּ באַרג. זיי מעגען זיין ניט אַלע קיילעכדיג און ניט אַלע שעהן, אָבער זיי זיינען הייס, זיי ברענען, און זיי ענטהאַלטען אין זיך אן אויפריכטיגקייט וואָס מען קען ניט פאַרמיידען, אָדער פאַרגעסען.

„אזוי ווי איהר קענט די געפעהרליכע מויל
פון ווילדען וואולקאַן ניט פאַרמאַכען,
ווען פּלוצלונג ער קאָכט זיך פאַנאַנדער מיט גרויל
און וואַרפט פון זיין גליהענדען ראַכען
די יאָהרענולאַנג קלייענדע גלוט מיט א גוואַלט,
אזוי וועט איהר איהם אויך ניט פאַרמאַכען
דער קראַטער פון צאָרן, ביי דעם וואָס איהר האַלט
פאַרשקלאפט איצט, ווען ער וועט ערוואַכען"...

וואָס ער זאָל ניט האָבען געשריבען, וואָס פאַר א פערז און וואָס פאַר א מאָס ער זאָל ניט האָבען געברויכט, האָט ער שטענדיג אַלעס דערזאָגט, און געמאַכט אזוי קלאָר אז ס׳האָט ניט געקענט זיין קיין שום צווייפעל וועגען דעם וואָס ער האָט געמיינט. אייניגע פון זיינע לירישע לידער זיינען טאַקע וואונדערבאַר דערמיט וואָס זייענדיג אמת טיף, זיינען זיי אין דער זעלבער צייט אויך אזוי קלאָר און איינפאַך.

אָבער זיין איינפאכקייט און קלאָרקייט זיינען ניט די איינפאכ־קייט און קלאָרקייט פון די געשוואָרענע ארבייטער־דיכטער. כאָטש די טעמען פון די מייסטע פון זיינע לידער זיינען גאנץ אַלטעגליך — דער ארבייטער, דער שאַפּ, אידישע צרות; — דאָך איז זייער אַפילו ניט קיין סאָציאַלער נאָר א פּערזענליכער. ווען איהר לעזט ראָזענפעלד'ס ארבייטער אָדער סאָציאַלע לידער האָט איהר ניט קיין געפיהל פון רחמנות, נאָר א געפיהל פון אויפרעגונג, פון צאָרן.

„וואָס רוקט איהר אלץ די פלייש אין זיד,
און שמייסט צו מיר די ביינער?
וואָס מיינט איהר, וואָס? א הונט בין איך,
א הונט מיט קהלישע ציינער?"

עס איז אזוי ניט פּאָעזי־מעסיג, אזוי אגיטאטאָריש־פלאך און דאָך אזוי שטארק, אזוי פּערזענליך־אויפריכטיג! זיינע סאטירישע לידער האָבען אויך דעם זעלבען בּים. די זעלבע פארביטערונג. געווענליך שטעלט מען זיך פאָר א דיכטער מיט א פעדער אדער א הארפע אין האַנט. ראָזענפעלד'ן איז זיך אונמעגליך פאָרצושטעלען מיט א פעדער אדער א הארפע. ער ערשיינט שטענדיג מיט א קלאָר־נעט און — א בייטש!

נאָר זעלטען־זעלטען האָט ער זיך ערלויבט דעם פארגעניגען צו פאַרטראַכטען זיך, צו געברויכען די פאר'חלומ'טע סטרונעס פון דער הארפע. און אין דיזע זעלטענע מינוטען האָט ער אונז געזונגען איינינע פון די פיינסטע לירישע לידער אין דער אידישער פּאָעזי:—

איינזאַם זיץ איך ווי געפאַנגען
פון א זעלטזאַמען געפיהל;
עפּעס האָב איך א פארלאנגען,
דאָך איך וויים ניט וואָס איך וויל.

זיינען פריידען, זיינען ליידען
ערגעץ וואו פאר מיר באַשערט?
קראַנק איז איינער פון אונז ביידען!
זאָגט: בין איך עס, צי די וועלט?

„צוקונפט", ניו יאָרק, יולי 1923.

יהואש

(1871 — אָקט. 1, 1927)

עס איז זעהר מאָדנע ווען אין מיטען פון א פארנומענעם פארהאוועטען פריהמאָרגען קלינגט דורך, ווי א שאָס פון א האר־מאט אויף א שטילער גאַס, די נייעס:

— יהואש איז געשטאָרבען! היינט פריה.

מענשען געהען ארויף און אראָפּ אויף די עלעווייטאָרס, עס הערט זיך דאָס גערויש פון די פּרעסעס אונטען, עס קלינגען טעלע־פאָנען, מענשען ריידען, און אין מיטען דערינען:

— יהואש איז געשטאָרבען!

דער ערשטער געפיהל איז פון א האַלב־צאָרנדיגען פארדרוס:

— וואָס שטארבען זיי? דעבס געשטאָרבען, לאָנדאָן געשטאָר־בען, אחד־העם געשטאָרבען, יהואש געשטאָרבען; וואָס דערמאָנען זיי נאָכאַנאַנד אויף'ן טויט?

אָבער גלייך שווימט ארוים פאר די אויגען אן אידעלער געזיכט פון א נזיר, א געלבליך־ברוינער איינגעפאלענער געזיכט מיט אויגען וואָס זיצען טיעף און וואָס ריידען — דער געזיכט פון יהואש.

אָט דאַכט זיך ערשט איז ער געזעסען ביי מיין דעסק מישב זייענדיג זיך וועגען דעם שריפט פאר זיין איבערזעצונג פון תנ"ך — אזא ערנסטער, אָהן פארצווייפלונג, אזא באשיידענער, אזוי שטאָלץ.

האָב איהם נאָר עטליכע מאָל געזעהן, אָפט געלעזען, אבער עס איז געווען אנגענעם צו וויסען, אז ס'איז דאָ אזא מענש אויף דער וועלט. עס זיינען דאָ אָרימע לייט וואָס זיינען אַמאָל רייך געווען. די הויז איז אָרים, שמוציגלאך, שפּל'דיג, אָבער ערגעץ צווישען שמאַטעס ליגט נאָך ערגעץ איינגעוויקעלט א שנירעל פּערל, א פּאָר דימענטענע אוי־

רינגלאך, א טייערע בראַש, א זיידענע ברוסט־טיכעל. אין אונזער אָרים אידיש קולטור־לעבען אויך אזוי: צופליקט, צוהרג׳עט, פּאָופּעריזירט, אָבער ערגעץ לעבט און ווירקט איינער, א צווייטער, א דריטער, — פאַרנומען מיט שפּינען עפּעס, מיט האַמערן נייע שעהנקייטען, מיט ארבייטען ביי אַלטמאָדישע אָבער שעהנע מלאכות — יהואש.

מען דעבאַטירט צי ער איז געווען א גרויסער דיכטער. איך ווייס ניט. אָבער אלע זיינע לידער, איבערהויפּט פאר די לעצטע יאָהרען, זיינען דורכגעדרונגען מיט אזא טראַגישער לידענשאַפט איינצופּאַסען אלץ אין דעם וואָרט, איינצופּרעסען אלע געפיהלען און אלע געדאַנקען אין איין שורה, אין צוויי שורה׳ס. ווען אלעס איז אין אָרדנונג און די הויז איז גרויס, און דער הויף איז גרויס און דאָס פעלד איז רחבות׳דיג, שטעלט מען אלץ אויס באַזונדער — ליריק באַזונדער, פילאָזאָפיע באַזונדער, עפּיק באַזונדער. אָבער ווען דער שונא לויערט פון אלע זייטען, און די הויז ווערט איינגעשרומפּט אין איין צימער, און עס איז ענג — זיך ניט א קעהר צו טאָן, רוקט מען צונויף אלץ צוזאַמען, איינס מיט דאָס אַנדערע, איינס אויף און אונטער דאָס אַנדערע.

מיר האָט זיך געדוכט, אז ווען יהואש דיכטעט, ארבייט ביי איהם אינווענינג אן אונבאַוואוסטער געפיהל — וויפיל אמת׳ע אידישע פאָע־טען זיינען אין גאַנצען פאַראַן? ווי לאַנג וועלען זיי נאָך שרייבען און ווי לאַנג נאָך וועט מען זיי לעזען? מען מוז אריינלעגען וואָס מעהר, מען מוז קאָנצענטרירען וואָס טיפער? און דעריבער קלינגען זיינע לידער אזוי ערנסט־קאָמפּאַקט, אזוי אויסערגעוועהנליך קאָנצענט־רירט, אזוי אונגעהויער אינהאלטסרייך. ניט ווי פויגעלאך וואָס צווי־טשערן אין א פריהלינג־פריהמאָרגען זינגען זיינע פערזען, נאָר ווי דער געזאַנג פון פיס פון אן ארמעע, ווי דאָס אָנגעשטרענגטע הודזשען פון מאָטאָרען וואָס פיהרען אמוניציע צום שלאַכטפעלד.

און אוועקצוזעצען זיך אין רעכטען מיטען פון ניו־יאָרק, אין רעכטען מיטען פון דעם געמישעכץ פון ציניזם און חוצפּה, פון בטול און פרעכהייט, פון קנאה און קליינליכקייט, וואָס רופט זיך אידישע ניו־יאָרק — אום איבערצוזעצען אויף אידיש דעם תנ״ך; צו ארביי־טען יאָהר־איין־יאָהר־אויס אויף אַן ארבייט וואָס נאָר איינצעלנע קענען אָפּשאַצען, צו ארבייטען פאר׳עקשנ׳ט, ניט ערוואַרטענדיג דער־

פון קיין מאַטעריעלען נוצען, נאָר לשמה, — ווער קען עס טאָן אויסער א הייליגען נאַר, אויסער א שטאָלצען אונקאָמפּראָמיסליכען פאַנאַטי־קער ?

וואָס פאַר א ווערדע האָבען אַלע דעבאַטעס וועגען דעם צי זיינע לידער זיינען גרויס, צי זיינע איבערזעצונגען זיינען גוט, צי זיין ארבייט איז פון דעם סאָרט וואָס איז אונשטערבליך. אויב ער אַליין שטעהט פאַר אונז מיט זיין מערקווירדיגען כאַראַקטער, מיט זיין פאַר־עקשנ׳טען גלויבען, מיט א פּערזענליכקייט וואָס איז אַזוי אָנציהענד און פון אַזאַ ווערט ?

יהואש וועט אודאי און אודאי פאַרבלייבען דורך זיינע לידער און דורך זיינע איבערזעצונגען, אָבער מעהר ווי אַלץ וועט ער פאַרבלייבען אַלס יהואש, דער אונערמידליכער ארבייטער, דער אין זיין ארבייט איינגעביסענער קינסטלער, די פאַרקערפּערונג פון א גרויסער טראַדי־ציע — דער טראַדיציע צו שאַפען עפּעס, אויפצוטאָן עפּעס, ארויסצו־געבען עפּעס א שעהנע, אַן אינהאַלטסרייכע און א וויכטיגע זאַך.

אין א אידיש לעבען וואָס צופאַלט אויף שטיקער ווי אַן אַלטער בגד, אין א האַלב־חרוב׳ן בנין וואָס אָט־אָט און ער ברעכט צוזאַמען, איז יהואש געווען פון דעם מאַטעריאַל וואָס צופאַלט ניט און ברעכט ניט צוזאַמען —א גאַנצע זאַך, אינווענ[י]ג קריסטאַליזירט און שטאַרק.

* * *

ביי לייטען וואָלט יהואש׳ס טויט געווען א פאָלקס־טרויער, ביי אונז איז עס געווען א שרייבער־טרויער. ווי ווענ[י]ג מענשען האָבען יהואש׳ן געקענט און אָפּגעשאַצט, ווי ווענ[י]ג האָבען פאַרשטאַנען וואָס אַזעלכע מענשען ווי יהואש באַדייטען פאַר דעם גייסטיגען לעבען פון א פאָלק. און וואָס וועט זיין ווען די נאָך עטליכע פון זיין שניט וואָס מיר האָבען וועלען אויך אוועקגעהן ? ווער פון די אינגערע אידישע דיכטער וועט נעמען זיין מיסיע אַזוי ערנסט, וועט זיך באַציען צו זיין פאָלק מיט אַזאַ רעספּעקט, וועט באַטראַכטען דאָס לעבען ניט נאָר אַלס א „טעמע״ ?

יהואש נעמט מיט זיך אין קבר ניט נאָר א גוף, ער האָט מיט־געשלעפּט מיט זיך אויך וואָרצלען, וואָרצלען פון אַן אַלט בוים וואָס רופט זיך אידישע קולטור.

חיים נחמן ביאַליק

(1873 — יולי 4, 1904)

דבר־מה בל ידעתיו כיין בי המה.
שמש אחת במרום ושיר אחד ללב ואין שני.

דער אונטערשייד צווישען דער אידישער און דער מאָדערנער העברעאישער דיכטונג איז ניט נאָר אן אונטערשייד פון שפּראך. צי עס איז דערפאַר, וואָס די רייכקייט פון העברעאיש מאַכט מעגליך אויסצודריקען די קלענסטע שאַטירונג פון א שטימונג אדער קאָליר אין בולט'ע, קלאָרע ווערטער; צי עס איז דערפאר וואָס דער קלאַס אידען וואָס לעזען העברעאיש איז פארשיידען פון דעם דורכשניט־ליכען אידישען לעזער; צי עס איז גאָר א צופאַל, וואָס קען ניט ערקלערט ווערען, אָבער עס איז געוויס זיכער אז דער העברעאישער דיכטער איז געזינטער, פולער, אויב מען קען אזוי זאָגען, גאנצער פון דעם אידישען דיכטער. טשערניכאָווסקי, שניאור, ביאַליק — איין זאך פאַראייניגט זיי צווישען זיך און שיידט זיי אָפּ פון אַנדערע, און דאָס איז זייער אויסגעשפּראָכענקייט, זייער אונמיטעלבארקייט, זייער געזונדקייט. פּאָעזי ביי זיי איז ניט קיין צוועק און ניט קיין ליידענשאפט, נאָר א נאַטירליכער אויסדרוק פון א רייכער נשמה, א פּאַסיגע כלי פאר זייערע איבערלעבונגען און איינדריקע.

איבערהויפּט איז עס ריכטיג וועגען ביאַליק'ן. כאָטש ער אליין האָט זיך באַקלאָגט מיט א פּאָר מאָנאַטען צוריק אויף א רעפעראַט אין מאָסקווע, אז איהם פעהלען שטענדיג ווערטער אויסצודריקען זיינע אינוועניגסטע איבערלעבונגען, און אַז ער האָט שרעקליכע חבלי־לידה ביז עס גיט זיך איהם איין זיך אויסצודריקען, איז ער דאָך דער אויסגעשפּראָכענסטער און קלאָרסטער אידישער דיכטער.

הינטער ביאַליק'ס ווערטער ליגט מעהר ניט ווי זייער טייטש, מעהר ניט ווי זייער באשטימטע, כאַטש פולע באדייטונג. אין דעם זין געהערט ער ניט אינגאַנצען צו אונזער צייט. אין טיפקייט און שאַ־טירונג־רייכקייט, אין פּאָעטישע רמזים און האַלב־אויפגעדעקטע, האַלב פאַרדעקטע שעהנקייטען פון אויסדרוק, שטעהט ביאַליק גאָר ניט אזוי הויך. אַלע געפיהלען פון אונזער קראַנקער צייט מיט איהרע צובראָכענע נשמה'ס און זינלאָזע זוכעניש נאָך אונבאשטימטעס איז איהם אינגאַנצען פרעמד. זיין ליבע, און זיין האַס, און זיין ליידענ־שאַפט, און זיין ענטציקונג, און זיין עקעל, זיינע פּרימיטיווע, באַ־שטימטע, אויסגעשפּראָכען.

די ווערקצייג מיט וועלכער ער נעמט אויף אויסדריקע פון דער ארומיגער וועלט זיינען ניט די פאַרשפּיצטע, דעליקאַטנע ווערקצייג פון אן אינטעליגענטסקען מאַרך און שטאָדטישער אויסגעאיידעלט־שווינדזיכטיגער נשמה, נאָר די ווערקצייג פון יעדען געוועהנליכען און געזונטען בשר ודם: די אויגען, די אויערען, דער נאָז, א. ז. וו. דער אָנקומען פון פריהמאָרגען קומט צו איהם דורך דעם קלאַפּען פון רעדער אויפ'ן ברוק; א פרוי דערקענט ער נאָך איהר ריח (אבק אשה לא דבק במעילי, וריחה לא ידעתי"); און גאָט שרייט ביי איהם ווי א לייב און פיהרט זיך אויף ווי א געוועהנליך וועזען.

אין דער הינזיכט דערגעהט אמאָל ביאַליק צו די ווייטסטע עקסטרימען פון רעאַליזם.

„דאָס שווארץ פארטריקענט בלוט מיט די געהירען
„פון דיינע ברידערס קעפּ און העלזער"
....„און היינט האָט זיי אָהער איין שווייין פאַרשלעפּט,
„געשנאָרט, געגריבעלט זיך אין זייער אויסגעמישטען בלוט"
„א מעשה פון א בויך מיט פעדערן געפּילט,
פון נעז־לעכער מיט נעגעל, קעפּ מיט האַמער" א. ז. וו.

(„אין שחיטה־שטאָדט")

אָדער די לעצטע צוויי שורות פון דעם מערקווירדיגען ליד „רק קו שמש אחד עברך".

„רק קו שמש אחד עברך
ופתאם רממת וגדלת;
ונפתח חמדתך ובשרך
וכגפן פריה בשלת,
ורק סער ליל אחד עברך
ויחמס את בסרך, נצתך;
וכלבים נבלים בחדרך
יריחו מרחוק נבלתך"...

אין דער זעלבער צייט אָבער איז ביאַליק׳ס אויג אַזוי ענטוויקעלט, און זיין פעהיגקייט צו באַאָבאַכטען אַזוי גרויס, אַז פילע פון זיינע איינפּאַכסטע שילדערונגען זיינען קלאַסיש מיט זייער פאַרענדיגטקייט, מיט זייער רייכקייט, מיט זייער פּראַכט פון קאָליר און באַוועגונג. דערביי זיינען זיי געמאַכט מיט אַן אָריענטאַלישער ברייטהאַרציגקייט, מיט אַן ענטציקענדען שוואונג פון פּינזעל.

„בין עבי־אש ועבי־דם
„השמש רד לפת־הים"
„צווישען וואָלקען פון פייער און וואָלקען פון בלוט
„האָט די זון אַראָפּגענידערט צום ברעג ים".

אָדער

„על ההר עומדות רגלי האביב"!
„אויפין באַרג שטעהען די פיס פון פרילינג!"

אָדער

„והעבים תחתיים ושנים ושלשים,
זה למעלה מזה עברים דומם מחרישים,
ועם כלות מלא־העין בעצם הרום
זכי־עבים מתפזרים, צחורי ערפי־טהר,
חטובי שיר דק־פניני, גזורי כפיר וזהר.
שברי כסא הכבוד המפזרים בתהום".

(עם פתיחת החלון)

עטליכע שורות, און דאָך ווי פֿול און רייך!

אין איינציגע פֿון זיינע בילדער דערגרייכט ער אַן אונגעהייערע אָריגינאַליטעט און עפּעס אַזאַ פֿאַרגליווערטע שעהנקייט, וואָס ער־וועקט איינעמס פֿאַרבאַרגענסטע פֿאַנטאַזיע.

אָבער דאָס וואָס ביאַליק נוצט אויס אַזוי פֿיל זיינע חושים אין פֿאַרנעמען די וועלט מיינט ניט, אַז איהם פֿעהלט פֿאָרשטעלונגס־קראַפֿט אָדער פֿאַנטאַזיע. עס איז אמת, אַז זיי זיינען ניט דער הויפּט־קוואַל פֿון זיין פּאָעזי; עס איז אמת, אַז דאָרט וואו ער פֿאַר־לאָזט זיך אויף זיי צופֿיל טרייבט ער איבער און פֿאַלט זעהר אָפֿט אריין אין מליצה, ווי ווען ער זאָגט, אַז גאָט שרייט ווי אַ לייב, אָדער ווען ער זאָגט: „און מיין פֿויסט איז אַראָפּגעפֿאַלען ווי אַ האַמער אויפֿ'ן פֿעלז און עס צוברעקעלט, און מיינע פֿיס האָבען גע־מאָלען די שטיינער". אָבער דאָרט וואו זיין פֿאָרשטעלונגס־קראַפֿט דינט נאָר אויף צו באַשיינען דעם קאַלטען פֿאַקט, דאָרט וואו ער נוצט זיי ווי אַ יוּאַוועליר נוצט גאָלד פֿאַר איינפֿאַסען אַ טייער שטיין אויף צו מאַכען עטוואָס בולט'ער, פֿאַרענדיגטער, האַרמאָנישער — דאָרט איז ביאַליק אַמבעסטען, אַמשטאַרקסטען. יענע שטעלען אין „עיר השחיטה", וואָס שילדערען נאָר בילדער פֿון פּאָגראָם זיינען ניט די בעסטע. דער פֿאַקט איז טאַקע אַ שרעקליכער, אָבער מעהר ניט ווי אַ פֿאַקט. צוריסענע בייכער, צושפּאָלטענע קעפּ, אויסגערונענער מאַרך, אין דעם איז נאָך ניטאָ קיין טראַגעדיע פֿון אַ פֿאָלק. אָבער ווען ביאַליק פֿאַרבט צו אָט דעם פֿאַקט מיט זיין אייגענער פֿאָר־שטעלונגס־קראַפֿט, און דערצעהלט ווי די אידען וואָס האָבען אויס־געמידען דעם אומגליק האָבען צוגעקוקט צושראָקען און האָבען זיך געהאַלטען אַזוי טעמפּ, דאַן זעהט אַ יעדער אַז דאָ רעדט זיך ניט אום צושפּאָלטענע קעפּ נאָר אום אַ חורבן וואָס איז פֿיל גרעסער און טיפֿער.

אָט די פֿעהיגקייט צוצוגעבען אַ פֿאַנטאַזיע, די וואָג און דעם קאָליר פֿון אַ געשעהעניש, און פֿאַרקערט, איינצופֿאַסען אַ ממשות־דיגע סאָלידע בילד אין אַ באַוועגליכער ראַם פֿון פֿאַנטאַסטישע דעטאַ־לען, אָט די קענטנים צוצוגעבען אַ געוועהנליכער שטימונג די טויזענט חנ'ען פֿון אַ נייער אַנטפּלעקונג, דאָס האָט געמאַכט מעגליך ביאַליק'ס בעסטע זאַכען. די „מתי־מדבר" איז איינע פֿון זיי, און דער איינ־

ציגער סוד פון איהר שטאַרקייט איז וואָס ער האָט אין דעם מדבר און די טויטע אריינגעהויכט דעם אָטעם פון באַוועגונג, און האָט די פאַרשטיינערטע קערפּערס און דעם ענדלאָזען זאַמד געהייסען האַנד־לען, עפּעס טאָן, אויפפירען זיך ווי לעבעדיגע באַזעעלטע וועזענס.

איין בילד אין די „מתי־מדבר" איז איבערהויפּט כאַראַקטערים־טיש פאַר ביאַליק'ן, ווייל זי גיט אונז די מעגליכקייט צו פאַרגלייכען איהם מיט נאָך איינעם פון אונזערע בעסטע — דעם פאַרשטאָרבענעם פּרץ. איך מיין דאָס בילד, וואו די מתי־מדבר כאַפּען זיך אויף און ווילען האַנדלען ווי לעבעדיגע. ביי פּרץ'ן איז דאָ אַזאַ בילד אין „ביינאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק". דאָרט גערהען ארום די טויטע פון די קברים און טרייבען קאַטאָוועס פון דעם לעבען און לעבעדיגע, און מאַכען דאָס גאַנצע לעבען אויסזעהען טויט, פויל, זינלאָז. ביי פּרץ'ן דעם סקעפּטיקער, דעם מאָדערניסט, דעם אנטוישטען דענקער האָט אַנדערש ניט געקענט זיין. אָבער ביי ביאַליק'ן באַגייסטערען אייך די טויטע צו קאַמף און לעבען:

דור אחרון וראשון לגאלה אנחנו!
„מיר זיינען דער לעצטער דור פון שקלאַפעריי ,
און דער ערשטער פון פרייהייט!"
אָדער
„אם אסף האל מעמנו את ידיו
וארונו ממקומו לא ימוש —
נעל נא אפוא בלעדנו!"
„אויב גאָט האָט פון אונז אָפּגעטאָן זיין האַנט,
און זיין ארון רירט זיך ניט פון אָרט
לאָמיר זיך אויפהויבען אָהן איהם!"

ווייל ביאַליק ווייסט ניט פון סקעפּטיציזם, פון צובראָכענקייט, פון חוזק. אין דעם גאַנצען בוך פון זיינע לידער קען איינער געפינען, שיינט מיר, נאָר איין ביישפּיל פון חוזק, פון דעם, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, פאָעטישען „קיבעץ". דאָס איז ווען ער פאַרענדיגט דאָס מוזיקאַליש־שטיפערישע און ליבהאָבערשע ליעד „צפרת" מיט די ווערטער:

„מהרי, מהרי, אחותי, אָבואה היערה,
תחת חברת אשריו לך כל נפשי אפיקה,
ואת כל אהבתי התלויה בשערה
נמיש שנינו בנשיקה"...

אויסער אַט דעם היינע'שען שטריך געברויכט ביאַליק קיינמאָל ניט אַט דעם פאַרפיינטעטן ציניזם. ער איז פרעמד זיין נשמה. אין זיין גרעסטער אויפרעגונג וועט ער קיינמאָל ניט זאָגן: „אָ, זאָל דאָס גיין צום טייוול — אויב איך קען מיינס ניט אויספיהרען וועל איך אוועק". ביאַליק גייט ניט אוועק. ווי א ווילדער אָקס וואָס שטעלט זיך אין מיטען וועג אנטקעגען א לאָקאָמאָטיוו, דעם קאָפּ איינגעבויגען, און אויגען אָנגעגאָסען מיט בלוט, אזוי שטעהט ביאַליק אנטקעגען דער פיליסטערישער אידישער ווירקליכקייט, אנטקעגען דער צבועצסטווע, קליינליכקייט, געזונקענהייט פון זיין פאָלק, און זאָגט:

„איך האָב א וואָרט, א שרעקליך וואָרט,
„וואָס וועט אייך הויבען פון דעם אָרט;
„וואָס וועט דאָס ליכט אייך מאַכען שוואַרץ
„און וועט פאַרסמיען אייך דאָס האַרץ,
„אין מויל פארגיפטען אייך דעם ביסען
„און ביטער מאַכען אייך דאָס ברויט,
„דאָס לעבען וועט דאָס אייך פאַרמיאוסיען,
„און וועט ניט געבען אייך דעם טויט"...

ער קומט צו זיין פאָלק ניט ווי א זינגער, ניט ווי א מאַרשאַלעק און ניט ווי א לערער, וואָס גיט איבער פרעמדע אמת'ן. ער קומט ווי א צד, ווי א יורש. ער האָט אין דעם פאָלק איינגעלעגט זיין גלויבען, זיין האָפנונג, זיין ערוואַרטונג, און ער פיהלט זיך בארעכטיגט צו קריגען באצאָלט. אוועקגעהן קען ער ניט, פארקלענערען זיין פאָדערונג קען ער אויך ניט, בלייבט נאָר איין זאַך, און דאָס איז, אז דאָס פאָלק זאָל זיך אויפהויבען צו איהם.

אַט אין די מאָמענטען טאקע, ווען ביאַליק'ס נשמה זידט איבער ווי א פולער קוואַל מיט ליבע און האס און עקעל און האָפנונג און רחמנות צו זיין פאָלק, ווען פארצווייפלונג עסט זיך אריין אין זיינע ביינער ווי א פייער און כעס פרעסט זיין געמיט, אַט אין די מאָמענ-

טען זעהט זיך אמשטארקסטען ארויס די אויפריכטיגקייט פון זיין נשמה און די קראפט פון זיין שפראך. אין „שחיטה־שטאָדט", „אכן חציר העם", „דבר", א. ז. וו. — זייער גרעסטער צויבער ליגט אין דעם, וואָס ביאליק שטראָפענדיג און שילטענדיג און שרייענדיג, ערנידעריגט ניט, נאָר פארקערט הויבט אויף און מאכט פיהלען אזוי ווי א שטארקער, בייזער, אבער ערפרישענדער געוויטער מאכט פיהלען אין א הייסען, דומפּפען טאָג.

אין שטילערע שטימונגען, אין ניואנסען, אין אויסדריקען גע־פיהלען וואָס זיינען אזוי טיף און פארבאָרגען און אינטים, אז גע־וועהנליכע ווערטער זיינען צו גראָב זיי אויסצודריקען, אין דעם איז ביאליק ווייט ניט אזוי שטארק ווי אין זיינע נאטור־שילדערונגען און נביא'ישעס. אָבער אויך דאָ האָט ער געשאפען איינינגע אויב ניט גרויסע איז דאָך באדייטענדע לידער. „עם דמדומי החמה" אין וועלכע ער דריקט אויס א פארנאכטיגע שטימונג, איז איינע פון די, און די שטימונג וואָס דאָס ליעד באשאפט איז טיף, דויערנד און נאָהענט. זיס און שטיל און טרויעריג זיינען אויך איינינגע זיינע ריין־לירישע לידער, ווי „זריתי לרוח אנחתי", וועלכע פארענדיגט זיך:

„אמור לו: כי נבע מקור אורה
וייבש נטפים, נטפים;
„בלבבי שלהבת יקדה —
„ותדעך רשפים, רשפים"...
„און זאָג איהם; ערשעפּט איז מיין ליכט־קוואַל.
„אין טראָפּענווייז איז ער פאַרדאָרבען,
„דאָס העלישע פייער פון האַרצען —
אַ פונק נאָך אַ פונק אָפּגעשטאָרבען".

אָדער „ים הדממה פולט סודות", און אנדערע.

זיין סטיל, בכלל, איז אויסגעהאלטען, איידעל, קיינמאָל קאָקעטיש און דאָך חנ'עוודיג. ער באזיצט גראציע און אויסדרוקספולקייט און ציטיגקייט. ער דרינגט אריין טיף אין דעם לעזערס קאָפּ און שטעכט ווען מען דארף און וואַרעמט ווען מען דארף.

„צוקונפט", ניו יאָרק, יולי 1916.

משה וואַרשע

(1887 — אפּריל 22, 1912)

די פריינד פון משה וואַרשע, וועלכער איז געשטאָרבען פאַר־לעצטען פריהלינג (זיין טויט שיינט צו זיין א פאָראויס באטראכטער זעלבסטמאָרד), האָבען צונויפגעקליבען זיין טאָגבוך, פערזען און בלעטלאך, און האָבען עס פארעפענטליכט אונטער דעם פּרעטענ־ציעזען נאָמען: „וועגען פון א נשמה".

משה וואַרשע איז באַקאַנט געווען אין די ניו יאָרקער אידישע ליטעראַרישע קרייזען מיט זיין עמפּפינדליכער נשמה, זיינע פעסימיס־טישע שטימונגען און פיינעם אידישען סטיל. ער האָט געמאכט איי־ניגע אויסגעצייכענטע איבערזעצונגען, און האָט אָלעמען צוגעצויגען מיט זיין שטילער באַנעמונג און וועהמיטליך פריינדליכע אויגען. און דערפאַר, ווייל ער האָט כמעט שטענדיג געשוויגען, האָט זיך געוואָלט גלויבען, אז הינטער די פעסט־פאַרשלאָסענע ליפּען ליגט א גרויסע חכמה, א טיפער גייסט, אויב ניט א גרויסע טראַגעדיע.

דער טאָגבוך, וואָס איז וואַרשיינליך געווען זיין אינטימסטער פריינד, מיט וועלכען ער האָט געפירט זיין גאָר לעצטען חשבון הנפש, איז אָבער א היבש ביסעל ענטוישענד. זיין ודוי אנטפּלעקט ניט קיין טיפע חכמה, ניט קיין איבעררייכען גייסט, זאָגאר ניט קיין גרויסע טראַגעדיע. עס דערצעהלט פּשוט פון אן אומגליק. אמת א שרעק־ליכען, אמת א שווידערליכען אומגליק, אבער אן אומגליק פון א יחיד, אָהן אַלגעמיינע שטריכען און אָהן דעם כאַראַקטער פון אן אַלגע־מיינער וואַרנונג.

איינעם פעהלט אַן אויג, דעם צווייטען אַ נאָז, דעם דריטען אַ האַנד און משה וואַרשע'ן האָט געפעהלט עמפּפינדליכקייט פאַר דעם לעבען. דער טויט איז, ווי עס שיינט, געבוירען געוואָרען צוזאַמען מיט איהם און ווי די גיפט־פלאַנצען, וועלכע טויטען אָב די פּרעכ־טיגסטע און העכסטע פּאַלמען, אַזוי האָט דאָס טויט־געפיהל אויס־געטריקענט און פאַרדאָרבען אַלע זיינע געזונדע אינסטינקטען. די איינציגע זאַך, וואָס איהם איז פאַרבליבען, איז אַ קאָפּ, ווי עס שיינט, אַ גוטער, פעהיגער קאָפּ. אָבער וואוהין וועט ברענגען די גרעסטע שיף, אויב עס האָט ניט קיין קאָמפּאַס און קיין רודער? און וואָס קען אויפטאָן דער גרעסטער און בעסטער קאָפּ, ווען עס האָט ניט די וועגען און געזונטע אימפּולסען פון דעם האַרץ?

איז דער קאָפּ אוועקגעפלויגען אין די וואָלקענס, אין אַלערליי ניט־ערדישע פּראָבלעמען, ביז עס איז נאַטירליכערווייזע אראָפּגעפאַ־לען און זיך צובראָכען.

וואַרשע'ס פּראָבלעמען פון לעבען זיינען געווען „זינד", „ניט־גוטער", „גאָט", א. ז. וו. קבלה איז פאַר איהם געווען אַ ווירקליכקייט, און ליידענדיג פון באַשטימטע פאָרמען פון נערווען־קראַנקהייטען און מאַטעריעלער אָרימקייט, דערמאָנט ער קיינמאָל ניט וועגען זאַכען, וואָס זאָלען האָבען די קלענסטע שייכות צו גשמיות. ווי פילע אַנדערע פאַרלאָרענע גייסטער, האָט ער געזוכט זיין רעטונג אין ביכער. פון די „בלעטלאך", וועלכע זיינען פול מיט אויסציגע פון ביכער, איז צו זעהן, אַז וואַרשע האָט פיל געלעזען און האָט אומעטום האָפנונגס־לאָז געזוכט אַן ענטפער אויף זיין אומגליקליכער עקזיסטענץ. דאָ זיינען דער עוואַנגעליום און וואָלט וויטמאַן, מאַרק אורעלי און ווייניגער, ניטשע און ברזשעווסקי.

דעם אינהאַלט פון דעם גאַנצען ביכעל האָט וואַרשע אַליין סומירט אין צוויי שורות, וואָס קלינגען מיט'ן ריטם פון סקעלעטען־ביינער, וואָס רייבען זיך איינע אָן די אַנדערע:

„אויפין קבר פון מיין נשמה האָב איך אַ געצעלט געבויט,
דאָרט וואוין איך איצט — פון נויט..."

דאָס ביכעל לאָזט אונז אריינקוקען אין אַן איידעלער, צאַרטער, אָבער זעהר קראַנקהאַפטער נשמה.

„צוקונפט", יאַנואַר 1914.

װלאַדימיר מעדעם

(יולי 22, 1879 — יאנואר 13, 1923)

דער שטורם פון טויט, וואָס האָט זיך לעצטענס צובושעוועט אין אונזערע רייען, האָט מיט דעם טויט פון מעדעם אוועקגעריסען פון אונז ניט נאָר א גרויסע און מערקווירדיגע פערזענליכקייט, ניט נאָר א געליבטען חבר, נאָר אויך א שטיק אידישע געשיכטע. פאר צעהנדליגע טויזענדער, פיליכט פאר הונדערטע טויזענדע אידישע ארבייטער איז דער נאָמען מעדעם ניט נאָר דער נאָמען פון א מענ־שען, ניט נאָר דער נאָמען פון א פירער, נאָר אויך א פאָהן און א לאָזונג — א פייערדיגער וואָרט, וואָס איז געגאַנגען פאָראויס און געקעמפפט פאר די אידישע ארבייטער, ווי דער פייער־זייל וואָס איז געגאַנגען פאָראויס פון די באַפרייטע אידען פון מצרים.

מעדעם איז צוגעשטאַנען צום „בונד" אין דעם יאָהר 1900. דער „בונד" איז דאַן אַלט געווען ערשט דריי יאָהר. ניט נאָר האָט ער דאַן נאָך ניט געהאט קיין באשטימטע פּראָגראַם, נאָר פילע האָבען זאָגאר געצווייפעלט אין דער נויטיגקייט און דער נוצליכקייט פון א באזונדערע אידישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. דער אַלטער מה יפית געדאנק אין א נייעם שלייער, דער געדאַנק אז די אידישע ארבייטער אליין קענען גאָר ניט אויפטאָן האָט געעגבערט די מוחות פון פילע אידישע אינטעליגענטען. און דער גורל איז געפאַלען אויף דעם יונגען מינסקער סטודענט, וועלכער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אונטער דעם קלאַנג פון קירכען־גלאָקען, אין דער קראַנקער אטמאָס־פערע פון א משומד'ס הויז—אויף איהם איז געפאַלען דער גורל צו ווערען ניט נאָר דער פיהרער, נאָר אויך דער גלויבער, דער גרויסער פאַרטיידיגער פון דעם מאָראַלישען און רעוואָלוציאָנערען ווערט פון

די אידישע ארבייטער מאסען. איינער איז א איד דורך צופאל, אבער מערעם איז געווען דער גרעסטער איד פון אונזער צייט, ווייל ער איז געווען א איד דורך זיין אייגענעם ווילען. אזוי ווי סאָפיא פעראָווסקאיא האָט אויך ער זיך ענטזאגט פון דער קאריערע פון א גענעראלסקען זוהן, פון די מעגליכקייטען פון א פעהיגען אריסטאָקראַט, אום צו ווערען דער פיהרער פון די דערשלאָגענסטע צווישען די דערשלאָגענע, פון די אָרימסטע צווישען די אָרימע.

די אידישע ארבייטער זיינען פאר איהם ניט געווען קיין טעאָריע, ניט א מעגליכקייט אויף זייערע צרות און פּראָבלעמען צו שארפען זיין קלוגען און לאָגישען קאָפּ, זיי זיינען געווען זיין היים און זיין טעמפעל, זיין ציל און איינציגע בארעכטיגונג. דורך אלע פארפלאָנטערטע פּראָבלעמען פון דעם אידישען רעוואָלוציאָנערען קאמף אין רוסלאנד, דורך אלע געדרעהטע וועגלאך פון דער רוסישע רעוואָלוציע האָט נאָר איין זון איהם געלויכטען, האָט נאָר איין פייער איהם געוואָרעמט — די זון און דער פייער פון א קלאסענבאוואוסטער, קעמפענדער אידישער ארבייטערשאפט.

און דארום איז נאטירליך אז אויך מערעם זאָל זיין דער מאן צו געבען דעם „בונד" זיין פּראָגראם, איינצואָרדנען די ערשיינונגען פון דעם אידישען ארבייטער־קאמף אין דער אָרדנונג פון א טעאָריע און א וויסענשאפט. מערעם האָט געפיהלט, אז די אידישע ארבייטער באוועגונג וואָס גרעסער און שטארקער זי ווערט, אלץ וועניגער קען זי זיך באנוצען מיט דעם קאזיאָנעם פּראָגראם פון גלייכע אידישע רעכטע. האָבענדיג ערצויגען געוואָרען אין דער רייכער קולטור פון דער רוסלאנד פון טאָלסטאָי און טורגעניעוו, פון בעלינסקי און פּלעכאנאָוו, האָט ער, מעהר ווי אלע, געקענט אָפּשאצען די ווערט פון א נאציאָנאלער קולטור פאר די ארבייטענדע מאסען. און ניט קענענדיג אליין קיין וואָרט אידיש, זייענדיג אליין פרעמד דער גאנצער אידישער טראדיציע, האָט ער געגעבען דעם „בונד" דעם פּראָגראם פון דער נאציאָנאל־קולטורעלער אוטאָנאָמיע, דעם פּראָגראם וואָס די אידישע ארבייטער האָבען אויפגענומען ווי א וואנדערער אין מדבר נעמט אויף א טרונק וואסער, אריבער די קעפּ און דעם צווייפעל פון פילע פון זייערע פיהרער.

די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע וועלכע איז אזוי ביטער אטאקירט געוואָרען פון אלע זייטען, איז דאָך געוואָרען דער אמת׳ער פנים פון „בונד״, און אויף אזוי פיל אויך דער פנים פון וולאַדימיר מעדעם.

אָבער מעדעם איז געווען נים נאָר א טעאָרעטיקער, ער איז געווען אויך א פיהרער אין שעהנסטען און בעסטען זין פון וואָרט. קיינמאָל אונטער קיינע אומשטענדען האָט ער נים געהאט אין זינען זיך זעלבסט. דער אידישער ארבייטער, דאָס איז געווען זיין קאַריערע. און אזוי ווי א מוטער וואָס קעמפט פאר איהרע קינדער, אזוי האָט ער געקעמפט פאר זיין „בונד״ מיט ציין און נעגעל, מיט דעם לעצטען טראָפען פון זיין בלוט. מיט׳ן פען און מיט׳ן צונג, אויף צוזאמענפאָהרען און אויף קאָמיטע־מיטינגס, קראנקערהייט און געזונטערהייט. אין טורמע און אויף דער פריי, אין זיעגען און אין מפּלות איז ער געווען אזוי ווי צוגעשמידט צו זיין שעהנער פאָהן — די פאָהן פון דעם ערוואכטען אידישען ארבייטער קלאַס. אין דער געשיכטע פון „בונד״ וועלען פארבלייבען היסטאָריש זיינע דעבאטען מיט ציוניסטישע און אסימילאטאָרישע געגנער, זיינע שארפע טרעפענדע ארטיקלען אין צייטען פון מיינונגס פארשיידענהייטען.

ווי יעדער פיהרער האָט ער באזעסען אן אייזען־שטארקען ווילען. קיין זאך האָט איהם נים געקענט אָפּווענדען פונ׳ם וועג אויב ער האָט געדענקט אז ער געהט ריכטיג. פּערזענליכע פריינדשאפט און סימפּאטיע, זיין אייגענער געזונט האָבען גאָר נים געמיינט, ווען עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען די אינטערעסען פון זיין ארבייט. ווען ער האָט גענומען א שטעלונג געגען די רוסישע קאָמוניסטען, האָט ער דורך דעם אָפּגעריסען פעדים וואָס האָבען פאר צעהנדליגע יאָהרען איהם געהאלטען פארבונדען מיט נאָהנטע פריינד און חברים אין קאמף. אבער ער האָט געדענקט אז די קאָמוניסטישע טאקטיק שעדיגט דער ארבייטער באוועגונג און ער האָט נים געצווייפעלט קיין מינוט וועגען דעם, ווי אזוי ׳ער זאָל האנדלען.

ער איז געווען א מאן. ער איז געווען א פּערזענליכקייט. ער איז געווען א וועלט.

מען וועט נאָך שרייבען און שרייבען וועגען איהם, דאָ און אין אויסלאנד. זיין אייגענע אָטאָביאָגראפיע איז א ווירדיגער דענקמאָל

צו זיין טהעטיגקייט. דיזע שורות ווערען דיקטירט אונטער אומ־שטענדען אונטער וועלכע עס איז אונמעגליך צו זיין גרינדליך און צו קלערען וועגען סטיל. דער וויכטיגסטער פונקט היינט איז, אז מעדעם איז מעהר ניטאָ — מעדעם איז טויט!

איך האָב איהם געזעהן כמעט יעדען טאָג און אמאָל צוויי מאָל א טאָג דורך דער צייט פון זיין קראנקהייט. איך האָב איהם געזעהן ביים פולען באוואוסטזיין און אויך ביים האלבען באוואוסטזיין. און יעדעס מאָל וואָס איך האָב פארלאָזען זיין בעט איז אין מיר אלץ גרעסער און גרעסער געוואקסען מיין ליבע און מיין רעספעקט צו איהם. מיט דעם טויט אלס זיין אמת'ע נוירם, האָט ער אלץ ניט געזעהן קיין אנדער זאך פאר זיך ווי די אידישע ארבייטער און אידישע פראגען. וואכעדיגערהייט האָט ער דיקטירט א באגריסונג צום קאָנוועגשאָן פון סאָציאליסטישען פארבאנד, האָט ער זיך איג־טערעסירט מיט אלע איינצעלהייטען פון דער קליוולענדער קאָנפערענץ, האָט ער יעדען טאָג געמוזט לעזען די צייטונגען אדער בעטען זיין פרוי איהם צו לעזען, אום ער זאָל זיך ניט פיהלען אפגעריסען פון דער וועלט. און אין א צושטאנד פון האלב־באוואוסטזיין האָט ער געוואָרענט זיין פרוי אין פראנצויזיש וועגען דער געפאהר וואָס עס שטעהט פאָר זשאָרעס'ן, האָט ער אויפגעפאָדערט די דזשאָינט די־סטריביושאָן קאָמיטע וואָס גיבער צו שפייזען די הונגעריגע, האָט ער געקעמפפט מיט די טורמע־אויפזעהער פאר אביסעל מעהר לופט, פאָר אביסעל מעהר פרייהייט. עס איז געווען שרעקליך און מאָדנע צו זעהן ווי אזוי זיין גאנצער מארטירער־לעבען פלאמט ווידער אויף אין זיין האלב־באוואוסטזיין און זיינע לעצטע ווערטער אין דעם פריה־מאָרגען פון זיין טויט זיינען געווען: „איך וויל געהן אהיים, איך וויל געהן אהיים!”

„פאָרווערטס”, ניו יאָרק, יאנואר 11, 1923.

א. ליעסין דער דיכטער

דער באוואוסטער פראנצויזישער קריטיקער סעין־ביאָוו רעדט ערגעץ וועגען דעם צושטאנד פון פּאָעזיע אין פראנקרייך אין דעם 16טען יאָהרהונדערט און זאָגט: „עס זיינען דאָרט געוועזען נאָר רמזים אויף גרויסע דיכטער, אָהן קיין שום אידעאל, אָהן טיפקייט פון געפיהל און ערנסטקייט, וואָס מאכט הייליג". מיר דוכט, אז אָט די דריי סמנים — דאָס האָבען פון א אידעאל, טיפקייט פון געפיהל און ערנסטקייט, וואָס באהייליגט — דארף מען שטענדיג האָבען אין זינען, ווען מען וויל באטראכטען, אויב א וועלכער ס'איז דיכטער איז ווירקליך באדייטענד. איך זאָג „באדייטענד" און ניט גרויס, ווייל אום גרויס צו זיין דארף מען האָבען עטוואָס מעהר — אז דער אידעאל זאָל זיין ניי און דאָס געפיהל ניט נאָר טיף, נאָר אויך ענטפלעקענדיג נייע לײדענשאפטען אין דעם מענשענ'ס הארץ און באַשיינען דאָס לעבען מיט א ניי ליכט. צום באדויערן, זיינען מיר מעהר ווי אלע אָרעם אין גרויסע דיכטער — ווער ווייס, אויב כאָטש איינער וועט פארבלייבען פאר דער מענשהייט און אייביגקייט — און עס וועט פיל באררייכערען אונזער געשמאַק און עסטעטישען גענוס, אויב מיר וועלען כאָטש וויסען ווער אונזערע באדייטענדע זיינען און וואָס פאר א פלאַץ זיי זאָלען פארנעמען.

פאר דער לעצטער צייט זיינען ביי אונז אויסגעוואקסען פילע דיכטער, וואָס שיינען צו האָבען טיף איבערגעלעבט זייערע פּאָעטישע

זעהונגען און ניט וועניגער אזעלכע וואָס באַציִען זיך צו זייער מוזע מיט גרויסער ערנסטקייט, אבער, לײדער, זײנען צווישען זיי דאָ גאַנץ וועניג, וואָס זייער שאַפען זאָל זיין באַלױכטען מיט דעם שיין פון אַן אידעאַל, פון אַ באַשטימטער, פעסטגעשטעלטער באַציאונג צו נאַטור, מענשהייט און לעבען, און נאָך וועניגער אזעלכע, וואָס די אַלע דריי איינגענשאַפטען פון אַ באַדייטענדען דיכטער זאָלען זיין געהעריג פעסטגעשטעלט, איינע די אַנדערע פאַרפאָלקאָמענדיג, איינע די אַנדערע פאַרגענצענדיג. די אָפּװעזענהייט פון אַ אידעאַל איז ניט נאָר אַ פאַקט אין דער מאָדערנער אידישער פּאָעזיע, נאָר אויך אַ גע־הייליגטע טראַדיציע. אונזערע איינגערע דיכטער זיינען כמעט שטאָלץ אויף דעם, וואָס פון זייער דיכטונג איז ניט צו דערקענען זייער באַציאונג צו דאָס גרויסע, וואָס רופט זיך לעבען און וואָס זיי נוצען מעהר זייערע פליגעל, ווי זייערע פיס. זייענדיג „מאָדערניסטיש" פאַרגעסען זיי, אַז דער מאָדערניזם איז ניט אויסגעקלערט פון אַן אַפּיום־טרינקענדען דעקאַדענט, נאָר איז אויסגעוואַקסען פון די נייע פאָרמען און פאַרבען פון לעבען. עס איז דאַרום אַן אמת'ער פאַר־גנעניגען צו וויסען, אַז באַלד וועלען ערשיינען די לידער פון א. ליעסין — פון אַ דיכטער, וואָס האָט אַ גרויסען און לייכטענדען אידעאַל און וואָס אַט דער אידעאַל האָט ניט פאַרפלאַכט זיין געפיהל און ניט פאַר־וואָכעדיגט זיין ערנסטקייט. און כאָטש איך האָב ניט אַלע זיינע לידער פאַר זיך, איבערהויפּט פילע פון די לעצטע יאָהרען, וועל איך דאָך פּרוּווען געבען אַ קורצע — און איך וויים, ניט פאָלקאָמע — כאַראַקטעריסטיק פון זיין פּאָעזי.

פריער ווי אַלץ באַזיצט ליעסין אַ אידעאַל. דאָס לעבען און די מענשהייט באַטראַכט ער דורך אַ געוויסען איינענעם באַוואוסטזיין, פון אַ געוויסען פּאָעטישען שטאַנדפּונקט, וואָס גיט צו זיינע לידער אַ ראָמאַנטישע באַפאַרבונג און זיין סטיל — אָריגינאַליטעט. ער דער־צעהלט אין זיין ליעד „ערוואַכונג", אַז ביים דיכטער

„...הייס ווערט צוגאַנגען דאָס האַרץ אין די טרערען
„טרערען פון ליבע אָהן סוף.

„ליבע צו אלץ, וואָס דורכין שטח פון וועלטאַל
„אין דער נאַטור איז צושפרייט,
„ליבע צו אלץ, וואָס האָט אָטעם און לעבען,
„ליבע צו אַלץ, וואָס איז טויט"...

דאָס זיינען די גלעזער, די אידעאַלע ברילען דורך וועלכע ער קוקט אויף דער וועלט — טרערען און ליבע; ליבע, וואָס איז אי א רחמנות, אי איבערגעבענהייט, ליבע, וועגען וועלכע קריסטוס דריקט זיך ערגעץ אויס, אז „זי ליידט פיל און איז דאָך מילד". אָט די ליבע האָבען געהאַט אין זיך ניט נאָר גרויסע מאַרטירער, נאָר אויך גרויסע דיכטער אָדער אזעלכע, וואָס אָט די ליבע האָט געמאַכט פאר דיכטער. ניקיטין, נעקראַסאָוו, נאַדסאָן און די גאַנצע „נאַראָדני־טשעסקע" שולע אין דער רוסישער ליטעראַטור, עדעלשטאַדט, באָוור־שאָווער און טיילוויז רייזען אין דער אידישער זיינען די, וואָס אָט דער מעכטיגער געפיהל פון „ליבע מיט טרערען" האָט זיי געמאַכט פאר דיכטער. דאָס איז ניט דאָס סענטימענטאַלע פארצוקערטע געפיל פון קליינליכען רחמנות, נאָר דאָס אויפעסענדע פלאַקערנדע באַוואוסטזיין, אז — א וועלט ליידט, א מענשהייט ליידט, אז די גאַנצע וועלט־אָרדנונג איז צושטערט! און ליעסין איז נעמליך ניט סענטימענטאַל, נאָר קרעפטיג־ראָמאַנטיש און ער רופט ביי אייך ארויס ניט קיין טרערען און ניט קיין פארצווייפלונג, נאָר מוט און קאַמפּפלוסטיגקייט, גלויבען און ווילען. זיין מענש, ווי דער מענש פון אלע ראָמאַנטיקער, איז ניט „דאָס קליין מענשעלע מיט קליינע השגות", נאָר דער העלד. מעג עס זיין דער אלטער תנא רבי עקיבא, וואָס געהט לוסטיג צו שרעקליכע ענויים און טויט אין גאָט'ס נאָמען אָדער דער בויסקער בונדיסט ישראל פרידמאַן, וואָס איז געשאָסען געוואָרען אין צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע; א אידיש מיידעל, וואָס פארגעסט ניט אין טומעל פון ניו־יאָרק איהר אלטע היימאַט אדער דער „אייביגער איד". רעדט ער וועגען דעם קליין־מענשעלע, ווי צ. ב. אין „אידישען עקספּלואַטאָר", מוז ער איהם אויך מאַכען ראָמאַנטיש, טרוימענדיג פון א אידישע מלוכה און אידישע סאָלדאַטען אום ער זאָל פאר איהם זיין אינטערעסאַנט. און אפילו דאָן באַציט ער זיך צו איהם מיט א באַהאַלטענעם סאַרקאַסטישען שמיי־

כעל, ווייל ער האָט ניט קיין קראַפט זיין טרוים צו רעאַליזירען, זיין ווילען דורכצופירען אין לעבען. ליעסינ'ס פאָדערונג צום מענשען איז: זיי א העלד! פארליר קיינמאָל דיין מוט! גלויב אין דיין ענדליכען זיעג, טרוים פון דער דרום־זון און הייסען קאמף אפילו אין די שנעען פון סיביר, גיב אָב דיין לעבען פאר א אידעאַל אפילו דאַן, ווען דו זעהסט אין דעם קיין באַלדיגע נוצען ניט!

און רירענד קלינגט זיין:

„איך האָב ניט, אָה עלענדע אומה, מיט וואָס דיר צו דינען
„ארום אין דעם אָרימען וואָכיגען לעבען;
„דעם נפש, דאָס האָב איך, דעם נפש דעם הוילען —
„איהם קען איך דיר געבען!"

אָט דאָס געפיהל האָבען מענשען געהאט אין די שעהנסטע מאָמענטען פון דער מענשליכער געשיכטע. דאָס מוסר־נפש זיין זיך פאר א אידעאַל, דאָס מקריב זיין זיך פאר דער מענשהייט, די שטאָלצע שיינענדע העלדישקייט, וואָס זוכט ניט קיין באַלוינונג, ווייל זי איז אינסטינקטיוו — זיינען די בליצען, וואָס באַלייכטען אָפט די טרויעריגסטע וועגען פון דער מענשהייט, אָט דאָס געפיהל האָבען מיר אויך געהאט אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע און — ווי פיל געזינטער און שעהנער און רייכער מיר זיינען דאַן געווען, איידער איצט אין קעניגרייך פון וואָכעדיגקייט און זינלאָזע נודעניש. ליעסין איז אין דער הינזיכט פיל גרעסער פון ערעלשטאדט אי צוליב דעם, וואָס ער איז וועניגער סענטימענטאַל, אי צוליב דעם, וואָס ער איז ניט נאָר בירגער, נאָר אויך דיכטער.

אמת, אָפט דוכט זיך ווערט ער באַזיגט פון דער וואָכעדיגקייט און איהר ערוואַרט אז אָט־אָט וועט ער פארשילטען, אָט־אָט וועט ער אָפלייקענען דעם גאַנצען זין פון לעבען און קאמף. ס'בלאָזט אויף אייך מיט א קאַלטען טויטענדען ווינד:

„און איך ווייס ניט פאר וואָס איך זאָל שטארבען,
„און איך ווייס ניט פאר וואָס איך זאָל לעבען!...

אָבער מייסטענס פאַרכאַפּט ער זיך און לאָזט אויס:

„דאָך ליב איך דעם לעבען דעם שלעכטען,
„ווי ביטער עס דריקט ניט זיין לאַסט,
„אַזוי ווי מען ליבט אַ געליבטע,
„זאָגאר, ווען זי פּייניגט און האַסט"...

(„אָוועגט־קלאַנגען").

דאָך ליב איך דעם לעבען — אפשר איז עס ניט קאָנזעקווענט, אָבער געזונט און נויטיג. ווייל ליעסין ווייס, אז ס'איז שווער צו זיין א העלד, אז דער קאמף איז הארט און ביטער, אז אָפט ענדיגט זיך אַלץ מיט „א געוועהנליכער געשיכטע", אבער ער ווייס אויך דעם דאָך און אָט דאָס קליינע וואָרט האָט איהם געמאַכט באַליבט ביי אַלע פאר ווענען דאָס לעבען איז ניט א בית־עולם, נאָר א קוזניע, וואו עס פלאַמט

„די רויטע מעלאָדישע שפּראַכע
„פון פלאַמען און ראַכע"...

דאָס איז ליעסין, דער דיכטער מיט א אידעאַל און א טיף געפיהל פון ליבע און טרערען.

אָבער, ווי איך האָב שוין געזאָגט, ליעסין איז אויך א דיכטער, אין דעם זין, ווי דאָס וואָרט דיכטונג ווערט געברויכט צו באַצייכענען א פעהיגקייט צו מאָלען איבערלעבונגען און שטימונגען. מייסטענס מייד איך אויס צו ציטירען אָדער זאָגאר אָנווייזען אויף באַשטימטע לידער, ווייל ניט דאָס אָדער יענס ליעד איז וויכטיג, נאָר דעם דיכ־טער'ס פערזענליכקייט אין זיין גאַנצעס, אונטער דעם איינדרוק פון אַלע זיינע ווערק.

איך וויל זיך דאָ אבער ערלויבען דאָס פאַרגעניגען אָנצואווייזען אויף זיין „לבנה־נאַכט", „אין א פרילינג־נאַכט" און „אין דער פרעמד", און פיליכט נאָך, וואָס איך לאָז בשוגג איבער, אלס ביי־שפּילע פון אמת־פּאָעטישען סטיל און אמת־מאַלערישע פאַרבען. אין שילדערן די נאַטור גיבען זיך איהם באַזונדערס איין שטילע און

וועהמיטליכע בילדער, און אין שילדערן איבערלעבונגען — טיפע בענקעניש. די „ים־לידער", אייניגע פון זיי אויסגעצייכענטע באלא־דען, גיבען דאָך ניט איבער דעם ים אין זיין שרעקליכער אונענד־ליכקייט, אין זיין גרונדלאָזער טיפקייט, אין זיין אונענדליכער באווע־גונג — צי איז עס דערפאר, וואָס א מינסקער אידען איז גלאט שווער צו מאָלען דעם ים, אָדער ווייל די זכרונות פון דער היים האָבען פארשטעלט פון איהם דעם ים'ס נייע ווילדע שעהנקייט.

אויב איך האָב ניט קיין טעות זיינען נאָך די אלע נאטור־לידער געשריבען געוואָרען מיט א יאָהר צעהן־פופצעהן צוריק, ווען די אידישע מוזע איז נאָך מייסטענס געגאנגען אין געבאָרגטע קליידער און אין א נארישע בדחנ'ישע מיץ — דאָס פארשטארקט נאָך מעהר מיין געדאנק, אז נאָר צו ליעסינ'ס שטארק פאָעטיש געפיהל איז צו פארדאנקען דער ווילען זיי אָנצושרייבען:

„צווישען די מענשען כאפט אויף זיך דער דיכטער,
„וואַנדעלט אין מיטען דער נאַכט.
„וואַנדערט און שווימט אין די ריחות און טרעלען,
„ברייט מיט זיין גייסט אויפגעמאכט.
„זילבערנע שטראהלען באפאלען די שאָטענס,
ציהען זיי איבער מיט שיין;
זילבערנע ריימען באַפאַלען דעם דיכטער,
„קלינגען און שלינגען איהם איין".

אין די לעצטע פיר שורות דריקט ליעסין אויס זעהר שעהן און זעהר ריכטיג די דיכטערישע אינטואיציע, דעם פאָעטישען רוח הקודש, וואָס באפאלט דעם דיכטער אונטער דער ווירקונג פון דער שעהנקייט פון דער נאטור.

און ווען דער דיכטער וואנדעלט מיט „א גייסט ברייט אויפגע־מאכט", ווען די נאטור און דאָס לעבען וויקלען זיך פאר איהם פאנאנדער ברייט, מוז ער זיך פיהלען פייערליך, ווי א הייליגער שליח פון גאָט, מוז ער האָבען יענע ערנסטקייט, וואָס באהייליגט. ווען דו לעזט ליעסינ'ס א ליעד — עס מעג זיין „גוט" אדער „שלעכט" — פיהלסטו, אז ליעסין אַכטעט דעם לעזער, אז ער גלויבט אי אין זיין

פאַרשטאַנד, אי אין זיין ליבע צו פּאָעזי. און דאָס איז א מעלה, וואָס איז גאַנץ זעלטען צו געפינען צווישען די עלטערע אידישע דיכטער, ער רייצט זיך ניט מיט דער מוזע און — זאָל מיר דער אויסדרוק זיין ענטשולדיגט — ער האָט מיט איהר ניט קיינע אומנאַטירליכע פאַרהעלטניסע... ער שרייבט ניט ווען ער האָט די טעמע פאַר דעם ליד, נאָר דאַן, ווען ער האָט דאָס ליד, ער זינגט ניט דערפאַר, ווייל א דיכטער אום אונטערצוהאַלטען זיין דיכטערישע רעפּוטאַציע מוז ניט זעלטענער ווי כאָטש איינמאָל א מאָנאט ארויסגעבען א געזאַנג, נאָר דערפאַר, ווייל ער פיהלט די נויטיגקייט עס צו טאָן. פון די דאַטען אונטער די לידער איז צו זעהן, אז גאַנצע יאָהרען נאָכאַנאַנד האָט ליעסין קיין איין ליד ניט אָנגעשריבען און די לעזער דאַרפען איהם דאַנקבאַר זיין פאַר אָט די יאָהרען ניט וועניגער ווי פאַר יענע, ווען ער האָט געשריבען. אין דעם טעמפּעל פון אידישער פּאָעזי איז דאָ אזוי פיל שטרוי — און אָפט נאָך צוגעפּוילטע — אויסגעלעגט פון אונזערע געקרוינטע דיכטער, אז אָפט זעהט מען צוליב די שטרוי די ציגעל ניט... עס מאכט גאָר ניט אוים, אויב די ערנסטקייט, וואָס פאַרהייליגט, ברענגט מעהר פרוכטען אָדער וועניגער, ווייל ערנסטקייט פאַר זיך איז א צייכען פון ניט־געפעלשטע פּאָעטישע אייגענשאפטען, א גאַראַנטיע פאַר ניט אויסגעטראַכטע פּאָעטישע איבערלעבונגען.

ליעסינ׳ם באהייליגענדע ערנסטקייט ווייזט זיך באזונדערס בולט ארויס אין זיינע נאַציאָנאַלע לידער. אַלע עלטערע אידישע דיכטער — פון גאָלדפאַדען און פרוג ביז יהואש׳ן — האָבען פיל באזונגען „דעם אייביגען איד״, פיל באוואונדערט זיין מאָדנע קראַפט און באוויינט זיינע ליידען. אָבער אין זיי אַלע איז דאָ פאַר דעם אמת־אינטעליגענטען לעזער א מין ווידער־טעם, עפּעס אזוינס, וואָס וואַרפט א חשד און וואָס שאַדט דעם ריכטיגען איינדרוק. אָט דאָס „עפּעס אזוינס״ איז דעם דיכטער׳ס באהאַלטענער אָדער אָפענער באוואוסטזיין, אז מען דאַרף מהנה זיין „דאָס פאָלק״, אז אום צו זיין נאַציאָנאַל מוז מען אויסגיסען א ביסעל טרערען אויף גלות השכינה, א גראָב טאָן זיך מיט דער פעדער אין די נאַציאָנאַלע וואונדען — אָט דער ווידער־טעם פעהלט אינגאנצען ביי ליעסינ׳ען. ער שרייבט ניט די נאַציאָנאַלע לידער פאַר׳ן „פאָלק״, נאָר פאַר זיך, ווייל ער זעלבסט

באוואונדערט די אונערקלערבארע קראפט פונ'ם אידען, זיין אונצו־שטערבארען גלויבען, זיין קינדערשע זיכערקייט אין זיין אייביגקייט. קיין איין אידישער דיכטער האָט ניט אזעלכע שורה'ס ווי איינינע אין „אייביגען איד" אָדער אזא נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישען פּרעכטיגען גע־זאַנג, ווי זיין „שמחת בית השואבה"...

„ליטעראַטור", 2טער זאַמלבוך, ניו יאָרק, 1910.

א. ליעסין, דער פּובליציסט

עס זיינען פאראן ניט קיין פולע שרייבער פאר וועמען פּובלי־ציסטיק איז ניט די מעגליכקייט צו מאכען א לעבען, נאָר די מעגליכ־קייט אויסצודריקען זייער באציאונג צו דער וועלט און די פראגען פון דער וועלט. עס זיינען דאָ נאָך וועניגער, וועמעס שרייבען עס באהאלט אין זיך די קערענדלאך פון אייביגקייט, וועמעס ווערטער, ארויסגעזאָגט אונטער דעם דרוק פון דער צייט, זאָלען קענען איבער־געזאָגט ווערען אין אנדערע צייטען און אונטער אנדערע אומשטענ־דען. האלב־פארדארט איז די קונסט פון דעם „עסעאיסט", און די מייסטע צייטונג־ און זשורנאַלען־ארטיקלען זיינען ווי שטרוי און רויך. נאָר וואו־ניט־וואו געפינט זיך איינער וואָס דענקט פאר זיך און קען אָנצינדען זיינע געדאנקען מיט דעם ליכט און ווארימקייט, וואָס מאכט זיי נאָהענט פאר אלעמען, נאר וואו־ניט־וואו שרייבט איינער מיט דער צויבערפעדער, וואָס מאכט טויטע ווערטער גליען מיט צאַפּעלדיגען לעבעדיגען אינהאלט.

אברהם ליעסין באלאנגט צו אָט דער קליינער גרופּע פון אויסער־וועהלטע. ער האָט אריינגעבראכט אין אונזער פּובליציסטיק זיין אייגענעם כשוף, און האָט פארנומען א פּלאַץ וואָס קיינער קען ניט פארנעמען אדער פארבייטען. און אויב אידיש און די אידישע ליטעראטור וועלען פארבלייבען אלס א לעבעדיגע שפּראך און לעבע־דיגער קוואל פון דער קולטור פון אידישען פאָלק וועט א גרויסער חלק פון ליעסינ'ס פּובליציסטישע שריפטען פארבלייבען אלס אן אייביגער טייל פון אָט דער שפּראך און ליטעראטור.

די אייגענשאפט וואָס טיילט ליעסינ׳ען אויס, דער כאַראַקטער־שטריך וואָס גיט איהם זיין ווערטה, איז זיין מערקווירדיגער פאַר־שטאַנד און קענטשאפט פון געשיכטע, ניט פון דער געשיכטע וואָס ווערט געלעזען און געלערענט אין טעקסט־ביכער, און וואָס איז נאָר א קייט פון הוילע פאקטען און פאַסירונגען. א ליעסין איז ניט קיין היסטאָריקער, אין דעם זינען וואָס דער וואָרט ווערט געוועהנליך געברויכט, אבער די גאַנצע פארגאַנגענהייט פון דער מענשהייט, און איבערהויפּט פון זיין אידישען פאָלק, שלאָגט ווי א קוואַל אין דער טיפעניש פון זיין הארץ און גיט צו יעדער פאַסירונג פון אונזער צייט א נייע וויכטיגקייט, א נייע ראָמאַנטישע גרויסקייט. ליעסין האָט געלערענט געשיכטע ניט פון ביכער און הירגליפען, ניט פון שטיינער און פּאַפּירוסען, נאָר פון די גרויסע דענקער און דיכטער וואָס האָבען אין זייער צייט דורכגעזיפּט דאָס קליינליכע און צייטווייליגע און האָבען איבערגעלאָזען פאַר אונז נאָר די וויכטיגסטע געפיהלען און ליידענשאפטען. ליעסין קען די אידישע געשיכטע און די וועלט־געשיכטע ניט דורך געשיכטס־שרייבער, ניט דורך בוכהאַלטערס, וואָס האָבען געפירט דעם חשבון פון דער וועלט אין פארשטויבטע פּנקס׳ן, געשריבען מיט פארשטויבטע פּאַראַוּרטיילען, נאָר דורך „געשיכטס־מאַכער, דורך די מענשען וואָס האָבען אין זיך אָפּגעשפּיגעלט און אין דעם פייער פון זייער הארצען דורכגעלייטערט די וועהען און פריידען פון זייער דור. ליעסין קען געשיכטע אלס א געשיכטע פון געדאַנק, ניט אלס א געשיכטע פון שווארצער ארבייט, און דעריבער האָט ביי איהם יעדע פראַגע א פונדאַמענטאַלען הינטערגרונד, א היס־טאָרישע וויכטיגקייט.

ווער קען זיך פארגלייכען צו ליעסינ׳ען ווען ער זינקט אראָפּ־פאַר א ביישפּיל אָדער א מוסר־השכל אין דעם אונענדליכען ים פון דער ליטעראַטור פון דער וועלט און קומט ארויס צוריק מיט פּערל פון די נביאים און די דיכטער, און די דענקער פון אמאָל? ווער קען ניט באַוואונדערען זיין קונסט ווען אין עטליכע בלעטלאך ברענגט ער געזיכט צו געזיכט צוויי עפּאָכען, צוויי געשטאַלטען און מאַכט אונז זעהען ווי עהנליך זיי ביידע זיינען? ווער קען גערענקען זיין טאַלאַנט אלס דיכטער, ווען אין זיין געוועהנליכער רייכער פּראָזע סטי־

מוליִרט ער אין אונז, דורך זיינע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, דעם העכסטען געדאַנק און די העכסטע לײדענשאַפט?

, קאַרל מאַרקס איז פאַר ליעסינ׳ען נאָר אַ ווידערגעבורט פון דעם גרויסען אידישען נביא עמוס. לעזט עמוס׳ן אין ליעסינ׳ס איבער־זעצונג, לערנט מאַרקס׳ען, און זעהט ווי ענליך זיי זיינען, ווי ניט קוקענדיג אויף די טויזענדע יאָהרען וואָס שיידען זיי פאַנאַנדער, אַרבייט דאָך דורך זיי דער זעלבער געזעץ פון דער אידישער געשיכטע, דער זעלביגער אונזעטיגער לעכצען נאָך גערעכטיגקייט, דער זעלבער מאַרטירער־קוראַזש.

ווילהעלם האָהענצאָלערן מעג זיין אַ נייער טיפּ פאַר אַנדער׳ע, אָבער ניט פאַר ליעסינ׳ען. ער קען איהם שוין שעהנע עטליכע היס־טאָרישע דורות. ער איז ניט מעהר און ניט וועניגער ווי דער גלגול פון אַלטען טיראַן פון אשור — סנחרב, און אַלץ וואָס ווילהעלם האָט אויפגעטאָן אין דעם זין פון אָרגאַניזאַציאָן און גרינדליכקייט האָט יענער אויפגעטאָן שוין לאַנג לאַנג צוריק.

די געשעהענישען אין מעקסיקא זיינען נאָר די אויפפיהרונג פון אַ דראַמאַטישען עפּיזאָד פון אַ גרויסען דיכטער. היינע האָט שוין לאַנג ערקלערט די פּאַסירונגען אין מעקסיקאָ מיט זיין שילדערונג פון דעם ברוטאַלען גאָט וויצלי־פּוצלי.

און די ענגלישע דעקלאַראַציע וועגען פּאַלעסטינא איז נאָר אַ נייע אויפלאַגע פון דער פּערסישער דעקלאַראַציע מיט דריטהאַלבען טויזענד יאָהר צוריק, און ליעסין זעהט באַשיינפּערליך די עהנליכקייט פון די צוויי עפּאָכען (די פּאַטעטישע עטליכע לעצטע ווערטער פון דעם אַרטיקעל „צוויי גאולות״: „האָבען מיר זיך ווירקליך דערוואַרט? הערען מיר ווירקליך אין דעם מיטען פון דעם בלוטיגען מבול די טריט פון משיח?״).

ווען איהר לעזט ליעסינ׳ס היסטאָרישע פּאַרגלייכונגען הויבט איהר אָן צו ווערען איבערצייגט, אַז די אמת׳ע מאַשינערי פון לעבען אַרבייט ערגעץ טויזענדער יאָהר צוריק, נאָר ריזיגע פּאַסען וואָס ציהען זיך דורך אונענדליכע דורות פון אָט דער ערשטער מאַשינערי דרע־הען די רעדער פון אונזער צייט.

ליעסין דער פּובליציסט, ווי ליעסין דער דיכטער איז אַ ראָמאַנ־טיקער. ער קוקט אויף אונז און אונזעריגע מיט אויגען פון דער

פאַרגאַנגענהייט, אָבער ער האָט ליב די פאַרגאַנגענהייט ניט דער־פאַר, וואָס זי איז באַוועגונגסלאָז און ליידענשאַפטסלאָז, און פאַרגלי־ווערט, נאָר דוקא דערפאַר, וואָס אַמאָל האָבען מענשען געהאַט מעהר פייער, מעהר גלויבען, מעהר פעהיגקייט פאַר מאַרטירערטום. ליעסין׳ס ראָמאַנטיזם שטאַמט ניט פון די גריכען נאָר פון די אידען, און זיינע לערער זיינען ניט סקולפּטאָרס און באַאָבאַכטער, נאָר די נביאים־לערער, קעמפער, שטראָפער.

דאָס איז דער הינטערגרונד פון זיין נאַציאָנאַליזם. „איבער יעדען איינציגען אידען", זאָגט ליעסין אין זיינעם אַן אַרטיקעל וועגען „שמד", „ערהויבען זיך און גליהען די ענדלאָזע רינגען דורות פון דער לאַנגער־לאַנגער קייט, דורך יאָהר טויזענדע ציהען זיי זיך, דאָס זיינען ענדלאָזע רייען פון קעמפער. געגען דער גאַנצער מענשהייט, און מיט א מוטה וואָס האָט קיין גלייכען ניט אין דער מענשליכער געשיכטע, האָבען זיי דעם קאַמף אויפגענומען; מיט שווערע קלעצער אויף די פיס און מיט הענט פאַרבונדען אויפ׳ן רוקען האָבען זיי דעם קאַמף אַנגעפירט. און צוועלף מיליאָן אידען זיינען היינט־צו־טאָג צוועלף מיליאָן לעבעדיגע עדות פון דיזען גלאָררייכען אונפאַר־גלייכליכען קאַמף. איבער יעדען לעבעדיגען אידען טראָגט זיך און שטראַלט, אַזוי ווי אַן אָרעאָל, די ענדלאָזע דורות־קעמפער־קייט — די גלאָררייכע, אונפאַרגלייכליכע העלדען־גייסטער־קייט.

„און אַט קומט דער משומד מיט דער שוואַכער נשמה און מיט׳ן דורשטיגען חומר, און האַקט אָב דיזע קייט. א וואונדער־סימפאָניע פון דער מענשליכער געשיכטע ווערט דאָ אָפּגעהאַקט. עס רייסט זיך אָב די קייט און פאַרשווינדט אין אייביגען גאָרנישט; צוזאַמען מיט איהר פאַרשווינדט אין תהו־ובהו דער געטליכער אינהאַלט פאַר לאַנגע־לאַנגע רייען דורות — דער קאַמף, די אָפּפער, די גלאָריע פון יאָהרטויזענדע. און זינלאָז, אכזריות׳דיג זינלאָז קוקט אַרום דאָס שיקזאַל פון די אַלע עלטערן און אור־עלטערן און אור־אור־עלטערן.

דאָס קלינגט (און אפשר איז דאָס טאַקע) זעהר שאָוויניסטיש און רעאַקציאָנער. דאָס איז דער אויסגעשפּראָכענסטער אתה־בחרתנו׳־יזם, וואָס איינער קען טרעפען, אָבער אָט די רעאַקציאָנערסטווע וועט קיינעם ניט שאַדען און קיינעם ניט באַליידיגען, ווייל די אור־עלטערן און די אור־אור־עלטערן וועגען וועלכע ער רעדט און אין וועמעס

נאָמען ער פאָדערט טרייהייט צום אידישען פאָלק זיינען ניט די חלפנים און פראָצענטניקעס און קרעמער און מה־יפית׳ניקעס נאָר די נביאים און די קעמפער און די מאַרטירער. דאָס אידישע פאָלק איז ביי איהם ניט א טעאָריע אָדער א וואונש. עס איז ביי איהם ניט קיין דריידעל און א מיטעל ארויסצודרעהען זיך פון א צייט־ווייליגער פארלעגענהייט. עס איז ביי איהם א פאקט, און א פיל גרעסערער פאקט ווי די פופצעהן מיליאָן אידען און די היינטיגע אידישע צרות.

אזוי איז ליעסין אויך אין אלגעמיינע פראגען. ער זעהט דעם קאמף פון דער מענשהייט ניט אלס א פראָזאאישען פארזוך צו באַזאָרגען אלעמען מיט באדע־צימערען, פארלאָר־מעבעל, צוויי אנצוגען און צייט פאר מואווינג־פיקטשורס, נאָר אלס פארזוך צו ענדערן די מאָראל פון דער וועלט, און דארום איז זיין פען אמגלענצענדסטען און אמפייערדיגסטען ווען ער שרייבט וועגען פירער וואָס האָבען געהאט אין זיך א גרויסען מאָראלישען געפיהל. צי ער שרייבט וועגען דעליאָנ׳ען, צי וועגען מארקס׳ען, צי וועגען בעבעל׳ן, צי וועגען קיער הארדי׳ן, איז דאָס דער שטריך, וואָס ער ברענגט ארוים אמ־שטארקסטען.

אזוי האלט ליעסין זיין פעדער אין דעם שיידעל פון א שווערד, א שיידעל באפוצט מיט אלע פערל און דימענטען אין דער וועלט.

„צוקונפט“, ניו יאָרק, אפריל 1919.

ז. שניאור

מיט פינף און צוואנציג יאָהר צוריק, ווען דער שרייבער פון אָט די שורות איז נאָך געווען א גאנץ יונגער יונגערמאן, בין איך געווען זעהר באגייסטערט פון א אידישע ערצעהלונג פון ז. שניאור, וואָס האָט זיך גערופען, דאכט זיך, „ביילקע די מויד". אויך באַמבלען זיך נאָך אין קאָפּ שורות פון א ליד וועגען קארשען און מיידלאך, וואָס מיר פלעגען ליב האָבען צו זינגען און דעקלאמירען. אבער פון יענער צייט אָן ביז די לעצטע פּאָר יאָהר איז שניאור געווען באַקאַנט נאָר אלס העברעאישער דיכטער.

אין העברעאיש האָט ער זיך געמאכט א געוואלדיגען נאָמען, און אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָט ביאליק איהם געקרוינט אלס „משורר לאומי", — דער נאציאָנאלער דיכטער, דער גרעסטער טיטעל צו וועלכען א פּאָעט קען זיך דערהויבען. צי שניאור האָט דורך דער גאנצער צייט אין גאנצען ניט געשריבען קיין אידיש, צי ער האָט יאָ געשריבען נאָר ניט געדרוקט, איז א געהיימנים. אלענ־פאלס איז שניאור ווידער ערשינען אין דער אידישער ליטעראטור מיט א פּאָר יאָהר צוריק מיט א סעריע ערצעהלונגען אין „פאָרווערטס" פון דעם לעבען פון זיין שטעטעל שקלאָוו. און פונקט ווי לינדבערג האָט איינגענומען די וועלט מיט זיין ערשטען פליה נאָך פּאריז, אזוי האָט שניאור איינגענומען די אידישע ליטעראטור מיט די ערשטע פּאָר ערצעהלונגען.

איך וויים ניט פון קיין איין אידישען שרייבער, וואָס זאָל האָבען אזוי שנעל און גרינדליך באַפעסטיגט זיין רעפּוטאַציע ווי שניאור האָט דאָס געטאָן מיט זיינע ערשטע עטליכע ערצעהלונגען אין „פאָר־

ווערטס". דער עולם האָט גלייך דערפיהלט, אז דאָ האָבען מיר צו טאָן ניט מיט גלאַט עפּעס א נייעם שרייבער, נאָר מיט אַן אויסער־געוועהנליכער ערשיינונג אין אונזער גאַנצער ליטעראַטור. פון דע־מאָלסט אָן האָט שניאור אָפּגעדרוקט אפשר הונדערט ערצעהלונגען (און אפשר נאָך מעהר), און כאָטש אַלע זיינע העלדען און סצענען דרעהען זיך אַלץ ארום איין שטעטעל, איז דאָך דער אינטערעס צו איהם אויף א האָר ניט אָפּגעשוואכט געוואָרען, און יעדע נייע ערצעהלונג זיינע ווערט ערוואַרטעט מיט דעם זעלבען ענטוזיאזם, מיט וועלכען עס ווערט ערוואַרטעט א באַריהמטער קאָנצערטיסט וואָס שפּילט נאָר איין מאָל אין סיזאָן.

עס קען ניט זיין קיין שום צווייפעל, אז אין משך פון די פּאָר יאָהר האָט שניאור זיך עטאַבלירט אלס איינער פון די וועניגע אידישע קלאַסיקער. עס איז קלאָר, אז כל זמן אידיש וועט לעבען און זיין א שאַפענדע שפּראַך, וועט שניאור זיין א וויכטיגער טייל פון איהר.

די פראגע איז נאָר, ווי אזוי איז דאָס געקומען? פאַרוואָס האָט שניאור געמאַכט אזא געוואַלדיגען ערפאָלג?

נו, איצטער, ווען אָט די ערצעהלונגען הויבען אָן צו ערשיינען אין בוך־פאָרם, און מיר האָבען שוין פאַר זיך דעם ערשטען בוך מיט זעקס און צוואנציג נאָוועלען, ארויסגעגעבען פון דעם פאַרלאַג ב. קלעצקין—איצטער, ווען מיר קענען די אַלע ערצעהלונגען איבער־לייענען נאָך אמאָל, וועט פיליכט זיין מעגליך פאַר אונז צו ענטפערן פאַרוואָס שניאור האָט זיך געמאַכט באַריהמט אין אזא קורצער צייט.

עס איז אָנגענומען, אז די קלאַסיקער פון דער אידישער ליטע־ראַטור ביז היינט זיינען: מענדעלע מוכר ספרים, פּרץ, שלום עליכם, שלום אַש און אברהם רייזען. פון די פינף זיינען פּרץ און אַש פּוילישע און מענדעלע מוכר ספרים, א „יוזשאַנין", איינער וואָס איז געקומען פון זיד־רוסלאַנד, ווייט אוועק פון דעם הארץ פון דעם אידישען לעבען אין רוסלאַנד — ליטע. די איינציגע צוויי ליטוואַקעס זיינען מענדעלע און רייזען. וואָס איז שייך מענדעלע'ן, זיינען דאָ אפּיקורסים, וואָס דענקען אז מען האָט איהם געמאַכט פאַר דעם זיידען פון דער אידישער ליטעראַטור מעהר אוים גרויסמוטיגקייט איידער לויט זיינע פאַרדינסטען. מענדעלע האָט זעהר א סך אויפ־

געטאָן פאַר דער אידישער שפּראַך. וועגען דעם קען גאָר קיין פראגע ניט זיין. אָהן איהם וואָלטען אפשר די איבעריגע ניט געווען מעג־ליך. אָבער אין דעם ריין־ליטעראַרישען זין, האָט ער זעהר ווייניג אויפגעטאָן, און מיט דער אויסנאַמע פון א פּאָר קאַפּיטלען, איז איהם היינט־צו־טאָג אונמעגליך צו לעזען.

רייזען איז שוין דוקא יאָ א ליטוואק, און טאקע אז אמת׳ער ליטוואק, וואָס האָט ליב הערינג מיט ציבעלע. רייזען איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אריינגעפירט אין דער אידישער ליטעראַטור די קליינע ערצעהלונג אויף אַן אייראָפּעאישען שטייגער, און האָט אריינגעבראכט א גאַנצע רייהע טיפּען און בילדער פון דעם לעבען פון די אידען אין ליטע, וואָס ווערען פארבלייבען אויף שטענדיג. אבער רייזען אינטערעסירט זיך נאָר מיט מענשען און מיט באַצי־אונגען צווישען מענשען. דער הינטערגרונד פון דעם אידישען לע־לעבען ריהרט איהם ניט. רייזענ׳ס ערצעהלונגען זיינען פיין געשניצטע קאמייען, וואָס זיינען נאָר אויף אזוי פיל צוזאַמענגעבונדען צווישען זיך אויף וויפיל זיי זיינען געשריבען פון איין מענשען. איך מיין, חס ושלום, דערמיט ניט צו פארקלענערען די באדייטונג פון רייזענ׳ען. אויף זיין שטייגער איז ער דער איינציגער. וואָס איך וויל נאָר ארויסברענגען איז, אז שניאור איז דער ערשטער פאָלשטענדיגער, הונ־דערט־פּראָצענטיגער ליטוואַק, דער ערשטער און איינציגער, וואָס פאַר־אייביגט אויף א קינסטלערישען שטייגער דאָס אידישע לעבען אין ליטע.

ערשטענס, פאראייביגט ער אויף א ליטעראַרישען אופן אונזער ליטווישען אידיש. וואָס מיר ליטוואַקעס זיינען דאָס נעביך אויס־געשטאַנען פאַר אונזער אידיש! די אקטיאָרען זאָגען, אז ער איז ניט מוזיקאליש, די שרייבער זאָגען, אז די שפּראַך איז ניט רייך גענוג, און טאָמער פארטשעפּען מיר זיך מיט א פּוילישען אדער גאַליציאַ־נער, ווארפט מען אונז גלייך אויף, אז מיר פארבייטען דעם „ש״ אויף דעם „ס״.

איינע פון די גרעסטע וואונדער פון אונזער ליטעראַטור איז גע־ווען אַש, אויף וועמען מיר האָבען געזאָגט, אז ער האָט אריינגע־בראכט אין דער אידישער שפּראַך א בילדער־ און ווערטער־רייכקייט, פון וועלכע מיר האָבען פריער ניט געוואוסט.

נו, שניאור טוט מיט אונזער ליטווישען אידיש וואָס אַש האָט געטאָן מיט זיין פוילישען אידיש. מיט שניאור'ן קענען מיר אויס־קראצען די אויגען יעדען פוילישען פאַטריאָט, וואָס איז שייך דער רייכקייט און בילדליכקייט פון אונזער שפּראך.

דורך די פּאָר יאָהר, וואָס ער האָט ווידער אָנגעפאנגען צו שרייבען אידיש, האָט ער איינגעפלאנצט אין דער אידישער ליטע־ראַטור נייע ווערטער, נייע אויסדריקע, וואָס זיינען ביז אהער ניט געווען.

דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געטאָן מיט אונזער שפּראך, האָט ער אויך געטאָן מיט אונזער לעבענס־ארט. עס איז געווען אָנגענומען, אַז דערפאר, ווייל מיר, ליטוואַקעס, זיינען געווען ארימעלייט אין אן אָרים לאנד, האָבען מיר קיינמאָל ניט געקענט אויף אן אמת לעבען א גוטען טאָג. מען האָט אונז דערצעהלט, אז מיר האָבען קיינמאָל ניט פארזוכט דעם טעם פון אמת'ע קנישעס, פון אמת'ע מאמעליגע, פון ריכטיגען וויין, בכלל פון אמת'ע מאכלים. עס איז טאקע אמת, אַז מיר זיינען געווען אין דער ליטע זעהר אָרים, אָבער לעזט נאָר דורך אין דעם ערשטען באנד פון שניאור'ס ערצעהלונגען, וועגען וועלכע מיר רעדען, זיינע פיער קאַפּיטלען וועגען כיבוד,—יום־טוב'דיגען כיבוד, און די גאַנצע וועלט וועט איצטער מוזען צוגעבען, אַז מיר זיי־נען די קליגסטע און געראָטענסטע פון אלע אידען. וואָס אונזערע מאַ־מעס האָבען געקענט אויפטאָן מיט א ביסעל צוקער און א ביסעל מעהל האָט קיין מאַמע אויף דער גאַנצער וועלט ניט געקענט אויפטאָן.

א קולטור־היסטאָריקער קען פון שניאור'ס ערצעהלונגען ארויס־נעמען פאקטען וועגען דעם אידישען לעבען אין ליטע, וואָס זיינען ביז אהער געווען א פארשלאָסען בוך.

אָבער דאָס זיינען נאָר, אַזוי צו זאָגען, מעכאַנישע דערגרייכונ־גען פון שניאור'ן. עס זיינען דאָ צוויי וויכטיגערע אורזאכען פאר זיין גרויסען ערפאָלג.

ערשטענס, ערשיינען זיינע העלדען ניט נאָר אין באציאונג צו זיך אָדער צווישען זיך, נאָר אויך אין באציאונג צו דער גאנצענער וועלט, ארום זיי. (איצטער האָב איך ניט קיין מורא צו זאָגען דער גאנצענער וועלט אנשטאָט דער גאַנצער וועלט).

אין שקלאָוו זעהען מיר ניט די אידען און די אידענעס און די קינדער. נאָר אַלעס, וואָס איז אין שקלאָוו דאָ — דער דניעפּער, די אָזערע, די בלאָטע, דער וואַלד, די גויעם, דער פּאַראָכאָד, די חזירים, די בהמות: אפילו די פּרוכטען וואָס וואַקסען אויף שקלאָווער בוימער און קוסטעס לעבען פּונקט אַזוי אמת׳דיג און פּונקט אַזוי פּולבלוטיג ווי די מענשען.

אין די זעקס און צוואַנציג ערצעהלונגען פון דעם ערשטען באַנד האָט איהר אַן ערצעהלונג וועגען צייטונגען, וועגען אַ פּאָמעראַנץ, וועגען אַ בהמה, וועגען איינגעמאַכץ, וועגען כיבוד, וועגען אַ שטאַל, א. אז. וו. און די אַלע זאַכען אָטעמען מיט זייער אייגענעם אָטעם אַזוי ווי זיי וואָלטען אַלע געווען לעבעדיגע און באַוואוסטזיניגע באַשעפּענישען.

איך בין אין שקלאָוו ניט געווען, אָבער זינט איך לעז שניאור׳ן, קען איך שקלאָוו און גאַנץ ליטע פּונקט אַזוי ווי איך וואָלט אומגעווען יעדען ווינקעלע. ניט נאָר דעם מענש, נאָר בוכשטעבליך אַלץ מיט דער גאַנצער אומגעבונג אָהן וועלכער אַ פולשטענדיגע באַשרייבונג פון לעבען איז ניט מעגליך.

און די צווייטע גרויסע אורזאַכע, לויט מיין מיינונג, פון שניאור׳ס ערפאָלג, איז זיין אייגענאַרטיגער הומאָר. הומאָר פאַרנעמט אַ גרעסערען פּלאַץ אין דער אידישער ליטעראַטור ווי ביי וועמען ניט אַנדערש. מענדעלע האָט געזאָלט זיין אַ הומאָריסט. שלום עליכם האָט געזאָלט זיין דער איינציגער הומאָריסט. רייזען איז באַשטימט איינער פון אונזערע איידעלסטע הומאָריסטען; פּרץ איז געווען אַ גאַנץ נאָהענטער ברודער מיט הומאָר׳ס שוועסטער — סאַטירע, און אפילו אַש, אונזער גרעסטער ראָמאַנטיקער, האָט אויך אין אַלע זיינע ווערק אַן אמת׳ן הומאָר.

צו דעם גרויסען אויסוואַל פון הומאָר האָט שניאור צוגעטראָגען אַ גאַנץ נייעם הומאָר, אַן אמת־ליטווישען. דער הומאָר איז אָבער אין דער סיטואַציע, ווי צום ביישפּיל, ווען איינער פון אורי׳ס קינדער „כאַפּט אַ ראַיד״ אויפ׳ן רוקען פון אַליאַשקע׳ס חזיר, אָדער ער איז אין דער אומגעבונג. יעדער וואָרט, אָדער יעדער קאַפּיטעל באַזונדער, איז, דוכט זיך, גאָרניט הומאָריסטיש, אָבער די ליפּט שמייכעלט. און דורך דעם באַקומט אַלעס גאָר אַ נייעם קאָליר. דוכט זיך, וואָס פאַר אַ

הומאָר קען זיין אין א אידענע, וואָס פרעגעלט איינגעמאכץ? נאָר צווישען איין שורה און דער צווייטער טאַנצט א געלעכטערעל. עס איז ניט שלום עליכם'ס הומאָר. פון שניאור'ן קענט איהר זעהר זעלטען זיך צולאכען אויפ'ן קול ווי פון שלום עליכמ'ען, אבער אינע־ווייניג ביי אייך לאַכט עס גאַנץ הויך, און דער פנים ווערט שמיי־כעלדיג.

שניאור איז אויסען איין זאַך — איבערצוגעבען אייך, ווי א מאַלער וואָלט איבערגעגעבען מיט א פינזעל, דעם אויסזעהן און די אַטמאָספערע פון א זאַך, וואָס איז שוין טויט. ער איילט זיך ניט, ער זוכט ניט קיין זאַך צו פארטייטשען, נאָר פאָרזיכטיג לייגט ער אַ פאַרב אויף אַ פאַרב, אזוי, אז סוף־כל־סוף באקומט זיך א פול־שטענדיג געטרייע אָבער אויך געלייטערטע בילד.

זיין גרעסטע שטארקייט איז אין דעם, וואָס מען קען איהם צו קיינעם ניט פארגלייכען. ער קען בשום אופן ניט טאָן, וואָס שלום אַש קען, אָדער וואָס רייזען קען, אָדער וואָס שלום עליכם און פרץ האָבען געקענט. אָבער קיין איינער פון זיי קען אויך ניט טאָן, וואָס ער טוט.

מיט איין וואָרט, שניאור איז געווארען א לעבעדיגער טייל און א וויכטיגער טייל פון דער מאָדערנער, אידישער ליטעראטור.

„פאָרווערטס", ניו יאָרק, יאנואר 5, 1930.

ה. לייוויק

(לידער, ארויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אינזעל״)

מיין הארץ האָט אפולע געשריען
און — גאָר נישט,
מיין הארץ האָט אפולע געשוויגען
און — גאָר נישט.

עס זיינען דאָ אין אמעריקע עטליכע — איך ווייס ניט וויפיל — וואָס האָבען לייוויק׳ן געלעזען פון די ערשטע פּאָר לידער וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט מיט עטליכע יאָהר צוריק. געלעזען און נאָך אמאָל געלעזען און געקלערט, אז עפּעס איז דאָ אין איהם אזוינס וואָס מאכט איהם אנדערש פון די אנדערע יונגע דיכטער, אנדערש און מעהר אינטריגירענד.

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
ליגט דאָס לאַנד דאָס פּאַרבאָטענע,
זילבריג בלאָהען די בערג
נאָך פון קיינעם באטראָטענע;
ערגעץ טיף, ערגעץ טיף,
אין דער ערד איינגעקנאָטענע,
וואַרטען אוצרות אויף אונז,
ווארטען אוצרות פארשאָטענע.

אין דעם איז דאָ עפּעס א שוואונג, עפּעס אן איידעלע דורכ־זיכטיגקייט, עפּעס א ציטריגע פאנטאסטישקייט, וואָס מאכט אונ־

מעגליך צו דענקען, אז דאָס זיינען שורות פון אן אָנפאַנגער. א אינגעל וואָס קיינער האָט ניט געקענט, א אינגעל פון איהומען (50 וויאָרסט פון א באַהן) וואו דער אידיש איז אָרעם ווי די הייזלאך און לאַנדשאַפטען אָרום, איז געקומען אהער פון סיביר, פון „סילקע", פון דער באַוועגונג און האָט אָנגעהויבען שרייבען מאָדנע קלאַנגענ־פולע דורכזיכטיגע לידער וואָס האָבען געוועקט א טרויעריג גע־מיט.

אפריער זיינען עס געווען לידער פון טורמע און סיביר. ניט די געוועהנליכע לידער דורך וועלכע רעוואָלוציאָנערע דיכטער וועקען סימפּאַטיע צו קעמפער פאַר פרייהייט, נאָר פּשוט'ע כאָטש אייגענ־אַרטיגע שילדערונגען, וואָס וועקען סימפּאַטיע צו געפאַנגענע, ווער זיי זאָלען ניט זיין, רעוואָלוציאָנערען אָדער פערד־גנבים, הענקער, מאַרטירער, פרייהייטס־קעמפער, שקלאַפען־קייטען, ראַכע, זיג, רע־וואָלוציע. אָט די ווערטער זיינען אין זיינע לידער אין גאַנצען ניטאָ. אין סיביר און אין טורמע איז לייוויק ניט קיין „באַוועגונגס־מענש", ניט קיין קעמפער, נאָר א קרבן, א סטרונע, דורך וועלכע עס קלאָגט אָרויס דער יאָמער פון יעדער גראַטע, די קלאָג פון יעדער געפאַנגענ־שאַפט.

פאַר איינעם וואָס ווייס דעם טעם פון תּפיסה זיינען פילע פון אונזערע טורמע און סיביר לידער ניט מעהר ווי פּריקרע. דעם איינדרוק וואָס זיי לאָזען כמעט אַלע איבער איז, אז די הויפּט פּייניגונג פאַר'ן רעוואָלוציאָנער באַשטעהט ניט אין דעם וואָס ער איז פאַרשפּאַרט און פאַרשפּייט, ניט אין דעם וואָס ער איז נידער־טרעכטיג אָפּגעשלאָסען פון דעם לעבען און דער וועלט, נאָר אין דעם וואָס אָט די פאַרשפּאַרטקייט לאָזט איהם ניט פאָרטזעצען זיין רעוואָלוציאָנערען קאַמף. אין איין פאַל פון טויזענד קען עס זיין ריכטיג, אָבער סוף כּל סוף איז דער רעוואָלוציאָנער ניט מעהר ווי מענשליך און זיינע ליידען אין געפאַנגענשאַפט זיינען אויך אַלטעג־ליך און פּרימיטיוו.

פון אָט די לייוויק'ס סיביר און טורמע לידער קען מען ציטירען אָהן אן אויפהער.

קלינג־קלינג, טאַנץ איך מיר
מיט די קייטען אויף די פיס;
מיט'ן שוואַרצען ברויט אין האַנט,
גיב א טאַנץ און גיב א ביס;
מיט'ן קריגעל טהיי אין האַנט,
גיט א טאַנץ און גיב א טרונק;
וועכטער צו און וועכטער אָפּ, —
איך פארשטעה איהם אויפ'ן וואונק...

אָדער:

איך האָב זיך אויפגעכאפּט אין מיטען נאַכט
און אונטער זיך פארבויגט די פיס, געזעסען;
האָב אויסגעשטרעקט א האנט, דערלאנגט דעם ברויט,
פון גאנצען שטיק געבראָכען און געגעסען.
מיך האָט געעקעלט לאַנג פון שוואַרצען ברויט,
נאָך מעהר פון זיצען וואַכעדיג ביז מאָרגען;
אויף ביידע קני פארלייגט האָב איך דעם קאָפּ,
געוויטערהייט געקייט און זיך געוואָרגען.
און ווערגענדיג זיך, זיצענדיג אזוי,
האָט אָנגעהויבען ליכטיג ווערען, טאָגען;
די טיר האָט זיך געעפענט, און א האנט
האָט נאָך א ברויט אַזאַ געבראכט צוטראָגען...

אין די צוועלף שורות איז דאָ א גאנצער בוך, א פארענדיגטע, ווארהאפטיגע, האָפנונגסלאָזע בילד פון טורמע.

(לכתחילה האָב איך אָנגעצייכענט צו ציטירען אנדערע לידער, אָבער אז מען לעזט זיי איינע נאָך די אנדערע איבער עטליכע מאָל זעהט מען אז עס איז אונמעגליך אויסצוקלייבען).

אין זיין סעריע „אין שניי" אין וועלכער ער דערצעהלט וועגען די שנייאיגע מדבריות פון סיביר און די „עטאפּען" איז לייוויק נאָך שטארקער, און כאָטש ווי דער שניי זיינען זיי אייגענארטיג, זיי־נען זיי אויך ווי דער שניי בלענדענד־ריין, דאָ און דאָרטען באצירט

מיט זילבערנע און גאָלדענע פונקען פון א קאַלטער אָבער ריינער און אידעלער פאַנטאַזיע.

עס ווערען די וואָלקענס צושוואומען,
עס ווייזען זיך שטערען נאָך שטערען:
דער וועג איז אין גאַנצען פאַרשאָטען —
ניטאָ וואו דעם שליטען צו קערהען.
איך שפּאַן זיך אליין אין צום פערד צו,
איך העלף איהם צו שלעפּען דעם שליטען,
א שלעפּ און א פאַל צו דער ערד צו,
די פינגער — צובלוטיגט, צושניטען.
דער הימעל אלץ קלערער און קלערער,
א גרויסע לבנה אין מיטען;
זיי קוקען זיך צו ווי מיר שלעפּען
א ליידיגען הילצערנעם שליטען...

און ווייטער:

ניט אנדערש אימיצער א שפּאַס מיט אונז וויל פיהרען:
א שליטען שטרוי אין שפּאַן, און ניט פון אָרט צו ריהרען.
מיט ציטער גיב איך ווען א קעהר דעם קאָפּ אויף הינטער —
עס קען פּאַסירען אלץ אין וועג אין מיטען ווינטער...
מיר דוכט זיך פּלוצלונג אויס: מיר שלעפּען נאָך א דריטען —
אזוי ווי איך אליין וואָלט ליגען טויט אין שליטען...

אין דער סעריע זיינען דאָ עטליכע לידער, א האַלבער־טרוים, א האַלבער־אמת, אין וועלכע עס ווערט דערצעהלט ווי אזוי אנטלוי־פענדיג פון סילקע האָט ער אָנגעטראָפען אין מיטען וועג א מיידעל. די עטליכע לידער זיינען מאָדנע ריהרענד, און ניט אזוי מיט דער ריינקייט פון בילדער אָדער ליידענשאַפט, נאָר מיט דעם וואָס זיי מאַכען דעם דיכטער זעהר נאָהענט און סימפּאַטיש.

נאָך די סיביר און טורמע לידער האָט לייוויק אָנגעהויבען שרייבען אויך „אזוי". איך וויים ניט אויף זיכער אויב כראָנאָלאָגיש

איז טאקע אזוי געווען, אָבער דאָס איז מיין איינדרוק. די זאַך, מיט וועלכע ער האָט געמאַכט, אַז מען זאָל זיך אויף איהם פארקוקען איז געווען אָט די סיביר און טורמע סעריע. און ווייל גלאַט „אזוי" אין דער וועלט פון ליריק, האָט לייוויק פיל מעהר קאָנקורענטען ווי אין זיין אייגענעם סיביר און טורמע געביט, דוכט זיך אמאָל, אז דאָ איז ער צו מאָנאָטאָן, צו בלאָס און איז ניט מעהר אייגענארטיג אָדער שטארק ווי אנדערע אונזערע מעהר אָדער ווייניגער באגאבטע ליריקער.

עס איז אַן אמת, אז אין די אלגעמיין־לירישע טעמעס איז לייוויק ניט אזוי ערשטוינענד־פריש, ניט אזוי דורכאוים ער אליין ווי אין די אנדערע, וואו זיין ערפאהרונג איז געווען אזוי פארשידען און דויערנד, אבער אין דערזעלבער צייט שיינט מיר, אז אויך אויף דעם ריין־לירישען געביט האָט לייוויק עפּעס אייגענעס, עפּעס מיט וואָס עס איז ווערט זיך צו באקענען. די בלאַסקייט און מאָנאָטאָנקייט נעמען זיך נאָר דערפון וואָס לייוויק האָט מורא צו קוקען ברייט און צורוקען זיך צו דער וועלט אביסעל נעהענטער. ער האָט די אויגען, ער האָט דאָס געפיהל, ער האָט די ווערטער און דעם קלאנג, נאָר ער איז צו פאַר׳כשופ׳ט פון זיין אייגענעם טרויער, פון זיין האָפנונגס־לאָזיגקייט, פון זיין צובראָכענקייט.

עס איז פּוסט מיין טאָרבע,
מיין האַרץ איז לעער,
און ביידע — איבעריג,
און ביידע — שווער.
איך הער אין אַניריהר
פון עמיצ׳ס האַנט:
— גיב, לאָמיר טראָגען
דיין לאַסט ביינאַנד!
מיר געהען צווייען,
די וועלט איז שווארץ:
איך טראָג די טאָרבע,
און ער — מיין האַרץ...

אַט די ליד איז נאַטירליך איינע פון די בעסטע פון דעם סאָרט, אָבער אפילו אין די ערגערע איז דאָ עפּעס א צוזאָג, עפּעס א גרע־סערע, א טיפערע מעגליכקייט. דער שטריך וואָס מאכט אַט דעם איינדרוק, איז פּיליכט ליוויק׳ס שטענדיגע אויפריכטיגקייט. אפילו דאָרט וואו אייך שיינט, אז ער קאָקעטירט נאָר, אז ער דראפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט, האָט איהר עס אויך מורא צו זאָגען, טאָמער זיינען זיינע ליידען טאקע אמת׳ע, טאקע דורכגעלעבטע, נאָר ער זאָגט עס אזוי אומגעלומפּערט נאָר דערפאר, ווייל ער איז צו פארטיפט אין זיך צו רעכענען זיך מיט אייער געשמאק. און אפילו צווישען די לידער וואָס אייך דוכט זיך אז עס איז מעהר ניט ווי מאנעריזם און פּאָזע שטראהלט אמאָל אויף א בילד אדער א שטימונג וואָס איז פון גוואלדיגען צוייבער ווי זיין לעצטע ליעד פון בוך: „רעגען־בויגען״:

איבער מיר געהט אויף א רעגען־בויגען,
דער טייך וואָס פיהרט צו מיין געהיימען לאַנד;
דעם זעגעל אויף מיין שיף האָב איך שוין אָנגעצויגען,
האָב וועסלעס זיבען־פאַרביגע אין האַנד.
דער וועג אהין שטראהלט דורך דורך מיינע אויגען,
און בויגיג איז דער ארעם פון מיין האַנט;
נאָך איידער עס פארגעהט דער רעגען־בויגען.
דערגרייך איך צו די ברעגען פון מיין לאנד.
פּאַרגאַנגען איז שוין לאנג דער רעגען־בויגען,
איך וואַרף אוועק די וועסלעס פון מיין האַנט,
מיט זיבען טויטע פארבען אין די אויגען
געפאנגען ליג איך אין מיין אייגען לאנד...

דאָס אלעס וואָס איך זאָג און ציטיר זאָל דאָך ניט גענומען ווערען אלס סך־הכל, אלס ענדגילטיגע אָפּשאצונג. פילע ליוויק׳ס לידער זיינען אין בוך אין גאנצען ניט אריין — און ניט אלע די ערגערע — און פילע זיינען נאָך אין גאנצען ניט אָנגעשריבען. ארויסצוטראָגען אן ענדגילטיגען אורטייל איבער א דיכטער וואָס האָט צווישען ליעד און ליעד געדאַרפט ארבייטען אלס „פּייפּער־

הענגער" אָדער ביי אַן אַנדער פיזישער אַרבייט אום „צו מאַכען אַ לעבען"; איבער איינעם וועמענס ערשטע געדרוקטע ליעד עס איז נאָך אין קינדער־יאָהרען, וואָלט געוועזן ניט רעכט און ניט גערעכט צום גוטען אָדער צום שלעכטען. דאָס איז מעהר ניט אַן אָנפאַנג, אַן איבערראַשענדער רייכער אָנפאַנג, וואָס וועט נאָך מעהר און האַרציגער צובינדען זיינע פאַרעהרער און מאַכען זיי ערוואַרטען נאָך גרעסערס.

עס איז אַזוי ווי אויף אַן אויסשטעלונג פון אַ נייער שולע אין מאַלעריי: אַן ערגערער לייוועגט, אַ בעסערער לייוועגט, אָבער עס אָטעמט מיט אמת און וועקט סימפּאַטיע און האָפנונגען. זיין ערש־טער ערשט־אַרויסגעגעבענער בוך לידער איז אַלענפאַלס ניט קיין קאַזאַרמע געבויט פון גלייכע גרויע ציגעל. עס איז אַ פיינער פּלאַן פאַר אַ גרויסען טעמפּעל, וואָס אויב ער זאָל אַמאָל ווערען פאַר־ענדיגט, וועט נאָך אין איהם — ווער ווייס? — אפשר לייוויק קע־ניגען אויף אַ גאָלדענעם שטול, און דער איהומענער יונגערמאַן וואָס האָט „געפּייפּער־הענגערט" צווישען איין לידישען טרוים און אַ צווייטען, וועט נאָך אפשר אַמאָל זיין אונזערער אַ זעקס־און־נייַנציג פּראָבע קלאַסיקער...

„צוקונפט", מערץ, 1919.

דוד בערגעלסאָן

„נאָך אלעמען". ראָמאן אין 4 טיילען.
פאַרלאג קלעצקין, ווילנע.

„נאָך אלעמען" איז א געשיכטע פון א קליינשטעטעלדיג אידיש מיידעל, מירעל הורוויץ. מירעל איז יונג און שעהן. זי איז געזונד און שיינט צו זיין עטוואָס העכער אין אינטעליגענץ פון איהרע ארומיגע, און דאָך איז זי אומגליקליך. זי קומט אין באריהרונג מיט פארשידענע מענשען, מייסטענס מענער, און אלע ליבען זי. ליבען שטאַרק, פארביסען, ליידענשאפטליך. זיי אלע אָפּפערען דאָס בעסטע, וואָס זיי פאַרמאָגען, אין דעם נאָמען פון זייער ליבע, אָבער זי בלייבט קאַלט. עס ריהרט איהר ניט. איינעם נאָך דעם אנדערען לאָזט זי איבער פארצווייפעלט. דעם פשוט'ען, אָבער געטרייען וואווע בורנעס, דעם דילעטאַנט העלער, דעם הינקעדיגען סטודענט ליפּקיס, דעם גביר'ישען קלויזניק שמואל זיידענאָווסקי, דעם העברעאישען דיכטער הערץ. לאָזט זיי איבער אום אליין נאָך טיפער צו זינקען אין אָן אָפּגרונד פון פאַרצווייפלונג. זי אליין גיט דעם לעזער דעם שליסעל צו איהר הארץ אין דעם בריף, מיט וועלכען דער ראָמאן ווערט געענדיגט:

„...דאָ וואו איך בין, קען איך מעהר ניט בלייבען. איך וויים ניט וואוהין מ'געהט, נאָר אוועקגעהן פון דאנען מוז איך. ס'פּאַלען שוין געלע בלעטלאך פון די בוימער, און אויך אזוי איז ביי מיר אין הארץ. איך לעב איבער מיין הערבסט, מאנטשיק, פון מיין גע־בוירען אָן לעב איך איהם איבער, און קיין פריהלינג האָב איך קיינ־מאָל ניט געהאַט. עמיצער האָט איהם פאר מיר איבערגעלעבט, אָט דעם פריהלינג, און מיר ווערט דאָס שוין פון טאָג צו טאָג קלאָר:

נאָך איידער איך בין געבאָרען געוואָרען, האָט עמיץ מיין פריהלינג איבערגעלעבט"...

א דאָקטאָר פון פּאטאלאָגיע וואָלט פּיליכט געזאָגט, אז די איינציגע אורזאכע פון מירעל'ס אומגליק איז, וואָס זי איז קראַנק, זי האָט פיזיש ניט די מאכט צו ליבען. דער ליבע־אינסטינקט, וועלכער איז אזוי ברויזענד אין יעדען מיידעל פון איהר עלטער, שיינט איהר אין גאנצען צו פעהלען און דאָס איז ווארשיינליך די אורזאכע, פאר־וואָס קומענדיג אין נאָהענטער באקאנטשאפט מיט אזוי פיל מענער, קריגט זי צו זיי ניט נישט קיין ליבע, נאָר אפילו קיין געוועהנליכע געשלעכטליכע נייגונג. אָבער ווען אפילו די אורזאכען זיינען ניט אזעלכע פּראָזאאישע, פארבלייבט דאָך דער פאקט, אז בערגעלסאָן האָט געמאכט מירלען פיל וועניגער אינטערעסאנט, אלס ליטעראַ־רישען טיפּ, ווי זי האָט געקענט זיין.

ווייבאלד זי האָט קיין פריהלינג קיינמאָל ניט געהאט, ווייבאלד עמיץ האָט איבערגעלעבט איהר פריהלינג נאָך איידער זי איז געבאָ־רען געוואָרען, ווי זי שרייבט, איז שוין איהר פארצוויפלונג פון א זעהר באגרענעצטען אינטערעס. ווען איינער פארלירט א האַנט אין שלאַכט, איז ער א העלד, ווען איינער ווערט געבאָרען אָהן א האנט, איז ער פּשוט אן אומגליקליכער. מירעל איז געבאָרען געווארען מיט איהר אונעמפפינדליכקייט צו ליבע און מיט איהר פארפרעמדטקייט פון לעבען, און דערפאר איז זי ניט קיין מארטירערין, נאָר איינפאך א קריפּעל, און זי רופט ביי אונז ארויס ניט קיין באוואונדערונג, ניט קיין ליבע, ניט קיין מיטגעפיהל זאָגאר, נאָר רחמנות:

— אזא וואויל, שעהן מיידעל, און קען זיך נעבאך ניט „פּרי־סטראָיען".

מירעל איז דארום ניט קיין טיפּ, וואָס האָט געזאָלט אונז ווייזען די ליידען און ענטוישונגען פון מענשען בכלל, נאָר א מיידעל, — איין מיידעל פון א באשטימט אידיש שטעדטעל, וועלכע איז געווען אומגליקליך. אָט די לאַגע איהרע אין דעם ראָמאַן מאכט זי שוין נאַטירליכערווייזע בלאַס און אמאָל געקינצעלט. איהר איינציגע אַקציע איז אָדער צו ליגען און „טראַכטען", אָדער צו געהן און „טראַכטען", און עס וואָלט געווען גאָר לאַנגווייליג, ווען ניט בער־

געלסאָנ׳ס טיפע פארשטענדניס פון דער נאַטור און זיין פעהיגקייט זי צו מאַכען אלס דעם הינטערגרונד פאר זיינע העלדען.

אָבער אייגענטליך איז מירעל נאָר א צוטשעפּ. אזוי ווי אין בערגעלסאָנ׳ס ערשטער ערצעהלונג „ארום וואָקזאַל" איז די טויטע ציגעלנע וואָקזאַל־געביידע געגומען געוואָרען נאָר אלס א מעכאַנישע מעגליכקייט צו באשרייבען די מענשען ארום איהר, אזוי איז אויך מירעל, באוואוסטער־ אָדער אומבאוואוסטערהייט פאר בערגעלסאָנ׳ען, נאָר א מעגליכקייט צו שילדערען מענשען, וועלכע ער קען פיל בעסער פון מירלען און דורך וועלכע בערגעלסאָן ווייזט אמבעסטען ארויס זיין אָריגינעלען און פרישען טאַלאַנט.

עס לעבען אין דעם שטעדטעל און שטאָדט אינטערעסאַנטע פּערזענליכקייטען. זיי זיינען אינטערעסאנט מייסטענס צוליב דעם, וואָס זיי זיינען טיפּיש, וואָס זיי זיינען כאַראַקטעריסטיש פאר דער גאנצער אידישער אינטעליגענץ און מיטעלקלאַס. בערגעלסאָן קען זיי גוט און וויל זיי, ווי מען זאָגט, „באשרייבען", אָבער אין זייער אלטעגליכער אַטמאָספערע, אין זייער געשעפט און הויז־פּארהעלטניסע איז זיי שווער צו דערקענען, זיי זיינען צו פּרימיטיוו און גרוי. האָט בערגעלסאָן אינסטינקטיוו געטאָן דאָס, וואָס עס טוט א דאָקטאָר, ווען ער וויל גוט באקוקען און אַנאַליזירען א טייל פון קערפּער. אזוי ווי יענער שטעכט דורך דעם באשטימטען פלאַץ מיט שטארקע רענטגען־שטראַהלען, אזוי האָט בערגעלסאָן געמאכט מירלען זיי אָנצינדען מיט ליבע. אין דעם פייער פון ליידענשאפט איז פארברענט געוואָרען דאָס וואָכעדיגע, געוועהנליכע און ניט אינטערעסאַנטע, און עס איז פארבליבען דאָס מענשליכע און טיפּישע. מירעל ברענט ניט אליין, נאָר זי צינדט אָן אנדערע — וואווע בורנעס, ליפקים, מאַנטשיק, העלער, הערץ, זיידענאָווסקי. און אַ דאַנק אָט דעם פייער, וועלכען זי האָט אויטאָמאטיש אָנגעצונדען, זעהען מיר נייע טיפּען, וואָס זיינען ביז אהער אין דער אידישער ליטעראַטור אָדער אין גאַנצען ניט געווען אָדער ניט געווען אזוי בולט און אזוי רעאַל.

ווירקליך, אלס כאַראַקטער־מאַהלער איז בערגעלסאָן גרויסארטיג. ער האָט דאָס שוין באוויזען אין „ארום וואָקזאַל", וואו ער האָט ארויסגעפירט אויף דער סצענע די אידישע קליינשטעטעלדיגע סוחרים, און באווייזט עס איצט מיט נאָך מעהר קראַפט אין „נאָך אלעמען". איין

שטריך, איין וואָרט, איין באַוועגונג און איהר האָט פאַרטיג אַ בילד. זיין זעהר ניט אויסגעהאַלטענע שפּראַך און זיינע זאַנדערבאַרע מאַני־רען מאַכען נאָך אָט דעם טאַלאַנט זיינעם אַנציהענדער.

„ס'איז אַ ריין קריסטליך אויסזעהן, ס'איז ביי אָט דער ראָזענ־בוימיכע געוועןן! ניט אומזיסט האָבען זיך שוין וועגען איהר איבער'ן גאַנצען שטעדטעל ארומגעטראָגען קלאַנגען, אַז פריער, ווי זי האָט מיט'ן פאָטאָגראַף ראָזענבוים'ען חתונה געהאַט, האָט זי ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָדט מיט אַן אָפיציר געלעבט".

איהר ווייסט נאָך וועגען איהר נאָר, אַז זי שפּילט גיטאַר, אַז זי איז אַ דיקע און אַז איהר הויז איז נאָר מיט'ן ריח פון גוי'שע מאכלים, און איהר זעהט דעם טיפּ פאַר די אויגען.

אין זיין באַמערקען קליינגקייטען און זיין פאַרשטעהן זייער וויכטיגקייט זעהט זיך אָפּט די ווירקונג פון קנוט האמסון און אייניגע מאָדערנע רוסישע שרייטער, אָבער זיינע העלדען זיינען דורכאויס אידישלאַך און אונז דורכאויס באַקאַנט. ער האָט ניט קיין מורא פאַר קאָמפּליצירטע טיפּען און זיין „מאַנטשיק" צוגלייך מיט וואַווע בורנעס, העלער און זיידענאָווסקי זיינען געקומען אין דער אידישער ליטעראַטור דאָ צו פאַרבלייבען.

און ניט נאָר קען ער שילדערען זיינע מענשען באַזונדער — ער קען זיי אויך גרופּירען, סצענירען און הייסען זיי ווירקען צווישען זיך. צוויי סצענעס אין „נאָך אַלעמען" — די סצענע פון דעם אָווענט אויפ'ן צוקער־פאַבריק ביי טאַראַבאַי'ען און די סצענע פון ר' גדליה הורוויץ'ס טויט — איבערהויפּט די לעצטע—זיינען ווירקליך קלאַסיש און עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס ניט אַלע איבעריגע בילדער זיינען פון אַזאַ אמת קינסטלערישען ווערט.

דער סך הכל איז, אַז „נאָך אַלעמען" איז ערשטענס ניט קיין ראָמאַן אין דעם געוועהנליכען זין פון וואָרט. די ערצעהלונג זעלבסט, די טעמע, איז געקינצעלט און האָט געקענט זיין אי לענגער, אי קירצער, ס'ווענדט זיך אָן דעם, אויף וויפיל בערגעלסאָן וואָלט גע־וואָלט אָדער געקענט ארויספירען נאָך העלדען. אַלס אַ ליטעראַרישע ווערק אָבער, אַלס אַ טיפּען־גאַלערי, פול מיט פרישע געזיכטער און פאַרשטאַנענע מענשליכע ליידען און ליידענשאַפטען, איז „נאָך אַלע־מען" אַן אָריגינעלעס, כמעט מערקווירדיגעס ווערק. מיר געדענקען

ניט די צייט, ווען א אידישע ערצעהלונג זאָל האָבען איבערגעלאָזט אויף אונז אזא טיפען און קאָמפּליצירטען איינדרוק.

די טעכניק בערגעלסאָנ'ס איז דאָך זעהר ארעם און זיין שפּראַך איז מערקווירדיג ניט אויסגעהאַלטען. קענטיג, אז ער זוכט זיין סטיל און וויים ניט וואָס אויסצוקלייבען. איהר קענט ביי איהם געפינען אזאַ געשמאַקלאָז פּאָלקסטימליכען אויסדרוק, ווי „אָנגעזאַלצען אויף דער נשמה" און אזאַ דעקאַדענטיש-אינהאַלטסלאָזען אויסדרוק ווי „הבל-הבלים'דיג אויף דער נשמה". דערצו האָט ער זעהר מאָדנע איינפעלע, ווי „רעדט רוסיש שלעכט ווי א דענטיסט", „זידעלט זיך ווי א שניידער'ס א טאָכטער" א. ז. וו.

„צוקונפט", ניו יאָרק, סעפּט. 1913.

ז. ליבין

געוועהלטע ווערק, ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס", צוויי בענדער.

די איינציגע זאך וואָס איז ניט נאַטירליך און ניט ליבינ'יש אין ליבינ'ס צוויי נייע בענדער סקיצען איז זיין פּאָרטרעט ביים אָנפאנג פון ערשטען באַנד. אויסגעפּוצט און אויסגעצוואָגען, זיצט ער אין א פאָטער־שטול, איין האנד אויפ'ן קניה און די צווייטע אויפ'ן שטול, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געקליבען צו שיקען זיין „פּיקטשע" אין יוראָפּ, אָדער צו א כלה. ער ערשיינט ניט אין גאנצען אזוי אין זיינע סקיצען, וועלכע זיינען אויסערליך, אין פאָרמע און בעאר־בייטונג אָפט שווין צו איינפאך. זיי האָבען געקענט זיין פיל מעהר געטאָקט און פיל ראפינירטער. ביי א ליטעראַרישען פיין־שמעקער וועט אָפטמאָל שטארק ניט נושא חן זיין זיין גלייכגילטיגקייט צו אויסערליכען פּוץ.

אָבער זיי ענטהאַלטען אין זיך א שטיק לעבען, א שטיק אמת, און דאָס גיט זיי צו א ווערט, וואָס קיינע סטיל־נאַכלעסיגקייטען קענען עס פון דעם ניט אוועקנעמען!

זעהר אָפט לעזט איהר א וועלכע ניט איז סקיצע זיינע, און זי לאָזט ניט אויף אייך קיין שום איינדרוק. איהר וואונדערט זיך צו וואָס ליבין האָט עס געשריבען און צו וואָס ער שטעלט עס אריין צווישען זיינע „געוועהלטע" ווערק, אָבער לאַנג נאָך דעם ווי איהר האָט די סקיצע איבערגעלעזען און פארגעסען, שווימט זי ווידער אויף אין אייער זכרון אין שארפע בולט'ע שטריכען. וואו איז דער סוד? ער איז אין דעם, וואָס אלע ליבינ'ס מענשען זיינען ניט קיין אויס־געטראַכטע, נאָר לעבעדיגע. זיי מעגען זיין גרוי, דערשלאָגען, ארעם, לעבערליך, קליינליך, אונאינטערעסאַנט, אָבער זיי לעבען. איהר

ווייסט אַז אָט די מענשען זיינען ניט דריי אָדער צעהן אָדער הונדערט, נאָר א מיליאָן, און נאָכדעם ווי איהר האָט זיך מיט זיינע העלדען באַקאַנט, אפשר נאָר אין צוויי אדער דריי זייטלאך, ווילט זיך אייך שוין אָנרופען מיט ליבינ'ס נעמען אייערע באַקאַנטע ארבייטער, גראָסערי־לייט, אינשורענס איידזשענטס א. ז. וו.

אין דעם זין איז ליבין מערקווירדיג, און אין דעם זין איז ער אונזער טשעכאָוו. איהם פעהלט טשעכאָוו'ס ליבע צו זיינע העלדען און טשעכאָוו'ס סטיל, אָבער ער פאַרמאָגט זיין אונגעהויערען כח אין כאַראַקטעריזירען פאַר אונז א מענשען דורך איין אינצידענט, דורך איין וואונק, דורך איין וואָרט. עס איז גענוג פאַר איי־נעם אייניגע סקיצען איבערצולעזען, אום צו פיהלען אַז ער איז באַרייכערט געוואָרען מיט א צאָל פון נייע באַקאַנטשאַפטען און נייע סיטואַציעס.

אָט איז הירש דער קאַפּענמאכער. ער פייערט דעם צעהן־יעהריגען יובילעאום פון זיין שקלאַפעריי אין סוועט־שאַפּ מיט אַן עקסטרא ביסעל ביער, — א סקיצע וואָס בעט זיך צו זיין אילוסטרירט מיט עטליכע צייכנונגען. אָט איז מר. בוכהאָלץ, וועלכער מאכט אוים נויט זיינעם א ברודער ארבייטער פאַר א גנב, און בלייבט אזוי הילפלאָז ווי אימער; אָט איז העסיל דער העמדיל־נייער. ער גיט זיין יונגען געראָטענעם זוהן דעם ערשטען לעסאָן אויף דער קאַטערינקע ווי אזוי אליין צו נעהען העמדלאך; אָט איז לייבע דער טויבער, וועלכער פאַרשלאָפט א גאַנצען יום־כפור אין שאָפּ, ווייל עס איז זיין איינציגער שאַנס זיך דורכצושלאָפען; אָט איז חיים גארבער, וועלכער האָט מיט אַמאָל געקראָגען ליכטיגע רומס, ווייל די נעקסטע טענע־מענט־הויז האָט מען אראָפּגעוואָרפען, און וועלכער מוז דאָך די ליכ־טיגע רומס פאַרלאָזען, ווייל על חשבון פון דער ליכטיגקייט האָט דער לענדלאָרד געהעכערט די רענט...

און אָט א רייהע באַקאַנטע און סימפּאַטישע ארבייטער־פּרויען. די עלטערע מיידעל ראַאיסא, וועלכע איז געוועזן חתונה האָבען כאָטש מיט דעם ערגסטען פון איהרע אַמאָליגע „פּאַקלאַניקעס", און איז אָבער שוין צו אַלט און אויסגעארבייט אפילו איהם צו באַצויבערן; מיס באַגדאַנאָוו, וועלכע בלייבט דורך א צופאַל אין דעם הויז פון א באַקאַנטען, און איז זשעדנע נאָך זיין ליבע, אָבער ער ענטזאגט זיך

פון איהר אוים אומבאגרינדעטען שטאָלץ; בערטהא, וועלכע ווערט שטילערהייט געמוטשעט פון מאַן, פרובט ווידער אוועקגעהן צו דער ארבייט, אָבער זעהט אז צו דעם האָט זי שוין קיין כחות, און אז זי וועט אויך אויף ווייטער דארפען לײדען און שווייגען, א. ז. וו.

די אינטערעסאנטסטע אפטיילונג פון בוך אבער, איז די אפטיילונג „דער אייביגער איד". ליבין האָט קיין שום מעגליכקייט ניט אויסצודרי־קען זיינע פּאָעטישע געפיהלען און אידעאַליסטישע נייגונגען דורך די מענשען פון שאפּ און סטאָר. ליבין ווייסט, אז די אידעאלען וועלכע זיי האָבען געהאט, האָט דער וויכער פון לעבען צופליקט, און פון זיינע אלע ארבייטער טיפען איז דאָ נאָר איינער א „אידעאַליסט", וועמענס אידעאל עס זיינען די צוויי לאָטס, וואָס ער האָט אין די בראָנקס, און ביי וועלכע ער שטעהט אָב זיין גאנצע לעדיגע צייט אין שטומער ענטציקונג. אין שאפּ און אין גראָסערי זיינען פּאָרלויפיג נאָך קיין אידעאַליסטען ניט אויסגעוואקסען. איז אום צו שילדערן די מעהר פּאָעטישע און מעהר ריהרענדע מענשען האָט ליבין אויסגעקליבען דעם עלטערן אידען, וועלכער איז מייסטענס ביי קינדער אויף קעסט, און וועלכען די ניו יאָרקער „ציוויליזאציע" האָט נאָך ניט פּאָל־קאָם דערשטיקט. אין דער אָפּטיילונג זיינען דאָ אפשר טעמען, וואָס בעטען זיך פאר גרעסערע און געניטערע שילדערונגען. „די שוהל און קירך", אָדער „א היימישער תענית", צום ביישפּיל, האָבען געקענט באשאפען ווירקליכע טיפּען, ווען ליבין וואָלט, ווי זיין שטייגער איז, זיך ניט אזוי געאיילט.

דאָס ערשטע איז וועגען אַן אַלטען אידען, וועלכער איז פאָלקאָם ענטוישט אין דער אַמעריקאנער אידישער שוהל מיט איהר וואָכע־דיגקייט און וועלכער ווערט גערירט און געטרייסט פון די קלאַנגען פון א פּראַוואָסלאַוונער קירכע, וועלכע דערמאָנען איהם אָן זיין היימישען שטעטעל. דער „היימישער תענית" ווידער דערצעהלט פון דעם אלטען ריוולין, וועלכער איז אוועק אין שוהל פאסטען א תענית, וויל דער רב פון זיין שטעדטעל אין רוסלאנד, שרייבט מען איהם, האָט גוזר תענית געווען אוים מורא פאר א פּאָגראָם... „דער פלעק אין בריף", „א געדוס צו קיינעם ניט", „די צוויי ריינינגקייטען", „ר' קלמן און פעט" — זיי זיינען אלץ פון דערזעלבער שטימונג.

„צוקונפט", ניו יאָרק, מאַי, 1915.

אַלעקסאַנדער בערקמאַן

געפענגניס טראַינערונגען פון אַן אַנאַרכיסט

ווען מיר וואָלטען געזעהן עמיצען אָראָפּשניידען די פליגלען פון א קליין פויגעלע אָדער אונטערהאַקען די פיסלאַך פון א לעבעדיג חיה׳לע, וואָלטען מיר דורך א שעהנער און נאָבעלער באוועגונג פון אונזער מענשליכקייט געוויס געגען דעם פּראָטעסטירט. פיליכט זאָגאר וואָלטען מיר זיך אליין מוסר נפש געווען, אום דאָס לעבעדיגע באשעפעניש צו ראַטעווען פון אכזר׳ס הענט.

אָבער מיר געהן טאָג־טעגליך פארביי הויכע שטומע ווענט, הינ־טער וועלכע עס ווערען באוואוסטזיניג און פּלאַנמעסיג געקאַליעטשעט טויזענדער מענשליכע נשמות און קערפּערס, און מיר הויבען ניט אָן פּראָטעסטירען געגען דער געוואַלדיגער אומגערעכטיגקייט.

פון אַלע שוואַרצע פינסטערע וואונדען פון אונזער ציוויליזאַ־ציע, איז די וואונד פון טורמע־שטראָף און געריכט־גערעכטיגקייט די שוואַרצעסטע און פינסטערסטע. די טורמע, ווי גוט און מאָדערן זי זאָל ניט זיין, טראָגט אין זיך זעלבסט א שרעקליכען אומגליק, און כל־זמן מענשען וועלען עס ניט פארשטעהן, וועלען די גרעסטע און בעסטע רעפאָרמען זיין ניט מעהר ווי א חוזק.

ווער האָט מענשען געגעבען דאָס רעכט צו בארויבען איינעם פון אונזער איינציג אייגענטום — אָרעם צי רייך — דאָס אייגענטום פון לופט, ליכט און באוועגונג?

אָט דער געדאַנק מאַכט זעהר לאַנגזאַמען און זעהר שטילען פּאָרטשריט, אָבער פריהער אדער שפּעטער וועט עס מוזען ווערען דער געדאַנק פון דער גאַנצער מענשהייט, און אַלעקסאַנדער בערק־

מאנ׳ס בוך וועט זיין איינער פון די מעכטיגסטע שטויסען צו אָט דעם גרונד־געדאַנק פון מענשליכע רעכט.

מען האָט גענומען א יונגען, אינטעליגענטען, עמפּפינדליכען און צאַרטען יונגען מאַן און מען האָט איהם פאַר׳משפּט אויף 20 יאָהר געפענגניס, און א לעבען פון בלינדקייט און גסיסה. אויב בערקמאַן האָט די 14 יאָהר פון זיין טורמע־ערפאַהרונגען דורכגע־לעבט און איבערגעלעבט, איז עס א וואונדער און א נס. עס איז דער וואונדער פון א אידעאַל, וואָס גיט קרעפטען צו שוואַכע און מאַכט לעבעדיג טויטע. אַלע בערקמאַנ׳ס חברים, וועלכע האָבען קיין גרויסען אידעאַל ניט געהאַט, זיינען טאַקע צוריבען געוואָרען פון דער טורמע אויף אַש און פּולווער — אַראָב פון זינען, געשטאָרבען, געוואָ־רען געטויט. בערקמאַן איז ארויס א לעבעדיגער ניט דערפאַר, ווייל ער איז געווען בעסער פאַר זיין טורמע־חבר דעם פערד־גנב אדער „ווינג״, אדער סמיטה, נאָר דערפאַר, ווייל אן אויסערליכע מאַכט — די מאַכט פון גלויבען אין זיין „זאַך״ — האָט איהם ווי א צערטליכע מוטער געשפּייזט ווען אַלע האָפנונגען זיינען געווען אויס־געלאָשען און אַלע קרעפטען — צו׳חלש׳ט.

און אויב עס איז ווען געשריבען געוואָרען א באַשולדיגונגס־אַקט געגען די אייזערנע גראַטען און גרויסע שלעסער, אויב א בוך האָט ווען ארויסגערופען ביי אייך ניט נאָר רחמנות, נאָר ווירקליכען זודיגען האַס און ווירקליכע מענשליכע ליבע, איז עס דאָס בוך פון בערק־מאַן: „די געפענגניס־עראינערונגען פון אן אנארכיסט״.

עס איז א מאָדערנער „איוב״. יעדער טאָג פון די 14 פינסטערע יאָהר אין דער „וועסטערן פעניטענשערי״ איז געווען א נייע אנטוישונג און נייע ליידען. פיזישע און גייסטיגע ענוים, יאוש און האָפנונגס־לאָזיגקייט איז געווען דאָס איינציגע ברויט, וואָס ער האָט גענעסען. ער האָט פאַרלאָרען זיינע כחות, זיינע פריינד. טאָג איין טאָג אויס האָט ער געבראָדיעט אין דער זודיגער סמאָלע פון אנטוישונג און פיין — א וואונדער צו זיינע חברים, א שרעק און דאָרן אין די אויגען צו „נאַטשאַלסטוואָ״. ארום איהם זיינען יעדען טאָג צוגעקומען נייע אומשולדיגע קברים, נייע רציחות האָבען ווי הייסע אייזענס געברענט זיין באַוואוסטזיין, אָבער ער איז געווען הילפלאָז. לעזענדיג דאָס בוך

פיהלט איהר, ווי עמיץ וואָלט אייך פאר׳משפט בייצואוואָהנען אן אינקוויזיציע 14 יאָהר נאָכאנאנד!

אבער אין אָט דעם גיהנום האָט זיך דאָך בערקמאנ׳ס נשמה אויסגעלייטערט. פון דעם פייער פון שמערץ און אַנגסט איז זי ארויס נאָבעלער, ריינער, לויטערער. נאָר שטרויענע נשמות ווערען פאר־ברענט פון ליידען, נאָבעלע ווערען געלייטערט. און פאר א מאן מיט אן אויג צו באָאָבאכטען, עמפפינדליכקייט און אביסעל ליבע צו מיטמענשען איז די טורמע דער בעסטער פּלאַץ צו קריגען א ריכ־טיגען באגריף וועגען לעבען און מענשען. די טורמע, דאָס איז די וועלט אין מיניאַטור; די ציוויליזאציע פארקלענערט פאר שטודיום־צוועקען. דער מענש איז דאָרט גייסטיג נאַקעט. אלץ — גוטעס ווי שלעכטעס — וואָס האָט זיך אַנגעקלעפּט צו איהם דורך ערציהונג, געזעלשאפטליך צוזאמענלעבען און אויסערליכקייטען, דאָס אלץ פאלט אראָב, שיילט זיך אָב, ווי די שאָלעכץ פון א הארט־אָפּגעקאָכט איי. עס בלייבט נאָר דער ריכטיגער אבסאָלוטער „איך״. און דאָ קענט איהר זיכער און אָהן צווייפעל פעסטשטעלען דעם אמת, אַז אלע מענשען זיינען גלייך, אז די וואָס זיינען אויף דער פריי זיינען פונקט אזוי שלעכט ווי די, וואָס אין טורמע, און אז די ארעסטאנ־טען זיינען פונקט אזוי גוט ווי די „רעספּעקטאַבעלע בירגער״.

עס געהט פאר אייך דורך א גאַנצע רייהע פארברעכער — אלטע און יונגע, און פון אלע קלאַסען און שטאַנדען. די פארברע־כענס, וואָס האָבען זיי אהער געבראַכט זיינען פארשידען ווי זייערע כאראקטערע, אָבער זיי זיינען אלע מענשען, מיט אלע מענשליכע ליידענשאפטען, סימפּאַטיען, ליידען און פריידען. אין דער שילדע־רונג פון אָט די טיפען ווייזט בערקמאן ארויס אויסערגעוועהנליכע ליטעראַרישע פעהיגקייטען און זיי זיינען אלע קלאָר, בולט און ריכ־טיג, כאָטש קורץ געשילדערט.

די לאַנגוויילינסטע שטעלען פון בוך זיינען די, וואו בערקמאן הערט אויף צו ווערען א באָאָבאכטער און שרייבער און ווערט אן אַנארכיסט. די שטעלען זיינען לאַנגוויילינ ניט דערפאר, ווייל זיי זיינען געשריבען מיט ווענינער וואַרימקייט, נאָר דערפאר, ווייל אין פארגלייך מיט בערקמאנ׳ס ליידען זעלבסט און מיט דעם אלגעמיינעם

הינטערגרונד פון דער פעניטענשערי איז זיין פארטיי־אנגעהעריג־קייט אין גאנצען ניט וויכטיג.

פון די פראָבלעמען, וואָס ווערען באריהרט אין בוך, איז איינע פון אונגעהויערער וויכטיגקייט פאר סטודענטען פון געשלעכטס־פסיכאָלאָגיע. עס איז א לאַנג־באוואוסטער פאַקט, אז אין אלע טורמעס פון דער וועלט קומען פאָר די אומנאַראמאלסטע געשלעכטליכע פאַר־העלטניסע צווישען מענער. ביז אהער אָבער איז די פראַגע באהאַנ־דעלט געווארען נאָר פון דאָקטוירים און ספעציאליסטען. בערקמאַן פּראוווט אליין דערצעהלען וועגען דעם, און פאר דעם יעניגען, וועמעם חוש פאר'ן אמת איז שטארקער ווי פאר דער אָנגענומענער מאָראַל, זיינען אָט די שטעלען פון בוך ספּעציעלען אינטערעס. זיינע באציאונגען צו דעם יונגען אַרעסטאנט ראָסעל זיינען ווערט באאַר־בייט צו ווערען אין א באזונדער דראַמע.

אין אלגעמיין איז דער מאָראַלישער ווערט פון בוך אונגעהויער גרויס, און עס איז א רחמנות אויף יענעם ביכער־שראַנק, וואו אָט דאָס בוך וועט פעהלען.

צוקונפט, ניו יאָרק, יאַנ. 1913

דער אָנפאַנג פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור

ווען די ליטעראַטור פון א פאָלק וואָלט געווען א פּראָדוקט פון דער אָנשטרענגונג פון איינצעלנע פערזאָנען, די גייסטיגע פרוכט פון יחידים, וואָלט די אמעריקאַנער ליטעראַטור ניט געווען מעהר ווי אן אָפּטיילונג, אן אָפּצווייגונג פון דער ענגלישער ליטעראַטור. די אַמעריקאַנער אינטעליגענץ איז כמעט שטענדיג געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער רייכער ענגלישער קולטור, און די געמיינשאַפטליכקייט פון דער שפּראַך האָט אָט דעם איינפלוס ניט אָפּגעשוואַכט אפילו דאַן ווען פּאָליטיש האָט אַמעריקע מיט ענגלאַנד געקעמפּט. קיין ליטעראַטור אָבער קען ניט אויפוואַקסען א דאַנק דער טעטיגקייט פון איינצעלנע קינסטלער. עס פאָדערט זיך די וואַרעמקייט פון א פאָלקס־אַטמאָספער, די היימליכקייט פון א נאַציאָנאַלען לעבען, די שטימונג פון געמיינזאַמען פאָרטשריט צו מאַכען א ליטעראַטור ווירקזאַם, שטאַרק, איינפלוסרייך. און יעדע ליטעראַטור מוז האָבען אן אידעאַל, וואָס זאָל דינען ניט נאָר צו מאַכען גרעסער די גרויסע קינסטלער, נאָר אויך צו דערהויבען די קלענערע, צו ערמוטיגען די מיטעלמעסיגע; דעריבער איז די געשיכטע פון דער אמעריקאַנער ליטעראַטור פאַקטיש די געשיכטע פון דעם אמעריקאַנער פאָלק, און קען קיינמאָל ניט פארשטאַנען ווערען, ווען גענומען אויסער דער אַלגעמיינער פּאָליטישער און געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג פון לאַנד. כאָטש אמעריקע האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען אין א צייט ווען ענגלאַנד האָט שוין געהאַט שעקספּיר'ן; כאָטש דער גאַנצער זיבעצענטער און ערשטע העלפט פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט זיינען געווען בליהונגס־יאָהרען פון דער ענגלישער ליטעראַטור און פּאָעזי; כאָטש אין דער צייט ווען די ערשטע ענגלענדער האָבען זיך גענומען צו באַזעצען אמע־

ריקע, איז שוין לאַנדאַן געווען אַ מעכטיגער גייסטיגער צענטער פאַר אייראָפּאַ, האָט אַמעריקע דאָך ניט פאַרמאָגט קיין סימן פון ליטעראַטור ביז זי איז ניט געוואָרען אונאָפּהענגיג פון ענגלאַנד, ביז זי האָט ניט אָנגעהויבען זיך צו ענטוויקלען אין אַ באַזונדער נאַציאָן.

די אַמעריקאַנער ליטעראַטור ביז דעם קריג פאַר אונאָפּהענגיגקייט איז דאַרום וויכטיג מעהר אַלס היסטאָריע ווי ליטעראַטור, און מיר ווע׳לען זיך מיט איהר נאָר אויף אַזוי פיל באַקענען אויף וויפיל זי דעקט פאַר אונז אויף די באַהאַלטענע וואָרצלען פון וועלכע עס איז שפּעטער אויסגעוואַקסען דער בוים, און אויף וויפיל זי צייגט זיך אַרויס כאַראַקטעריסטיש פאַר די נייע אומשטענדען פון נייעם לאַנד.

אין דעם זין דאַרף מען געדענקען אַז אָפיציעל ביז דעם יאָהר 1776 און פאַקטיש נאָך עטוואָס שפּעטער, איז ניט געווען קיין איינהייטליכע אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. די קאָלאָניע ווירדזשיניא, וועלכע איז געווען דאַן די קרוין פון דער סאַוטה, איז באַזעצט געוואָרען פון אַוואַנטיוריסטען, הפקר־מענשען, פּוסטעפּאַסניקעס און אַריסטאָקראַטען, וועלכע זיינען געקומען אין דעם נייעם לאַנד שאַרען גאָלד און לעבען אַ גוטען טאָג. די פריהע ענטוויקלונג פון שקלאַפעריי האָט ווירדזשיניא נאָך מעהר דעמאָראַליזירט, און זי איז דאַרום ניט געווען קיין גינסטיגער פּלאַץ פאַר ליטעראַטור. ווירדזשיניא האָט ניט געהאַט קיין דרוקעריי ביז 1729 און ביז 7 יאָהר פאַר דעם קריג פון אונאָפּהענגיגקייט האָט זי ניט געהאַט מעהר ווי איינע. סער וויליאַם בערקעלי, דער קעניגליכער גאָווערנאָר פון ווירדזשיניא, האָט געזאָגט אין 1671: „איך דאַנק דעם אויבערשטען, וואָס ביי אונז זיינען ניטאָ קיין פרייע שולען און קיין דרוקערייען, און איך האָף, אַז מיר וועלען זיי ניט האָבען נאָך פאַר אַ הונדערט יאָהר, ווייל באַלערענטקייט האָט געבראַכט אונגעהאָרכזאַמקייט און אפּיקורסות... און די דרוקערייען האָבען עס פאַרשפּרייט. גאָט, באַשירם אונז פון ביידע״. גאָט האָט טאַקע ווירדזשיניא אויסגעהיט פון ביידע, און ביז ענדע פון דעם 18טען יאָהרהונדערט האָט אָט די קאָלאָניע אינגאַנצען געהאַט איין שרייבער פון וועלכער ניט איז ווערטה. עס איז אמת, אַז אינגאַנצען מחברים זיינען געווען עלף, אָבער צעהן פון זיי האָבען גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט ליטעראַטור, און זייערע ביכער

זיינען מייסטענס באשרייבונגען פון דער קאָלאָניע אָדער איהר געשיכטע. דער איינציגער אָריגינעלער שרייבער איז געווען דער אוואנטיוריסט דזשאהן סמיטה, וועלכער האָט נאָך אין 1608 אָפּגע־דרוקט אן אינטערעסאנטען בוך וועגען ווירדזשיניא, וועלכער אָבער קען ניט פאררעכענט ווערען צו דער אמעריקאנער ליטעראטור, ווייל סמיטה אליין האָט דאָ געוואָהנט נאָר א קורצע צייט און דאָס בוך איז געדרוקט געווען אין לאָנדאָן.

א גינסטיגערער פּלאַץ פאר ליטעראטור איז געווען ניו־ענגלאנד. אין 1620 זיינען געקומען צו די ברעגען פון פּלימוטה די פּוריטאנער, וועלכע זיינען אַנטלאָפען פון ענגלאנד צוליב רעליגיעזע רדיפות און וועמעס אידעאל עס איז געווען אויפצובויען א ישוב פאר רע־ליגיעזע פרייהייט. צוזאמען מיט זייערע הייזער האָבען זיי אויך געבויט שולען, און ערשט 16 יאָהר נאָך זייער אָנקומען האָבען זיי געגרינדעט דעם ערשטען אמעריקאנער אוניווערזיטעט — הארוואָרד קאָלעדזש. אין 1649 איז געצוואונגענע עלעמענטארע ערציהונג געווען איינגעפירט אין אלע קאָלאָניעס פון ניו־ענגלאנד אויסער רהאוד איילענד. די קאָלאָניעס פון ניו־ענגלאנד זיינען אויך געווען די ערשטע וואו עס האָט זיך צום ערשטען אָנגעהויבען צו ענטוויק־לען א ווירקליך דעמאָקראטישע רעגירונג און וואו עס איז געלעגט געוואָרען דער ווינקעל־שטיין פאר פילע שפּעטערע דעמאָקראטישע אינסטיטוציעס. דאָס אַלעס וואָלט פיליכט געמאכט מעגליך א זעהר רייכע שאַפונג, ווען ניט די שרעקליכע איינזייטיגקייט פון דעם ניו־ענגלענדער לעבען צו יענער צייט. די קאָלאָניסטען, וועלכע זיינען געקומען רעליגיעזע פאַנאטיקער נאָך פון ענגלאַנד, האָבען זיך, א דאַנק פילע אומשטענדען, אין זייער פאַנאטיזם נאָך מעהר פאר־שטארקט. די וויסטע אונפּרוכטבארקייט פון דער ערד; דער קאַ־פּריזנער און שווערער קלימאַט; די קאַטאָרזשנע ארבייט פון איינ־פונדעווען א ישוב צווישען שטיינער און אינדיאנער, דאָס האָט דעם גייסט פון די פּוריטאנער נאָך מעהר פאַרהאַרטעוועט און פאַר־פּרעסט.

כמעט אַלע קאָלאָניעס האָבען זיך געפיהרט לויט די געזעצען פון ביבעל. איינער וואָס איז ניט געווען קיין קירכען־מיטגליד האָט ניט געקענט אנטייל נעמען אין דער פיהרונג פון דער קאָלאָניע.

אלערליי סאָרטען אויסדריקע פון לעבענסלוסטיגקייט זיינען געווען באַטראַכט אלס א זינד, מיט איין וואָרט, די אטמאָספערע איז געווען ווי פון א קלויסטער, און דארום איז די גאנצע ליטעראַטור פון ניו־ענגלאַנד פון יענער צייט, כאָטש זעהר רייך אין כמות, זעהר ארעם אין איכות, און פארמאָגט ניט די וויכטיגסטע באדינגונג פאר קונסט, די מעגליכקייט פון פארשידענארטיגקייט.

מעהר פון היסטאָרישער ווערטה ווי פון ליטעראַטור זיינען די טאָג־ביכער פון יענער צייט. פון די גאָר ערשטע יאָהרען זיינען פארבליבען צוויי אזעלכע טאָג־ביכער פון וויליאם ברעדפאָרד און דזשאַן ווינטראָפּ.ביידע זיינען זיי געווען גאָווערנאָרס פון ניו־ענגלאַנד קאָלאָניעס, ביידע האָבען באַזעסען א היפשע בעאָבאַכטונגס־קראַפט, און ביידענס טאָג־ביכער (ווי אויך אַנדערע ווערק) שילדערען גאַנץ גענוי דאָס לעבען פון יענער צייט. איהר באַגעגענט דאָרטען גאַנץ קאָמישע פּאַסירונגען, ווי א דעבאַטע, וואָס האָט אָנגעהאַלטען אין פלימוטה גאַנצע זיבען טעג, צוליב א גע׳גנב׳עטען חזיר, און גאַנץ טראַגישע.

בכלל, שיינט דאָס לעבען פון יענער צייט צו האָבען געווען איינגעוויקעלט אין א מיסטיציזם, וואָס דערמאָנט אן אייניגע פּעריאָדען פון דער אידישער געשיכטע. אויף יעדען שריט און טריט דער־צעהלען אייך די שרייבער וועגען דער גרויזאמקייט פון דער השגחה פּרטית, פון גאָט׳ס נקמה און שטרענגקייט. צו דער פּעריאָדע געהערט אויך א זאמלונג פון לידער, געשריבען פון אן אמעריקאנער פרוי, מרס. אננא וו. ברעדסטריט, וועלכע איז פאר־עפענטליכט געוואָרען אין לאָנדאָן אין 1650, אונטער דעם טיטעל: „די צעהנטע מוזע, וועלכע איז אנטפּלעקט געוואָרען אין אמעריקע". מייסטע פון די לידער זיינען ניט אזוי פּאָעזי, ווי האלב־געלונגענע איבערזעצונגען פון ביבלישע און אַנדערע געשיכטען און גראַמען. עס זיינען דאָך אָבער אויך דאָ א פּאָר לידער, איבערהויפּט נאַטור־באשרייבונגען, וועלכע צייגען אז די פּאָעטין האָט געהאַט א געפיהל פאר שעהנקייט.

די ניו־ענגלענדער שרייבער פון דער ענדע פון 17טען יאָהר־הונדערט און פון אָנפאַנג 18טען, זיינען אָלע אָהן אויסנאַהמע געווען גלחים און האָבען כמעט אלע געשריבען אויף טעאָלאָגישע און מיס־

טישע טעמען. א ליטעראַטור־קריטיקער פון יענעם פעריאָד האָט געזאָגט מיט רעכט: „אין ניו־ענגלאַנד האָבען מענשען געקענט דרשנ'ען און טאָן, אבער ניט זינגען". פון די שרייבער פון דער צייט איז וויכטיג אָנצומערקען מייקעל וויגעלסוואָרטה, דזשאָנאַטאַן (יונתן) עדוואַרדס און קאָטטאָן מאַטהער.

מייקעל וויגעלסוואָרטה איז באוואוסט פאר א לאַנגע פּאָעמע, „דער יום הדין", אין וועלכער ער באשרייבט זעהר ערנסט און זעהר אויספיהרליך ווי אזוי מען וועט מוטשען אויף יענער וועלט אלע רשעים. פאר ניו־ענגלאַנד פון יענער צייט זיינען נאַטירליך רשעים געווען אלע, און אונזער אייגענער שבט מוסר איז א הונט געגען דער קרענקליכער און אכזריות'דיגער פאַנטאַזיע פון וויגעלסוואָרטה. אין זיין צייט איז דאָך די פּאָעמע געווען זעהר פּאָפּולער און מענשען האָבען עס געֿחזר'ט אויף אויסוועניג. אין סטיל איז עס געווען א טרוקענע אימיטאַציע פון דער אָנגעבלאָזענער ענגלישער פּאָעזי פון יענער צייט, אָהן נאַטירליכקייט און אָהן געשמאַק.

דזשאָנאַטאַן עדוואַרדס ווערט באַטראַכט פון די אַמעריקאַנער ליטעראַטור היסטאָריקער, אלס דער ערשטער אַמעריקאַנער פילאָזאָף און אָריגינעלער דענקער. ער שיינט צו האָבען אליין דערגרייכט צו געוויסע שליסע צו וועלכע עס איז שפּעטער, אין דעם 19טען יאָהר־הונדערט, געקומען די אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע. האַלב־מיסטיק, האַלב־דיכטער, האָט ער געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף זיין צייט דורך זיין בוך „פרייהייט פון וועלען" (1754). אָבער דער וויכטיגס־טער און אינטערעסאַנטסטער מענש פון יענער צייט איז געוויס געווען קאָטטאָן מאַטהער. א זוהן פון א טאַטען א שרייבער, אַן אייניקעל פון א זיידען א שרייבער, און א פאָטער פון א זוהן א שרייבער (אלע—גלחים) איז קאָטטאָן מאַטהער געווען דער קלימאַקס פון דער פאַמיליע. ניט נאָר האָט ער באַזעסען א גרויסע געלערנט־זאַמקייט (ער האָט אָנגעשריבען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי דריי הונדערט אכט און אכציג ביכער), נאָר ער האָט געמומען א גאַנץ טיכטיגען אנטייל אין געזעלשאַפטליכען לעבען און האָט זעהר גלענ־צענד אָפּגעשפּיגעלט דעם גייסט פון זיין צייט. אייניגע פון זיינע ביכער, למשל, גיבען זיך אָפּ ספּעציעל מיט דערווייזען ווי שעדליך די מכשפות זיינען, און ווי גרינדליך מען קען פון זיי פּטור ווערען.

צו יענער צייט האָט מען אין סיילעם גע'משפט מכשפות און זיי געברענט אויפ'ן שייטער־הויפען, און אָט דער געלערנטער פאַנאַטיקער איז עס געווען דער הייעסטער פּאַטריאַט פון דער פינסטערער מכשפים־אינקוויזיציע. אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער אַנטי־מכשפה טהעטיגקייט פון מאטהער איז געווים וויכטיג צו באַמערקען, אַז אפילו צו יענער צייט האָבען זיך געפונען מענשען, וואָס האָבען די גאַנצע מכשפה־אינקוויזיציע באַטראַכט אַלס אַ היפּאָקריטסטוואָ און פאַרברעכען. אַזוי איז צו יענער צייט אין באָסטאָן ערשינען אַ בוך פון איינעם ראָבערט קיילעף, אַ געוועהנליכען ביזנעסמאַן, אין וועלכען צווישען אַנדערעס ער ווייזט אויף זעהר פאָרזיכטיג אַז אויף די געריכטען קומען פאַר פּשוט'ע שווינדלערייען.

אַלס קאַטטאָן מאַטהער'ס וויכטיגסטע ווערק ווערען באַטראַכט זיין „עקלעזיאַסטישע געשיכטע פון ניו־ענגלאַנד" (1702) און די „וואונדער פון דער אונזיכטבאַרער וועלט" (1693). מיט איהם קענען מיר פאַרענדיגען דעם קאָלאָניאַלען פּעריאָד פון ניו־ענגלאַנד, כאָטש עס זיינען געווען נאָך פילע שרייבער פון קלענערער וויכטיגקייט, פון וועלכע איניגע זיינען גאַנץ אינטערעסאַנט אַלס כראָניקער פון יענער צייט.

אין פּענסילוויניא, וועלכע איז געווען דער דריטער צענטער פון קאָלאָניאַלען לעבען נאָך ווירדזשיניא און ניו־ענלאַנד, האָט די ליטעראַטור געפונען ניט קיין זעהר גינסטיגע היים, כאָטש גראָדע האָט פּענסילוויניא דאַן פאַרמאָגט איניגע וויסענשאַפטס־לייט, ווי דזשיימס לאָגאַן, וויליאַם סמיטה, און אַנדערע. פון די שרייבער דאַרפען באַמערקט ווערען דזשאָנאַטהאַן דיקענסאָן, און דער דיכטער טהאָמאַס גאָדפרעי. גאָדפרעי האָט איבערגעלאָזען נאָך זיך ניט נאָר אַ בוך פּאָעמען נאָר אויך די ערשטע דראַמאַטישע שטיק געשריבען פון אַן אַמעריקאַנער, וועלכע איז אויך אויפגעפיהרט געוואָרען אין 1767 אין פילאַדעלפיאַ. דער נאָמען פון דער טראַגעדיע, וועלכע איז געשריבען אין בלאַנקע פערזען, איז: „דער פּרינץ פון פּאַרטהיא".

דאָ קומען מיר צו בענדזשאַמין פרענקלין, 1706־1790, וועמעס ליטעראַרישע טהעטיגקייט געהערט צו דעם איבערגאַנג־פּעריאָד אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, און וועלכער איז פיליכט דער ערשטער צו באַזיצען ניט נאָר אַ היסטאָרישע, נאָר אויך אַ ריין ליטעראַרישע

באדייטונג. פרענקלין, וועמעס טעטיגקייט עס האָט זיך פאַרשפרייט פון די דרייסיגער יאָהרען פון זיין יאָהרהונדערט ביז 1790, האָט איבערגעלאָזען נאָך זיך א היבשע ליטעראַרישע ירושה, פון וועלכער די וויכטיגסטע ווערק זיינען זיין אויטאָביאָגראַפיע און א רייהע קלע־נערע אַלעגאָריען און פּאָליטישע סאַטירען. די לעצטע זיינען פול מיט שאַרפזין, וויץ און א היבשער אָריגינאַליטעט. די „אויטאָביאָגראַפיע" איז דאָס ערשטע אמעריקאנער בוך צו זיין געשריבען אין א קלאָה־רער, דורכזיכטיגער, איינפאכער שפראַך, אין אן אפענהערציגען פּרעכ־טיגען סטיל. עס איז אויף אזוי פיעל ליטעראריש אז דער לעזער האָט אָפט הנאה מעהר פון פרענקלין'ס אופן פון באשרייבען זיך, ווי פון די פאקטען זעלבסט. עס איז בכלל איינס פון די וועניגע ביכער, וואָס וועלען שטענדיג באזיצען א כשוף, א דאנק דער קאָמ־בינאַציע פון אינטערעסאַנטער פּערזענליכקייט מיט רייכען סטיל. עס האָט שוין לאנג געמעגט איבערזעצט ווערען אין אידיש, אי צוליב זיין ליטערארישער באדייטונג, אי צוליב דער פּערזענליכקייט וואָס ווערט דורך איהר אנטפּלעקט, די פּערזענליכקייט פון בענדזשאַמין פּרענקלין, דעם מערקווירדיגסטען אמעריקאנער פון 18טען יאָהר־הונדערט, ניט אויסנעהמענדיג אפילו דזשאָרדזש וואשינגטאָן.

מיט פרענקלינ'ען שליסט זיך דער קאָלאָניאַלער פּעריאָד פון דער אמעריקאנער ליטעראַטור, כאָטש קיין אייגענע זעלבסטשטענדיגע עק־זיסטענץ הויבט זי ניט אָן צו פיהרען ביז א פּאָר צעהנדליג יאָהר שפּעטער. אין צווישען האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט די ליטעראַטור פון דער רעוואָלוציע — פּאָליטישע פּאַמפּלעטען און פּאַטריאָטישע פּאָעזי. צו דער צייט זיינען אין אַלע קאָלאָניעס שוין געווען פילע און פאַרשידענארטיגע טאַלאַנטען, אָבער אזוי ווי דאָס גאנצע לעבען האָט זיך דאַן געדרעהט ארום דער פראגע פון אומאָפּהענגיגקייט און אמעריקע'ס זעלבסטשטענדיגקייט, זיינען אַלע ווערק פון יענער צייט אויך געווען פאַרנומען נאָר מיט די פראַגען. עס וועט דעריבער זיין גענוג, ווען אין צוזאמענהאנג מיט דער ליטעראַטור פון דעם פּעריאָד וועלען מיר דערמאָנען נאָר איינינע — די וויכטיגסטע און די כאַ־ראקטעריסטישסטע.

פרענסיס האָפּקינסאָן (1737-1791) איז געווען מערקווירדיג ניט נאָר דורך זיין פּילזייטיגקייט, ניט נאָר דורך דעם וואָס ער איז געווען

מאהלער, קאָמפּאָזיטאָר, שטאַטסמאַן, וויסענשאַפטסמאַן צוגלייך, און האָט זיך אויף יעדען געביט אויסגעצייכענט, נאָר אויך דורך זיין שאַרפער, בייסענדער סאַטירע און קלאָרען קוק אויף דער וועלט. ער האָט אויך געשריבען ניט קיין שלעכטע פּאָעזי, און איינינגע פון זיינע הומאָריסטישע לידער זיינען פארבליבען קלאַסיש אין דער אמעריקאַנער ליטעראַטור. ליטעראַריש דערמאָנט ער אביסעל אונזער איינענעם שאַצקעס'ן אין „ליטווישען ערב־פּסח" — מילדער הומאָר, קלאָרע שפּראַך, גרויסע באָאָבאַכטונגס־קראַפט. פּאָליטיש האָט ער זעהר פיל אויפגעטאָן, וואָס 'ער איז געוועזען דער ערשטער חוזק צו מאַכען פון ענגלאַנד'ם מיליטערישער מאַכט. די קאָלאָניסטען האָבען אלץ געדענקט אז זיי וועלען קיינמאָל ניט זיין בכח צו שטעלען זיך אנטקעגען דער ערפאַהר'ענער מיליטער פון ענגלאַנד, און האָפּקינסאָן איז געוועזען דער, וואָס האָט פון די ענגלישע סאָלדאַטען אזוי פיל אָפּגעלאַכט, ביז מען אויפגעהערט פאר זיי מורא צו האָבען.

פיליפּ פרענא, א ניו־יאָרקער דיכטער, איז געוועזען דער ערשטער זיך צו פּרואווען באַפרייען פון דער גייסטיגער טיראַנייע פון דער ענגלישער פּאָעזי, און איז אויך געוועזען דער ערשטער צו פאַרשטעהן אז די אינדיאַנער קענען אויסגענוצט ווערען אלס מאַטעריאַל פון קינסטלער. ער איז געוועזען אזא באַדייטענדער טאַלאַנט פאר יענער צייט, אז די ענגלישע דיכטער פון יענער זייט ים האָבען אָפּט גע־גנב'עט פון איהם. ער האָט אויך געשריבען א מאַסע פּאָליטישע פּאַמפּלעטען און אַנדערע זאַכען, אָבער ביז לעצטענס האָט קיינער אין אמעריקע פון איהם ניט געהאַלטען, צוליב דעם וואָס ער שיינט צו האָבען געוועזען פּערזענליך ניט זעהר ווירדיג. ער איז אויך געוועזען פון דער קליינער פּאַרביטערטער גרופּע קרענקס, וואָס האָבען געשאָ־טען פּעך און שוועבעל און שמוץ אויף דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, און האָבען זיך דורכדעם זעהר ניט באַליבט געמאַכט ביים פּאָלק.

דזשאָן טראַמבול איז געוועזען דער צווייטער דיכטער פון יענער צייט. זיינע באַוואוסטעסטע ווערק זיינען „קאָלאָמביאַד", אַן אָנגע־הייער לאַנגע פּאָעמע פון א סימבאָלישען כאַראַקטער, אין וועלכער ער זינגט שבחים אמעריקע (דער סטיל פון דעם ליעד איז א נאָכ־מאַכונג נאָך די ענגלישע מאָדעלס, אבער דאָך האָט ער באַזעסען א היבשע פעהיגקייט אלס פערזען־מאַכער), און א גרויסע פּאָעמע,

„מעקפינגאל", וועלכע האָט געהאט צו יענער צייט א גוואלדיגען ערפאָלג, און דורך וועלכער עס ווארפען זיך דורך בילדער פון דעם לעבען פון יענער צייט.

דער וויכטיגסטער שרייבער פון דער עפּאָכע איז דאָך געוועזען דער מערקווירדיגער טהאָמאס פּעין. דער ערשטער אמעריקאנער ראַדיקאל און פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער; א מאַן, וואָס איז שטענדיג געוועזען גרייט אָפּצוגעבען זיין לעבען פאר זיינע פּרינציפּען און וואָס האָט געקעמפט פאר פרייהייט אויף צוויי קאָנטינענטען; א שרייבער פון אייזערנער לאָגיק, פייערדיגער ליידענשאַפט, פּרעכטיגען סטיל, און ריזיגער מאכט, איז זיין ליטעראַרישע ירושה. געוויס די וויכטיגסטע פון דעם גאנצען רעוואָלוציאָנערען פּעריאָד.

זיין „פּשוטער שכל", וועלכעס איז ערשינען אין דעם יאָהר פון דער רעוואָלוציע (1776), איז זיך פּאַנאַנדערגעגאַנגען אין 129 טויזענד עקזעמפּלאַרען אין דריי מאָנאַטען. פון דאַן אָן האָט ער אין יעדען וויכטיגען מאָמענט פון קאמף געהאט עטוואָס צו זאָגען. דורך זיין סעריע פּאַמפּלעטען אונטער דעם נאָמען „קריזיס", מיט זיין ווערק „די צייט פון שכל", אין וועלכען ער ליקענט אָפּ יעדע רעליגיאָן, האָט ער ארויסגערופען גרויסע פּראָטעסטען, אָבער עס פארבלייבט דאָך אָלס איינער פון די שאַרפסטע פּראָדוקטען פון פרייען געדאנק. בכלל, זיינען זיינע ווערק כמעט אלע אזוי פריש יעצט, ווי זיי זיינען געוועזען אין זיין צייט — אזוי שארף און שטארק זיינען זיי.

צו דער צייט דארפען אויך צוגערעכט ווערען די פּאַטריאָטישע געזאַנגען פון וועלכע דער „שטערן־באַשפּרינקעלטע פאָהן" און „העיל קאָלאָמביא" זיינען פארבליבען נאַציאָנאַלע הימנען ביז היינטיגען טאָג. און אויך דארפען צו יענער צייט צוגערעכענט ווערען אלס ליטעראַטור די גרעסטע טייל פון די שטאאטס־פּאַפּירען פון יענער צייט. די סעריע ארטיקלען וועגען פּאָליטישע פראגען, וואָס זיינען ערשינען אין דעם „פעדעראַליסט", די פּאָליטישע קאָרעספּאָנדענץ פון יענער צייט און די „דעקלאַראַציע פון אונאָפּהענגיגקייט" זיינען ליטעראַריש אין בעסטען זין פון וואָרט, ווייל זיי אָטעמען אלע מיט א נייעם געדאנק, נייעם ווילען און נייער שעהנקייט. איבערהויפּט איז די דעקלאַראַציע ניט נאָר א נאָבעלער פּאָליטישער דאָקומענט, נאָר אויך א גלענצענדע ליטעראַרישע ווערק, לויט איהר געבוי און

סטיל. טהאָמאס דזשעפערסאָן, ווי אַלע אמת׳ע דעמאָקראַטען, איז געווען מעהר ווי א שטאַאטסמאַן און פּאָליטיקער, ער איז אויך געווים געווען א באַגאַבטער ארטיסט.

וואַשינגטאָן אירווינג, קופּער, ברייענט

עס איז גאַנץ ריזיקאַליש צו ריידען וועגען אַן אמעריקאַנער נאַציאָן אין דעם זין אין וועלכען דער וואָרט נאַציאָן ווערט אָנגע־ווענדעט אויף די אַלטע איינגעפונדעוועטע פעלקער פון דער וועלט. אמעריקע איז נאָך אַלץ אין דעם פּראָצעס פון ווערען באַשאַפען, און עס איז מעגליך אַז אויסער א ריין פּאָליטישער איינהייט איז נאָך אַזאַ זאַך ווי „אמעריקאַנער פאָלק" אין גאַנצען ניטאָ. אָבער וואָס פאַר א מיינונגס־פארשידענהייטען עס זאָלען וועגען דעם ניט זיין, איז דאָך זיכער, אַז די אמעריקאַנער נאַציאָן איז ניט געבאָרען געוואָרען אין דעם טאָג ווען די פאַראייניגטע שטאַאטען האָבען זיך ערקלערט פּאָליטיש אומאָפּהענגיג פון ענגלאַנד. פאַר צעהנדליגע יאָהרען נאָך דעם רעוואָלוציאָנערען קריג איז אמעריקע אַלץ געווען קולטורעל און עקאָנאָמיש אָפּהענגיג פון ענגלאַנד, און דער נאַציאָ־נאַלער באַוואוסטזיין פון דער באַפעלקערונג פון די שטאַאטען האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעשפּרייט ערשט נאָך דעם קריג פון 1812, אין דער נודנער, אונאינטערעסאַנטער צייט וואָס איז אונטערבראָכען געוואָרען ערשט מיט דעם ערוועהלען פון אנדריו דזשעקסאָן אַלס פּרעזידענט.

אין אָט דער צייט זיינען אין אמעריקע אויסגעוואַקסען דריי שרייבער, וואָס האָבען געלעגט דעם ערשטען פעסטען פונדאַמענט פאַר אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, יעדער איינער אויף זיין געביט. ווי עס פּאַסט פאַר מענשען פון דעם אָנפאַנג פון נײַנצעהנטען יאָהרהונ־דערט און פאַר שרייבער פון א זעהר יונגען פאָלק, זיינען זיי אַלע געווען ראָמאַנטיש־סענטימענטאַל און דורכגעדרונגען מיט יענער ענט־ציקונג פאַר אַלץ וואָס לעבט, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יוגענד. פאַרשידען אין ערציהונג, כאַראַקטער, אומגעבונג און

טאַלאַנט האָבן זיי דאָך אַלע באַוואוסטזיניג געטאָן די זעלבע זאַך, און דער גורל פון זייער פאָלק האָט פונקט אַזוי שטאַרק געפיהרט מיט זייער פעדער ווי זייער אייגענער טאַלאַנט.

די דריי זיינען געווען וואַשינגטאָן אירווינג (1783-1859), דער פאָטער פון דער קורצער ערצעהלונג, דזשיימס פענימאָר קופּער (1789-1851), דער ערשטער וויכטיגער אַמעריקאַנער נאָוועליסט, און וויליאַם קאַללען ברייענט (1794-1878), דער ערשטער באַדייטענדער אַמעריקאַנער דיכטער. קיין איינער פון זיי איז ניט געווען קיין זשעני, קיין איינער פון זיי האָט ניט באַשאַפען קיין ליטעראַרישע שול, קיין איינער פון זיי האָט ניט איבערגעלאָזען קיין אויסערגעוועהנליכע קינסטלערישע ירושה, אָבער זיי זיינען געווען די ערשטע צו צווינגען די אַלטע וועלט צו רעספּעקטירען דעם געשמאַק און די ערנסטקייט פון דער יונגער רעפּובליק און האָבן דורכדעם אָפּגעשוואַכט די קולטורעלע פאַרשקלאַפונג פון אַמעריקע צו אייראָפּע בכלל און ענגלאַנד בפרט.

וואַשינגטאָן אירווינג האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַן איינפאַכען, קלאָרען, אויסדרוקספולען, ראַפינירטען סטיל, און מיט פונקט אַזאַ איינפאַכען, קלאָרען און סימפּאַטישען הומאָר. וועגען זיין סטיל האָט פּאָו געזאָגט, אַז קיינער קען ניט נאָכמאַכען זיין גראַציע און איידעלקייט, און וו. ס. לאַנדאָר, דער גרעסטער סטיליסט פיליכט אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור, האָט איהם געגעבען קאָמפּלימענטען פאַר זיין „ריינעם ענגליש". די באַשרייבונג פון דער נאַטור, מענשען און מאַנירען איז ביי איהם שטענדיג בולט, און אין דערזעלבער צייט אַרטיסטיש גענוג ניט צו רייצען צופיל איינעמס געפילען. וועגען זיין הומאָר זאָגט איינער פון זיינע צייט-גענאָסען: „זיין לוסטיגקייט האָט זיך קיינמאָל ניט אַראָפּגעלאָזען צו זינלאָזען געלעכטער, אין זיין לעבעדיגער פרעהליכקייט האָט קיינמאָל ניט געפעלט קיין פייערליכקייט אָדער פּאַטהאָס", און טשאַרלס דיקענס האָט צו איהם געשריבען: „עס איז ניטאָ קיין איין לעבעדיגער שרייבער, און זעהר וועניג צווישען די טויטע, וועמעס הסכמה איך זאָל זיין אַזוי שטאָלץ צו האָבען". ער האָט זיינע עפעקטען דערגרייכט אויף אַ נאַטירליכען שטייגער, אַ צייכען פון גרויס טאַלאַנט.

זיינע פילע ווערק זיינען צוטיילט אין בעלעטריסטיק און ביאָ-

גראַפֿישע געשיכטע, אָדער געשיכטליכע ביאָגראַפֿיע. פֿון זיינע בעלעטריסטישע ווערק זיינען אם באַקאַנטעסטען זיין „ניקערבאָקער געשיכטע פֿון ניו־יאָרק" און דער „סקעטש־בוך". אין דעם ערשטען שילדערט ער אין א וויציגען און אָפט זעהר בייסענדען סטיל דאָס לעבען פֿון ניו־יאָרק אין דער צייט פֿון די האָלענדישע רעגירער. ער נעמט מענשען וואָס האָבען ווירקליך געלעבט און געשפּילט א ראָליע, וועבט איין ארום זיי די אַלטעגליכע אומגעבונג ווי זיין פֿאַנטאַזיע האָט עס געזעהן, און זיי באַקומען זיך זעהר קאָמישע פֿיגורען. פֿילע „אייניקלאַך" פֿון די ערשטע ניו־יאָרקער פֿאַמיליען האָבען זיך געפֿיהלט זעהר געטראָפֿען פֿון זיין סאַטירע און האָבען דורך זייער כעס איהם פֿיל געהאָלפֿען צו מאַכען דאָס בוך פּאָפּולער. דער „סקעטש־בוך" איז א זאַמלונג פֿון נאָטיצען, קורצע ערצעהלונגען, עטיודען און אזוי „זאַכען", אַלע געשריבען פֿון איינעם וואָס האָט א קלאָר אויג און א געפֿיהל פֿון מאָס. די באַקאַנטסטע פֿון אַלע, כאָטש פֿילייכט ניט די בעסטע פֿון זיינע ערצעהלונגען, איז די „געשיכטע פֿון „ריפּ־וואַן־ווינקל", דעם אמעריקאַנער שמענדריק פֿון פֿאַר־רעוואָלוציאָנערער צייט, וואָס האָט אָפּגעשלאָפֿען גאַנצע צוואַנציג יאָהר און האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ווען אנשטאַט דאָס בילד פֿון דעם ענגלישען קעניג איז דאָס בילד פֿון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן געהאַנגען איבער זיין שענק. אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז דאָ א אידישע איבערזעצונג פֿון „ריפּ־וואַן־ווינקל", און ווי פֿילע אַנדערע פֿון זיינע קלענערע ערצעהלונגען און ווי איינציגע קאַפּיטלען פֿון זיין „ניקער־באָקער געשיכטע", קען עס געלעזען ווערען מיט פֿאַרגעניגען אויך איצט.

כאָטש זיין רעפּוטאַציע האָט ער זיך געמאַכט מייסטענס דורך זיין בעלעטריסטיק, האָט ער דאָך דעם גרעסטען טייל צייט פֿון זיין לאַנגער ליטעראַרישער קאַריערע אָפּגעגעבען אויף געשיכטע אין א באַגרעניצטען זין פֿון וואָרט. די לעגענדעס פֿון דער אַלטער שפּאַניען, די ראָמאַנטישע אַוואַנטורען פֿון דעם מיטעלאַלטער, און דאָס לעבען פֿון גרויסע מענשען האָבען איהם, ווי אַן אמת'ן ראָמאַנטיקער, גע־צויגען צו זיך, און ער האָט געהאַלטען אין איין שילדערן העראָאישע געשעהענישען אָדער נאַטורען. „דאָס איינגעמען פֿון גראַנאַדאַ", „די לעגענדען פֿון דער אַלטער שפּאַניע", „דאָס לעבען פֿון מאַהאַמעד און

זיינע נאָכפאָלגער", „דאָס לעבען און די רייזען פון קאָלומבוס", „אָליווער גאָלדסמיטה", די ביאָגראַפיע פון דזשאָרדזש וואשינגטאָן — די נעמען אליין פון זיינע ארבייטען קענען געבען א באגריף פון זיינע סימפאַטיען. אָפּשטעלענדיג זיך אויף אזעלכע וויכטיגע פעריאָדען אין דער געשיכטע פון דער וועלט, האָט ער דאָך בעסער געליבט און פאַרשטאַנען די פאַרשטעהער פון די עפּאָכען איידער די עפּאָכען זעלבסט, און האָט זיך אינטערעסירט ווייניגער מיט זייער היסטאָרישען אמת ווי מיט זייער קינסטלערישען און פסיכאָלאָגישען אמת. פונקט אזוי ווי זיין „ניקערבאקער געשיכטע", זיין ערשטע באדייטענדע ווערק, איז האלב־געשיכטע און האלב־בעלעטריסטיק, אזוי איז „דאָס לעבען פון וואַשינגטאָן", זיין לעצטע גרויסע ווערק, נאָר איין האלב, ביאָגראַפיע און פאַקטען, און די צווייטע — קינסט־לערישע פאַנטאַזיע געוועבט אויפ׳ן הינטערגרונד פון דעם אמערי־קאַנער לעבען פון יענער צייט.

גאָר אנדערש פון איהם, אנדערש אין אלע הינזיכטען איז געווען דזשיימס פענימאָר קופּער. ווילד אין אויסזעהן, ווילד אין מאַניערען, ליידענשאַפטליך און ווילד אין זיין סטיל און טעמען, קריגעריש, אונאָפּהעננגיג, איז ער געווען פונקט דער היפּך פון דעם נאָבעלמאַן אווירווינג, כאָטש פיעל מעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין לאַנד און זיין צייט. בעת אווירווינג איז ערצויגען געוואָר׳ען אין א פרומער שטילער הויז און האָט זיך געהאָדעוועט צווישען סטאַטעטשנע מענשען מיט גוטע מאַנירען, האָט זיך קופּער געהאָדעוועט צווישען אוואַנטור־ריסטען, אינדיאַנער, יעגער, שכורים, בראָדיאַגעס און מאַטראָסען. זיין יוגענד האָט ער פאַרבראַכט אין א שטעדטעל פון „אַפּ־סטייט" ניו־יאָרק, וואָס איז דאַן געווען דער גרענעץ פון ציוויליזאַציע, און שפּעטער האָט ער פאַרבראַכט זעקס יאָהר אלס מאַטראָס. צו שריי־בערייַ איז ער געקומען צופעליג, ניט האָבענדיג קיין ברעקעל ליטעראַ־רישע ערציהונג. לעזענדיג אן ענגלישען ראָמאַן איינמאָל אויף זיין פאַרם אין וועסטשעסטער, איז איהם איינגעפאַלען אז ער וועט קענען אָנשרייבען א בעסערן און אינטערעסאַנטערען ראָמאַן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט און אָנגעשריבען אַ בלוטלאָזע שטיק שונד, וואָס האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג, אָבער וואָס האָט צוואוואַרימט זיין פאַרשלאָ־פענעם טאַלאַנט. אין 1821, אין דער עלטער פון איבער דרייסיג,

פאַרעפענטליכט ער זיין ערשטע וויכטיגע ערצעהלונג „דער שפּיאָן". דער העלד פון דער ערצעהלונג, האַרוועי בוירטש, ווערט אַ שפּיאָן אין דעם רעוואָלוציאָנערען קריג, פאַר אַמעריקע, געהט דורך אַ גאַנצע רייהע אַוואַנטורען, און ערוועקט אונזער סימפּאַטיע דורכאויס מיט זיין איינפאַכקייט, טרייהייט, געבאָרענער אינטעליגענץ און העלדיש־קייט. פון דעם „שפּיאָן" אָן דרוקט קופּער אונצעהליגע ערצעהלונגען וועלכע זיינען אָדער פאַרבונדען מיט'ן לעבען אויפ'ן ים אָדער מיט דעם לעבען פון די אינדיאַנער און די אַמעריקאַנער פּיאָנערען. „דער לעצטער פון די מאָהיקאַנער", איינע פון זיינע בעסטע אינדיאַ־נער ערצעהלונגען, איז איבערזעצט אין אַלע שפּראַכען פון דער וועלט און ווערט נאָך איצט געלעזען כמעט מיט דעם זעלבען חשק וואָס באַלד אַ יאָהרהונדערט צוריק.

אין דעם געבוי פון זיינע ערצעהלונגען איז דאָ אָפט מעהר טריקס ווי קונסט; זיין סטיל איז אָפט ווילד און ניט אויסגעהאַלטען; זיין כאַראַקטער־שילדערונג אָפט שוואַך און טונקעל. אָבער אַהינטער דעם אַלעמען ליגט אַ גרויסע קענטניס פון לעבען און פיעל ליידענ־שאַפט. ער איז געווען דער ערשטער שרייבער צו באַהאַנדלען די אינדיאַנער אַלס מענשען און איז דערפאַר געוואָרען אַ היפּש ביסעל אויסגעריסען פון קריטיקער. זיין פּאָפּולאַריטעט איז אַ געוויסע צייט געווען אונגעהויער אי דאָ אי אין אויסלאַנד, איז זי אָבער ביי ענדע פון זיין לעבען פיעל אָפּגעשוואַכט געוואָרען אַ דאַנק זיינע פּערזענליכע משוגעת'ן. ער האָט זיך געהאַלטען אין איין קריגען מיט אַלעמען, אין איין משפּט'ן זיך מיט די צייטונגען, אין איין שרייבען מיט גאַל. באַזיצענדיג אַ גוואַלדיגע ענערגיע און גוואַלדיגע פיזישע כחות, האָט ער זיי אָפט פאַרשווענדעט אויף עקשנות און נאַרישקייטען, און האָט זיך אָפט אָפּגערעכענט מיט זיינע פּערזענליכע און פּאָליטישע שונאים טאַקע אין זיינע ערצעהלונגען זעלבסט.

דאָך איז קופּער געווען אין אַ געוויסען זין מעהר אַמעריקאַניש ווי אירווינג, כאָטש זיין איינפלוס איז אפשר ניט געגאַנגען אַזוי ווייט. מיט אַלע ליטעראַרישע מענשען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך האָט ער זיך צוקריגט פאַר דעם כבוד פון אַמעריקע. ווען ער האָט געהערט אָדער געזעהן עמיצען זיך גרויסען אַנטקעגען זיין לאַנד, האָט ער גלייך אויפ'ן פּלאַץ געענטפערט. ער האָט זיך געמאַכט ניט

ווייניג שונאים אין אמעריקע נאָר פאר'ן אָפּלאַכען פון די היגע קריטיקער און שרייבער פאר זייער אונטערטעניגקייט צו דער ליטעראַרישער מיינונג פון דער אַלטער וועלט.

ער איז אויך געווען מעהר אמעריקאניש אין זיינע טעמען, אין וועלכע די הויפּט־ראָלע האָבען געשפּילט אדער אינדיאַנער אדער איינפאַכע אָבער שטארקע ישוב'ניקעס — די ערשטע קעמפער פאר דער ווייסער ציוויליזאציע זיינע „לעטערסטאָקינג געשיכטען", די זעקס ערצעהלונגען אין וועלכע עס ערשיינט דערזעלבער העלד מיט'ן נאָמען לעטערסטאָקינג, א מאַן וואָס קאָמבינירט העלדישקייט מיט פּראַקטישקייט, זיינען ניט נאָר ליטעראַטור, נאָר אין א געוויסען זין אויך אינטערעסאנטע געשיכטע. זיינע באשרייבונגען פון דער אַמעריקאַנער נאַטור זיינען זעהר אָפּט רייך אין אמת'ע פארבען און ארטיסטישער פארענדיגטקייט. קוקענדיג אויף איהם, האָט געזאָגט איינער פון די קריטיקער פון זיין צייט „האָט מען זיך געקענט פאָרשטעלען אז זיין לעבען פארגעהט אין קוקען אויף די ים'ען, די וועלדער און די טייכען, און אז ער וועט אזוי קוקען — קוקען אייביג".

אזא שטארקייט און אָריגינאַליטעט האָט געפעהלט וויליאם קאַלען ברייענט. אווירווינג, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין ניו־יאָרק, און האָט פארבראַכט זיינע יאָהרען אָדער ארום זיין געבורטשטאָט אָדער אין די גרויסע צענטרען פון דער אַלטער וועלט, האָט זיך ענטוויקעלט אין א הומאָריסט, א מאַן וואָס זעהט דאָס לעבען ניט פון איין איינציגער זייט, נאָר פון פילע זייטען; קופּער, דאָס קינד פון „גרענעץ־לעבען" און ים, איז געווען א ליבהאָבער און באשרייבער פון אוואַנטורען. וויליאם קאַללען ברייענט, געבאָרען אין מאסאטשוזעטס, דעם צענטער פון דעם רעליגיעזען, פּוריטאַנישען, קולטורעלען ניו־ענגלאַנד, איז געווען א שרייבער און א דיכטער. רעליגיאָן, פּאָעזי און פּאַטריאָטיזם זיינען פון לאַנג געווען א שטריך פון דעם ניו־ענגלענדער לעבען, און אָט די דריי ווערטער דריקען אוים כמעט פול די גייסטיגע אינטערעסען פון ניו־ענגלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון נייינצעהנטען יאָהרהונדערט, דער צייט פון וועלכער מיר ריידען.

בריינט'ס מעגליכקייטען זיינען געווען דארום באגרענעצט דורך זיין אומגעבונג. זיין רעליגיעזע אטמאספערע האט געטריבען זיין פאעזי אויפ'ן וועג פון מעהר אלגעמיינע איידער קאנקרעטע איבער־לעבונגען און האט איהר צוגעגעבען א פילאזאפישע שאטירונג, און די טראדיציע פון פוריטאנער גזירות האט איהם געמאכט נייגען צו א פאנטעאיזם וואס איז ניט שטענדיג לעבענסלוסטיג און לעבענספול. בריינט האט געשטאמט, פון זיין פאטער'ס און מוטער'ס צד, פון די ערשטע פיאנירען פון ניו־ענגלאנד, און די געשיכטע פון זיין משפחה הויבט זיך אן מיט'ן „מעיפלאוער".

מעהר ווי אלע אנדערע פראגען האט איהם אינטערעסירט די פראגע פון דעם מענשענס פלאץ אין דער וועלט און זיין ראלע אין לעבען. ווידער און ווידער אמאל זינגט ער פון דעם מענשענס קליינ־ליכקייט אין פארגלייך מיט דער נאטור, און ווי די נאטור־געזעצען קומען שטענדיג אין קאנפליקט מיט'ן מענשענס באוואוסטזיין. די בערג און טאלען, די וועלדער און טייכען „זיינען נאר די פייערליכע דעקאראציעס פון דעם מענשענס גרויסארטיגען קבר. די גאלדענע זון, די פלאנעטען, די גאנצע אונענדליכע משפחה פון די הימלען שיינען איבער דעם טרויעריגען געצעלט פון טויט, דורך דעם שטילען שוואונג פון דורות". אין אן אנדער פלאץ דערצעהלט ער אונז, אז מיר זיינען נאר דער שוים פון די כוואליעס אין דעם ים פון געשיכטע, און אז א מאכט אזוי שטארק ווי דער ים שפילט זיך מיט אונזער גורל. זעהר אפט מאכט ער אן אנשטעל פון אפטימיזם דורך א לעצטע סטראפע, וואס קלינגט כמעט שטענדיג מונטער, אבער איהר קענט זיך ניט באפרייען פון דעם איינדרוק אז זיין רעליגיע איז געבויט מעהר אויף מורא איידער אויף באטראכ־טונג. און נאר ווען ער הויבט זיך אריבער דעם יחיד'ס איבערלעבונ־גען, אטעמט בריינט מיט אמת'ער שטארקייט און אמת'ער ברייט־קייט. „אבער דו ביזט דא — דו פילסט אן די איינזאמקייט. דו ביזט אין די מילדע ווינטען וואס לויפען מוזיקאליש אדורך די קעפ פון די בוימער; דו ביזט אין דעם קיהלען אטעם" א. ז. וו. זיין שטארקסטע ליעד, דוכט מיר, איז „צו דעם וואסערפויגעל", א ליעד פול מיט שטימונג, שטילען גלויבען און טיפען ריטם.

בכלל, איז ער אלס דיכטער געווען טרוקען, איינזייטיג, אָהן לײדענשאפט. ער האָט אין זיינע לידער ניט געוויינט און ניט געלאַכט, ניט געליבט און ניט געהאסט, נאָר באַטראַכט און געטראַכט. דאָס לעבעדיגע לעבען ארום איהם האָט איהם וועניגער באגייסטערט ווי זיינע אייגענע געדאנקען וועגען דער מאכט און גרויסקייט פון גאָט און נאַטור, אָבער וואָס ער האָט יע געזאָגט האָט ער געזאָגט אין א קלאָרער מוזיקאַלישער שפּראַך, און מיט אַן ערנסטקייט וואָס האָט געמוזט באַצווינגען. אַלע זיינע בעסערע לידער האָט ער אָנגעשריבען אין זיינע גאָר יונגע יאָהרען, אין אין שפּעטערען לאַנגען לעבען האָט ער זיך שוין נאָר איבערגע׳חזר׳ט. פון זיינע פילע פּאַטריאָטישע לידער זיינען נאָר איינע אָדער צוויי העכער פון מיטעלמעסיגקייט, און זיינען מייסטענס ווי אַלע פּאַטריאָטישע לידער פול מיט מליצה און פוסטען קלאַנג, מעהר ווי מיט לײדענשאפט און אינערליכער מוזיק. אָבער אין זיין צייט, ווען עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען דער קאַמף געגען שקלאַפעריי, זיינען זיינע לידער פון פרייהייט געווען א געוועהר אין קאַמף.

ברייענט׳ס וויכטיגקייט אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאַנער ליטעראַטור שעפּט זיך דאָך ניט אויס מיט זיין פּאָעזי. ערשטענס איז ער געווען אויך דער ערשטער צו מאַכען ווירקליך ליטעראַרישע און קונסטפולע איבערזעצונגען פון האָמער׳ן, און זיין ענגלישע „איליאַדע״ איז א קלאַסיק אין דער איבערזעצונגס־וועלט. צווייטענס האָט ער געהאַט זעהר א גרויסען איינפלוס אלס זשורנאַליסט. פאַר איבער פופציג יאָהר איז ער געווען פאַרבונדען אלס שרייבער און רעדאַקטאָר פון צייטונגען. זיינע עדיטאָריעלס געשריבען אין א שעהנער פליסיגער שפּראַך, און אין אַן ערנסטען געמיט, קענען דינען אַלס א גוטער קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגן די פאַרשידענע שטרעבונגען אין דעם לעבען פון אמעריקע פאַר די פופציג יאָהר וואָס האָבען זיך אָנגעפאַנגען מיט דזשעקסאָנ׳ען און געענדיגט מיט דער רעאַקציע פון די אכציגער.

צוקונפט, ניו יאָרק, יאַנ. און מערץ 1916

דעמאָקראַטיע, אידען און פאַשיזם

(רעדע געהאַלטען פון ב. וולאַדעק, פאָרזיצער פון אידישען ארבייטער קאָמיטעט, אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַן פעדריישאָן אָף לייבאָר, אין סאַן פראַנציסקאָ, קאַל., דעם 10טען אָקטאָבער, 1934).

די ארבייטער באַוועגונג ליידעט פון צופיל פריינט. איינער איז אַ פריינט פון דער ארבייטער באַוועגונג, ווייל זי איז ראַדיקאַל; אַן אַנדערער, ווייל זי איז קאָנסערוואַטיוו. איך בין אַ פריינט פון דער ארבייטער באַוועגונג, ווייל ארבייט איז דער פונדאַמענט פון ציווי־ליזאַציע און איז דער באַשעפער פון אַלע ווערטהען.

די אַמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג, ספּעציעל אין דער איצטיגער צייט, פאַרנעמט אַן אויסערגעוועהנליך־וויכטיגע פּאָזיציע, ערשטענס, דערפאַר וואָס אַמעריקע פאַרנעמט אַלץ אַ מעהר וויכ־טיגען פּלאַץ אין וועלט־אַנגעלעגענהייטען, און צווייטענס, צוליב דעם, וואָס די אַמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג איז צוזאַמענגע־שטעלט גאַנץ אַנדערש ווי אין אירגענד וועלכען אַנדער לאַנד.

מיר זיינען זיכער אַלע אַמעריקאַנער, אָבער גרויסע מאַסען פון דער אַמעריקאַנער ארבייטערשאַפט האָבען אַ גאַנץ באַשטימטען הינ־טערגרונט פון דער אַלטער וועלט. מיליאָנען אַמעריקאַנער ארביי־טער שטעלען מיט זיך פאָר מענשען פון פארשיידענע ראַסען, פאַר־שיידענע רעליגיעס און פארשיידענע טראַדיציעס. זיי קומען פון די זעלבע מינען און פאַבריקען, פון די זעלבע שעפּער און וואַרשטאַטען, פון די זעלבע סטאָרס און אָפּיסעס, אָבער אין זייערע געזיכטס־ציגען זיינען פאַרטראָטען אַלע לענדער פון דער וועלט און אין זייערע אויגען שפּיגלען זיך אָפּ אַלע צרות פון דער וועלט.

זיי אַלע האָבען בייגעטראָגען פיל צו דער גלאָררייכער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג. אָנפאַנגענדיג מיט די טעג פון די מאָלי מעגווייערס ביז דעם לעצטען דרעסמאַכער סטרייק אין שטאַט ניו יאָרק און די לעצטע טעקסטיל סטרייקס אין דער נאָרט און אין דער סאוט, האָבען די דאָזיגע ארבייטער געליטען, געאָפּפערט און געקעמפט כדי די ארבייטער באַוועגונג זאָל ערא־בערען איר פאַרדינטען פּלאַץ אונטער דער זון. איינער מעג נישט

גלייכען „איריש סטיו“, אָדער מאַקאַראָני, אָדער געפילטע פיש, אָבער קיינער קען נישט לייקענען, אז די אירישע ארבייטער האָבען גע־לייגט דעם פונדאַמענט פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג און האָבען אָנגעפיהרט פילע קאַמפען פאַר איהרע פּרינציפּען ; אַז די אידישע נאָדעל־טרעידס פאַרנעמען דעם ערשטע פּלאַץ אין אויס־קעמפען קורצע אַרבייט־שטונדען און דאָס רעכט פון קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען, און אַז דער גרעסטער איינציגער לאָקאַל פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, דער דרעסמאַכער לאָקאַל פון ניו יאָרק, איז צוזאַמענגעשטעלט אויסשליסליך פון איטאַליענישע אַרבייטער. אין דער אַמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג קען ניט זיין קיין פראַגע וועגען דעם אויב איין ראַסע איז וויכטיגער פון אַן אַנדערער אָדער וועגען דער אויבערהערשאַפט פון וועלכער ס'איז ראַסע. וואָס עס זאָלען ניט זיין אונזערע אויסערליכע פאַרשיידענ־הייטען, זיינען מיר אַלע צוזאַמענגעקניפּט מיט דעם זעלבען בונד פון אַרבייט און קאַמף. בלויז די אָפּשאַצונג פון פרייהייט איז אפשר אַביסעל טיפער איינגעוואָרצעלט אין אונז. ביי די געבוירענע אַמע־ריקאַנער איז פרייהייט אַזאַ געוועהנליכע און אַזאַ נאַטירליכע זאַך, אַז זיי פיהלען עס נישט. אָבער ביי אונז, וועלכע זיינען געבוירען געוואָרען אין אויסלאַנד, איז פרייהייט שטענדיג אַן ערשיינונג וואָס באַגייסטערט. קיין אינטעליגענט, קיין נביא פון דיקטאַטור קען מיר נישט זאָגען, אַז דעמאָקראַטיע איז אַ בלאָף, ווייל איך, פּונקט ווי מיליאָנען אַנדערע נאַטוראַליזירטע אַמעריקאַנער, בין געבוירען און ערצויגען געוואָרען אונטער אַ טיראַניי, און איך האָב פאַרזוכט איהר ביטערען טעם. זעהר ווייניג האָבען גענאָסען פון דער געלעגענהייט צו קריגען אַ געהעריגע בילדונג, פרייהייט פון באַוועגונג איז געווען באַשרענקט, מעגליכקייטען זיינען פאַרניכטעט געוואָרען, לעבענס זייר־נען פאַרדאַרט געוואָרען. פילע פון אונז זיינען געגאַנגען אין פּריזאָן אין אַן עלטער ווען קינדער געהען אין היי־סקול. מיר זיינען פאַר־שיקט געוואָרען אין פּריזאָן נישט דערפאַר, וואָס מיר האָבען גע־פּרעדיגט גוואַלדטאַטען, אָדער ווייל מיר האָבען ערמוטיגט אַנאַרכיע, נאָר דערפאַר וואָס מיר האָבען געוואַגט צו דענקען און צו בילדען זיך. הערט זיך נאָר צו צו דער שרעקליכער טויטער שטילקייט, וועלכע פאַלט איצט אויף דעם גרעסטען טייל פון דער וועלט, אַזוי

ווי א בייזער שאָטען פון טויט. איטאַליע, דייטשלאַנד, עסטרייך, רוסלאַנד — פאַר צעהנדליגער יאָהרען האָבען זייערע בעסטע קינדער געקעמפפט פאַר דאָס רעכט צו קענען אויסדריקען זיך פריי און דענ־קען פריי און צו אָרגאַניזירען זיך און צו פאַרזאַמלען זיך אָהן שטערונגען. היינט צו טאָג האָט כמעט א העלפט פון דער וועלט פאַרלאָרען איהר שטימע. דאָס, וואָס איהר הערט, זיינען ניט די פרעהליכע קלאַנגען פון מענשען, וועלכע ערוואַכען צו דעם גליק פון לעבען, נאָר דער שאַרפער און שרעקליכער אָפּקלאַנג פון דער בייטש, וועלכע שניידט דורך די לופט מיט א שרעקליכער קראַפט און פאַלט אויף די רוקענס פון בלוטענדע פעלקער.

אין די פייניגונגס־קאַמערען פון פאַשיזם און טיראַניי פאַרנעמט דער איד אַן אָנגעזעהענעם און פיינליכען פּלאַץ. אלס ארבייטער זיינען מיר פאַרפאָלגט פאַר זיין מיליטאַנטיש; אלס סוחרים, פאַר זיין געלד־גייציג. ווען מיר גיבען ארויס זשעניען ווערען מיר באַ־שולדיגט, אַז מיר צושטערען די וועלט. ווען צווישען אונז געפינען זיך פאַרברעכער, באַשולדיגט מען אונז, אַז מיר קאָרופּטירען די וועלט. ווען מיר גיבען אַוועק אונזערע לעבענס פאַר פרייהייט, זיי־נען מיר פאַרדאַמטע אינטערנאַציאָנאַליסטען, און ווען מיר פאָלגען און גיבען נאָך זיינען מיר פייגלינגע.

איינע פון די וויכטיגסטע אורזאַכען וואָרום אַלע טיראַנען האַ־סען אונז, איז אונזער לאַנגע ערפאַהרונג אין ווידערשטאַנד צו אומגערעכטיגקייט און אכזריות. נאָך מיט איבער פיר טויזענט יאָהר צוריק האָט דער איד משה, אַליין אַן אינטעליגענט, אָנגעפיהרט דעם ערשטען גרויסען סטרייק פון די בריקלייערס אויף די פּיראַמידען אין מצרים, און זינט דאַן זיינען אַלע פרעה׳ס אונזערע שונאים. און ווייל א הילפלאָזע מינאָריטעט איז שטענדיג דער קרבן פון דער אונטערדריקונגס־בעסטיע, זיינען מיר שטענדיג געווען דער שעיר לעזאזל פאַר אַלעמענס דורכפאַל און פאַר אַלעמענס ניט־ערפילטע פאַרשפּרעכונגען. ווי לייכט עס איז צו וואַרפען די שולד פאַר אַלע פאַרברעכענס און דורכפאַלען, פאַר אַלעס, וואָס עס איז געטאָן גע־וואָרען און ניט געטאָן געוואָרען, אויף א קליינער מינאָריטעט, וועל־כע איז פאַר הונדערטע יאָהרען געווען די ציל־ברעט פון אונטער־דריקונג.

און ווי עס איז געווענליך דער פאל, איז דער ארבייטער דער יעניגער, וועלכער ליידעט אם שטארקסטען. עס איז שווער גענוג צו זיין א איד, אבער עס איז צוויי מאל אזוי שווער צו זיין א איד און אן ארבייטער. צי דאס איז אין דייטשלאנד, אדער אין פוילען, אין עסטרייך אדער אין רומעניע, אדער אין לאטוויע; צי דאס איז אין א לאנד, וואס איז פאשיסטיש אדער האלב-פאשיסטיש, איז דער אידישער ארבייטער, דער אידישער בעל-מלאכה, דער אידישער קליין הענדלער, דער ערשטער צו ליידען. זעהר אפט קען מען הערען פון אנטיסעמיטען, אז אידען האבען נישט ליב צו ארבייטען, און דאך געפינען מיר אין מזרח און צענטראל איירא̈פע איבער א האלבען מיליאן אידישע ארבייטער, וועלכע זיינען גרייט נישט נאר צו ארבייטען, נאר צו שקלאפען, אבי זיי זאלען זיך קענען דערהאלטען ביים לעבען. דא אין אמעריקע, וואו די אידען זיינען עטוואס מעהר ווי דריי פראצענט פון דער באפעלקערונג, שטעלען זיי צוזאמען כמעט צעהן פראצענט פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט.

אבער דא קען מען שטעלען א פראגע: וואס האט דאס אלעס צו טאן מיט די אמעריקאנער ארבייטער? ווארום זאלען זיי זיך זאר־גען וועגען די צרות און שוועריגקייטען פון דער אלטער וועלט?

דער ענטפער איז: עס מאכט ניט אויס צי דער אמעריקאנער ארבייטער איז אן איירישמאן, אדער אן איטאליענער, א דייטש, א סקאנדינאוויער, אדער א איד — ער האט זיינע אינטערעסען אין דער אלטער וועלט און ער טראכט וועגען דעם, וואס עס קומט פאר אין זיין געבורטס-לאנד. און אויב זיין נאטירליכער אינטערעס ווערט ניט געפיהרט און דיקטירט אויפ'ן ריכטיגען וועג, קען עס זיין שעדליך נישט נאר פאר'ן איינצעלנעם נאר אויך פאר'ן לאנד. אויב מיר ווילען זאגען די ארבייטער, אז זיי זאלען נישט שענקען קיין אויפמערקזאמקייט צו דעם, וואס עס קומט פאר אין איירא̈פע, וועלען אומפאראנטווארטליכע פיהרער זיי ארגאניזירען פאר'ן פאשיזם, פאר'ן היטלעריזם, פאר'ן שאוויניזם. מיר דארפען זאגען צו די ארבייטער, אז ניט דייטשלאנד איז איבער אלעס, ניט איטאליע איז איבער אלעס, ניט פוילען איז איבער אלעס, נאר דעמאקראטיע און ארביי־טער מאכט זיינען איבער אלעס.

נו, מען קען אויך פרעגען, ווארום האלטען זיך די אידען ביי

זייער אידישקייט? ווארום פארגעסען זיי נישט, אז זיי זיינען אידען? דאָס איז אַ גערעכטע פראַגע. מען דאַרף נישט מיינען, און עס איז גאָרנישט אַזאַ לייכטע לאַסט צו וויסען, אז אַלע ווינטען פון דער געשיכטע האָבען געשאַפען די שטריכען פון דיין פנים, אַז די אייביגקייט האָט אויסגעקריצט דיינע געדאַנקען, אַז די אומגערעכטיגקייטען פון אַ טויזענט טיראַנייען האָבען איינגעזייערט אין דער נשמה. דער אמת איז, אַז די העברעע אידישע קלאַסען און דער מיטעל-קלאַס אין פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט האָבען פרובירט צו אַסימילירען זיך אויפגעבענדיג זייערע טראַדיציעס, זייער קולטור און זייער רעליגיע. דער אידישער אַרבייטער באַטראַכט אָבער פאַר אַ פייגלינג דעם, וואָס באַהאַלט אָדער וואָס לייקענט זיין אָפּשטאַמונג, אָדער זיין רעליגיע, אָדער וואָס גיט אויף זיינע פּרינציפּען צוליב אַ באַקוועמליכקייט, אָדער צוליב פּראָפיט. עס איז געווען אַ צייט, ווען מיר האָבען געדענקט, אַז אַלעס וואָס אַ פרעמד-געבאָרענער בירגער דאַרף האָבען אום צו ווערען אַ הונדערט פּראָצענטיגער אַמעריקאַנער, איז צו אויסלערנען זיך די גאַסען-שפּראַך און צו אָננעמען אַ פּאַרטיג-צוגעשניטענעם אויסזעהן. מיר פלעגען דאָס רופען מיט'ן נאָמען „שמעלץ-טאָפּ". אָבער צו מיין באַדויערען מוז איך זאָגען, אַז דער דאָזיגער „שמעלץ-טאָפּ" האָט פּראָדוצירט מעהר אַש און בלאָטע ווי ווערטפולען מעטאַל. אָט דער אויבערפלעכליכער אַמעריקאַניזם האָט געשיקט פילע פון אונזערע קינדער אין פריזאָנס און אויסבעסערונגס-אַנשטאַלטען. אונזער מאָדערנער באַגריף וועגען אַ גוטען אַמעריקאַנעם איז וועגען איינעם, וואָס קען געברויכען זיין אינטעליגענץ און זיין פּאַטריאָטיזם צו מאַכען דאָס לאַנד פאַר אַ בעסערען און גליקליכערען פּלאַץ פאַר אַלעמען, און עס מאַכט נישט אויס צי דער דאָזיגער מענש קען גוט די שפּראַך אָדער נישט, אָדער אויב ער קומט נאָך אויסערליך אַלע פאָדערונגען פון דער מאָדע. אין קאַמף זייט איהר נישט פאַראינטערעסירט אַזוי פיל אין אויסערליכע זאַכען, נאָר אין אמת'ע ווערטען. איך וויל אייך זאָגען, אַז ניט רעכענענדיג זיך מיט דער שפּראַך וואָס מיר רעדען און מיט דעם אויסזעהן וואָס מיר האָבען, זיינען די פרעמד-געבאָרענע אַרבייטער דאָ אין לאַנד צווישען די אינטעליגענטסטע, די קאָנסטרוקטיווסטע און מיליטאַנטישסטע עלעמענטען אין דער אַמע-

ריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג. מיר האָבען זיך ניט וואָס צו פאַר־ענטפערען פאַר אונזער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, פאַר אונזער אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג יוניאָן, פאַר אונזער'ע פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, פאַר אונזער מילינערי וואָיר־קערס יוניאָן און פאַר אונזער „פאָרווערטס".

און איצט דער וויכטיגער פונקט. מיט דעם אָנקומען פון ד'ער אינדוסטריעלער פעריאָדע זיינען די אידען געוואָרען אַ ריכטיגער באַראָמעטער פאַר דער אַרבייטער באַוועגונג. ווען נאָר און וואו נאָר אַ רעגירונג פאַנגט אָן פאַרפאָלגען אידען, פאַנגט זי באַלד אָן אומ־פאַרמיידליכערווייזע אויך צו פאַרפאָלגען די אַרבייטער. עס מאַכט ניט אוים וואָס פאַר אַ לאַנד אָדער אין וואָס פאַר אַ געגענט עס זאָל ניט זיין, די מאָס פון פרייהייט וואָס עס האָבען די אידען איז אָן אָפּשפּיגלונג פון דער מאָס פרייהייט וואָס עס האָבען די אַרבייטער. צוליב דעם דאַרף די אָרגאַניזירטע אַרבייטער באַוועגונג איבער דער גאַנצער וועלט, אַ חוץ די סענטימענטאַלע אורזאַכען געגען אַנטיסע־מיטיזם, באַקעמפען יעדען פאַרזוך פון אַ רעגירונג צו אונטערדריקען די אידען און צו באַגרעניצען זייער פרייהייט, ווייל אַזאַ פּאָליטיק געגען די אידען איז אָן אָנזאָג פאַר אַ שוואַרצער כמאַרע געגען דער אַרבייטער באַוועגונג. דערפאַר האָבען די אָרגאַניזירטע אַר־בייטער פון פראַנקרייך געקעמפט געגען דער פאַרפאָלגונג פון דרייפוס און מיט דעם דערקלערט זיך אויך ווארום די פראַנצויזישע אַרבייטער באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען אָרגאַניזירען מיט אַזאַ אימפעט נאָכדעם ווי די דרייפוס קעים איז צופאַלען. מיט דעם דערקלערט זיך אויך ווארום אין אַלע לענדער שטעהען די באַוואוסטזיניגע און אינטעליגענטע אידען אויף דער זייט פון די אַרבייטער און ווארום די אַרבייטער באַוועגונג איז אומעטום ד'ער שטאַרקסטער פאַרטיידיגער פון אידען־רעכט און פון מענשליכע רעכט אין אַלגעמיין.

יעדער אידישער אַרבייטער האָט אַ צווייפאַכען אינטערעס אין דעם קאַמף געגען פאַשיזם. די אידישע אַרבייטער, סיי דאָ אין לאַנד און סיי איבער דער גאַנצער וועלט, וועלען ניט אויפגעבען דעם קאַמף און וועלען איהם ניט אָפּשוואַכען, ביז דער לעצטער שפור פון טי־ראַני וועט אָפּגעווישט זיין פון דער ערד, און ביז די אַרבייטער

וועלן ניט געווינען זייערע יוניאָנס, זייערע קאָאָפּעראַטיוון, זייער פּרעסע, זייער פרייהייט און זייער אינדוסטריעלע, קולטורעלע און פּאָליטישע מאַכט. איינינגע אידען קענען אפשר מאַכען שלום מיט היטלער'ן; איינינגע קענען מאַכען אַ וואַפען־שטילשטאַנד פאַר אַ קאָנצעסיע דאָ אָדער דאָרטען, אָבער די אידישע אַרבייטער וועלען ניט מאַכען קיינע קאָמפּראָמיסען אַזוי לאַנג ווי ניט נאָר די אידען, נאָר אויך די אַרבייטער און דאָס גאַנצע פאָלק וועלען ניט צוריקקריגען זייערע אומבאַשטרייטבאַרע רעכט.

די גרעסטע צופרידענהייט פאַר אונז אין דער איצטיגער לאַגע אין דייטשלאַנד און אין די אַנדערע פאַשיסטישע לענדער, איז דער פאַקט, אַז פון אַלע קלאַסען זיינען די אַרבייטער געווען די לעצטע צו אונטערגעבען זיך און די ערשטע צו רעוואָלטירען געגען דער טיראַניי. ווען איך באַטראַכט די צייטונגען און פּאַמפלעטען וואָס די דייטשע און עסטרייכישע טרעיד יוניאָנס פאַרשפּרייטען אין געהיים, ריזיקירענדיג מיט שווערע שטראָפען און טורמע, מיט קאָנצענטראַציע־לאַגערען און אפילו מיט זייערע לעבענס; ווען איך לייען וועגען אַזעלכע העלדישע מענער ווי וואַליש און ווייזעל, און ווען איך הער וועגען דער ריזיקע וואָס אַרבייטער פיהרער נעמען אויף זיך אין אַלע פאַשיסטישע לענדער צו רעאָרגאַניזירען די אַרבייטער פאַר נייע קאַמפען און צו איבערבויען די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס אַז זיי זאָלען צוריק קריגען זייער פאַרלאָרענע מאַכט, ציטער איך אויף פון פרייד. „מיין אידעאַל איז העכער פון מיין קאָפּ", האָט געזאָגט אַ יונגער עסטרייכישער אַרבייטער, ווען ער איז געפיהרט געוואָרען צו דער תליה פאַר זיין ווידערשטאַנד צו דער פאַשיסטישער טיראַניי. קענען מיר זיך אַנטזאַגען צו אַנערקענען אָט דעם בראַווען און נאָבעלען טשאַלענדזש?

ווען דער יונגער איטאַליענישער אַרבייטער־דעפּוטאַט מאַטעאָטי איז ערמאָרדעט געוואָרען פון מוסאַליני'ס אַגענטען, האָט דער פרייער פאַרלאַמענט נאָך אָנגעהאַלטען זיינע זיצונגען. אויף מאָרגען נאָכ'ן מאָרד, האָט דער קלוירק, דורך אַ טעות אויסגערופען מאַטעאָטי'ס נאָמען. די פופציג אַרבייטער דעפּוטאַטען, וועלכע זיינען פאַרבליבען, זיינען גלייך אויפגעשפּרונגען און האָבען אַלע מיט איין קול געענטפערט „ער איז דאָ". היינט ענטפערט אויך די גאַנצע אַרביי־

טער באוועגונג פון דער וועלט „ער איז דאָ", צו דעם נאָמען פון מאַטעאָטי, און דורך דעם מאַטעאָטי פאָנד ווערען געהיילט די וואונדען און עס ווערט פאַרשטאַרקט דער ווידערשטאַנד פון אַלע ארבייטער קעמפער געגען פאַשיזם.

דעם דריטען מארטש, 1933, האָט גערינג, היטלער'ס רעכטע האַנט, געזאָגט אין א רעדע אין פראנקפורט: „מיין סטראַטעגיקע ליידעט ניט צוליב פראַגען פון גערעכטיגקייט אָדער צוליב ביוראָקראַטישע שטערונגען. איך דאַרף זיך ניט רעכענען מיט גערעכטיגקייט, — מיין אויפגאַבע איז אויסצוראָטען און פאַרניכטען". פון אַלע פאַרשפּרעכענס, וואָס היטלער האָט געמאַכט, איז דאָס דער איינציגער וואָס די נאַצי־רעגירונג האָט דורכגעפירט. אַלעס איז פאַרניכטעט און אויסגעראָטעט געוואָרען. די טרעיד יוניאָנס זיינען טויט, די מעכטיגע קאָאָפּעראַטיווע באוועגונג איז פאַרניכטעט, די פרעסע עקזיסטירט מעהר ניט, טויזענט און איין־און־דרייסיג ציי־טונגען זיינען פארמאַכט געוואָרען אין די לעצטע צוואַנציג מאָנאַטען. דער גייסט פון פרייהייט, פון פאָרשונג, פון וויסען און פון פאָרטשריט איז פאַרניכטעט. ניט די ארבייטער פון דייטשלאַנד און ניט די ארבייטער פון דער גאַנצער וועלט קענען פארבלייבען גלייכגילטיג צו אָט דער געפאַהר, וועלכע דראָעט זייער סאַמע עקזיסטענץ. די אמעריקען פעדערייישאָן אָף לעיבאָר וועט ניט נאָר פאָרטזעצען איהר שטעלונג צום פאַשיזם און היטלעריזם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויף דער קאָנווענשאָן לעצטען יאָהר, נאָר זי וועט נאָך פאַרשטאַרקען און אויסברייטען אָט די פּאָליסי מיט א גרעסערער שטיצע, סיי מאָראַליש און סיי פינאַנציעל.

דער עמבלעם פון דער אמעריקען פעדערייישאָן אוו לעיבאָר שטעלט מיט זיך פאָר צוויי מענשליכע הענט צוזאַמענגעדריקט און אויסגעשטרעקט ארום דער וועלט מיט דעם אויפשריפט „לאַבאָר אָמניאַ ווינציט" (ארבייט איז אומבאַזיגבאר). מיט יעדען אָטעם פון מיין נשמה גלויב איך, אז די ארבייטער באוועגונג מוז און וועט זיגען. אָבער זיגען וואַקסען ניט אויף בוימער, און אום צו דערגרייכען א זיג מוז מען אָנווענדען אַלע אונזערע קרעפטען, סיי מאָראַלישע און סיי פיזישע.

ביבליאָגראַפיע

צוזאמענגעשטעלט
פון
יעפים ישורין

אַרטיקלען, לידער, דראַמאַ, ליטעראַרישע נאָטיצען און עסייען געשריבען פון ב. וולאַדעק.

צוזאמענשטעלענדיג די ביבליאָגראַפיע וועגען ב. וולאדעק, האָב איך פּרובירט אריינעמען אלעס וואָס ער האָט געשריבען אין איירופּא און אמעריקע. דאָס נעמט אריין טעגליכע און וועכענטליכע צייטונג, מאָנאטליכע זשורנאלען און זאמלביכער. דער ביבליאָגראפישער מאַטעריאל איז ניט פאָלשטענדיג אויסגעשעפּט געווארען, צוליב דעם, וואָס עס איז געווען אונמעגליך צו באקומען איינינע צייטונגען און זשורנאלען.

איידער וולאדעק האָט אָנגעהויבען שרייבען אין דער אידישער פּרעסע, האָט ער געשריבען אויף רוסיש אין דעם „מינסקי ליסטאָק". מיר איז אָבער ניט געלונגען צו קריגען די גענויע דאטומס, ווען און וויפיל מאָל ער האָט דאָרטען געשריבען.

„פאָלקס־צייטונג", ווילנע

1906

נומ. 20, מערץ 14 — דער בעל־הבית און די רעוואלוציאָנערע יוגענד.

נומ. 50, אפּריל 26 — בריף פון האַמעל.

נומ. 57, מאַי 4 — א בריף פון האַמעל.

נומ. 158, סעפּט. 12 — אין ווארשע.

נומ. 129, אוגוסט 6 — א בריף פון פוילען.

נומ. 204, נאָוו. 12 — בריף פון פוילען.

נומ. 213, נאָוו. 22 — „צוריק"...

נומ. 224, דעצ. 5 — צום ציונים־טישען צוזאמענפאהר.

1907

נומ. 259, יאנואר 15 — איינינע געדאנקען איבער'ן טעריטאָריאַליזם און די טעריטאָריאליסטישע פּראקטיק.

נומ. 262, יאנואר 18 — פונ'ם טאָגבוך פון א וואהל־אַגיטאַטאָר.

נומ. 266, יאנואר 23 — פונ'ם טאָגבוך פון א וואהל־אַגיטאַטאָר.

נומ. 268, יאנואר 25 — פונ'ם טאָגבוך פון א וואהל־אַגיטאַטאָר.

נומ. 269, יאנואר 26 — פונ'ם טאָגבוך פון א וואהל־אַגיטאַטאָר.

נומ. 269, יאנואר 26 — די ס. ס. אינ'ם וואהל־קאַמף.

נומ. 280, פעב. 8 — די ס. ס. אין וואַהלען.

נומ. 291, פעב. 22 — די פּועלי־ציון בארוכאָווצעס.

„די האָפנונג", ווילנע

1907

נומ. 7, סעפּט. 13 — נאָטיצען פון וואהל־אַגיטאַטאָר.

נומ. 9, סעפּט. 16 — נאָטיצען פון א וואהל־אַגיטאַטאָר.

נומ. 12, סעפּט. 23 — נאָטיצען פון א וואהל־אַגיטאַטאָר.

נומ. 35 — אָקט. 21 — בלייפעדער־נאָטיצען. מאָרים ראָזענפעלד.

דער טאָג ערשיינט אויף שבת, ווילנע

1908

נומ. 1, סעפּט. 11 — דאָס קאָנסטי־טוציאָנעלע ברויטל.

נומ. 2, סעפּט. 18 — גאָר א קורצע תחינה.

נומ. 2, סעפּט. 18 — א שווערער תנית אדער גאָט שטראָפט אן אפּי־קורוס.

נומ. 2, סעפּט. 18 — גשמיות און רוחניות.

נומ. 2, סעפּט. 18 — ווער איך בין און וואָס איך האָב אויפגעטאָן.

נומ. 3, סעפּט. 25 — ווי ליאקום בעמבער האָט געבויט א סוכה.

נומ. 3, סעפּט. 25 — א אינטערוויו מיט כאָלערע.

נומ. 4, אקט. 2 — א פּאָפּולערע לעק־ציע.

נומ. 4, אקט. 2 — הושענא־רבה מעשה.

נומ. 5, אָקט. 9 — דער האָז.

נומ. 5, אָקט. 9 — א שלעכטער סימן.

נומ. 6, אקט. 16 — דער ערשטער שניי.

נומ. 6, אָקט. 16 — דאָס אונער־וואַרטעטע גליק.

נומ. 6, אָקט. 16 — אידיש! העב־רעאיש! אידיש!

נומ. 7, אָקט. 23 — פאַרגעסען.

נומ. 7, אָקט. 23 — צוליב פרנסה.

נומ. 8, אקט. 20 — פערד.

נומ. 9, נאָוו. 6 — בריף פון וועג.

נומ. 9, נאָוו. 6 — אויפ'ן ים.

נומ. 9, נאָוו. 6 — עטוואָס וועגען די עמיגראַציאָנס־ביוראָס.

נומ. 12, דעצ. 4 — קליינע בריף.

די נייע צייט זאַמעלבוך — ווילנע.

1908

העפט 1, 55 ז. — וולאָדעק. וועגן א נייער דראַמע. „די גאָלדענע קייט" פון י. ל. פּרץ

העפט 3, 80 ז. — באָניע ברכות (וולאָדעק). בלייששטיפט־נאָטיצן. איי־ניגע געדאַנקען וועגען דער נייסטער אידישער ליטעראַטור.

העפט 4, 77 ז. — ב. ברכות. וועגן אונזער קולטור־פּראָבלעם. (קליינע באַ־מערקונגען איבער א גרויסער פראַגע).

העפט 4, 89 ז. — „ליטעראַרישע מאַ־נאַטשריפטען". (ביבליאָגראַפישע נאָ־טיצן).

„פאָרווערטס", ניו יאָרק

1910

מערץ 11 — אידישע ארבייטער און אידישע יוניאָנס אין דזשענעראַל סטרייק אין פילאַדעלפיא.

נאָוו. 5 — קאַמפּיין־געדאַנקען (מאיר לאָנדאָן.

1911

מערץ 8 — "געזעצליכע" פּאָגראָמען אויף די נעגערס אין די סאָוטה.

מערץ 22 — ווי אַזוי לעבען די אידען אין די סאָוטה.

אַפּריל 18 — אידישע רעוואָלוציאָ־נערען פון רוסלאַנד אינ'ם מעקסיקאַ־קאַנער קאַמפף.

1916

אַפּריל 22 — צו פּרץ'ס יאָהרצייט.

אַפּריל 25 — די צוויי נעגערישע קרעפטען אין דער וועסט.

מאַי 1 — א העלד פון דער מעקסי־קאַנער רעוואָלוציע.

מאַי 22 — א געשפּרעך מיט גענ. זיי־דעל דעם סאָציאַליסטישען מעיאָר פון מילוואָקי.

מאַי 22 — וואָס עס פעהלט די אי־דישע ארבייטער אין אַמעריקע.

יוני 6 — וואָס האָט אויפגעטאָן די קאָנווענשאָן פון דער אידישער אַגי־טאַציאָנס ביוראָ.

יוני 11 — אַ פּאָר ווערטער וועגען פּרץ'ן (צו זיין 60 יעהריגען יובילע־אום.

יוני 26, 27 — „אידישקייט” און סאָציאַליזם.

יוני 22 — אז מען דערלעבט שוין מיט מזל דעם זונטאַג...

יולי 30 — מעג אַ סאָציאַליסט געהן זעהן אַ בייז-באָל גיים?

סעפּט. 7 — אונזער באַוועגונג און דאָס אַמעריקאַנער לעבען.

סעפּט. 16 — די ערפאָלגרייכסטע אַמעריקאַנער פּיעסע פון דיזען יאָהר. (געט-ריטש-קוויק וואָלינגפאָרד)

נאָוו. 3 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז באַפאַלאָ.

נאָוו. 11 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז דיטראָיט.

נאָוו. 14 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז מילוואָקי.

נאָוו. 19 — מינעאַפּאָליס און סט. פּאָול.

נאָוו. 28 — אין „עליס איילענד” אין קענעדע.

דעצ. 2 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז וויניפּעג.

דעצ. 7 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז סאַן פראַנציסקאָ.

דעצ. 10 — וואָס הערט זיך אין דער סאָציאַליסטישער אַמעריקאַ.

דעצ. 16 — אַ בריעף פון דער ווילדער וועסט.

דעצ. 19 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז דענווער.

דעצ. 21 — ריזיגע לאַנקעס און ריזיגע בערג אין דער וועסט פון קאַנאַדאַ.

דעצ. 26 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז סיו-סיטי.

דעצ. 30 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן.

1912

יאַנ. 2 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז סיאַטעל.

יאַנ. 7 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז סינסינעטי.

יאַנ. 13 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז אינדיאַנאַפּאָליס.

יאַנ. 28 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז וואַשינגטאָן.

פעב. 1 — וואָס פאַר אַ שטעט זיינען סיראַקיוז און יוטיקאַ.

פעב. 11 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז באַלטימאָר.

פעב. 13 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז ראָטשעסטער.

פעב. 23 — אין אַן אַמעריקאַנער אייזען פאַקטאָרי.

פעב. 26 — דער באַרימטער אַמעריקאַנער בארג ווילסאָן.

פעב. 28 — אַנשטאָט פעטע פאַרמס מאַגערע שעפער. (וואָודביין).

מערץ 2 — דער אַרבייטער רינג און די אידישע אימיגראַציע אין די וועסט.

מערץ 6 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז ניו-הייווען.

מערץ 10 — דער אַרבייטער רינג אין די גרויסע און קליינע שטעט.

מערץ 15 — אַ לעצטער בילד פון דעם געוואונענעם לאָרענסער סטרייק.

מערץ 19 — די קומענדע קאָנווענשאָן פון אַרבייטער רינג.

מערץ 24 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז האַרטפאָרד.

מערץ 29 — וואָס פאַר אַ שטעט זיינען סטעמפאָרד און ביו-בריטען.

מערץ 30 — אידישע אַנטיסעמיטען אין דעם וועבער סטרייק אין פּעטערסאָן.

אַפּריל 4 — צווישען די ניו-דזשוירזי וועבער.

אַפּריל 10 — די ערציהונג-פראַגע ביי דעם אַרבייטער רינג.

אַפּריל 13 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז אַטלאַנטיק סיטי.

אַפּריל 27 — ווי אַזוי אונזערע אימיגראַנטען לעבען אין אַמעריקאַ.

מאַי 3 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז באָסטאָן.

מאַי 23 — אַ שפּאַציר איבער די אידישע קוואַרטאַלען אין באָסטאָן.

מאַי 26 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז נואַרק.

יוני 1 — די שטעטלאַך אַרום באָסטאָן, וואָס באַשוצען די וועלט.

יוני 5 — וואו די פּעטערסאָנער סטרייקערס דערהאַלטען זייער נשמה.

יוני 23 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז פּראָווידענס.

אויג. 7 — וואָס פאַר אַ שטאָט איז פּיטסבורג.

אויג. 11 — די צויבער שטאט ביינאכט (פיטסבורג).

1914

מאי 10 — די שניידער יוניאן אין ראטשעסטער האט אויפגעלעבט די שטאט.

נאוו. 17 — איינדריקע פון דער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר.

1915

אויג. 1 — נאציאנאליזם. צו דער דעבאטע וועגן נאציאנאליזם און די מלחמה.

דעצ. 10 — די מלחמה און "פריפעירדנעס".

1916

יוני 4 — א טאג פון שניי און בלוט אין דעם לעבען פון א רעוואלוציאנער.

יולי 1 — א זאנדערבארער־אינטערעסאנטער מינטיג.

יולי 2 — די ארבייטער קעמפער פאר מעקסיקא׳ס פרייהייט.

יולי 4 — דער פיערטער דזשולייי. (געדאנקען פון אן אויסגעגרינטען גריינעם).

אויג. 20 — דער מערקווירדיגער ערפאלג פון א קאאפעראטיווער סטאר. (בראקטאן).

סעפט. 20 — אין פיטסבורג „אויפ׳ן בארג".

אקט. 4 — ער איז געווען א רוסישער גובערנאטאר און איז געווען אונזער א טרייער גענאסע. (וו. א. סטאראסעלסקי).

אקט. 22 — צוויי רייזע בריף. דיטראיט, טאלידא און קליוולאנד.

1917 —

מערץ 11 — באוועגונגס־נאטיצען.

מערץ 27 — מיין גוף איז אין אמעריקא, מיין נשמה איז אין רוסלאנד.

אפריל 22 — כ׳לעבען, עס וועט זיך בענקען נאך די פארזאמלונגען אין די וועלדער.

אפריל 28 — דער קונסט־יריד אין גרענד סענטראל פאלאס.

מאי 13 — באוועגונגס־נאטיצען.

יוני 1 — א פאר ווערטער וועגען דער לעצטער קאנווענשאן פון דער אידישער סאציאליסטישער פעדעראציע.

יוני 14 — אונזער פאר־א־יאהריגער פאנד פאר פאראליזירטע קינדער.

יוני 21 — וואס איך געדענק וועגען דיזע העלדישע פרוי. (סאניא איזמאילאוויטש).

יוני 28 — צו דער דעבאטע וועגען די צימערוואלדער אין דער רוסישער רעוואלוציע.

יולי 8 — וואס עס איז געשעהן פרייטאג אווענט אין קארנעגי האל.

סעפט. 5 — העלער, שלאנגענדער בריעף פון שיקאגא׳ר היסטארישער קאנווענשאן.

סעפט. 15 — רייזע־ נאטיצן. 1) דער זשוק. 2) „שפיקעס". 3) דער פערד און פענסטער. 4) קלייניגקייטען.

סעפט. 19 — א לעבעדיגע וועלט אין ספרינגפיעלד, איללינאיז.

סעפט. 23 — א באזוך אין דעם באריהמטען פריזאן אין לעווענווארט, קענעזס.

נאוו. 8 — איינינגע פון די פילע וואונדערס פון אונזער זיעגרייכען קאמפיין.

נאוו. 19 — די הונגער סטרייקער פון די סאפראדזשעסטקעס און די אמאליגע הונגער סטרייקס אין רוסלאנד.

דעצ. 29 — די עלעקטעטע סאציאליסטישע אלדערמען שוין ביי דער ארבייט.

1918

יאנ. 4 — ווער זיינען די בעלי־בתים איבער די סקוהלס.

יאנ. 13 — וואס א לייבאר לייסעאום וועט באדייטען פאר וויליאמסבורג.

יאנ. 17 — די קאר קאמפאניעס וואלטען געמאכט טויזענטער ווען זיי קריגען אפילו נאר א פעני פאר א "רייד".

יאנ. 24 — די גאלעריע פון באארד אוו אדלערמען איז גאר ניט צו דערקענען.

פעב. 9 — מילך האט געקענט זיין מיט 3 סענט אויפ׳ן קווארט ביליגער.

פעב. 17 — דער מערקווירדיגער ערפאלג פון דער לייבאר לייסעאום באוועגונג.

פעב. 19—אן אמעריקאנער פובליקום הערט א סאציאליסטישען אלדערמען וועגען די רויבערייען פון דער ברוקלינער קאר קאמפאני.

פעב. 21 — ניו יארק איז די גרעסטע, אבער ניט די פארטגעשריטענסטע שטאט אין אמעריקא.

פעב. 24 — א וויכטיגער בוד וועגען דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג.

מערץ 13 — א היסטארישע דעבאטע וועגען סייד־וואקס אין באארד או אדלערמען.

מערץ 28 — פסח, פריהלינג און ווילהעלם׳ס קאנאנען.

מערץ 31 — דער פרינץ פון מארד.

אפריל 30 — געטרייער סאציאליסט פון וויליאמסבורג פאלט אין שלאכט אין פראנקרייך.

מאי 3 — דער יום־טוב.

מאי 18 — וואס זעהט מען פון א ניו יארק בריק?

מאי 23 — א בריעף צו א מאמען.

יוני 1 — געזעהן צום ערשטען מאל א „הארם ריים”.

יוני 3 — דער גאנצער אמת וועגען דעם גרויסען אייז־שווינדעל.

יוני 6 — זעקס טויזענט פעדלער ווילען אבקוילענען מיט איין שניט.

יוני 14 — ניט־באלשעוויקעס וואס סימפאטיזירען מיט די באלשעוויקעס.

יוני 29 — צוויי קוני־איילאנדס.

יולי 2 — א בריעף פון קענעדע.

יולי 4 — איינדריקע פון א קורצער רייזע קיין קענעדע.

יולי 6 — די טאראנטא׳ר שניידער עסען ניט קיין טעג נאר שטונדען.

יולי 14 — אינטערעסאנטע סימפאטישע אמעריקאנער פון אונזער צייט.

יולי 21 — אן אינטערעסאנטער אמעריקאנער אידעאליסט.

יולי 28 — גענ. אלדזשערנאן ליע און זיינע זיידעס.

אויג. 4 — א ליבעראלער רעדאקטאר פון א ליבעראלער צייטונג.

אויג. 7 — א גרוס פון אידישע סאלדאטען אין קעמפ גארדאן.

אויג. 11 — דער מערקווירדיגער אימיגריישאן קאמישאנער פון ניו יארק.

אויג. 12 — אויף די שלאכטפעלדער פון 55 יאהר צוריק.

אויג. 14 — א בריעף פון די הייסעסטע שטעט אין לאנד.

אויג. 17 — אנדערע גרויסע שטעט אין לאנד ערגער רעגירט ווי ניו יארק.

אויג. 18 — א מערקווירדיגע געשיכטע פון א יונגען אידישען קינסטלער אין סט. לואיס.

אויג. 21 — עס פליהען באגריסונגען צו די קליוולאנדער קלאוק מאכער.

אויג. 22 — געהערט און געזעהען אין וועג.

אויג. 25 — ביי די ניאגארא פאללס זיינען די וואונדער פון דעם מענשען גרעסער ווי די וואונדער פון דער נאטור.

סעפט. 1 — א קאנטרי שטאט וואס צייכענט זיך אויס מיט איהר ארבייטער באוועגונג.

סעפט. 30 — וועמען וועט וויליאמסבורג היי־יאהר שיקען אין דער אסעמבלי?

אקט. 31 — א פאר פערזענליכע ווערטער וועגען א פאר סאציאליסטישע קאנדידאטען.

נאוו. 3 — אלדזשערנאן ליע אין דער אלדערמאן, וועלכער לויפט איצט פאר קאנגרעסמאן.

נאוו. 30 — א גרוס.

1919

פעב. 21 — וואוהין זשע געהען מיר

מערץ 10 — עס בויט זיך!

אפריל 17 — זיבען קינדער און זעקס אקסען — אויף וועמען איז א גרעסערער רחמנות

מאי 21 — צום אנדענקען פון א. ווייטער.

מאי 23 — קאמישע סצענעס וועלכע ריהרען צו טרעהרען.

מאי 31 — אונזערע פיהרער און זייערע פיהרער.

יוני 6 — מיר האלטען נאך ווייט פון א רעוואלוציע אין אמעריקא

יולי 17 — יאסעל, זאג קדיש נאכ׳ן טאטען.

אויג. 10 — וואס אמעריקא האט גע־

טאן פאר הערי, מערי און זייערע 7 קינדער.

סעפט. 2 — „טוביה דער מילכי־גער“ אין אירווינג פלייס טעאטער

סעפט. 3 — אויפ'ן פרישען קבר פון יעקב דענעזאהן.

סעפט. 17 — פארלאנגט: א רע־וואלוציע אין דער ציוניסטישער פארטיי.

דעצ. 6 — געוואלד, וואו קומט אהין אייער 50 מיליאן דאלאר.

דעצ. 19 — לייענדיג די מינסקער צייטונגען.

1920

מערץ 5 — ווי אזוי ניו יארק ארבייט פאר די לענדלארדס.

מערץ 12 — לאנדסמאן רעליעף פאראיינען דארפען זיך ניט פלאנ־טערען אונטער די פיס.

1921

יאנ. 7 — א מערקווירדיגע סענסא־ציע וועגען ראדיקאלען, פאגראמען, פריוואט־דעטעקטיווס און פראוואקא־טארס.

יאנ. 8 — נאך שטוינענדע פאקטען וועגען שפיאנען ביי די יוניאנס און קאמוניסטען.

יוני 3 — די אידישע שולען און די אידישע שפראך.

יוני 4 — מיינע געפיהלען צום ציו־ניזם.

אויג. 10 — דער פריהצייטיגער טויט פון א שטילען אידישען העלד.

אויג. 21 — ווענען דארפען מיר שיקען הילף אין רוסלאנד.

סעפט. 27 — ווינאגראדאוו זאגט סליחות און אינטעליגענטע מענשען וויינען מיט הייסע טרערען.

אקט. 9 — קען מען מאכען א רע־וואלוציע „טו ארדער“?

אקט. 13 — דער „וואנדערער“ אין טאמאשעווסקי'ס טעאטער.

אקט. 17 — קאפיטאל איז דער איינ־ציגער זיעגער פון שפאלטונגען אין דער ארבייטער באוועגונג.

נאוו. 12 — וויפיל האבען מיר פאר־לארען און וויפיל האבען מיר גע־וויגען אין לעצטען עלעקשאן.

נאוו. 22 — דער איצטיגער נייסט ביי אונזערע גענאסען.

1922

מערץ 4 — דער „השיבנו נאזאד“ פון דריטען אינטערנאציאנאל.

אפריל 23 — קוקענדיג פון דעם „פארווערטס“־רוף.

אפריל 23 — א פאר אינטערעסאנטע זאכען וועגען "פארווערטס" אלס ביזנעס.

מאי 6 — א פאר נאטיצען וועגען דער סאציאליסטישער קאנווענשאן.

מאי 9 — א געשפרעך מיט אן אמע־ריקאנער ארבייטער פיהרער.

מאי 27 — די קאמוניסטען האבען גארניט געלערענט און גארניט פאר־געסען.

יוני 26 — א נעכטיגער טאג.

אויג. 2 — וועגען די „פרענדס אוו סאוויעט ראשיא“.

סעפט. 14 — ער האט א „סקים“ צו מאכען אז רוסלאנד זאל קיין מאל ניט וויסען פון הונגער.

אקט. 24 — עטליכע ווערטער וועגען דער פייערונג פון 25 יעהרליכען יובילעאום פון בונד.

1923

יאנ. 11 — מעדעם און זיין לעבענס־ארבייט.

פעב. 11 — וועגען וואס איז געווען די בירגער קריג.

אקט. 20 — דער אידישער קאנגרעס, די ציוניסטען און זאנגוויל'ס רעדע.

נאוו. 5 — עטליכע ווערטער צו די בירגער פון דעם 14טען אסעמבלי־דיסטריקט אין וויליאמסבורג.

נאוו. 10 — עטליכע לעסאנס פון די לעצטע וואהלען.

1924

פעב. 19 — די אויסזיכטען אויף א לייבאר פארטיי אין אמעריקא ווערען העלער.

מערץ 3 — ווער איז שולדיג אין די סקאנדאליעזע האנדלונג פון דער ברוקלינער קאמפאני?

אויג. 23 — עלף שטונדען איז עראָ־פליין פון פאריז קיין ווארשא.

סעפט. 8 — די „ארט“ אנשטאלטען אין רומעניען און פוילען.

1926

יאַנ. 9 — פּאַלעסטינע אַלס אַ סענ־טימענט און דער ציוניזם אַלס אַ פּאָליטישע באַוועגונג.

מערץ 9 — בעקערמאַן — נייער מע־נעדזשער פון דער אַמאַלגאַמייטעד אין ניו יאָרק.

יוני 12 — ווער עס איז געווען און יוער עס איז ניט געווען ביי לאַנ־יאַז'ס לויה.

ולי 2 — אַ בריעף צו בלעקמיילער.

נאָוו. 17 — פאַקטען וועגען דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין רוס־לאַנד.

1927

אַפּריל 27 — דער „פאָרווערטס" אַלס אַ ארבייטער צייטונג און אַ סאָציאַ־ליסטישע ביזנעס.

1928

יאַנ. 24 — דאַרף מען זיך פרעהען מיט סטאַלין'ס זיעג איבער טראָצ־קי'ן ?

1929

סעפּט. 1 — די שטאָט ניו יאָרק גיט אוים אַ יאָהר צוויי מאָל אַזוי פיל ווי די רעגירונג פון גאַנץ פּוילען.

סעפּט. 8 — די קליינע ווײדזשעס וואָס די שטאָט ניו יאָרק צאָהלט איהרע אַנגעשטעלטע.

סעפּט. 15 — עס איז שוין 25 יאָהר זינט דוד איינהאָרן האָט אָנגעהויבען צו דיכטען און שרייבען.

סעפּט. 29 — די סאָציאַליסטישע מילוואָקי און די טעמעני ניו יאָרק —וואו איז די שטאָט רעגירונג בע־סער ?

אָקט. 29 — נאָך אַ פאַרגלייך צווישען ניו יאָרק און מילוואָקי.

נאָוו. 4 — אַ פּאָר ערנסטע ווערטער צו די בירגער פון וויליאַמסבורג,

נאָוו. 8 — די סאָציאַליסטישע פּאַר־טיי מוז איצטער איבערבויען איהר אָרגאַניזאַציע.

נאָוו. 16 — לאָמיר זיין ניכטער ווע־גען פּאַלעסטינע.

1930

יאַנ. 5 — ז. שנעאור'ס ערשטער בוך אין אידיש איז אַ וויכטיגע ערשיי־נונג אין דער אידישער ליטעראַטור.

מאַי 5 — פליהען איז זעהר גוט, אָבער צו פאָהרען איז נאָך בעסער.

יולי 6 — אין אַמעריקא איז די פראגע פון רעכטס און לינקס ניט אַזוי וויכטיג ווי אין איירּאָפּע.

יולי 21 — ר. אַבראַמאָוויטש ווערט היינט פופציג יאָהר.

1931

מערץ 28 — אידיש איז ניט די גאַנצע אידישקייט.

סעפּט. 29 — די שניידער, די אַמאַל־גאַמייטעד און די געוועזענע באַאמטע פון די קאָטערס.

1932

מערץ 5 — אַ נייע וויכטיגע אידישע אָרגאַניזאַציע איז געבאָרען געוואָרען.

אַפּריל, 23 — דער פופציג־יעהריגער יובילעי פון „פאָרווערטס".

1934

פעב. 1 — דיקטאַטור און פרייהייט.

מערץ 17 — פאַלשע און נאַרישע טענות געגען דעם אידישען אַרביי־טער קאָמיטעט.

יוני 15 — אויף דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן האָט געהערשט דער גייסט פון באַקונין, דעליאָן און לע־נין, ניט פון קאַרל מאַרקס.

אָקט. 17 — דעלעגאַטען און סצענעס ביי דער קאָנווענשאָן פון דער אַמע־ריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר.

1935

יאַנ. 2 — דער אידישער אַרבייטער־קאָמיטעט און דער אידישער קאָנ־גרעס.

יאַנ. 12 — דער אידישער קאָנגרעס איז אַ בריה אויף ריידען אָבער ניט אויף טאָן.

דעצ. 7 — מיין שטעלונג צום „טראַנספער" און צום ציוניזם.

דעצ. 17 — די דייטשע אידען, פּאַ־לעסטינע און די ציוניסטען.

„צוקונפט", ניו יאָרק

1909

יאַנ. — די פּראָפעסיאָנעלע באַווע־גונג אין רוסלאַנד.

פעב. — אַ פאַרזאַמלונג אויפ'ן בית־עולם.

יוני — קינדער פון פאָלק. (בונדיס־טען). א. משה'קע. ב. אסתר ריס־קינד. ג. סאַלאָמאָן דינצעס. ד. יענ־קעל דער סטאָליאַר.

אויג. קינדער פון פאָלק. ה. חנה'לע.

אָקט. — קינדער פון פאָלק. ו. מאַט־קע און זיין ברודער. ז. „קעצעל".

דעצ. — קינדער פון פאָלק. ח. חיים שמעון. ט. שלום פּאָדנאָס.

1910

דעצ. — קריטיק. ליטעראַטור.

2טער זאַמעלבוך.

1911

מערץ — קינדער פון פאָלק. א. מאַ־שע. ב. שוליע. ג. „די שוויצערקע".

יוני — קינדער פון פאָלק. א. די אַל־טע ניעכע. ב. „קאַפּוסטניאַק". ג. צוויי אינגלאך.

יולי — ביים ים. פּאָעמע.

אָקט. — קינדער פון פאָלק. ד. פון עסביערג ביז הארוויטש. ה. פון „רוי־טען קרייץ". ו. שרה מלכה.

1912

יולי — „סאָציאַלע קרעפטען אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע".

אויג. — פון מיין נאָטיץ־בוך.

אָקט. — ביבליאָגראַפיע. שמריה גאָ־רעליק.

דעצ. — ביבליאָגראַפיע. „שריפטען".

1913

יאַנ. — ביבליאָגראַפיע. א. בערקמאַן.

יוני — קינדער פון פאָלק. א. הינ־טער סערעברינקע. ב. אין דער גרוי־סער שוהל. ג. פויגעלע.

אויג. — ביבליאָגראַפיע. ש. ניגער.

סעפּט. — די נייע אידישע ראָמאַנען. דוד בערגעלסאָן.

דעצ. — ביבליאָגראַפיע. יהואש.

1914

יאַנ. — די נאַטור־וואונדער פון אַמע־ריקאַ.

יאַנ. — ביבליאָגראַפיע. משה וואַרשע.

פעב. — די נאַטור־וואונדער פון אַמעריקאַ.

מערץ — ביבליאָגראַפיע. דר. רייזין.

אַפּריל — די נאַטור־וואונדער פון אַמעריקאַ.

1915

מאַי — ביבליאָגראַפיע. ז. ליבין.

אָקט. — פופציג יאָהר קאַמפּף פאַר פרויען־רעכט.

אָקט. — ביבליאָגראַפיע. ס. שאָר.

1916

יאַנ. — די אַמעריקאַנער ליטעראַטור — איהר אָנפאַנג.

מערץ — די אַמעריקאַנער ליטעראַ־טור.

אַפּריל — ביבליאָגראַפיע. מנחם.

יוני — שלום עליכם'ס צואה.

יוני — ביבליאָגראַפיע. יזכר.

יולי — חיים נחמן ביאַליק.

1919

מערץ — פון דער ביכער וועלט. ה. לייוויק.

אַפּריל — א. ליעסין, דער פובלי־ציסט.

מאַי — פון דער ביכער וועלט. דזשאהן ריד.

יוני — פון דער ביכער וועלט אַלגין.

יולי — אונעזר שיף אויף די שטיי־נער. די „לינקע" און די „רעכטע".

אויג. — אַמעריקאַניזם „ביט פאָסע־מו".

אָקט. — אַמעריקאַניזם, וואָס עס איז און וואָס עס דאַרף זיין.

נאָוו. — פון דער ביכער וועלט. מ. שמועלזאָן.

1920

יאַנ. — פון דער ביעכר וועלט. י. אָפּאַטאָשו.

אַפּריל — די אַמעריקאַנער אַרבייטער און די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן.

מאַי — דעבס און די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

אָקט. — דער היינטיגער פּרעזידענ־שעל קאַמפּיין און יודזשין וו. דעבס.

נאָוו. — משה רבינו.

דעצ. — די שטים, וואָס האָט גע־רעדט... (אָפּעמע).

1921

פעב. — דער קאָמוניסטישער אינ־טערנאַציאָנאַל.

1922

יאנ. — „דהי בעד לאנדס״. (ליד).
פעב. — יעלאסטאון. (ליד).
מערץ — סאן יא׳קים. (ליד).
אפריל — מאיר לאנדאו.
נאוו. — פיוזשאן און דער הייגטיגער וואהל־קאמפיין.

1923

יולי — מארים ראזענפעלד.

1924

סעפט. — מיט׳ן וואסער און לופט.
אקט. — דעבס און לאפאלעט.
נאוו. — די וואהלען אין אמעריקא און אין ענגלאנד.

1925

פעב. — הינטער׳ן קאמוניסטישן רויף פאראוואן אין סאוויעט רוס־לאנד.
מאי — דער פעסימיסט, דער אפ־טימיסט און דער פראקטיקער.
יוני — פון דער ביכער וועלט. א. בערקמאן.
יולי — די שטאט־וואהלען און די סאציאליסטען.

1926

פעב. — יוסף יפה.
מאי — יעקב פ. אדלער
יולי — מאיר לאנדאן.

1927

פעב. — יהואש.
דעצ. — דר. פרענק ראזענבלאט (בן יקיר).

1928

יאנ. — י. א. לייזעראוויטש.
אויג. — די פרעזידענט־וואהלען.

1930

דעצ. דער רעזולטאט פון די וואהלען.

1931

יולי — פון דער ביכער וועלט. דוד איינהארן.

1933

נאוו. — די סאציאליסטישע באוועגונג און די סאציאליסטישע פארטיי.

1934

מערץ — אייב שיפלאקאף.
אקט. — פאעמע צו א. ל—ן.

1935

נאוו. — פון מיין טאג־בוך אויף דער רייזע.
דעצ. — פון מיין טאג־בוד אויף דער רייזע.

1936

יאנ. — פון מיין טאג־בוך אויף דער רייזע.

„דער פריינד״ (ארבייטער רינג ארגאן)

1911

פעב. — צו די אויפגאבען פון אר־בייטע ררינג.

1920

יאנ.־פעב. — נאטיצען פון א ניט־שרייבער.

1925

מאי — באגריסונג צו דער 25טער ארבייטער רינג קאנווענשאן.

1935

מאי — באגריסונג צו דער 35טער ארבייטער רינג קאנווענשאן.

דער ארבייטער ניו יארק

1909

אפריל 3 — בלייפעדער נאטיצען. דוד פינסקי.
מאי 1 — „אלד ביללי״.
יוני 19 — ליטעראַרישע קריטיק. ד. אדריטשעוו.
יולי 3 — אויף א פרישען קבר. חיים אלעקסאנדראוו.
אוגוסט 14 — בלייפעדער־נאטיצען. קנוט האמסאן.
אוגוסט 21 — אסתר רחל קאמינסקי.
אקט. 9 — „צווישען הימעל און ערד״. ז. י. אנכי.
אקט. 23 — נאך א מאל: מאדאם קאמינסקי.
פעב. 5 — ליטעראַרישע קריטיק. מ. קאפלאן.
פעב. 26 — „קליינע טייוואלים״, א. ל. באראנ׳ס לידער.

דער אידישער סאציאליסט ניו יארק

1915

מערץ 15 — א וויכטיגע פראגע.
אפריל 1 — אן ענטפער צו מ. קאטץ.
מאי 1 — א מעשה פון אמאל.
מאי 1 — פרץ׳ס טראגעדיע.
יוני 1 — ארבייט.

די נייע וועלט, ניו יארק

אוגוסט 27 — בריוולאך צו א פריינד.
סעפט. 3 — בריוולאך צו א פריינד.
סעפט. 24 — בריוולאך צו א פריינד.
אקט. 1 — בריוולאך צו א פריינד.
אקט. 22 — עשרת הדברות פאר קאמפיין־טוער.
אקט. 29 — בריוולאך צו א פריינד.
נאוו. 12 — בריוולאך צו א פריינד.
דעצ. 10 — בריוולאך צו א פריינד.
דעצ. 14 — 1. אסיען. 2. צו דער ערד. (לידער).

1916

יאנואר 7 — בריוולאך צו א פריינד.
יאנואר 14 — „די פרעכטיגע זוכע־ניש".
יאנואר 21 — בריוולאך צו א פריינד.
יאנואר 28 — בריוולאך צו א פריינד.
פעב. 4 — בריוולאך צו א פריינד.
פעב. 11 — בריוולאך צו א פריינד.
פעב. 18 — שכנא עפשטיין: י. ל. פרץ אלס סאציאלער דיכטער.
פעב. 25 — בריוולאך צו א פריינד.
מערץ 10 — בריוולאך צו א פריינד.
מערץ 24 — ליטעראטור און לעבען. י. באוושאווער.
אפריל 14 — „טו העלל וויטה דהי פלעג".
אפריל 28 — ליטערארישע נאטיצען.
1 צום יאהרצייט פון י. ל. פרץ.
2. ח. נ. ביאליק.
אפריל 28 — בריוולאך צו א פריינד.
מערץ 12 — בריוולאך צו א פריינד.
מערץ 26 — א בריוועלע צו געגאסטע צביון.
יוני 9 — אונטער נייע בעלי בתים.
יוני 23 — דער יאהר ווילסאן.
יוני 30 — בלייפעדער נאטיצען. שלום עליכם.
יולי 7 — בלייפעדער־נאטיצען. שלום עליכם.
יולי 7 — די ניו־יארקער פארטיי־קאנוועגשאן.
יולי 14 — בריוולאך צו א פריינד.
יולי 21 — בלייפעדער נאטיצען. דער סאציאליסטישער זשעני.
יולי 28 — בריוולאך צו א פריינד.
אוגוסט 4 — בלעטלאך געשיכטע פון „טעמעני האל".
אוגוסט 11 — בלעטלאך געשיכטע פון „טעמעני האל".
אוגוסט 18 — בלעטלאך געשיכטע פון „טעמעני האל".
אוגוסט 25 — בריוולאך צו א פריינד.

1917

נאוו. 2 — ווער פארוואלטעט ניו־יארק.

1918

מאי 31 — א בריוועלע צו די סיור־סיטער געגאסען.
יוני 7 — דזשאן קלעמענטי'ס טענה.
יולי 5 — דזשאדזש סניטקין.
אוגוסט 23 — די צוויי ריזיגע פרי־זאנס פון אטלאנטא.
סעפט. 13 — בריוולאך צו א פריינד.
סעפט. 20 — לידער פון פיבי קראסבי אלנאט.
אקט. 4 — בריוולאך צו א פריינד.
נאוו. 15 — דער דורכשניטליכער מענש.

אידישע ארבייטער וועלט — שיקאגא

1908

דעצ. 18 — וואס הערט זיך אין רוסלאנד.

1909

יאנואר 15 — בלייפעדער־נאטיצען.
די אידישע ליטעראטור אין 1908.
פעב. 26 — גרינע און געלע.
פעב. 6 — פראוואקאציע.
מערץ 19 — געדאנקען איבער דער פאריזער קאמונע.
אפריל 9 — סאלאמע.
מאי 1 — ערשטער מאי.
מאי 21 — מאיר בלינקין.
יוני 25 — א רעצענזיע.
דוד איינהארן.
יולי 9 — צופעליגע באמערקונגען.
נאוו. 26 — רייזע — איינדריקע.
דעצ. 17 — רייזע—איינדריקע.
יאנואר 21 — רייזע—איינדריקע.

1910

יאנואר 18 — ביבליאגראפישע בא־מערקונגען. י. מילך.
פעב. 3 — רייזע איינדריקע.
פעב. 11 — רייזע איינדריקע.

אפריל 8 — אונזער באציהונג צו אן ארבייטער פארטיי.
אפריל 22 — רייזע איינדריקע.
אפריל 29 — א מאי ערינערונג.
מאי 13 — מילוואקי און מיר.
מאי 20 — פערצעהן.
יוני 10 — „אומעטיגע וועגען".
ב. לאפין.
אוגוסט 10 — פון מיין טאג־בוך.
סעפט. 23 — נייע מעגליכקייטען.
אקט. 28 — לאמיר זיך לערנען פון אונזערע פיינד.
נאוו. 28 — פעליעטאן.
און אינטעליגענטען.

1911

יאנואר 13 — א בריף צו א בונדיסט.
פעב. 10 — איבער בערגלאך און זומפען.
מערץ 10 — ניו יארקער אידישע טעאטער.
מאי 19 — ניט „אידישלאך" נאר סאציאליסטישטיכטיג.
מערץ 24 — איבער בערגלאך און זומפען.
דעצ. 23 — טאלסטאי, אפרייטארס
מאי 5 — לאכט, מתנגדים.
יוני 16 — קריטישע נאטיצען.
אסקאר וויילד.
יולי 14 — א טאסט פאר אמעריקע.
אוגוסט 25 — די מורא פאר'ן טויט.

1916

מערץ 17 — די נאציאנאלע ארבייטער קאמיטע.

1918

יאנואר 9 — די ניו יארקער סאציא־ליסטישע אלדערמאן ביי דער אר־בייט.
א פאר שטונדען אין ארבייטער רינג סאניטאריום.

פרייע ארבייטער שטימע — ניו יארק

1913

אפריל 19 — וועגען אידישע דיכטער.
י. ראלניק.
מאי 3 — פון צייט צו צייט.
יוני 14 — פון צייט צו צייט.

דער וועקער — ניו יארק

1921

סעפט. 24 — בריוולאך צו א פריינד.
אקט. 1 — בריוולאך צו א פריינד.
אקט. 8 — בריוולאך צו א פריינד.
אקט. 29 — בריוולאך צו א פריינד.
נאוו. 5 — בריוולאך צו א פריינד.
נאוו. 12 — בריוולאך צו א פריינד.
נאוו. 19 — בריוולאך צו א פריינד.
דעצ. 24 — בריוולאך צו א פריינד.
דעצ. 31 — בריוולאך צו א פריינד.

1922

יאנואר 7—בריוולאך צו א פריינד.
מערץ 4 — פופציג יאהר מאיר לאנ־דאו.
יולי 15 — א ניו יארקער פרעסער צו א בראנזווילער שניידער.
סעפט. 9 — בריוולאך צו א פריינד.
אקט. 14 — 25 יאהר „בונד".
דעצ. 23 — בריוולאך צו א פריינד.

1923

יאנואר 20 — בריוולאך צו א פריינד.
מערץ 17 — בריוולאך צו א פריינד.
מערץ 31 — בריוולאך צו א פריינד.

1924

מאי 24 — וואו האלט עס מיט דער באוועגונג פאר א לייבאר פארטיי אין אמעריקע?
סעפט. 20 — בריוולאך צו א פריינד.

1925

יאנואר 31 — בריוולאך צו א פריינד.
מערץ 28 — ברוולאך צו א פריינד.
אפריל 25 — א בריוועל צו כאווער זינאוויעוו.
מאי 16 — בריוולאך צו א פריינד.
יוני 20 — בריוולאך צו א פריינד.

1927

מאי 28 — א בריוועל צו גענאסע מוק.
אקט. 15 — בריוולאך צו א פריינד.

1929

יוני 1 — א בריוו צו א פריינד.

1930

פעב. 22 — פרעזידענט הואווער'ס פלענער.
מאי 31 — א וויכטיגע קאנפערענץ.
סעפט. 6 — א פאר ווערטער וועגען

האַייאַהריגען קאמפעין.
אָקט. 4 — בריוועלאַך צו א פריינד.
אָקט. 18 — די יונגט אין דעם איצ־טיגען קאמפעין.
אָקט. 18 — העיוואוד ברון וועגען ב. וולאַדעק׳ס א רעדע.
דעצ. 27 — א פאר ווערטער.
1931
נאוו. 28 — בריוולאַך צו א פריינד.

מיניקעס פסח בלאַט, ניו יאָרק

1920
א רעדע ביי א באַנקעט.
1922
די שטים וואָס האָט גערעדט.
1930
משה רבינו.

טרוימען און ווירקליכקייט, לי־טעראַרישעס זאַמעלבוך, ניו יאָרק

1909
יאנואר — טרוימען און ווירקליכ־קייט.

ליטעראַטור, צווייטער זאַמעל־בוך, ניו יאָרק

1910
קריטישען נאָטיצען. א. ליעסין.

„הונדערט און צוואַנציג ביליאָן" פון ב. וו.

ארויסגעגעבען פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אגיטאַציאָנס ביוראָ.

דאָס רעוואָלוציאָנערע רוס־לאַנד, זאַמעלבוך פון צענטראַלען פאַרבאַנד פון „בונד"

1917
אונלעגאַל.

קאַרל מאַרקס, זיין לעבען, זיין ווירקען און זיינע לעהרער

צום בילד פון קאַרל מאַרקס.

ווילנע (זאַמלבוך) 1935

רעדאַקטירט פון י. ישוריון
א בליק אויף צוריק.